STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10114

MIR VILN LEBN ...

Jacob Rassen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב ראַסען

מיר ווילן לעבן...

אויף די דערנער־וועגן פון יידישער אייביקייט, מאַרטירערשאַפט און וואַנדערונגען איבער ליטע, לעטלאַנד, ווייסרוסלאַנד, פוילן, דייטשלאַנד און ווייטע ימים צו אַ נייעם לעבן, צו ארץ־ישראל.

ניו־יאָרק — 1949

Copyright 1949,
by
JACOB RASSEN
18 WALNUT STREET
WORCESTER, MASS.

All rights reserved. No part of this book in any form may be reproduced without permission in writing from the author.

PRINTED IN THE U. S. A. BY
KEDEM PRESS
203 WOOSTER STREET, NEW YORK 12, N. Y.

— י ז כ ו ר !

דערמאָנט זאָל ווערן אין אונדזערע הערצער און אין די הימלען און אומפאַרגעסן זאָל בלייבן אין דער אייביקייט דער הייליקער אָנדענק פון אונדזערע קדושים וטהורים, — פון די אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן יידן.

— ז כ ו ר !

געדענק, וואָס נאַצישע שנאה און מערדערשע פעלקער האָבן אונדז געטאָן, — אויסגעמאָרדעט אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, קינדער, פרויען, שוועסטער, ברידער, אַ דריטל פון אונדזער בלוט־און־פלייש, פון יידישן פאָלק!

...און מאַמעס און טאַטעס וועלן דערציילן זייערע קינדער: ...„ס׳איז געווען דאָן, אין יענע פינצטערע יאָרן, ווען חיה־רעה האָט זיך אָפּגעריסן פון קייט און האָט באַהערשט דעם מענטשן; ווען חיה־רעה האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן אונדז, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אָן רחמנות... נאָר מיר האָבן ניט געוואָלט אונטערגיין... מיר ווילן לעבן... מיר האָבן געקעמפט, ביטער געקעמפט פאַרן לעבן... ס׳איז געווען דאַן אין די היסטאָרישע בלוטיקע טעג.״

אינהאַלט

וועגן בוך און זיין מחבר (פאָרוואָרט פון דר. מ. סודאַרסקי) 9

קאַפּיטל 1.

אויף בלוטיקע וועגן פון ליטע, לעטלאַנד, ווייסרוסלאַנד 15

עס פאַלן באָמבעס 15

קאָוונע גראָבט און . . . לויפט 17

אויף געברענטע וועגן 20

מען שיסט פון די וועלדער 21

אויף דער ווייסרוסישער גרענעץ 22

אין קעסלרינג ביים שונא 24

דער וועג צוריק 26

דער „ברוך־הבא" אין דווינסק 28

קאַפּיטל 2.

אין דווינסקער געטאָ מיט לאַטוויש־ליטווישע יידן 30

דער בלוטיקער פאָרשפּיל אין טורמע 30

דווינסקער געטאָ — אין אַלטן האַלב־חרובן „קרעפּאָסט" .. 31

דער „אָבער־יודע" און זיינע מיטהעלפער 33

מען אָרדנט זיך איין אין געטאָ 36

די יידישע דאָקטוירים און זייער גורל 38

געיעג נאָך אַרבעט און צעטלען צום לעבן 40

לעבעדיקע מתים 42

קאַפּיטל 3.

ווען ס'האָט מאַרשירט דער מאַרש פון שחיטה 45

די „פּראָווינצער־יידן־אַקציע" 45

דער אָפּקלייב — מי לחיים, מי למות 47

דער לעצטער וועג 49

תבואה־שניט און מענטשן־שניט 51

רואיקע טעג אין געטאָ 53

די „גרויסע אַקציע" 55

קינדער־בלוט 59

לכבוד דעם יום־טוב פון 1טן מאַי 62
„נאכל ונשתה, כי מחר נמות" 64
די ענדגילטיקע יידן־ליקווידאַציע 66
פראַכט־וואַגאָנעס מיט מתים 68
די צוואָה פון דורות 70

קאַפּיטל 4.

אַ טראַנספּאָרט פון „לעצטע יידן" 72

נאָך ניט דער לעצטער וועג, — מ'לעבט נאָך 72
אין ריגער געטאָ 75
ימים נוראים 79

קאַפּיטל 5.

אין גיהנום קייזערוואַלד, ביי ריגע 85

די טעכניק פון מענטשן־באַאַרבעטונג 85
„אָפּגעבן אַלץ, וואָס איר האָט" ! 87
מען פירט אונדז אין באָד 90
מיר ווערן „העפטלינגע", נאָר בלייבן „שווין־הינט" 93
די הייליקע אַפּעלן און מושטירונגען 95
מען לערנט אונדז ערלעכקייט 98
מיר זיינען „פּענסיאָנערן" אין קייזערוואַלד 100
ווי גרינגראָז ביי וועגן 102
מיר ווערן סאָרטירט און אָפּטראַנספּאָרטירט 104

קאַפּיטל 6.

פאַרשלעפּטע און פאַר'משפט'ע צום אומקום 108

מיר בויען פאַר זיך אַ שקלאַפן־לאַגער 108
אונדזערע אייגענע נוגשים ונוטרים 110
צוויי שקלאַפן פאַרשווינדן פון לאַגער 113
הונגער ברעכט אייזן און... קאַצעטישע געזעצן 116
עס זיינען געפאַלן צוויי בליענדע ביימער 119
זיך פאַרוואַלגערט אַ צדיק אין אונזער לאַגער 121
ווען חיה־רעה טריאומפירט איבער מענטשן... 124
פליט אַ פויגל איבער וועלדער... 125
קאָן מען זיך פאָרשטעלן? 130

ליכטיקערע מאָמענטן אין ים פון חושך 133
ווידער פרילינג 136

קאַפּיטל 7.

מיר לויפן צו פרייהייט אין די וועלדער 139

קאָנספּיראַציע 139
איך אַרבעט „אין שטאַב" 142
זאָל כאָטש בלייבן אַ זכר פון אונדז 145
מיר לויפן פון שקלאַפן־לאַגער 147
די מסירה און די נקמה 150
מיר ווערן באַשטראָפט ; מיר ווערן „זעברעס" 154
זעברע־ליד 158
„זייט זיך מודה, פאַרפלוכטע יודן־באַנדע!" 160

קאַפּיטל 8.

מיר ווילן לעבן, נקמה-נעמען, — מיר אַנטלויפן ווידער.. 164

אונטערוועגס, פון לאַגער צו לאַגער 164
יאָ לעבן — ניט לעבן? 168
ווי נאַכטיקע שדים אין לבנה־שיין 171
צוויי פאַרברעכנס אין איין נאַכט 174
באַבראָוו דערציילט אַ געשיכטע 179
דער וועג צום סוף 187

קאַפּיטל 9.

אין וועלדער און זומפּן, ווי חיות געיאָגטע 194

דער טויט יאָגט זיך נאָך מיר 194
אין איינזאַמקייט און יאוש־קלעם 196
אַ מעשה מיט אַ פּאָר פאַרלאָטעטע הייזן 199
אין מיין היים, אין די וועלדער 201
איך בין אַ חיה 205
אַ טראָפן מענטשלעכע וואַרעמקייט 207

קאַפּיטל 10.

מיט רוסישע און יידישע פּאַרטיזאַנער אין נקמה-פייער..212

אזוי האָט זיך אָנגהויבן מיין פּאַרטיזאַנער־לעבן 212

בלוטיקער קאַמף, נקמה און אָפּרעכענונג 216
נקמה־ליד 218
רוט איך אין פרידן 219
אין טויט־קעסל 221
אַ נאַכט אין שטאַל 223
ווינטער אין די וועלדער 225
לכבוד ניי־יאָר 227

קאַפּיטל 11.

נאָכן חורבן ווידער אין דער אַלטער היים 231

איך גיי אַהיים 231
אויף קבר אבות אין דווינסק 235
קום אַראָפּ אויף קבר אבות 238
איך זוך אַ יידן אין פּאַנעוועזש 240
איך זע מיין אַלטע היים — אַ טויטע 246
פאַרשוואונדענע לעבנס, פאַרלאָרענע היים 249
מיט דער שארית הפליטה אין קאָוונע 254
געוויינט האָט אַ יידישע מאַמע 259
ווי לעבט מען אויף בית־עולמ׳ס?! 261
איך זע זיי, — די די שטעט און שטעטלעך אָן יידן 265
דאָרט, אין ליטע 271
מיר לויפן ווידער, — דאָס מאָל „פרייוויליק" 274

קאַפּיטל 12.

אויף נייע וואַנדערוועגן, צום נייעם לעבן 277

איבער פוילן 277
עס ראָלן די רעדער 277
„אלי־אלי" און „אַווע מאַריאַ" 281
פון פוילן קיין דייטשלאַנד 288
אין לאַגערן פון „די. פּי." — פון פליטים 292
לעבן 295
באַשערטקייט 299
האָפנונג 307
גבורה 311
וואַנדערוועג 315

וועגן בוך און זיין מחבר

(אריינפיר־וואָרט פון דר. מ. סודאַרסקי)

„...איך בין אַ חיה אַ געיאָגטע... אַ וואָלף, און פוקס, און מויז צוגלייך...
גיב מיר שוץ, דו וואַלד געדיכטער !... שטאַרק אין מיר דעם חיה־גייסט !" —

אַזוי זאָגט דער מחבר, יעקב ראַסען, אויף זיך אַליין אין איינעם פון זיינע שריפטן, וואָס ער האָט דאָ, אין די חורבן־טעג, געשריבן. טייל־ווייז וואָלט עס געקאָנט דינען ווי אַ מאָטאָ צו זיין בוך „מיר ווילן לעבן", — אַ בוך, אין וועלכן יעדער ייד וואָלט דאַרפן אַריינקוקן, כדי נאָך אַמאָל זיך צו דערמאָנען און אויף אייביק ניט פאַרגעסן, וואָס מיט מענטשן, מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער, מיט אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, — וואָס מיט אונדזער פאָלק איז געשען.

און אַזוי מישנדיק אין בלעטל נאָכן צווייטן, וועט איר זיך אַליין איבערצייגן, ווי אַזוי דער ייד, — דער בן־תורה, דער שוואַכער, דער גע'רודפ'טער, — אונטערן דרוק פון די גרויליקע געשעענישן און גע־טריבן דורך זיין שטאַרקן ווילן צום לעבן האָט זיך געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ „חיה אַ געיאָגטע", האָט געקאָנט געטראָטן ווערן ווי הפקר'דיק גראָז אונטער יעדערנס פיס, האָט געקאָנט ווי אַ געהאַקטער בוים פאַר־לירן אַ גרויסן טייל פון זיינע צווייגן און פון זיין שטאַם, — נאָר ווען צייט איז געקומען, האָט ער געקאָנט פונדאַסניי אַפּפרישן און אַנזאַמלען זיין פיל־טויזנטיאָריקע גייסטיקע און קערפּערלעכע גבורה, אַט די „ברוויזנדיקע כוחות פון פאָלק, וואָס לעבט אייביק און וואָס לעבט אַלצ־דינג אַריבער..." ווי דער מחבר דריקט זיך אויס.

דער מחבר גייט דורך דעם גאַנצן ליידנס־וועג, וואָס איז אויסגע־פאַלן אויף אונדזערע ברידער און שוועסטער אין די יאָרן 1941 ביז 1945. ער שילדערט אין שטאַרקע, רעאַליסטישע בילדער דעם שרעקלעכן חורבן פון ליטווישן און לאַטווישן יידנטום; ער לויפט אַ פאַרצווייפלטער מיט די צעשראָקענע מחנות יידן איבער די בלוטיקע און פייערדיקע וועגן, פעלדער און וועלדער פון ליטע, לאַטוויע און ווייס־רוסלאַנד, ביז, ווי טויזנטער־טויזנטער אַנדערע יידן, פאַלט ער אַריין צום סוף אין די נעגל פון דעם בלוטדורשטיקן שונא; ער דעקט אויף פאַר אונדז די גרויל־געשפּענסטער פון דווינסקער, ריגער, קאָוונער און אַנדערע געטאָס און דעם גיהנום פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו דער מהות־מענטש טוט זיך איינגאַנצן אָפּ פון דעם געפּייניקטן, פון דעם קרבן, וואָס גייט שוין זיין לעצטן וועג.

אָבער דאָ, פּלוצלונג, שוין אויפן סאַמע ראַנד פון טויט־אַפּגרונט, וואַכט אויף אין מחבר אַן אומבאַשרייבלעכע קראַפט און גוואַלטיקער

ווילן צום לעבן, צו קעמפן, צו נעמען נקמה פאַר אַזוי פיל אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, אומשולדיק אומגעבראַכטע און צו די שרעקלעכסטע טויטן פאַרפייניקטע קינדער, פרויען, מענער, — און אַט דער ברענענדיקער נקמה-געפיל טרייבט אים צוויי מאָל צו אַ פאַרצווייפלטן לעצטן פאַרזוך. מיט איין אימפּעטיקן שפּרונג טראָגט ער זיך אַריבער אין אַ וועלט, וואו ער בלייבט אַנגעוויזן נאָר אויף זיך אַליין: ער פאַרלירט זיינע חברים, ליגט פאַרגראָבן אין שטאַלן און שייערן צווישן מיסט און שטרוי, דערנאָך אין וועלדער און גריבער, גראָבט זיך באַנאַכט ווי אַ קראָט אין גערטנער, גריזשנדיק כל'ערליי רויע קרייטעכצער, און צום סוף, ווען ס'איז שוין ניט אַריבערצוטראָגן דעם הונגער, נעמט ער פון פויערשע שפּייז-קאַמערס עסנווארג, ניט האָפנדיק און ניט וואַרטנדיק מער אויף מענטשלעכער גוטהאַרציקייט... ער בעט זיך נאָר ביי גאָט, אַז ער זאָל אים איצט געבן „שאַרפע נעגל, הירשן-פיס, וואָלפן-ציין און אַ שטייפע רויבער-האַרץ, וועיל... „ער איז אַ געיאָגטע חיה...” —

אַט די דאָזיקע מאָמענטן, וועלכע זיינען אַזוי פּשוט-מענטשלעך געשילדערט, זיינען פון די שטאַרקסטע אין בוך, און מ'דאַרף עס לייענען, זיך טיף אַריינטראַכטן, כדי צו באַגרייפן די משונה'דיקע און מעגלעכע אומוואַנדלונגען פון אַ מענטשן, וואָס וויל לעבן און וויל נאָך עפּעס אויפטאָן מיט זיין ברעקל לעבן.

* * *

ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן? וועלכע אימאַנענטע כוחות מוזן נאָך וואָרצלען אין מענטשן, כדי אַזאַ כישוף צו געשטאַלטן?

אַט דאַכט זיך, אין דער מחבר, ווי איך האָב אים געקענט, געווען אַ וואויל-לערנער און בויער, אַן אַגראָנאָם, אַן אמת'ער שעפערישער פּראָדוקט פון דעם ברייט פונאַנדערגעבליטן קולטור-נאַציאָנאַלן יידישן לעבנס-גאָרטן אין דער ליטע צווישן ביידע וועלט-מלחמות. ער קריגט יידישע טראַדיציאָנעלע בילדונג, פאַרענדיקט אַ גימנאַזיע, שטודירט אַגריקולטור אין ליטע און דייטשלאַנד אין אַגראָנאָמישע אינסטיטוטן, זאַפּט אריין אין זיך סיי דאָס יידיש און סיי דאָס וועלטלעך קענען און גיט אָפּ זיין גאַנץ אָנגעזאַמלט וויסן דער יידישער לערנענדיקער יוגנט אין די „אָרט”-שולן, אריינפירנדיק יידישע יוגנטלעכע אין דעם גרויסן געביט פון לאַנדווירטשאַפט. ער שטעלט זיך אין דינסט דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון „אָרט” און דעם איבערבוי פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער יידישער יוגנט אויף נייע פּראָדוקטיווע יסודות.

ער לאָזט ארויס אַ זאַמלונג פון לעקציעס (וואָס איז די ערשטע אויף יידיש אין ליטע) איבער פאַרשיידענע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט, און דערנאָך איניקע פּראַקטיקע ביכער, ווי „שענסטע צימערבלומען”, „יידן און לאַנדווירטשאַפט”, דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן טייל פון גרויסן

„אָרט"-קאַלענדאַר, „ביישטוביקע גערטנעריי" און אַנד... שאַפנדיק דער־ביי אַ גאַנצע טערמינאָלאָגיע אין יידיש פון אַ וויניק באַקאַנטן ביז איצט ווירטשאַפט-געביט. ער איז אויך אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער יידישער פרעסע (אין „די אידישע שטימע" און „פאָלקסבלאַט") בנוגע אַגריקולטורעלע און עקאָנאָמישע פראַגן, און איז גלייכצייטיק אַן עקס־פערט-ראַטגעבער ביי דעם „אַלליטווישן פאַרבאַנד פון יידישע פאָלקס־בענק" אויפן געביט פון סובסידירן און איינאָרדנען יידן אין לאַנד־ווירטשאַפט.

מיט דער צייט ווערט יעקב ראַסען דער לייטער פון דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג ביים ליטווישן „אָרט" און פירט אָן מיט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קורסן און מיט דער אַגריקולטור-שול אויף די ספּעציעלע, פון „אָרט"-, געשאַפענע פאַרמס. צוזאַמען מיט די תלמידים, ס'רוב יוגנטלעכע, פליכטלינגע פון דייטשלאַנד אַריבערגעקו־מענע קיין ליטע דורכצומאַכן לאַנדווירטשאַפטלעכע אומשיכטונג, און חלוצים, וואָס האָבן זיך געגרייט פאַר ארץ-ישראל, — צוזאַמען מיט זיי שטעלט ער צענויף און גיט אַרויס אין אַ בוך-פאָרם אַ פּראַכטפולע זאַמ־לונג שריפטן איבער ערד-אַרבעט, אונטערן נאָמען „מיר ווערן פויערים".

געטריבן פון אומרואיקן גייסט און פון הייסן באַגער צו זיין נוצלעך זיין פאָלק אומעטום, פאָרט יעקב ראַסען אַריבער אויף אַ יאָר צייט קיין ארץ-ישראל און אַרבעט דאָרט אַלס אַ הויך-קוואַליפיצירטער אַגראָנאָם. אָבער קורץ פאַר דער מלחמה קערט ער זיך אום צייטווייליק צוריק קיין ליטע, אַזוי ווי געטריבן פון גורל צו זיין צוזאַמען מיט זיינע ברידער און שוועסטער אין דער גרויליקער עת-צרה . . .

* * *

...און דאָך—דער מענטש בלייבט מענטש. זיינע געדאַנקען, זיין גייסט, זיין ווילן צו לעבן, זיין בטחון,—דאָס האַלט אויף אין אים זיין מענטשלעכע נשמה און באַוועגט אים צו דרייסטע, אַנטשיידנדיקע מעשים. אַזוי איז געווען אויך מיטן מחבר יעקב ראַסען. ניט לאַנג וואַנדלט ער אַרום אין די וועלדער ווי אַ פּאַסיווע חיה, וואָס וויל אין איר נאָרע נאָר איבער־וואַרטן דעם שטורעם. עס ציט אים צו מענטשן, צו פאַרביטערטע, פאַר־ביסענע און קעמפערישע, ווי ער אַליין. אויף געדרייטע, זייטיקע וועגן און אומוועגן דערשלאָגט ער זיך סוף-כל-סוף צו רוסישע פּאַרטיזאַנער, העלפט אָרגאַניזירן אַ נייע פּאַרטיזאַנער-מחנה אין „זיינע", די אים גוט באַקאַנטע וועלדער און זומפּן, און ווערט איינער פון די דרייסטע און פאַרביסענע נקמה-נעמער פון דעם שונא — די נאַצים און זייערע מיט־העלפער, — פאַר דער פּיין און די מיתות-משונות, וואָס זיי האָבן אָנ־געטאָן זיין פאָלק.

דער מחבר קעמפט העלדיש אין די פּאַרטיזאַנער-רייען, און צום סוף דערשלאָגט ער זיך מיט דער רויטער אַרמיי צוריק צו זיין אַלטן היימלאַנד; און דאָרט . . . דאָרט בלייבט אים נאָר צו באַוויינען, מיט אונדז צוזאַמען, דעם שוידערהאַפטן חורבן, וואָס די רוצחישע נאַצי-בעסטיעס האָבן איבערגעלאָזן. ער קאָן ניט פאַרבלייבן אין זיין אַלטער היים, אויף דער בלוטיקער ערד . . . עס טרייבט אים אויף נייע וואַנדער-וועגן . . . עס דערוועקן זיך נייע האָפנונגען אין דער נשמה, אַ מעכטיקע שטרעבונג צו אַ נייעם לאַנד, צו אַ נייעם לעבן . . .

* * *

די רעאַליסטישע דערציילונגען און בילדערישע שילדערונגען אין בוך דערשיינען פאַר אונדז ווי אַן אומגלויבלעך-וויסטער חלום אויף דער וואָר, און ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז עפּעס אַזוינס האָט מיט מענטשן געקאָנט געשען. און אויב איינער אַזאַ, ווי דער מחבר יעקב ראַסען, איז אַ לעבעדיקער און אַ גייסטיק גאַנצער און געלייטערטער אַרויס פון אַזאַ גיהנום-גרוב פון רשעות און אומקום, איז עס אין זכות פון דער גורל׳דיקער שליחות, וואָס ער מוז אויספירן אין דער וועלט, — דערציילן און עדות זאָגן פאַר מענטשן, פאַר דער ערד און הימלען, וועגן דעם אַלץ, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן, געהערט מיט זיינע אויערן, און אויף זיך אַליין אַריבערגעטראָגן. דערציילן, עדות זאָגן און ניט לאָזן פאַרגעסן, — דאָס איז זיין שליחות אויף דער ערד.

און ווי גרויליק די באַשרייבונגען און איבערלעבענישן זאָלן ניט זיין, מוזן מיר עס דאָך לייענען און איבערגעבן פון טאַטע צו קינד, פון דור צו דור, כדי ניט צו פאַרגעסן, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט גע-טראָפן אונדזער פאָלק אין מיטן פון 20טן יאָרהונדערט, אין די יאָרן תש״א-תש״ה. די דאָזיקע געשעענישן, אָפּגעשפּיגלט אין יעקב ראַסענ׳ס בוך „מיר ווילן לעבן״, דאַרפן אונדז דינען ווי אַ וואָרנונג און גלייכ-צייטיק ווי אַ צייכן פון בטחון און גלויבן, אַז אַ דאַנק אונדזער אומגע-בראָכענעם ווילן צום לעבן, און אין זכות פון די „אייביקע, גייסטיקע כוחות, וואָס וואָרצלען אין אונדזער פאָלק״, וועט דאָס פאָלק, אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים, אויך ווייטער עקזיסטירן און בליען און וועט דערלעבן צום אויפשטייג און אויפבוי אין אייגענעם לאַנד און אומעטום אויף דער וועלט.

דער מחבר איז איצט אין אַמעריקע. זאָל אים נאָך דאָ באַשערט זיין צו פאַרצייכנען אין שריפט אָט די נייע תקופה פון אויפשטייג און אויפבלי אין לעבן פון אונדזער פיל געפּרואוטן פאָלק.

דר. מ. סודאַרסקי.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1948.

אני הגבר ראה עני בשבט עברתו;
אותי נהג וילך חושך ולא אור.
(איכה, ג׳, פסוק א׳־ב׳).

*

* *

איך בלעטער די האַלב־חרובע בלעטלעך פון מיין „דאַן" געפירטן און געראַטעוועטן טאָג־בוך און אַנדערע שריפטן, — און בילדער, סצענעס און געשעענישן פון די חורבן־יאָרן פון יידישן לעבן טויכן ווידער אויף פאַר מיינע אויגן. איך לעב ווידער איבער די דאַמאָלסטיקע פיין און ליידן, דעם אומ־באַשרייבלעכן געפיל פון פאַרלאָרנקייט און הילפלאָזיקייט פון לעבעדיקע מענטשן, וואָס פילן און טראַכטן און ווערן געטריבן אויף זייער לעצטן וועג, — צום טויט, צו דער שחיטה, צו אָנגעגרייטע גריבער־קברים, און . . . קיין רעטונג איז ניטאָ.

איך זע ווידער מיין גאַנצן דורכגעגאַנגענעם וועג איבער די אויפגעטרייסלטע לענדער פון ליטע, לעטלאַנד און ווייסרוסלאַנד. אומרחמנותדיק־גרויזאַם און פינצטער האָפנונגסלאָז איז געווען דער לאַנגער בלוטיקער וועג, אָנהויבנדיק פון מיין ארייַנפאַלן אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון צוויי־מאָליקן אַנטלויפן פון דאָרטן, פון חיה׳שן וואַלד־לעבן, פון פאַרטיזאַנער־קאַמף אויף לעבן און טויט אין היטערלאַנד פון שונא, פון סאָלדאַטן־לעבן אין דער רוסישער אַרמיי — ביז מיין צוריקקערן „אַהיים", אין ליטע.

ערשט דאָרט, אין דער אַמאָליקער אַלטער היים, האָב איך פונדאַסניי דער־פילט דעם גרויסן חורבן, דעם אומענדלעכן יידישן בית־עולם, וואָס האָט מיך און טויזנטער אַנדערע, אַזוינע ווי איך, געוואָרפן אויף נייע, „פרייוויליקע" וואַנדערוועגן, צו אַ נייעם לעבן, צו אַ נייעם לאַנד, צו ארץ־ישראל.

איך זע און פיל דאָס אַלץ ווידער, און דאָך מיר אַליין גלויבט זיך קוים — צי דען האָט דאָס אַלץ טאַקע באמת פאַסירט?

איך קוק־איבער די געבליבענע האַלב־חרובע שריפטן שורה נאָך שורה און פרוביר אויפשטעלן די געשעענישן אין זייער גאַנצער לעבעדיקייט און אמת׳דיקייט, אָט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך דאַן אָפגעשפּילט אויף מיר און אויף צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן אין ליטע, לעטלאַנד און שכנותדיקע לענדער. גאָרנישט קיין איבערטריבענע אָדער אויסגעטראַכטע איז דאָ צוצולייגן אין דעם דאָזיקן בוך (ווי אַ נאָרמאַלן מענטשן אין נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען קאָן זיך אויסדאַכטן), — די ביטערע ווירקלעכקייט אַליין איז געווען אַזוי גרויזאַם און פאַנטאַסטיש־אומגלויבלעך.

שרייבנדיק איצט דאָס בוך, האָב איך דורכגעפלאָכטן מיינע שילדערונגען מיט אַ פּאָר צענדליק „לידער" און „פּאָעמעס", וואָס איך האָב געהאַט אָנגע־שריבן „דאַן" (אין 1941־1945), אין די געטאָס, לאַגערן און וועלדער. די דאָ־

זיקע לידער און פּאָעמעס גיב איך אין דרוק אָן ענדערונגען און „באַפּוצונגען", אַט אַזוי רוי און נאַקעט, אַזוי פּרימיטיוו און האַרט, ווי זיי זיינען געשאַפן געוואָרן דאַן, אונטער דעם דירעקטן איינפלוס און גאַנג פון די בלוטיקע געשעענישן. איך לייג ניט אַזוי פיל וואָג אויף זייער ליטעראַרישן אָדער קינסטלערישן ווערט, ווי אויפן ווערט פון היסטאָרישן כאַראַקטער: אַט אַזוי האָט זיך „דאַן" געשריבן, אַט אַזוי האָט מען דאַן די „לידער" געזונגען, דעקלאַמירט (רעציטירט) און איבערגעגעבן פון מויל צו מויל אין געטאָס און לאַגערן, און אַט אַזוי זאָלן זיי פאַרבלייבן לזכר נאָך די אומגעקומענע און פאַרשוואונדענע פאַר די איצטיקע און קומענדיקע דורות.

אייגנטלעך, ווייס איך שוין איצט אַליין ניט, ווי אַזוי די „לידער" און „פּאָעמעס" האָבן זיך דאַן ביי מיר געשאַפן אין די געטאָס, לאַגערן און וועלדער. איך בין ניט קיין דיכטער, ניט קיין בן־דיכטער, איך פּרעטענדיר עס ניט צו זיין, און די לידער האָב איך געשריבן אויך ניט לשם דיכטונג, נאָר פּשוט . . . איך ווייס איצט אַליין ניט. איך געדענק, אַז נאָכדעם, ווי איך האָב געוויזן מיינעם אַ חבר אין דווינסקער געטאָ דאָס ערשטע „ליד" — „לעבעדיקע מתים", — און ער האָט עס געוויזן צו נאָך אייניקע, — האָט מען עס אין עטלעכע טעג אַרום געזונגען אויף פאַרשיידענע ניגונים און אַ נאָמען געגעבן „דער געטאָמאַרש".

פון דאַן אָן פלעגן מיינע נאָענטערע מיטוואוינער און חברים צו מיר צושטיין: „...עס איז דאָך אַזוי ריכטיק... ווי קאָנסטו עס אַזוי ריכטיק אויפכאַפּן און אָנשרייבן דאָס, וואָס מיר אַלע טראַכטן און פילן? שרייב אָן נאָך וואָס... זאָל מען וועגן אונדז כאָטש שפּעטער לייענען, אויב מיר וועלן שוין ניט זיין...

ניט באַשערט איז אייך געווען, האַרציקע חברים, זיך צו ראַטעווען. איר זייט שוין ניטאָ, אַוועק אויף אייביק. זאָלן די געראַטעוועטע „לידער" דערציילן דער וועלט וועגן אייך און טויזנטער־טויזנטער צו אייך, וועגן אייערע אוממענטשלעכע ליידן און גלייכצייטיק — אייערע האָפענונגען און אייער טראָגן דעם מענטשלעכן פּנים ביזן לעצטן מאָמענט, וועגן דעם, ווי איר האָט געווייטיקט, געבלוטיקט, געלעבט, געפאַלן און... געזונגען.

איך דריק אויס מיין האָפענונג, אַז די באַשרייבונגען צוזאַמען מיט די „לידער" און „פּאָעמעס" וועלן געבן דעם לייענער אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם, ווי אונדזערע נאָענטע אין אונדזער אַמאָליקער אַלטער היים האָבן געלעבט, געליטן און זיינען אַוועק אויף אייביק אין בלוט און פייער.

וויסן דעם אמת וועגן גורל פון אונדזערע קדושים וטהורים און איינקריצן אין אונדזערע הערצער, ווי אויף מצבה־שטיינער, דעם הייליקן אָנדענק נאָך זיי, — דאָס איז אונדזער אייביקער חוב צו די אומגעקומענע און דער לעצטער כבוד, וואָס מיר קאָנען זיי אָפּגעבן.

יעקב ראַסען.

קאַפּיטל 1.

אויף בלוטיקע וועגן פון ליטע, לעטלאַנד און ווייסרוסלאַנד

עס פאַלן באָמבעס.

אין שרעק און איילעניש פאַרלאָזן מיר אונדזערע איינגעזעסענע אַלטע היימען, — מיר לויפן. מיר האָבן שוין מער קיין אייגענעם אָרט ניט, קיין רו־איקן ווינקעלע, קיין באָדן אונטער די פיס, — מיר זיינען הפקר.

ווי אַ דונער אין מיטן העל־ליכטיקן טאָג, — דאָס איז שוין איינמאָל אַן אומגעריכטע, איבערראַשנדיקע און אומנאַטירלעכע דערשיינונג! — אַזוי אומ־דערוואַרט און איבערראַשנדיק פאַר אונדז זיינען געווען די פּלוצלונגדיקע גע־רויש און קנאַלעריי, וואָס האָבן אונדז אויפגעטרייסלט פון טיפן באַגינענדיקן שלאָף. נעכטן, שבת־ביי־נאַכט, האָבן מיר זיך רואיק און אין פרידן געלייגט שלאָפן, אַזוי ווי אַלע נאַכט, און מיטאַמאָל, פרי־באַגינען —

בו־או־אום־טרראַך!... זששש־בו־אום־טרראַך!...

עס קנאַלט און רוישט. עס פאַלן און רייסן באָמבעס.

איך געדענק ניט קלאָר, איך קאָן ניט באַגרייפן, צי עס האָט אונדז דאַן אַרויסגעשליידערט, צי מיר זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די בעטן. איך געדענק, אַז מיר זיינען צוגעלאָפן צו די פענצטער, אַז די שויבן, די ווענט און דאָס גאַנצע הויז האָבן זיך געטרייסלט ווי פון ערד־ציטערניש. צעשויבערטע קעפּ מיט צעשראָקענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענצטער פון אַרומיקע הייזער און געפרעגט איינע די אַנדערע:

— וואָס איז געשען? וואָס קומט דאָ פאָר?

— איר זעט דאָך... אַעראָפּלאַנען... זיי וואַרפן באָמבעס.

— באָמבעס?... גייט שוין, גייט! דאָס מאַכן די רוסן לופט־מאַנעווורעס... זיי פּרובירן אויס... מ׳האָט שוין לאַנג גערעדט וועגן דעם.

— לופט־מאַנעווורעס?!... וואָס רעדט איר נאַרישקייטן? איר הערט דאָך, עס פאַלן אמתע באָמבעס. אָט־אָט, איר הערט? איר הערט?

— זעט, זעט! עס ברענט דאָך, גאַרניט ווייט פון דאַנען... קוקט, וואָס פאַר אַ רויך עס שלאָגט!...

— וואָס פאַר אַ גוואַלטיקער גערויש און קנאַלעריי! זעט, זעט, אָט דאָרט, הינטערן דאַך, די אַעראָפּלאַנען!... דאַכט זיך, ניט קיין רוסישע... ווי קאָן דאָס זיין לופט־מאַנעווורעס?

— נאָר וואָס האָט דאָך מיטאַמאָל פּאַסירט ?... האַ ?...

אין איין רגע איז קאָוונע אויפגעשפּרונגען און געשטאַנען אויף די פיס. אַ צעטומלטקייט, אַ געדרודער. מען ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך. נאָענט און ני־דעריק פליען עראָפּלאַנען. אַ קנאַלעריי און הודזשעריי פון אַלע זייטן. פון עטלעכע ערטער שפּאַרן רויך־זיילן. עס ברענט, ווייזט אויס.

וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש ! וואָס זאָל עס באַדייטן ?

עס קלינגט ביי מיר דער טעלעפאָן. עס רופט מיך מיינער אַ פריינט. איך פיל אין טעלעפאָן־טרייבל, אַז זיין שטים ציטערט. ער זאָגט מיר אָן :

— ס'איז מלחמה ! דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד... ס'איז שלעכט...

נאָר... ווי קאָן דאָס זיין ? פאַרוואָס ? וואו איז דער שכל הישר, אַז דייטש־לאַנד זאָל סתם אַזוי, „אין מיטן גוט־וואָך" און פון העלערהויט באַפאַלן רוס־לאַנד ? דאַכט זיך, נאָך נעכטן שפּעט באַנאַכט האָבן זיך ביידע מעכטיקע שכנים געלייגט פרידלעך שלאָפן, יעדע לאַנד אין זיינע גרענעצן, און דאַכט זיך, מיט רואיקע און געמיטלעכע געפילן איינער צום אַנדערן... פאַרקערט, ביידע גרויסע שכנים לעבן דאָך אין שענסטן שלום ; אָט פאָרן זייערע מיניסטאָרן און אַנדערע גדולים אויף באַזוך איינע צו די אַנדערע ; אָט פאָטאָגראַפירט מען זיך צוזאַמען, מען דריקט זיך פריינטלעך די הענט, מען האָט געשלאָסן אַ לאַנג־יאָריקן פריינט־שאַפט־אָפּמאַך און מען שיקט זיך קעגנזייטיקע קאָלאָסאַלע טראַנספּאָרטן פון שפּייז, מאַשינעס און אַנדערע ווערטפולע סחורות ! . . . און אָט מיר, איינפאַכע מענטשן, די ניי־געמאַכטע, איין־יאָריקע סאָוועטישע בירגער פון דער גרענעץ־זאָנע, פונעם ראַנד־לאַנד ליטע, מיר זעען דאָך, אַז ביידע גרויסע שכנים, צווישן וועלכע מיר געפינען זיך, ווילן איינהאַלטן דערווייל אַ פעסטן און לאַנגען שלום ! אין יעדן פאַל, מיר, איינפאַכע מענטשן, ווילן עס אַוודאי און אַוודאי.

און מיר, איינפאַכע מענטשן, האָבן טאַקע געוואָלט גלויבן אין דעם גוטן ווילן און שלומדיקייט פון די ביידע גרויסע שכנים, ווייל אַזאַ נאַטור האָט שוין דער מענטש : דאָס, וואָס ס'איז אים ווילִיק, אין דעם מאַכט ער זיך גלויביק...

האָט זיך טאַקע „דער דונער אין מיטן העלן טאָג" צעקנאַלט איבער אונדזערע קעפּ אַזוי פּלוצלונג און אומגלויבלעך, אַז מענטשן האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן ; און ניט נאָר מיר, פּשוטע מענטשן, נאָר אַ ביסל און אַ סך גרעסערע פון אונדז...

דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יוני 1941, אין אַ זונטאָגדיקן באַגינען, איז דאָס געווען. היטלערס פינצטערע כוחות האָבן בליץ־שנעל צעבראָכן די מזרח־גרענעץ, און ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי דער טויט האָט שוין מאַרשירט איבער די באַלטישע און אַנדערע מזרחדיקע לענדער פון אייראָפּע.

ס'איז אויסגעבראָכן פון אַ נייער מלחמה, — די שרעקלעכסטע און בלוטיקסטע, ווי מיר האָבן גלייך דערשפּירט, אין דער קייט פון מלחמות און פאַרניכטונגען.

מיר האָבן נאָך געהאָפּט ביז איצט אין אונדזער שטילן ערד־ווינקל, נאָך געמיינט... און אָט — אויך אויף אונדז האָט זיך אַרויפגעוואָרפן די שווידערלעכע, אַלץ־פאַרניכטנדיקע מלחמה. נאָך נעכטן, נאָך מיט אַ ווײַלע פריער, זײַנען מיר געווען די גאַסט־פריינטלעכע איינגעזעסענע בעלי־בתים, די פרידלעכע שטיצער און באַזאָרגער פון פליטים, די מלחמה־אַנטלאָפענע יידן פון פוילן, און מיט־אַמאָל, כּלוצלונג, — די שוואַרצע מלחמה־פליגלען שוועבן שוין איבער אונדזערע קעפּ; מיר גופא זײַנען שוין אויף הפקר; מיר אַליין זײַנען שוין אויך אויס־געשטעלט צום טויט און חורבן...

אונדזער גאַנץ לעבן האָט זיך מיטאַמאָל אַ דריי־געטאָן און איז געוואָרן מלחמהדיק, הפקרדיק, פליטימדיק.

קאָוונע גראָבט און... לויפט

ווי אין פיבער זײַנען פאַרפלויגן די ערשטע שעה'ן, ביז מ'האָט זיך עטוואָס אָפּגעטשוכעט פון ערשטן קלאַפּ. מ'האָט זיך שוין אָנגעהערט מיט באַאומרואיקנ־דיקע און נערווירנדיקע נײַעס און קלאַנגען פון אַלע זײַטן. איצט ווײַזט זיך ארויס, ווי אַלע מאָל אין אַזוינע און ענלעכע פאַלן, אַז „קלוגע, פאַרויסזעענדיקע" מענטשן האָבן שוין פריער געוואוסט, אַז פּונקט אַזוי וועט זײַן. זיי האָבן שוין פריער געוואוסט, נאָר מ'האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי...

קאָוונער אַעראָדראָם (לופט־פּאַרט), וואָקזאַל, בריקן און אַרומיקע געגנטן ווערן כּסדר באָמבאַרדירט פון דײַטשע אַראָפּלאַנען. זיי פליען אַן גרופּנווײַז, פלוצלונג, פירן דורך בליץ־שנעל זייערע לופט־אַטאַקעס, וואַרפן אַראָפּ זייער טויט־באַגאַזש און אַזוי פלוצלונג־שנעל פאַרשווינדן זיי אין הימלשן חלל, איבער־לאָזנדיק הינטער זיך חורבן, פײַער און פּאַניק. ערטערווײַז ברענט, ערטערווײַז זײַנען שוין מענטשן פאַרוואונדעט, געהרגעט, באָמבעס־שפּליטער פליען איבער דעכער, איבער קעפּ, און — מענטשן זײַנען צעטומלט, לויפן אַרום, פרעגן איינע ביי די אַנדערע, קלינגען אין טעלעפאָן, ווייסן ניט וואָס צו טאָן, וואָס צו אונטערנעמען. נאָר מען שפּירט, אַז די טויט־געפאַר איז גרויס און נאָענט, אוי, ווי נאָענט...

נאָר וואָס וועט זײַן? וואו האַלט מען? און דער עיקר, וואָס טוט מען? זאָל מען לויפן? וואוהין לויפן? ווי לויפן? ווי קאָן מען איבערלאָזן דאָס ביסל האָב־און־גוטס? וואָס טוט מען מיט אַן אַלטער מאַמען, מיט אַ שוואַכן טאַטן, מיט קליינע קינדער? ס'איז לײַכט צו זאָגן „לויפן", אָבער ווי טוט מען עס?

דעם ערשטן מלחמה־טאָג איז מען פון קאָוונע כּמעט ניט געלאָפן. מ'האָט זיך געלאָזט באַרואיקן: פון גרענעץ ביז קאָוונע איז דאָך כּמעט הונדערט קילאָ־מעטער, און דער רוס איז אויך ניט קיין נעבעכל, — ער וועט ניט לאָזן דעם דײַטש גיין פאַרויס פראַנק־און־פרײַ און קומען אַזוי שנעל ביז קאָוונע. בּישקשה,

מיר זיינען דאָך אונטער דער שוץ פון דער גרויסער און מעכטיקער רויטער אַרמיי. דער דייטש איז אָנגעפאַלן פלוצלונג, אזוי אומדערוואַרט און פאַר־רעטעריש, אַז די רויטע ארמיי האָט זיך, מסתמא, צוערשט פאַרלאָרן אַ ביסל, נאָר אָט מאָרגן צי איבערמאָרגן, ווען דער רוס וועט זיך עטוואָס אָפּטשוכענען פון דער ערשטער איבעררעשונג, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ זעץ ער וועט דערלאַנגען דעם דייטש איבערן קאָפּ... וואַרט נאָר אַ ביסל, לאָזט אים אָנגורטן זיינע לענדן, וועט איר זען, וואָס דער רוס קאָן... ער, דער רוסישער בער, איז שווער, אומגעלומפּערט אַ ביסל, ניט אזוי פלינק און פּיפיק, ווי דער דייטש, נאָר אַז ער וועט שוין אויפהויבן זיין בערישע לאַפּע, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ כמאַל ער וועט דערלאַנגען דעם שטאָלצן דייטשן אָדלער... האָט נאָר געדולד אַ ביסל, און איר וועט באַלד הערן, אַז אזא קלאַפּ, אזא שמעטער וועט דער דייטש קריגן, אַז ער וועט זיך אוועקקייקלען אויף צוריק, צו די אַלדע שווארץ יאָר!...

אזוי האָבן מיר געטראַכט און געהאָפט. איי, וואָס, — עס פעלן באָמבעס? גיט מען זיך אַן עצה, בפרט אַז די מאַכט ווייזט אָן וואָס און ווי צו טאָן.

אָט זעט איר דאָך, אַז די רוסן זיינען גענוג שטאַרק און טראַכטן גאָרניט אָפּצוטרעטן פון קאָוונע. אַ ראַייה — מ'הייסט אונדז, דער ציווילער באַפעלקע־רונג, גראָבן שוץ־גריבער, שוץ־גראָבנס, אַ מין בונקערס צום באַהאַלטן זיך און געשיצט צו ווערן פון די לופט־אַטאַקעס, פון די באָמבעס און שפּליטערס. און אָט זיינען שוין דאָ ערגעץ־וואו אינסטרוקטאָרן, קענערס און קאָמיטעטן, וואָס לערנען און ווייזן אָן אויף שנעל, ווי און וואו צו גראָבן, ווי און ווען זיך צו באַ־האַלטן און וואָס צו טאָן אין פאַל פון שרפות. אַלץ איז אָרגאַניזירט, דאַכט זיך, פאַרויסגעזען, אויסגערעכנט.

האָט מען זיך אַ וואַרף געטאָן דעם ערשטן טאָג צו גראָבן שוץ־גריבער. וואו אַ רידל, וואו אַ האַק, וואו אַ בראָך־אייזן, וואו א שויפל, — אלץ איז אוועק אין דער גראָב־ארבעט. נעמען זיך צוזאמען איינוואוינער פון אַ גרעסערן הויף, לייגן זיך צוזאמען אַ פּאָר שכנים, און מען גראָבט צוזאַמען, בשותפות. אזוי איז לייכטער, באַקוועמער. מענער ארבעטן שווער און שוויצן, אויך פרויען לייגן צו אַ האנט, אויך קינדער. דער טויט טראָגט זיך איבער די קעפּ, פון דער לופטן, און מען גראָבט פיבערדיק, שנעל, אָנגעשטרענגט. און אין די הייפן אַרום די הייזער, אויף גערטנער, אין סעדער צווישן דיביימער, און אויף וואו נאָר אַ פּאַסיקן פלאַץ, — עס זיינען שוין דאָ האַלב־פאַרטיקע שוץ־גראָבנס און בונקערס מיט אָנגעשלעפּטע ברעטער, קלעצער, שטיינער און וואָס נאָר עס לאָזט זיך צום פאַרפעסטיקן און שיצן זיך אין דער ערד.

אין מערערע פאבריקן און אַנשטאַלטן קומט מען צו דער ארבעט, און דער עיקר, צו קריגן געהעריקע אינסטרוקציעס. איך אליין דערפיל אויך מיינע פליכטן ביז צום לעצטן מאָמענט. איך טראַכט נאָך גאָרניט זיך אָפּצוציען פון

מיין ארבעט. איך לויף צו מיינע העכערע שעפן און קריג פון זיי געוויסע אָנ־ווייזונגען (אפילו נעבעכדיקע און אומקלאָרע), און ניט געקוקט אויף די אָפטע לופט־אָנגריפן, פאַר איך איבער שטאָט און אויסער שטאָט צום אינסטרוקטירן די לאַנדווירטשאַפטלעכע הייפן, וואָס ליגן אונטער מיין אַגראָנאָמישער אויפ־זיכט. איך ווייז אָן, ווי צו האַנדלען אין פאַל פון געפאַר, וואָס צו טאָן מיטן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאר אין פאַל פון שריפות און מהומות, איך באַ־רואיק די מענטשן דאָרטן, און... איך באַרואיק, דאַכט זיך, זיך אליין. ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך באַצייטנס... ניטאָ וואָס צו זיין פאַרצווייפלט אָן אַ גרונט... די נאַציס, ניט דערלעבן זאָלן זיי, זיי קומען נאָך ניט, ניט היינט, און ניט מאָרגן...

די ערשטע האָבן גענומען זיך פאַקן און עוואַקואירן די מלוכה־אַנשטאַלטן, קאָמיסאַריאַטן, אָרגאַניזאַציעס, העכערע מלוכה־באַאַמטע און די ציווילע און האַלב־ציווילע רוסן מיט די פרויען און קינדער פון מיליטער־לייט, — די סאָ־וועטישע מענטשן. הונדערטער־הונדערטער אויטאָמאָבילן, לאַסט־אויטאָס און פורן פאַרפלייצן די גאַסן, פלעצער און דורכגענג, ס'ווערט פיבערדיק געפאַקט און געלאָדן אַלץ, וואָס מ'קאָן אַרויספירן, עס זעצן זיך אָן אין זיי סאָוועטישע מענטשן, און אָט — זיי זיינען גרייט צום פאָרן, זיי פאָרן שוין, זיי אַנטלויפן. פאַרנאַכט קלינג איך אין טעלעפאָן צו מיינע העכערע שעפן, איך וויל זיך נאָכ־פרעגן, דערגיין וואָס, נאָר — זיי זיינען שוין ערגעץ ניטאָ, אַנטלאָפן.

מיט פאַרדרוס און ווייטיק קוקן מיר זיך צו צו דעם, צו דער פאַניק, וואָס וואַקסט אַלץ גרעסער און גרעסער, און צו דער איילעניש און צעטומלטקייט פון די ערשטע לויפנדיקע. צי דען איז אַזוי נאָענט די געפאַר, אַז זיי מוזן שוין אַפציען? צי דען גייען די דייטשן אַזוי שנעל פאָרויס? עס גלויבט זיך ניט; עס ווילט זיך ניט גלויבן...

די ערשטע מלחמה־נאַכט האָט מען ווייניק געשלאָפן. מען גראָבט שוץ־גריבער, מען גרייט זיך, מען פיבערט. אַ נאַכטיקער פיינטלעכער אַעראָפּלאַן רייסט זיך אריין אין דער נאַכט־שטילקייט, שניידט דורך די פינצטערניש מיט זיינע פאַרביקע ראַקעטעס, וואַרפט אָן אַן אימה אויף די מענטשן, און פאַרשווינדט אויף אַ ווילע אין דעם הימלשן חלל. עס שרעקט די נאַכט־פינצטערניש, עס שרעקן די געהיימניספולע ארומיקע קלאַנגען און דאָס אומבאַשטימטע פון קומענדיקן טאָג.

און אָט שלאָגט שוין דער פרימאָרגן. די זון גייט אויף אַ קלאָרע, אַ היציקע, — עס קומט אַ הייסער, ברענענדיקער טאָג. איך גיי אַרויס, איך דערנענטער זיך צו דער הויפט־גאַס, — און מיטאַמאָל באַפאַלט מיך אַ גרויל, אַ פאַנישער, אומבאַגרייפלעכער שרעק: די גאַנצע שטאָט ראָלט אויף פיס און אויף רעדער, אַלץ גייט און פאָרט און לויפט אין שרעקלעכער צעטומלטקייט, אין חיהשער פאַניק און בהלה. אַ פאַרלאָרנקייט שפאַרט פון די אויגן. אין גערודער פון

מענטשן, וואָגנס און מאַשינעס שטופּט אַ מאמע אַ וועגעלע מיט אַ שרייענדיקן ברוסט־קינד אין אים, שלעפּט אַ טאטע אַ פּעקל נויטווענדיקסטע זאכן פאר זיין הויזגעזינט, טראָגט אַ ייִנגעלע זיין שוועסטערל, וואָס איז שוואַכער פון אים...

מען לויפט... ווער עס לויפט צום באַן, ווער מיט פערד־און־וואָגן, ווער מיט אַן אויטאָמאָביל, ווער צופוס. יידן ווילן זיך ראַטעווען, מען וויל ניט בלייבן, מען וויל אנטלויפן פון דעם בלוטיקן שונא, וואָס שפּרייזט פאָרויס, נענטער, נענטער.

אָבער ניט אַלע קאָנען לויפן. ניט אזוי לייכט לאָזט זיך אַ הויב־טאָן פון איינגעזעסענעם אָרט. אַנדערע גלויבן ניט אין לויפן, זיי האַלטן ניט דערפון, מען וועט סיי־ווי־סיי ווייט ניט אַוועקלויפן... די שטימונג איז שוין ווייט ניט קיין געהויבענע. מען הערט, מען פילט, אַז דער בלוטיקער שונא מאַרשירט מיט אַ געוואַלטיקן טעמפּאָ, ער דערנענטערט זיך. די צויבערדיקע גבורה פון די רוסן, ווייזט אויס, איז צו־שוואַך דערווײַלע אָפּצושטעלן דעם שונא.

און באמת, צום סוף פון צווייטן מלחמה־טאָג האָט דער טויט־מאַרש פון שונא שוין דערנענטערט זיך צו די פאַרשטעט פון קאָוונע.

אויף געברענטע וועגן.

מיר לויפן פון קאָוונע. איך האָב אין מיין רשות אַן אויטאָמאָביל. איך נעם מיט מיט זיך די פאַמיליע פון קאָוונער צאָן־דאָקטאָר רוף, — די אַלטע פאָטער־מוטער און צוויי טעכטער. די וועגן זיינען פאַרפּלייצט מיט מענטשן, פערד, מאַשינעס. עס לויפן ציוויל־מענטשן, דורכגעמישט מיט די אָפּטרעטנדיקע רוסישע מיליטער־טיילן. דעם כאָאָס, דעם געשריי און טומל, די ענגשאַפט אין די פאַרשטאָפּונג־פונקטן איז ניט צו באַשרייבן. דער אויטאָמאָביל פירט אונדז איבער ווילקאָמירער שאָסיי, דורך יאַנאָווע, ווילקאָמיר, אוטיאַן, דווינסק, קרעס־לאַווקע און אינדראַ צו דער לעטיש־ווייסרוסישער גרענעץ.

ערטערווייז ברענט פון די אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס. קיינער פּרובירט גאָר ניט לעשן, — ס׳איז ניטאָ קיין צייט, און קיין זאַך האָט שוין ניט קיין ווערט. אויף די אָפּטרעטנדיקע רוסן צינדן אָן ערטערווייז לאַגערן פון בענזין, מאַ־שינעס, שפּייז און אַנדערע זאַכן, וואָס מען קאָן ניט אַוועקפירן אויף שנעל און ראַטעווען פון שונא. עס שטייען שוין פיל ייִדישע הייזער ליידיק מיט אויף־שנעל פאַרקלאַפּטע טיר און פענצטער. וואו־ניט־וואו וואַלגערט זיך שוין אויף הפקר ייִדיש האָב־און־גוטס, און גיריקע אויגן און פינגער פון קריסטלעכע שכנים ציען זיך שוין הנאה צו האָבן פון פרעמדן פאַרמעגן. צעשראָקענע ייִדישע אויגן טרעפן אונדז אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס מיר פאָרן דורך. אַלע ווילן לויפן, אַלע פילן, אַז מען דאַרף לויפן, נאָר מען קאָן זיך נאָך ניט באַ־

שליסן. מען וועט זען... ווער ווייס... אפשר וועט מען ניט דאַרפן לויפן? אפשר וועלן די רוסן אָפּשטעלן דעם דייטש?

מיר זיינען שוין הינטער ווילקאָמיר. מיטאַמאָל — אַ פּאַניק! עס פליען דייטשע אַעראָפּלאַנען און וואַרפן באָמבעס אויפן שאָסיי. די רוישיקע באַוועגונג ווערט טויט. מענטשן שפּרינגען פון די אויטאָס און וואַגנס און באַהאַלטן זיך ביים ראַנד פון שאָסיי. אויך מיר טוען דאָס זעלבע. מיר ליגן פאַרשטעקט אין גראָבן צווישן הויכן ווילד־גראָז און בוימלעך, צוגעטוליעט צו דער ערד. מ׳האַלט אין דעם אָטעם, פּונקט ווי די אַעראָפּלאַנען וואָלטן אונדז קאָנען הערן. ניט ווייט קראַכן באָמבעס, עס דאַכט זיך אַ פּאָר טריט פון אונדז. עס ציטערט די ערד. דער רויש פון די נאָענטע מאָטאָרן פאַרטויבט די אויערן. די קינדער וויינען, די פרויען העלפן מיט, — אָט־אָט, דער טויט שוועבט שוין איבערן קאָפּ.

דער רויש ווערט שטילער, די אַעראָפּלאַנען זיינען שוין ווייט. איינציקווייז שטעקט מען ארויס די קעפּ. מען ווערט דרייסטער. מען קריכט ארויס פון די באַהאַלטענישן, מ׳קוקט זיך אַרום. ניט ווייט ליגן אַ פּאָר צעשמעטערטע אויטאָס און אַ וואָגן. צוויי פערד מיט צעהאַקטע קעפּ און אויפגעריסענע בייכער גוסס׳ן אין לוזשעס פון בלוט. און אָט, — אויך מענטשן זיינען פאַרלעצט און גע־הרגעט. אַ סאָלדאַט אונטערן וואָגן ווייזט אויף זיינע צעמירבלטע פיס, וויינט און בעט זיך רחמים:

— לאָזט מיך ניט איבער! נעמט מיך מיט! נעמט מיך מיט! — זיינע געשרייען און קרעכצעס ווערן אַלץ שטילער, שוואַכער... ער לויפט אָפּ מיט בלוט. ער איז שוין טויט.

ס׳איז דאָס ערשטע בילד פון בלוטיקן טויט, וואָס מיר האָבן געזען. דאָס ערשטע, אָבער ניט דאָס איינציקע און ניט דאָס לעצטע. דער בלוטיקער טויט איז שוין פון אונדז ניט אָפּגעטראָטן.

מען שיסט פון די וועלדער

מיר פאָרן וויטער אין גערודער און ענגשאַפט פון דער לויפנדיקער מאַסע. וואָס ווייטער פון קאָוונע ווערט די מאַסע אַלץ שיטערער, די באַוועגונג קלענער. מען זעט שוין ווייניק מיליטער־לייט פון דער רעגולערער אַרמיי. נאָר צענדלי־קער אויטאָס מיט רוסישע און היגע פּאַרטיי־לייט און הויכע באַאַמטע מיט זייערע פאַמיליעס ראָלן אין איילעניש איבערן שאָסיי. זיי פילן, אז זיי מוזן וואָס שנעלער אָפּציען פון דאַנען, אַז קיין גוטס וואַרט דאָ ניט אויף זיי. קוקן דאָרפסלייט מיט שפּאָט און גרינגשעצונג אויף זיי, קוועטשן מיט די פּלייצעס אזן פאַרשווינדן אין זייערע הייזער און געדיכטעניש פון די וועלדער.

מיר פאָרן דורך אוטיאַן. אַ טייל פון שטאָט שטייט אין רויך און פלאַמען. מיר פאָרן דורך אַ וואַלדיקע געגנט. דער שאָסיי איז כמעט ליידיק פון מענטשן.

מיטאמאָל — אַ קנאַלעריי פון ביקסן. מען שיסט פון וואַלד; דאַכט זיך, פון ביידע זייטן וועג. אַ קויל לעכערט דורך די שויב פון אויטאָמאָביל־פענצטער, נאָך אַ קויל האַקט דורך די טיר. ס׳האָט קיינעם ניט געטראָפן, אָפּגעקומען מיט שרעק. מיר פאָרן אָפּ ניט ווייט, — דער וועג איז פאַרשטאָפּט מיט עטלעכע אויטאָמאָבילן. ווידער אַ קנאַלעריי, אַ שיסעריי פון ביקסן און אויך פון מאַשין־געווער. מיר מוזן זיך אָפּשטעלן. מיר גייען אַרויס, מיר קריכן אויף די קני און באַהאַלטן זיך אין גראָבן. קוילן פליען און זשומען איבער די קעפּ. וואָס קומט דאָ פאָר? איך קריך אויסלענג דעם גראָבן און דערנענטער זיך צו אַ גרופּע רוסן, וואָס ליגן דאָרט ניט ווייט. איך פרעג זיי. זיי ווייזן מיר אויפן וואַלד, און איינער זאָגט:

— באַנדיטן. גרויסע באַנדעס פון ליטווישע פאַשיסטן, פון „אייערע שאוליסטן" באַשיסן אונדז. הערסט? אויך מאַשין־געווער האָבן זיי. מען מוז אָפּוואַרטן... מ׳וועט זיי באַלד פאַרטרייבן...

עס געדויערט אַ גוטע האַלב־שעה ביז די שיסעריי הערט אויף. דריי מענטשן ליגן פאַרוואונדעט. מען פאַרבינדט זיי, מ׳לייגט זיי אריין אין די אויטאָס און מען פאָרט ווייטער. אויך מיר ווילן ניט אָפּשטיין פון דער גרופּע, צוזאַמען איז דאָך די געפאַר קלענער. מיר ווערן נאָך עטלעכע מאָל באַשאָסן, און ווידער דאָס זעלבע: מען באַהאַלט זיך אין די גראָבנס ביי די זייטן פון וועג, די רוסן שיסן זיך אָפּ און מען פאָרט ווייטער. און ווידער בלוטיקע קרבנות ליגן פאַר אונדזערע אויגן, — דער טויט איז געוואָרן אַ טרייער באַגלייטער.

פאַר אונדז איז אַ נייע סכנה. אונדזערע באַשיצער שאַרפן די ציינער אויף אונדזער אויטאָ. עס געפעלט זיי, זיי ווילן עס צונעמען. עס איז דאָך מלחמה־צייט, און ווער ס׳האָט מער מאַכט, דער האָט די דעה. ניט געקוקט אויף אַנדערע געפאַרן, באַשליס איך צו אַנטלויפן פון דער גרופּע. מיר שטייען־אָפּ צו ביסלעך אויפן וועג, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט דרייען מיר אַריין אויף אַ זייטיקן וועג אין וואַלד און פאַרשווינדן. זאָל קומען, וואָס באַשערט, נאָר... דעם אויטאָמאָביל אָפּגעבן ווילן מיר ניט.

מיר אַנטלויפן פון די באַשיצער.

אויף דער ווייסרוסישער גרענעץ

מיר האָבן אויסגעמיטן דורכצופאָרן די שטאָט דווינסק. צו ענג און טומלדיק איז געווען אויף די גאַסן. ערטערווייז האָט דאָרט געברענט. מיר האָבן מורא געהאַט, מ׳זאָל ניט צונעמען אונדזער אויטאָמאָביל. מיר זיינען דעריבער געפאָרן מיט זייטיקע וועגן, דערגרייכט קרעסלאַווקע און אינדרע אין לעטלאַנד, און צום סוף, — די גרענעץ פון ווייסרוסלאַנד. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה, אַ גאָר גרויסע צרה.

ווייטער פאָרן לאָזט מען ניט. ביי דער גרענעץ ליגן שוין הונדערטער פּליטים פון ליטע און לעטלאַנד, און זייער צאָל וואַקסט פון שעה צו שעה. אויף אַלע בקשות און טענות האָט די סאָוועטישע גרענעץ־וואַך איין ענטפער:

— ס'איז אַ באַפעל קיינעם ניט דורכצולאָזן! אָפּטרעטן צוואַנציק טריט! ווען ניט, שיסן מיר! מיר שיסן!

ביי דער גרענעץ זיינען מיר געלעגן צוועלף טעג, צוועלף לאַנגע, וויסטע טעג און נעכט. מען לאָזט אונדז ניט לויפן ווייטער, מען לאָזט זיך ניט ראַטעווען. דערווייל האָט די צאָל פּליטים דערגרייכט אין די טויזנטער. דעם אויטאָמאָביל האָבן מיר פאַרשטעקט אין וואַלד־געדיכטעניש, און אליין זיך געוואַלגערט אין אַ דערבייאיקן שייער. די היימישע שפּייז גייט שוין צום סוף, מען הונגערט שוין ביסלעכווייז. מחנות מענטשן, מייסטנס יידן און וואָר־ניט־וואו אויך ניט־יידן, וואַלגערן זיך אין די אָרומיקע גראָבנס, אין די וועלדער און פעלדער, בעטן זיך רחמים, מען זאָל לאָזן לויפן, זיך ראַטעווען... מען לאָזט ניט. נאָר קאָמוניסטן, פאַרטיי־מיטגלידער מיט כשר'ע פּאַפּירן אין די הענט, לאָזט מען דורך. מיר, די איבעריקע, זיינען טריף; אונדז לאָזט מען ניט, מיר האָבן ניט קיין רעכט זיך צו ראַטעווען, כאָטש מיר זיינען שוין איבער אַ יאָר צייט געווען סאָ־וועטישע בירגער.

די דייטשן מאַרשירן מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט. ווי שדים און רוחות טראָגן זיך פאַרויס מאָטאָריזירטע טיילן און וואַרפן אָן אַ אימה. זיי דעריאָגן און שטעלן אָפּ יעדע באַוועגונג. קאָוונע איז שוין לאַנג באַזעצט. אויך דווינסק און קרעסלאַווקע זיינען שוין אין זייערע הענט. און נאָר דאַן, ווען די דייטשן זיינען שוין געווען צען־צוועלף קילאָמעטער פון דער לעטיש־רוסישער גרענעץ און די גרענעץ־וואַך איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן — נאָר דאַן האָבן מיר געקאָנט זיך רוקן פאַרויס. ווי ווייט וועסטו שוין לויפן, ווען די גוואַלטיקע מאַכט פון שונא איז אַזוי נאָענט, ווען זי טרעט דיר שוין אויף די פּיאַטעס?

איך האָב אָפט, זייער אָפט געטראַכט, צי די רוסן, אונדזערע דאַמאָלסטיקע פריינט און באַשיצער, האָבן ניט אַ שולד אין טויט און אומגליק פון צענדליקער טויזנטער אונדזערע ברידער? דאָס זעלבע, וואָס מיט אונדז ביי דעם ביגאָ־סאָווער גרענעץ־פּונקט, האָט זיך דאָך אָפּגעשפּילט אויך אין אַנדערע גרענעץ־ערטער. פאַרוואָס האָט מען וואָכן־לאַנג געהאַלטן פאַרשפּאַרט פאַר אונדז דעם וועג? פאַרוואָס האָט מען ניט געלאָזן גיין פאַרויס ביז... ביז מען איז צום סוף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די מערדער? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

דאָס איז בלויז איינער פון די פיל „פאַרוואָסן", וואָס מיר פרעגן און שרייען צו דער וועלט און צו אונדזער שיקזאַל, וואָס האָט אונדז אַזוי ביטער צו־געשפּילט...

מיר זיינען שוין אויף דער ווייסרוסישער ערד. עס רעגנט. די וועגן שלעכטע, זומפּיקע, גרוב־אַריין, גרוב־אַרויס. דער אויטאָמאָביל ציט מיט די לעצטע כוחות. נאָר ניט לאַנג האָט ער אונדז מער געדינט. עטלעכע מאָל איז אונדז געלונגען אים אָפּצושרייען, ביז צום סוף אַ גרופּע סאָלדאַטן מיט אַן אָפיצער בראש האָט זיך אויף אים „מרחם געווען" און אים צוגענומען. אונדז מיט די קינדער, מיט די בעבעכעס האָט מען אַרויסגעוואָרפן אויפן וועג, ניט ווייט פון שטעטל סאַריאַ, הינטער ביגאָסאָוואָ.

וואָס טוט מען? ווי לויפט מען ווייטער? ווי ראַטעוועט מען פרוי און קינדער? דער שונא איז נאָענט, ער איז הינטערן רוקן...

ניט לאַנג האָט געדויערט דער ישוב־הדעת. אַוועקגעוואָרפן אַלע זאַכן און צופוס געלאָזט זיך גיין ווייטער.

אין קעסלרינג ביים שונא

עס איז ניט וויכטיק צו דערציילן, ווי מיר זיינען געגאַנגען — צוויי פּאַר־וואָרפענע פאַמיליעס מיט שוואַכע פרויען און קינדער. אַן רחמנות האָט די יולי־זון געבערענט אונדזערע פאַרשמאַכטע קערפּערס; אַן רחמנות האָבן שטיינער געשניטן די צאַרטע קינדערשע פיסלעך. הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע האָבן מיר זיך געשלעפּט איבער שטויביקע וועגן און שטעגן פון ווייס־רוסלאַנד. און דאָך זיינען מיר געגאַנגען פאָרויס, פאָרויס. עס האָט אונדז געטראָגן דער אימפּעט, ס'האָט זיך געשאַפן מוט און האָפנונג... דער געדאַנק, אַז מען מוז לויפן און זיך ראַטעווען האָט אונדז געגעבן כוחות אין משך פון די עטלעכע וואַנדער־וואָכן.

עס איז אויך ניט וויכטיק, ווי אַזוי איך האָב זיך איינקורצן איינגעשאַפט אַ גאַנצע באַוועגלעכע באַלעבאַטישקייט, — אַ פערד מיט וואָגן, אַ קו, וואָס האָט אונדז אונטערוועגס געקאָרמעט מיט מילך, אַ פּאָר שעפּסן, וואָס האָבן אונדז גע־שטאַרקט מיט זייער פליייש; ווי מיר האָבן דערוואָרבן הינער, אייער, מעל צום באַקן ברויט און אַנדער האָב־און־גוטס. אגב, טאָר מען ניט אויסזאָגן אַלצ־דינג, מ'קאָן אונדז נאָך חושד זיין אין עפּעס־וואָס... נאָר דאָן האָט דער הונגער, די געפאַר און דער אינסטינקט צום לעבן און זיך ראַטעווען ניט געמאַכט קיין שאלות ומענות.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען און דורכגעפאָרן צענדליקער „קאָלכאָזן" (גרויסע קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפטן אָדער פאַרמס) און „סאָווכאָזן" (סאָוועטישע, ד. ה. מלוכהשע לאַנדווירטשאַפטן), וואָס זיינען שוין געווען פאַרלאָזן אָדער האַלב־פאַרלאָזן פון זייערע בעלי־בתים. טויזנטער און צענדליק־טויזנטער קעפּ בהמות, חזירים און שעפּסן האָבן פול געמאַכט און פאַרשטאָפּט די וועגן און אויפגעהויבן וואָלקנס פון שטויב. דאָס האָט מען זיי געטריבן צו מזרח, צו די ווייטערע רוסישע

געביטן, און געוואַלט ראַטעווען פון שונא. פויערים, יינגלעך און שיקסעס האָבן זיך געטראָגן אויף פערד איבער די וועגן און פעלדער און געיאָגט פאָרויס די צעווילדעוועטע, הונגעריקע בהמות. אַלץ, — סאָלדאַטן, אויטאָס, פּליטים, פורן, בהמות, פויערים — אַלץ האָט זיך דורכגעפלאָכטן אין אַ געדיכטן לויפנדיקן קנויל.

איבער אַ שטויביקן זאַמדיקן וועג צווישן הויכע ווענט פון טויזנטיאָריקע געדיכטע וועלדער דערנענטערן מיר זיך צו דער שטאָט נעוועל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו וויטעבסקער גובערניע, איצט צו קאַלינינער אָבלאַסט. דער דייטש, זאָגט מען, געפינט זיך הינטער אונדז אויף צען־פופצן קילאָמעטער. מיר שטרענגען אָן אַלע כוחות צום גיין פאָרויס־פאָרויס און אַרויפצוקומען אויפן לעטינגראַדער שאָסיי, וואָס גייט פאַרביי עטלעכע קילאָמעטער הינטער נעוועל. מיר זיינען שוין נאָענט צו נעוועל און... דאָ איז געשען אזוינס, וואָס ניט נאָר מיר, נאָר ווייזט אויס, אויך רוסישע הויכע מיליטער־לייט האָבן זיך צוגערשט ניט געקאָנט פאָרשטעלן: אַ מיליאָניקע רוסישע אַרמיי אויף אַ גרויסן שטח איז אַרומגערינגלט געוואָרן ביי פּאָלאָצק־נעוועל, און נאָך אַ מערטאָגיקן העפטיקן קאַמף איז זי געבליבן צעשמעטערט און געפאַנגען אין קעסלרינג (אַרומרינג־לונג) פון די דייטשן.

ס'איז ניט מיין זאַך צו שילדערן די דראַמאַטישע סצענעס, וואָס האָבן זיך דערביי אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן: ווי דער גאַנצער שטראָם פון מיליטער, פּליטים און בהמות, וואָס האָט זיך געריסן פאָרויס, האָט מיטאַמאָל זיך אַ וואָרף געגעבן אויף צוריק, ווען מ'האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם שונאס וואַנט פון שטאָל און פייער פון פאָרנט, אין פּנים אריין; ווי מען האָט דעם שונא פון פאָרנט צוערשט אָנגענומען פאַר אַ קליינעם לופט־דעסאַנט און פּרובירט אים פאַרטרייבן; ווי סאָלדאַטן האָבן דערנאָך געוויינט ווי קליינע קינדער, זעענ־דיק אַז מען קאָן די אַרומרינגלונג ניט דורכברעכן, און ווי אַנדערע האָבן, פאַר־קערט, מיט פרייד געוואָרפן די ביקסן און געפרייט זיך, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף שוין זיין אין געפאַנגנשאַפט. ס'איז אַ באַזונדערע און רייכע טעמע פאַר זיך צו שילדערן די צערודערונג, די שטימונג און די מעשים, וואָס האָבן זיך דאַן אָפּגעטאָן אויף און הינטער דעם פראָנט. כאָטש איך בין געווען אַ סאָלדאַט און אפילו אַ רעזערוו־אָפיצער פון דער ליטווישער אַרמיי, נאָר איך האָב קיין אַנונג ניט געהאַט פון אזוינע דראַמאַטישע און האַרץ־רייסנדיקע סאָלדאַטן־סצענעס, וואָס איך האָב זיך דאַן אָנגעזען.

פאַר אונדז האָט זיך אַלץ געענדיקט. מיר זיינען געבליבן שטיין פאַר דעם ביטערן שוידערלעכן פאַקט, אַז מיר, אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע פּליטים, זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם שונאס הענט. אונדזער וועג פאָרויס האָט זיך פּלוצלונג

אפּגעהאַקט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טרויעריקער, מוטלאָזער און האָפענונגס־לאָזער וועג אויף צוריק.

דער וועג צוריק.

מיר זיינען שטעקן געבליבן אין דעם קליינעם דערפל פּאַראַמקי, אַ צען־צוועלף קילאָמעטער פון נעוועל, אין אַ געגנט פון גרויסע וועלדער. דעם דייטש האָבן מיר נאָך ניט געזען, נאָר זיין חיהשן אָטעם האָבן מיר שוין שטאַרק גע־פילט. די גאַנצע געגנט, די שטעט, דערפער, וועגן און שטעגן זיינען פאַר־פלייצט געוואָרן מיט רוסיש־געשריבענע פלוג־צעטלען, וואָס האָבן געזידלט און צונישט־געמאַכט די סאָוועטישע מאַכט און האָבן באַשולדיקט די יידן אין אַלע צרות און אַנשיקענישן, וואָס זיינען געקומען אויפן רוסישן פאָלק. יעדער אויפרוף האָט זיך געענדיקט מיטן באַקאַנטן נוסח: „בעי זשידאָוו אי פּאָליט־רוקאָוו״. ד. ה. שלאָג די יידן און די פּאָליטישע פירער. און פיל פון די גויים, פון די נעכטן־טרייע סאָוועטישע בירגער, האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, בפרט, אַז מ׳הייסט שלאָגן די יידן.

אונדזערע בעלי־בתים און שכנים אין דערפל האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער אָפּציען פון דאַנען. אונזער לעבן איז דאָ ניט זיכער, זיי גאַראַנטירן ניט פאַר זיך אַליין... קיין אַנדער ברירה איז אונדז דאַן ניט גע־בליבן, ווי „אומקערן זיך צוריק אַהיים״ (אַזוי נאַאיוו זיינען מיר נאָך דאַן געוועזן!), דורך לעטלאַנד קיין ליטע.

כמעט מיט די זעלבע וועגן האָבן מיר זיך געלאָזט אויף צוריק. די זעלבע ווייסרוסישע פּויערים, וואָס האָבן אונדז פריער אויפגענומען מיט אַזוי פיל פריינטשאַפט און מענטשלעכקייט, האָבן אונדז איצט אפילו ניט געוואָלט צו־לאָזן נאָענט צו די הייזער. אין די פּאַרוואָפּנסטע העקן האָט מען שוין געפילט אינסטינקטיוו, מיטן אונטערבאַוואוסטזיין, אַז מיר, די יידן, זיינען די פּאַראור־טיילטע, די כפרות, און מען דאַרף זיך דעריבער פון אונדז וואָס גיכער אָפּ־טרייסלען.

מיט צעבראָכענע געמיטער און אַנטוואָפּנטע, — שוין אָן קוראַזש און אָן האָפענונג, — האָבן מיר זיך ווידער געשלעפּט איבער צעשטערטע וועגן, אויפ־געריסענע בריקן, צעברענטע דערפער און ווידער דורכגעמאַכט הונדערטער שווערע קילאָמעטערס. ווי הונגעריקע וועלף מיט צערייצטע אַפּעטיטן האָבן זיך איצט געשלעפּט איבער די וועגן באַנדעס פון דעמאָראַליזירטע געוועזענע קאָלכאָזניקעס (דאָס הייסט, איינוואוינער פון די סאָוועטישע קאָלעקטיווע פאַרמס, וואָס די דייטשן האָבן איצט פונאַנדערגעלאָזן). מיט גיריקע בליקן האָבן זיי געקוקט אויף אונדזער פערד־און־וואָגן און אויפן איבעריקן „רייכן״ האָב־און־גוטס.

מיר זיצן ביים ראַנד פון אַ וועלדל און רוען זיך אָפּ אַ ווײַלע. מיר הערן פון ווײַטן אַ טומל, געשרייען. עס דערנענטערט זיך אַ גרופּע קאָלכאָזניקעס.

— קינדער, — הערן מיר ווי איינער שרייט אויס, — זעט וואָס פּאַר אַ שיינעם פערד זיי האָבן! (דער שיינער סוס, נעבעך, האַלט זיך קוים אויף די פיס). אַזאַ פערד וואָלטן מיר טאַקע דאַרפן האָבן... איך מיין, זיי וועלן אונדז אָפּגעבן דעם פערד מיט גוטן... אַ געשענק, אַן אָנדענקונג פון זיי... — מען נעמט זיך אויסשפּאַנען דעם פערד. איך לאָז ניט, איך ראַנגל זיך מיט זיי; עס וויינען די קינדער, עס שרייען די פרויען. מיט אַ מעסער אין האַנט פאַרטיידיק איך דעם פערד, נאָר עס העלפט ניט. וואָס קאָנסטו טאָן קעגן אַ באַנדע, באַוואָפנטע מיט מעסערס און היי־גאָפּלען? אַ צעשלאָגענער בלייב איך ליגן, ניט אַרויס־לאָזנדיק דעם פערד־צאַם פון די הענט.

וואָס טוט מען אָן אַ פערד? דער וואָגן אליין גייט ניט. די פרוי און קינדער קוים וואָס זיי האַלטן זיך. ווי שלעפּט מען זיך ווייטער? איך נעם זיך אָן מיט מוט און גיי זוכן הילף אין אַ דערבייאיקן דערפל.

איצט איז שוין געגאַנגען שנעל מיטן „אויסליציטירן" דאָס איבעריקע האָב־און־גוטס. פאַרן צופירן ביז דער גרענעץ־סטאַנציע ביגאָסאָווא האָב איך אָפּגע־געבן דעם וואָגן. די קו (אוי, וואָס פאַר אַ טייערע קו, ווי צונוץ זי איז אונדז געקומען!) אויסגעביטן אויף אַ פּאָר לאַבנס ברויט, צען פונט קאַרענע מעל מיט עטוואָס פלייש און פוטער. אַזוי ווי ס'איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען, האָבן מיר זיך געמעלדעט צום דייטשן קאָמאַנדאַנט פון ביגאָסאָוואָ.

מען האָט אונדז געהייסן בלייבן אויף דער סטאַנציע און וואַרטן ביז מאָרגן, ביז עס וועט קומען אַ משא־צוג. קיין שלעכטס האָט מען אונדז דערווײַלע ניט געטאָן. פאַרקערט, אַ פּאָר דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיך מיט אונדז אונטער־האַלטן, דערציילט, אַז זיי, די דייטשן, טראָגן מיט זיך „קולטור און באַפרייאונג פון סאָוועטישן יאָך". פאַר די קינדער (ווי פאַרשמאַכט זיי זיינען געווען!) האָבן זיי געבראַכט שוואַרצע קאַפּע מיט קעקס. נאָך אַ מעת־לעת וואַרטן האָט מען אונדז אַרויפגעזעצט אויף אַן אָפענער פּלאַטפאָרמע פון אַ משא־צוג און אָפּגע־שיקט אין דער ריכטונג צו דווינסק.

פינצטער און ביטער איז געווען דער וועג צוריק... אויף די באַן־סטאַנציעס אין לעטלאַנד האָבן אונדז באַגעגנט גרופּעס פון באַוואָפנטע „אייזסאַרגס" (אַ מין לעטישע געהילפס־פּאָליציי, פאַשיסטישע באַנדיטן) און אונדז דורכגע־שטאָכן מיט פינצטערע בליקן. מיט אַלע חושים האָבן מיר געפילט, אַז מיר זיינען אין די הענט פון געוויסנלאָזע באַנדיטן און מערדער. אָבער וועגן דעם, וואָס עס וואַרט אויף אונדז אין דער ווירקלעכקייט, וואָס עס גרייט פאַר אונדז דער קומענדיקער טאָג, — וועגן דעם האָבן מיר קיין באַגריף, קיין אַנונג ניט געהאַט.

דער „ברוך הבא" אין דווינסק.

אינדערפרי, ווען די ערשטע שטראַלן פון זון־אויפגאַנג האָבן געגרויטלט דעם הימל, זיינען מיר אָנגעקומען אויף דער דווינסקער באַן־סטאַנציע. דאָ האָט שוין געוואַרט אויף אונדז אַ גרופּע „אייזסאַרגס". מ'האָט אונדז באַפוילן אויסשטייגן, נעמען די פּעקלעך און גיין. עס האָבן ניט געהאָלפן אונדזערע טענות, אַז לויטן באַפעל פון די דייטשן „פאָרן מיר אַהיים, קיין ליטע". מען האָט אונדז געענטפערט מיט אַ ציניש געלעכטער, אַז אַהיים פאָרן דאַרפן מיר ניט, דאָ איז שוין פאַר אונדז אָנגעגרייט אַ גוטע היים. וואָס דאָס האָט באַדייט האָבן מיר נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען.

אויסגעמאַטערטע, אויסגעהונגערטע און ניט־דערשלאָפענע, מיט שווערע פּעקלעך אויף די פּלייצעס, האָט מען אונדז געטריבן איבער דווינסקער האַלב־הרובע צעבראָכענע גאַסן. מיר זוכן יידישע פּנימער צו פרעגן, וואָס דאָס באַדייט, וואוהין טרייבט מען אונדז, — נאָר קיין ייד איז „אויף אַ רפואה" ניט צו זען.

די זון נעמט באַקן אַלץ שטאַרקער. עס גיסט זיך פון אונדז טייכן שווייס. די פאַרשלאָפענע קינדער און אויך מיר גרויסע, גייען און פאַלן, גייען און פאַלן איבער גאַסן און געסלעך און פוסטע פּלעצער, — און וואוהין מען טרייבט אונדז ווייסן מיר ניט. איך מערק, אַז דער וועג פירט צום טייך, די דווינע.

צום סוף קומען מיר צו אַ שמאָלן הילצערנעם בריק, אַ מין קלאַטקע, וואָס איז, ווי עס שיינט, ניט לאַנג געמאַכט געוואָרן. מיר גייען אַריבער דעם טייך און דערנענטערן זיך צו הויכע שטיינערנע ווענט. איך דערמאָן זיך, אַז דאָס איז אַ טייל פון דער אַמאָליקער דווינסקער פעסטונג (דווינסקער קרעפּאָסט), וואָס מיר זיינען מיט עטלעכע וואָכן צוריק פאַרבייגעפאָרן. עס דויערט ניט לאַנג, און איך ווער מיטאַמאָל איבערראַשט פון אַן אומגעזעענעם בילד, וואָס האָט אויפגעטויכט פאַר אונדז ווי פון די צייטן פון מיטעלעלטער.

אונטער באַוואַכונג פון עטלעכע פּאָליציסטן, שלעפּט זיך פון דער פעסטונג אַ גרופּע מענטשן, — יונגע און אַלטע, מענער און פרויען. ביי יעדן אויף די קליידער איז אָנגענייט אַ גרויסער געלער „מגן־דוד" אויף דער ברוסט און רוקן, און ביי די מענער חוץ־דעם אויך אויף דער לינקער קני. איך קוק אויף די מענטשן, איך קוק און איך שטוין... איך קאָן ניט אָפּרייסן פון זיי מיין בליק. עס מישט זיך מיר אין קאָפּ. וואָס זע איך דאָ? צי שלאָף איך אפשר, איך חלום?

דאָך, איך שלאָף ניט! איך זע דאָך לעבעדיקע מענטשן. דאַכט זיך, זיי זיינען יידן. מיר גייען צו עטוואָס נענטער. יאָ, זיכער יידן! איך הער דאָך, ווי זיי ריידן צווישן זיך יידיש, שטיל און צעשראָקן. אַ גרויל, אַן עלנט, אַ

געפיל פון אוממענטשלעכער באַליידיקונג און ווייטיק האָט מיך און אונדז אַלעמען אַרומגענומען...

הייסט עס, דאָ האַלט מען איינגעשפּאַרט די יידן? הייסט עס, אויך אונדז פירט מען אַהין? מיר זיינען מיטאַמאָל אַלט און קלוג געוואָרן — מיר האָבן שוין אַלץ פאַרשטאַנען.

דאָס איז געווען דער פינפטער אויגוסט 1941, אויף דער זיבעטער וואָך פון אונדזער לויפן פון ליטע און עלנטער אַרומשלעפעניש איבער וועלדער און פעלדער פון ווייסרוסלאַנד.

פון דאַן אָן האָט מען אונדז געמאַכט פאַר תושבים פון דווינסקער געטאָ, און מיר האָבן מיטגעמאַכט דעם זעלבן וועג, ווי אַלע דווינסקער און אַרומיקע יידן. איך בין מיט פיל פון זיי געוואָרן נאָענט באַקאַנט, דערוואָרבן מערערע פריינט און מיט אייניקע בין איך דערנאָך געווען צוזאַמען אין ריגער געטאָ און אין אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און צוזאַמען אַנטלאָפן אין די וועלדער.

זאָל איך פּרובירן איבערגעבן דעם גאַנג פון די ווייטערדיקע געשעענישן אין דווינסקער און ריגער געטאָס, אין די דערמאָנטע לאַגערן און וועלדער?

זאָל איך אויפרייסן פרישע וואונדן, נאָך ניט פאַרהיילטע וואונדן אויף אונדזער פיל־געליטענעם פאָלקס־קערפּער? זאָל איך?

איך ווייס ניט, איך ווייס ניט... איך צווייפל.

מיר זיינען הפקר... מ׳יאָגט, מ׳לויפט... וואוהין?

קאַפּיטל 2.

אין דווינסקער געטאָ מיט לאַטוויש־ליטווישע ייִדן

דער בלוטיקער פאָרשפּיל אין טורמע.

האָט איר אַ באַגריף, וואָס עס מיינט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געטאָ, געטאָ־לעבן, געטאָ־אָרדענונג, „אַקציעס" (אָדער „אַקציאָנען"), געלע לאַטעס, ליקווידאַציעס אאַז"וו? געטאָס זיינען ניט קיין טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, און ס'איז שווער צו פאַרדייען אַזאַ דערשיינונג. וועל איך פּרובירן אייך איבערגעבן וועגן געטאָ־לעבן און געטאָ־טויט אין לייכטערע, ניט אַזוינע שטאַרקע און געדיכטע דאָזעס, ווי מיר אליין האָבן עס געטרונקען.

נאָר איידער איך פיר אייך אריין אין דעם אייגנאַרטיקן געטאָ־לעבן, מוז איך אייך באַקאַנען מיטן פאָרשפּיל, וואָס איז צוערשט פאָרגעקומען אין די ייִדישע הייזער, אויף די גאַסן און וועגן, און דער עיקר, אין דווינסקער גרויסער טורמע (וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דער אייזנבאַן־פּראַכט־סטאַנציע).

גלייך אויף מאָרגן ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען דווינסק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף ייִדן און אויף ייִדישע פאַרמעגן. די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט גלייך דערשמעקט, אַז ייִדיש לעבן, ייִדיש בלוט און ייִדיש האָב־און־גוטס זיינען הפקר. באַוואָוסטע שכנים, הויז־וועכטער, שקצים פון גאַס, דאָרף־פּויערים און סתם כוליגאַנעס מכל המינים האָבן זיך תיכף גענומען צו זייער בלוטיקער אַרבעט. ווער נאָר עס האָט געוואָלט (און ווער האָט עס ניט געוואָלט?) האָט זיך אָנגעראַבירט מיט ייִדישן האָב־און־גוטס. די ראָלע פון אָנפירער, דעה־זאָגער און טאָן־געבער האָבן דערביי געשפּילט די כוליגאַניש־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די „אייזסאַרגס" אין לעטלאַנד און די „שאַוליסן" אין ליטע. די דייטשע אָפיציעלע מאַכט האָט זיך די ערשטע טעג מיט די ייִדן ניט פאַרנומען.

ווער נאָר עס האט געהאַט אַ כעס אויף אַ ייִדן, אַן אַלטן חשבון מיט אים, אָדער סתם אן אויסגעטראכטן בילבול, האט פארמאסערט, אַז דער ייד איז אַ קאָמוניסט. אזא ייִדן האט מען גלייך דערשאסן אויפן אָרט אדער אריינגעזעצט אין געפענגעניש (דווינסקער טורמע). הונדערטער — הונדערטער ייִדן זיינען דאַן געכאַפּט געווארן פון זייערע הייזער, פון די גאסן, פון די וועגן און פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, וואו זיי האבן געהאפט צו געפינען אַ רעטונג. די וואס זיינען ניט דערשאסן געווארן אויפן אָרט, זיינען אַיינגעשפּאַרט געווארן אין דווינסקער גרויסער טורמע, וואו עס האט געווארט אויף זיי דאָס גרויזאַמסטע,

וואס מען קען זיך פארשטעלן. מען האט זיי דאָרט געפייניקט אויפן ראַפינירטסטן אופן, געמאַטערט מיט הונגער און דורשט, מיט פינגער־ברעכן, מיט שטעכן אונטער די נעגל, מיט ברענען, מיט עלעקטרישע דראטן און ענלעכע מיטלען. יעדע נאכט פלעגט מען די אומגליקלעכע „סאַרטירן", אָפּקלייבן אַ געוויסע צאָל, אינדערפרי ווידער פייניקן און אַרויספירן אויפן טורמע־הויף צום שיסן. צווישן די קרבנות זיינען אומגעקומען אויך הונדערטער יידן פון ליטע, וועלכע זיינען געלאָפן דורך דווינסק, נאָר זיינען שטעקן געבליבן אין שטאָט אָדער ארומיקע דערפער. הונדערטער פרויען, קינדער און מענער פון די לויפנדיקע יידן, וואָס מען האָט צוזאַמענגענומען אויף די וועגן און דערפער, זיינען שוין קיין לעבעדיקע ניט אַרויס פון דווינסקער טורמע.

„לית דין ולית דיין", — ניט געווען קיין דין און קיין דיין, קיין „פאַרוואָס" און „פאַרווען". עס האָט געהייסן, כלומרשט, אַז מען שיסט יידן־קאָמוניסטן פאַרן פייניקן פריער די לעטן, ניט־קאָמוניסטן, פאַרן אונטערצינדן, כלומרשט, די הייזער אין דווינסק און פאַר נאָך אַזוינע חטאים, צו וועלכע די יידן האָבן קיין ברעקל שייכות ניט געהאַט. די דווינסקער קריסטלעכע באַפעלקערונג פלעגט זיך רואיק צוקוקן פון די אַרומיקע הייזער און בערגלעך צו די פייני־קונגען און שיסערייען און פלעגט זיך רואיק עסן און שלאָפן, ווי גאָרנישט געווען.

ווען איך האָב שפּעטער, שוין נאָך דער מלחמה, באַזוכט דווינסק, האָב איך געפונען אויפן בלוטיקן טורמע־פלאַץ אַ רואיקן אומשולדיקן גאָרטן מיט לאַנגע, גראָדע בייטן, באַפלאַנצטע מיט קרויט און אַנדערע גרינסן; און אונטער די גרינע בייטן ליגן הונדערטער און אפשר טויזנטער (ווער קאָן וויסן זייער צאָל?) פאַרפּייניקטע דווינסקער און אַנדערע לאַטווישע און אַנגעלאָפענע ליטווישע יידן, וועמענס נעמען מען וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן אין דווינסק די הערשאָפט פון די דייטשן און זייערע טרייע שותפים, די לעטן. גליקלעך זיינען געווען די יידן וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד און דאָרט זיך ראַטעווען. מיר וועלן נאָך ריידן וועגן זיי, וועגן די יידן צוריקגעקערטע נאָך דער מלחמה פון רוסלאַנד.

דווינסקער געטאָ — אין אַלטן, האַלב־חרובן „קרעפּאַסט"

דווינסקער געטאָ האָט אויסגעזען אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע געווייגלעכע געטאָס. די געטאָ איז געווען ניט אין אַן אָפּגעזונדערטן טייל פון שטאָט, ווי למשל די געטאָס פון ריגע, קאָװנע, ווילנע, וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע, וואָס איך האָב געזען, נאָר אין אַ טייל פון דער געוועזענער אַלטער פעסטונג, — אין דעם טייל פון אַמאָליקן דווינסקער „קרעפּאַסט", וואָס געפינט זיך אויף גריוער זייט, דאָס הייסט, אויף דער אנדערער זייט פון טייך דווינע. דאָס אליין האָט שוין

געמאַכט דאָס געטאָ־לעבן איינאַרטיק, שווערער, פינצטערער און פּיינלעכער אין אַלע הינזיכטן.

האַלב־חרובע, מרה־שחורהדיקע, פינצטערע שטיין־געביידעס, צוזאַמענגע־שמאָלצענע אין אַ מאַסיוון בלאָק פון אפשר אַ קילאָמעטער אין דער לענג; אַ לאַנגער שמאָלער הויף ארום, מיט פון אמאָל פאַרפעסטיקטע היגלען, שוץ־גראַבנס, וואַסער־גריבער, שיס־לעכער; אַ וואַנט פון שטעכל־דראָט אַרום, וואַך־טורעמס, קאָמאַנדע־הויז, אַ שמאָלער ארויסגאַנג און אַ ספּעציעלער פּאָנטאָן־בריק איבער דער דווינע, — דאָס איז געווען דער אָרט פון דווינסקער געטאָ.

צוזאַמענגעפּרעסטע אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט און שטיקעניש אין די נאַסע און פינצטערע קאַזאַרמעס, שטאַלן, שפּייכלערס און דורכגענג פון דער אַמאָליקער פעסטונג, וואַלגערן זיך טויזנטער מענער, פרויען און קינדער, אַלטע און יונגע, שוואַנגערע און קימפּעט־פרויען, שוואַכע, קראַנקע און פאַרוואונדעטע, זיצן אויף דער הוילער ערד און שטיינער, אויף ברעטער, זעקלעך און פּעקלעך, שטייען אין די לאַנגע רייען נאָך אַ ברעקל ברויט, פורקענען זיך, וואַשן וועש, דערליידיקן די מענטשלעכע באַדערפעענישן און קאָכן טעפּלעך אין די שמוציקע הינטערהויפן, דורכגענג און קיכן, — דאָס זיינען געווען די איינוואוינער פון געטאָ.

צום פולן בילד דאַרף מען נאָך דערלייגן דעם דייטשן אויבער־קאָמאַנדאַנט מיט זיינע געהילפן און עצה־געבער, מיט די „עס.־עס." און „עס.־דע."־לייט, דעם לאַטווישן קאָמאַנדאַנט מיט זיינע פּאָליציסטן און „אייזסאַרגס" (פרייוויליקע געהילפס־פּאָליציסטן, — אַ לאַטווישע פאַשיסטישע באַנדיטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גרעסטנטייל דורכגעפירט די אויסמאָרדונג פון יידן אין לעטלאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער), דעם יידישן קאָמיטעט (להבדיל!) מיט זיינע יידישע פּאָליציסטן, אָרדנער, שפּייז־פאַרטיילער, אַרבעט־איינטיילער, דאָקטוירים און אַנדערע, — דאָס איז געווען די מאַכט און פאַרוואַלטונג פון דווינסקער געטאָ.

די אָפיציעלע דאַטע, ביז וואַנען דווינסקער און גריוועער יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וואוין־ערטער און זיך אַריבערקלייבן אין געטאָ, איז געווען דער זעקס־און־צוואַנציקסטער יולי 1941. דער באַפעל איז געווען שטרענג און קאַטעגאָריש. די פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון דייטשע העכערע אָנפירער מיט לעטישע פרייוויליקע משרתים, „אייזסאַרגס", כוליגאַנעס, באַנדיטן און אויסוואורפן מכל המינים, האָט נאָכגעקוקט, אז דער באַפעל זאָל ווערן גענוי און פּינקטלעך אויסגעפירט. ווער עס האָט אזוי שנעל ניט געפאָלגט, דעם האָט מען מיט געוואַלט אַרויסגעוואָרפן פון הויז אָדער אויפן אָרט דערשאָסן.

זייט איר ווען געגאַנגען אָדער, בעסער געזאָגט, האָט מען אייך ווען גע־טריבן אין געטאָ אַריין? אויב ניט, דאַרפט איר פּרובירן זיך פאָרשטעלן, ווי

אַזאַ בילד האָט אויסגעזען אין דווינסק. הונדערטער און טויזנטער יידן פון דווינסק, גריווע און ארומיקע ערטער שלעפן זיך אליין און שלעפן דאָס ביסל זאַכן אויף די אייגענע רוקנס, האַנט־וועגעלעך אָדער אויף פורן אין געטאָ אַריין, — דריי־פיר קילאָמעטער פון שטאָט־צענטער. ס'איז אַן אומהיימלעך בילד, האַרץ־רייסנדיקע סצענעס. מען שלעפט זיך מיט די לעצטע כוחות, מען פאַלט... אַ געוויין, געשריי. מען געזעגנט זיך מיט די אלטע איינגעזעסענע ערטער און מיטן גאַנצן האָב־און־גוטס, וואָס איז אזוי נויטיק און טייער און וואָס ווייזט אויס ווי אַ טייל פון דעם אייגענעם לעבן. און מען ווערט געיאָגט ווער ווייס וואוהין, צו אַ לעבן אויף הפקר, אויף פיין און שפּאָט, און אפשר... גאָר צום טויט? ווער ווייס? און די קינדער, די עופעלעך, די אלטע און שוואַכע, — וואָס טוט מען מיט זיי? וואָס וועט מיט זיי זיין? עס באַגלייטן שטעכיקע, אָפן־שפּאָטישע און באַ־האַלטן־שפּאָטישע בליקן פון די קריסטלעכע שכנים און מיטוואוינער. עס אַרט זיי ניט. אדרבה, זיי וואַרטן אָפּצולעקן אַ ביינדל און אפשר גאָר אַ פעטן ביין פון יידישן הפקר־געוואָרענעם, פאַרהאַרעוועטן פאַרמעגן. און די אַנטרייבער טרייבן, — עס איז קורץ די צייט. זיי יאָגן, זיי שלאָגן, זיי שיסן.

אָט אזוי, זעט איר, גייט מען אין געטאָ אריין. עס איז ניט היימלעך דאַן אויפן האַרצן. אוי, ניט פריילעך!

דער „אָבער־יודע" און זיינע מיטהעלפער.

דעם 5טן אויגוסט 1941, ווען איך בין אריינגעפאַלן אין דווינסקער געטאָ, האָב איך געפונען דאָס געטאָ־לעבן שוין אין פולן גאַנג. אפילו אַ קליינע, קונציק אָרגאַניזירטע מאַסן־שחיטה פון אַ פּאָר טויזנט יידן איז שוין דאָרט געווען דורכגעפירט. דער יידישער געטאָ־קאָמיטעט האָט דערפילט „ערלעך" אלע זיינע פונקציעס און געזאָרגט, ווי אַ טאַטע, פאַר זיינע יידן. אַ ראיה איז, אז גלייך ביים אריינקומען אין געטאָ האָט דער קאָמיטעט אונדז באַזאָרגט מיט געלע לאַטעס (גרויסע געלע מגן־דודס) און באַפעלן תיכף זיי אַנצונייען אויפן רוקן, ברוסט און לינקער קני. דאָס האָט געהייסן, אַז דערמיט זיינען מיר גע־וואָרן פול־באַרעכטיקטע געטאָ־בירגער.

די יידישע פּאָליציי־לייט (אינעווייניקסטע אָרדנונג־היטער), באַוואָפנטע מיט געלע בענדער אויף די אַרבל, האָבן געאַרבעט פלייסיק און מיט קוראַזש: געגעבן אַ שטויס און אַ בריק אויף לינקס און אויף רעכטס, און תיכף איז אויף דער ערד, אין דורכגאַנג צווישן צוויי גרויסע שטאַלן ביי דער מענערשער אויס־טריט־גרוב, געוואָרן פאַר אונדז אַ פּלאַץ צווישן די אָנגעוואָרפענע פעקלעך, זעק־לעך און בעבעכעס. אויף אזא אופן זיינען מיר באַזאָרגט געוואָרען מיט אַ דירה אין געטאָ.

אויך די שפייז־פאַרזאָרגונג האָט געקלאַפּט אויסגעצייכנט: אין געטאָ־קיך האָבן זיך געקאָכט עטלעכע גרויסע קעסלען מיט פאַרפוילטע קרויט און ווערעם. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זיינען נאָך געווען פרישע, ניט אַריינגעטראָגענע אין די לאַנגע רשימות פון עסן־נעמער, האָט מען אונדז גלייך דעם ערשטן טאָג מכבד געווען מיט טעלערס וואַרעמע זופּ צו דערקוויקן די נשמות.

פיל חטאים, און אפילו גאָר שווערע־שווערע חטאים, האָט מען פאַרגעוואָרפן דעם אָנפירער און די מיטגלידער פון דעם געטאָ־קאָמיטעט, די פּאָליציי־לייט, אַרבעטס־און עסן־פּאַרטיילער, די קרובים פון זיי און אַנדערע „יעלות", ווי מ'האָט זיי גערופן. איך ווייס ניט, צי אַלע פאַרוואורפן זיינען טאַקע געווען אמת און באַרעכטיקט, נאָר אַ גרויסער טייל איז עס יאָ געווען. אַ פאַקט איז, אז אויף די אַלע „הויכע פּאָסטנס" האָבן זיך געריסן מייסטנס מענטשן, וואָס האָבן אין דער צייט פון גרויסן פאָלקס־אומגליק געוואָלט לעבן אַ לייכטערן, באַקוועמערן און פעט־זאַטן לעבן, און דער עיקר, זיך איינקויפן חן און לאַנג־לעבן ביי די גאָר הויכע נאַצישע שררות. כדי דאָס צו דערגרייכן האָט אַ גרויסער טייל פון זיי געטראָטן מיט די פיס די אלע נאָרמאלע באַגריפן פון ערלעכקייט, יושר, מענטשלעכקייט און מענטשלעכע רעכט אויף לעבן. אויך דער דווינסקער געטאָ־קאָמיטעט מיט זיינע מיטהעלפער, ניט רעכנענדיק איניקע אויסנאַמען, זיינען ווייט ניט אָפּגעשטאַנען פון דעם דאָזיקן כלל. דאָס געטאָ־לעבן מיט אלע זיינע נעגאַטיווע דערשיינונגען, די פאַרפעסטעטע נאַצישע לופט און באַדן האָבן שוין גורם געווען צום פאַרדאַרבן און פאַרוואַנדלען אין טעמפּע עגאָאיסטן אפילו אין נאָרמאַלע צייטן גוטע, ערלעכע, אינטעליגענטע מענטשן. דאָס איז אַן אַלגעמיינער כלל, אָבער צום גליק, זיינען געווען אויסנאַמען, און אפילו בונטע, ליכטיקע אויסנאַמען פון דעם כלל.

אין די הענט פון פאָלגנדע פערזאָנען איז געלעגן די אינערלעכע מאַכט און פאַרוואַלטונג פון דווינסקער געטאָ:

אינזשיניער מישא מאָוושענזאָן מיט זיין פרוי גרוני'אַ (געב. ראַפּאַפּאָרט) און איר פאָטער און מוטער ראַפּאַפּאָרט;

גאַלפּערין (אַ דווינסקער בוכהאַלטער און כלל־טוער) מיט זיין פרוי;

דאָקטאָר דאַנעמאַן און פרוי;

דאָקטאָר וואָווסי (דער קינדער־דאָקטאָר) און זיין פרוי, געבאָרענע שטאַרק;

פרוי לאַנדאַו — האָט אָנגעפירט מיטן שפּייז־לאַגער און שפּעטער אויך מיט די אַרבעט־שטובן;

פּאַסטערנאַק (אַ קרעסלאַווער ייד) — איז לעצטנס געווען דער ראש פון דער אָרדנונג־פּאָליציי;

דימאַנט (צוויי ברידער), נחום פרעסמאַן (געווען אַמאָל אַ זייף־פּראָדוצירער) און זיין זון, אויך פייגין און נאָך אייניקע האָבן אויסגעפירט פאַרשיידענע פּוק־ציעס פון קאָמיטעט.

אינזשיניער מאָושענזאָן איז געווען דער אָנפירער, דער לעטסטער פון געטאָ־קאָמיטעט אָדער, לויטן דייטשן נוסח, דער „אָבער־יודע". דאָס איז געווען אַ קליין, באַגרענעצט מענטשל פון די אַמאָליקע דווינסקער גבירים און יחסנים, אָן אַ געזעלשאַפטלעכן נאָמען און וויט ניט קיין הויך־מאָראַלישע פּערזענלעכ־קייט, וואָס זאָל טראָגן אויף זיך דעם יאָך און צער פון דעם יידישן אומגליק. דאָס אַלץ זיינען געווען גאָר גרויסע מעלות אין די אויגן פון די דייטשע מאַכט־האָבער און דערצו נאָך אַלס אזאַ, איז ער געווען ריין פון יעדן חשד אויף קאָ־מוניזם. מענטשן, וואָס האָבן אים נאָענטער געקענט, פלעגן איבערגעבן, אַז ער געפינט זיך אונטערן שלעכטן איינפלוס פון זיין פרוי, וואָס זעצט פאַר אויך אין געטאָ צו שפּילן די ראָלע פון אַן אויפגעקומענער שטאָלצער „אַריסטאָקראַ־טישער" דאַמע.

כאָטש אין געטאָ האָט מען פיל ניט געהאַלטן פון דעם „אָבער־יודעס" כאַ־ראַקטער און האַנדלונגען, איז דאָך אומגלויבלעך צו וויסן, אויף וויפל עס איז אמת געווען די באַשולדיקונג קעגן אים, אַז לויט דעם פאַרלאַנג פון די דייטשן, האָט ער אין אייניקע פאַלן גענומען אויף זיך די פליכט צו אורטיילן און פאַר־טיילן די געטאָ־יידן, — ווער עס זאָל גיין צום טויט, און ווער עס זאָל נאָך בלייבן לעבן. דאָס איז אַ שרעקלעכע באַשולדיקונג, נאָר דער אמת וועגן דעם וועט שוין קיינמאָל, ווייזט אויס, פון דער ערד ניט אַרויסקומען, אַזוי ווי עס וועלן ניט אַרויסקומען דער פאַרדעכטיקטער און די פאַראורטיילטע.

דער „אָבער־יודע" מישאַ מאָושענזאָן און דער גאַנצער געטאָ־קאָמיטעט זיינען געווען ניט קיין געוויילטע פון די יידן, נאָר באַשטימטע פון דער לעטישער און דייטשער אויבער־מאַכט. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אזוי, אַז די פאַר־וואַלטונג־גרופּע איז באַשטאַנען פון דווינסקער אַמאָליקע „פּני", „נכבדים" און „יחסנים", וואָס זיינען מייסטנס געווען קרובהשאַפטלעך אָדער פריינטשאַפטלעך געקניפּט איינע מיט די אַנדערע און האָבן זיך קעגנזייטיק געדעקט און געהאָלפן. נאָר צולעצט, ווען די אומצופרידנהייט פון די „מאסן", מייסטנס פון די אַרבעטער און בעלי־מלאכות, איז אַריבער צו שטאַרקערע פּראָטעסטן, זיינען צו דער פאַר־טיילונג פון אַרבעט, איינטיילונג פון שפּייז, איינקוואַרטירונג און אַנדערע פאַר־וואַלטונג־געביטן צוגעלאָזן געוואָרן אויך זייערע פאַרשטייער.

אזוי, אין קורצן גערעדט, האָט אויסגעזען דער „אָבער־יודע" און פאַר־וואַלטונגס־אָרגאַנען פון דווינסקער געטאָ.

מען אָרדנט זיך איין אין געטאָ.

לויט די דאמאָלסטיקע אויסרעכענונגען פון געטאָ־קאָמיטעט, זיינען פון פערצן ביז זעכצן טויזנט יידן דורכגעגאַנגען דווינסקער טורמע און געטאָ צוזאַמען. ביים ליקווידירן די אַזוי־גערופענע גרויסע געטאָ, דעם ערשטן מאַי, 1942, זיינען געבליבן קוים 430־450 מענטשן, וועלכע זיינען אין 1943 צעוואָרפן געוואָרן איבער פאַרשיידענע קאָנצענטראַציע־און אַרבעט־לאַגערן.

ווער זיינען געווען די יידן, די איינוואוינער פון דווינסקער געטאָ? ווי האָט זיך געאָרדנט זייער געטאָ־לעבן? וואו זיינען זיי אַהינגעקומען? — לאָמיר גיין כסדר און אַריינדרינגען אין דער געדיכטעניש פון דווינסקער געטאָ־לעבן.

דעם קערן פון די געטאָ־איינוואוינער האָבן געבילדעט די דווינסקער און גריווער יידן גופא, און אַן ערך אַ פערטל איז באַשטאַנען פון צוזאַמענגעטריבענע פון די אַרומיקע שטעטלעך ווי קרעסלאַווע, אינדרע, אילוקשט, ליוועַנהאָף, סובאַט, דאַגדע, קאָרסאָווקע, לוצין, רעזשיצע און פיל אַנדערע, און פון ליטווישע יידן, וואָס זיינען געווען געלאָפן קיין רוסלאַנד, נאָר זיינען אונטערוועגס געבליבן אין דווינסק אָדער אַרומיקע ערטער. די לעטישע „אייזסאַרגס" זיינען, ווי הונגעריקע וועלף, אַרומגעלאָפן איבער די וועגן, שטעטלעך און דערפער און גרעסטן טייל יידן אויסגעמאָרדעט אויף די ערטער גופא, וואו מען האָט זיי געפונען, און זייער פאַרמעגן צעראַבירט און צעטיילט. די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די ערשטע שחיטות און זיינען געבראַכט געוואָרן אין דווינסקער געטאָ, זיינען געווען פון די גליקלעכע און האָבן נאָך געהאַט די זכיה צו לעבן אַ געוויסע צייט אויף דער ערד.

עס איז ניט צו באַשרייבן דעם כאַאָס, ענגשאַפט און שמוץ, וואָס האָט געהערשט די ערשטע וואָכן אין געטאָ, אין די פינצטערע פייכטע שטאַלן און קאַזאַרמעס פון אַלטן דווינסקער „קרעפאָסט". ניט געווען קיין בענקל, קיין בעטל, קיין טישל, ניט געווען גענוג וואַסער, קיין קיכן, קיין פּלאַץ וואו זיך צום וואשן, זיך אָפּרייניקן. די ענגשאַפט האָט דערמאָנט בוכשטעבליך, ווי הערינג ליגן צוזאַמענגעפּרעסט אין אַ פעסל. די מער אָרעמע באַפעלקערונג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שטוב־זאַכן, קליידער, גאָלד אָדער אַנדערע ווערטזאַכן אויסצובייטן ביי די קריסטן אויף אַ ביסל עסנוואַרג, האָט שוין געהונגערט פון די ערשטע טעג אָן. דער הונגער איז געוואָרן אַ שטענדיקער באַגלייטער, און גרעסטער טייל מענטשן האָבן שוין קיין זאַטן טאָג ניט געהאַט ביזן לעצטן מאָמענט, ביז זייער אומקום.

און אפילו גאָר גרויסע עשירות, פאַרמעגן מיט הייזער מיט פאַבריקן האָבן אין די געטאָ־יאָרן ניט געהאָלפן און ניט געשיצט פון הונגער און הונגער־טויט. אַזאַ טרויעריקן ביישפּיל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט איינע פון די רייכסטע דווינסקער יידישע פאַמיליעס, די גריליכעס־פאַמיליע, וואָס איז געווען איב־

האבער פון דעם גרעסטן און רייכסטן לעדער־פאַבריק אין געגנט. איך ווייס ניט גענוי, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַ טייל פון דער פאַמיליע אונטער דער קאָמוניסטישער הערשאַפט פון די רוסן אין 1940 (זיכער ניט קיין גוטס!), נאָר איך ווייס, אַז די איבעריקע, — אַ מאַמע מיט קינדערלעך און אַן אַלטע באָבע, — וואָס זיינען אריינגעפאלן אין געטאָ, זיינען געווען פאַראורטיילט צום הונגער אויפן זעלבן אופן ווי די אָרעמסטע פון די אָרעמע. און אויב די לעצטע פון דער אַמאָליקער רייכסטער דווינסקער פאַמיליע, די גריליכעס, האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצוגיין פון הונגער אין געטאָ, האָט זיך אונטערגעאיילט די מערדער־האַנט און פאַרענדיקט זייער לעבן.

נאָר ניט אזוי לייכט זאָגט זיך אָפּ דער ייד פון זיין איינגעבאָרענער לעבנס־לוסט, פון זיין עקשנותדיקן דראַנג צום לעבן, קעמפן, זיך אָרגאַניזירן געזעל־שאַפטלעך און אויסצוהאַלטן אלע גזירות און שוועריקייטן. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דאָס געטאָ־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן „נאָרמאַליזירן" און איינ־אָרדענען, אויף ווי וויט די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן האָבן עס דערלויבט.

דאָס ערשטע, וואָס דער געטאָ־קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט, זיינען געווען: 1) די יידישע געטאָ־פּאָליציי אויפצוהאַלטן די אינערלעכע אָרדנונג; 2) אַ קאָ־מיסיע פאַר ווירטשאַפט־ענינים, ווי איינטיילן פלעצער אין די גרויסע קאַזאַרמע־רוימען, באַזאָרגן מיט געהילץ צו מאַכן שלאָף־בענק און אַנדערע „מעבל", כלומרשט רעמאָנטירן די טירן, פענצטער און דעכער, אויפפּאַסן אויף ריינקייט אאַז"וו; 3) אַ קאָמיסיע פאַר שפּייז־פאַרזאָרגונג און 4) אַ קאָמיסיע פאַר קינד־ענינים. די לעצטע צוויי האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַפּראָוויזאַציע, מיט אכילה־ענינים, ווי איינקויפן, קאָכן און פאַרטיילן דאָס ביסל עסן פאַר די קינדער, הונגעריקע און אָרעמע; און דאָ האָבן די דעה־זאָגער אַ היפּש ביסל געזינדיקט; דער אייגענער מאָגן און גרויסער אַפּעטיט איז זיי געווען וויכטיקער, ווי טויזנטער פרעמדע.

ליידער, צוזאַמען מיטן ביסל גוטס און נוצלעכקייט, וואָס איז געלעגן אין דער אָרגאַניזירטער טעטיקייט פון די דאָזיקע פאַרוואַלטונג־אָרגאַנען, איז געווען דורכגעמישט שמוץ, צעפוילטקייט, קאָרופּציע, הפקרות און אלע אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען, וואָס זיינען געווען „נאָרמאַל" אין אזא אומגעזונטער און אומנאָרמאַלער באַשעפעניש וואָס הייסט „געטאָ", אָדער קאָנצענטראַציע־לאַגער. אויפן חשבון פון מענטשלעכער פּיין, אומבאַהאָלפנקייט, הונגער און טויט־שרעק האָבן זיך געהאָדעוועט געוויסנלאָזע פּאַראַזיטן, ענג־האַרציקע עגאָאיסטן און אויסנוצער, וואָס האָבן זיך דערלויבט אפילו הוליאַנקעס, בעלער און אַנדערע אומפאַרשעמטע נבלות. אין דעם זין איז דווינסקער געטאָ ניט אָפּגעשטאַנען, מסתמא, פון אַנדערע. נאַקעט־רוי, הפקרדיק, יושרלאָז און פּרינציפּלאָז איז גע־וואָרן דאָן די מענטשלעכע נשמה אונטערן דרוק פון נאַצישער פאַרווילדערונג.

די יידישע דאָקטוירים און זייער גורל

כמעט אַלע יידישע דאָקטוירים, צאָן־דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער, אַפּ־טייקערס און אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל שייכות צו מעדיצין, זיינען געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם נעבעכדיקן געטאָ־האָספּיטאַל. קיין גוטע דאָק־טוירים און קיין קראַנקע און פּאַרוואונדעטע האָבן ניט געפעלט, נאָר פּאַר דער קורצער פון די קראַנקע האָט געפעלט סיי מעדיצין און שפּייז און סיי זאָרג־פולע אויפפּאַסונג. דאָך האָבן די דאָקטוירים געבראַכט ניט ווייניק נוצן סיי פאַר די קראַנקע אין האָספּיטאַל, סיי פאַר די קינדער, און נאָך שוואַכע און קראַנק־געוואָרענע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין פאַרשיידענע געטאָ־רוימען.

אויך די דאָקטוירים צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, קרובים און באַדינער האָבן געבילדעט אין געטאָ אַ מין „העכערע קאַסטע", וואָס האָט גענאָסן פון פיל פּריווילעגיעס און האָט זיך געהאַלטן „פעסט" אויף דער אויבערפלאַך ביז דער ליקווידאַציע פון גרויס־געטאָ אין קרעפּאָסט.

אזוי ווי איך האָב די דאָקטוירים מיט זייערע משפחות אין געטאָ גוט גע־קענט, וועל איך אָנרופן זייערע נעמען און דערציילן וועגן זייער ווייטערדיקן גורל.

דער קינדער־דאָקטאָר וואַפּסי מיט זיין פרוי און ד"ר דאַנעמאַן וואָס זיינען געווען אינעם געטאָ־קאָמיטעט, זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט דעם גאַנצן קאָמיטעט דעם ערשטן מאַי, 1942, בשעת דער ליקווידאַציע פון דער גרויס־געטאָ. דר. וואַפּסי האָט געלאָזן נאָך זיך אַ נאָמען פון אַן ערלעכן און אָנשטענ־דיקן מענטשן, וואָס האָט זיך אָפּטמאָל אָפּגעגעבן מיט מסירת־נפש פאַר די נויטן פון די קינדער, שוואַכע און קראַנקע.

דר. גורעוויטש האָט געשפּילט אַ פירנדיקע אידעאַליסטישע ראָלע, מיט־גייענדיק אין דער אַזוי־גערופענער פּראָווינצער־יידן־אַקציע, וועגן וואָס איך וועל געניי דערציילן שפּעטער.

דר. קנאָך מיט זיין פרוי זיינען אומגעקומען אין דער שחיטה פון זיבעצטן אויגוסט 1941.

דר. דאַמיע, כירורג, האָט געלייטעט דעם געטאָ־האָספּיטאַל און איז אומ־געקומען צוזאַמען מיט דעם געטאָ־קאָמיטעט. זיין פרוי, אויך אַ מעדיצין־דאָק־טאָר, איז אין 1943 געווען ארויסגעשיקט אין ריגע, און איז נאָכדעם אומגע־קומען, ווייזט אויס, אין אַ קאָצעט אין דייטשלאַנד.

דר. וואַפּסי, דעם הויט־דאָקטאָר, וואָס איז געווען געבליבן אין דווינסק דער איינציקער ספּעציאַליסט פאַר הויט־קראַנקייטן, האָט מען געלאָזן אַרבעטן אין שטאָטישן קראַנקן־הויז צוזאַמען מיט כשרע, ניט־יידישע דאָקטוירים. דאָס איז געווען דער איינציקער אויסנאַם פאַר אַ יידן אין דווינסק, באַטש אינדרויסן האָט

ער אויך געמוזט גיין אינמיטן גאַס און טראָגן די געלע לאַטע. אין 1943 האָט מען אים אַרויסגעשיקט מיט זיין פרוי און זון קיין ריגע, וואו ער האָט ביז סעפּטעמבער 1944 געאַרבעט אין „לענטאַ", אַן אַרבעט־איינהייט פון דער געשטאַפּאָ. צוזאַמען מיט אַנדערע איז ער אין 1945 פאַרשוואונדן געוואָרן אין איינעם פון די קאַצעטן אין דייטשלאַנד. זיין פרוי איז פאַרגאַזט געוואָרן אין שטוטהאָף, דייטשלאַנד.

דר. ראָזנבלום, — האָט נאָך דער געטאָ־ליקווידאַציע געאַרבעט אין פאַרשיידענע אַרבעט־איינהייטן אַלס שווארץ־אַרבעטער און איז 1943 אַרויסגעשיקט געוואָרן אין קייזערוואַלד, ביי ריגע. דאָרט האָט מען אים מיט נאָך פיל יידן געשיקט אין אַ שטראָף־קאָמאַנדע אויסצוגראָבן טויטע און פאַרברענען זיי, און דאָרט איז ער דערשאָסן געוואָרן. זיין פרוי און טאָכטער, ארויסגעשיקטע אין דייטשלאַנד, זיינען, ווייזט אויס, אויך ניט געבליבן צווישן די לעבעדיקע.

דר. יודין און דר. איציקאָוויטש (אַ קאָוונער) — אין 1943 געוואָרן אָפּטראַנספּאָרטירט אין קייזערוואַלד און פון דאָרט קיין עסטלאַנד. אזוי ווי פון די יידן אין די עסטאָנישע קאַצעטן איז כמעט קיינער ניט לעבן־געבליבן, איז זייער גורל געווען דער זעלבער.

דר. גאָלדמאַן, — האָט 1943 פאַרסמט זיין שוועסטער און זיך אַליין, ווען מען האָט צוזאַמענגענומען דאָס לעצטע ביסל יידן אָפּצוטראַנספּאָרטירן פון דווינסק.

צאָן דאָקטאָר פרוי פּרעסמאַן — אומגעקומען 1944 אין דער גרויסער שחיטה אין שטראַסענהאָף (ריגע).

צאָן־דאָקטאָר פרוי וואָיען (געב. קאָלק, פון ליבאַווע) — געשטאָרבן פון טיפוס אין שטוטהאָף, 1944.

די לעבן־געבליבענע דווינסקער דאָקטוירים, וואָס איך האָב נאָכדעם געטראָפן, זיינען דר. לאַנדאַו מיט זיין פרוי, וועטערינאַר־דאָקטאָר בלאָכמאַן און פרוי, צאָן־דאָקטאָר אברהם מאַגיד (זיין פרוי און טאָכטער אומגעקומען), צאָן־דאָקטאָר פרוי מולער. לאַנדאַו און בלאָכמאַן האָבן זיך געראַטעוועט א דאנק דעם, וואָס באַקאַנטע לאַטווישע פויערים האָבן זיי אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צייט.

מערקווירדיק טראַגיש האָט זיך אָפּגעשפּילט דער שיקזאַל איבער דעם דווינסקער יידיש־קריסטלעכן דאָקטאָר קרעטשער. ער איז געווען אַ געשמדטער ייד, פאַרהיירעט פאַר א קריסטלעכער פרוי און פאַרנומען די אָפיציעלע שטעלע פון דווינסקער קרייז־דאָקטאָר. פון אָנהויב האָט אים די נאַצישע מאַכט ניט געשטערט, נאָר זיינע לאַטווישע קאָלעגן־דאָקטוירים האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז אים אונטערצוגראָבן און צום סוף אים פאַרמאַסערט דאָרט, וואו מען האָט געדאַרפט. דער סוף איז געווען, אַז זומער 1943 האָט דר. קרעטשער באַקומען

אַ באַפעל צו פאַרלאָזן זיין רעגירונגס-שטעלע, זיין הויז און פאַמיליע און גיין צו זיינע „יודען-גענאָסען", אין געטאָ אַריין.

דר. קרעטשער איז שוין אָבער ניט געגאַנגען, נאָר מען האָט אים געבראַכט אין געטאָ שטאַרבן, ווייל אַרויסגייענדיק פון זיין הויז האָט ער אַריינגענומען סם און איז געפאַלן אונטערוועגס. די קליין-געטאָ איז שוין דאַן געווען אין שטאָט גופא (אויף פּאָסטאַיאַלע גאַס), — און דאָרט האָט מען אים אַוועקגעלייגט אַ גוססדיקן אין גרויסן רוים, צוזאַמען מיט עטלעכע צענדליק יידן. איך האָב דאַן געקוקט אויף זיין בלאַס-גרינעם געזיכט מיט איינגעפאַלענע אויגן און שוים אויף די ליפּן, און מיין חבר לייב באַבראָוו האָט אַרויסגעזאָגט מיין געדאַנק:

— מערקווירדיק איז געווען זיין לעבן. געבאָרן געוואָרן ווי אַ כשרער ייד, געלעבט ווי אַ כשרער גוי, און איצט איז אים באַשערט צו שטאַרבן... ווידער ווי א כשרער ייד.

דער איינציקער זון פון דר. קרעטשער, וואָס איז געווען אַ טרייער לאַט-ווישער „עס. עס."-מאַן און געקעמפט אויפן פראָנט, איז צום גליק געפאַלן טויט; ווען ניט, וואָלט ער נאָך אפשר געהאַהט אויסצושטיין פאַר זיין טאַטעס טריפהנעם יידישן אָפּשטאַם.

געיעג נאָך אַרבעט און צעטלען צום לעבן.

ווי משונהדיק-ווילד און פאַרקריפּלט עס איז געווען דאָס געטאָ-לעבן! קיין אַרבעט, קיין באַשעפטיקונג פאַר אַלעמען איז ניט געווען, — און יידן האָבן זיך געריסן צו אַרבעטן, צו באַדינען און האַרעווען פאַר די בלוטיקע שונאים, צו ווערן געטריבן טאָג-טעגלעך אַ צענדליק קילאָמעטער צו און פון דער אַרבעט...

אַ טייל פון די בעלי-מלאכות, ווי אויך יונגע קינדער און פרויען האָבן גע-אַרבעט אין פאַרשיידענע ווערק-שטובן אין געטאָ גופא, און אזוי אַרום געליב-דערט טיילוויז די באַדערפעניש פון די געטאָ-איינוואוינער. עס זיינען געווען דאָרט איינגעאָרדנט שוסטעריי-שניידעריי-און סטאָלערײ-ווערקשטובן, קיך אַר-בעט, זויבערונג-אַרבעט אאַז"וו. חוץ-דעם וואָס די בעלי-מלאכות פלעגן קריגן באַצאָלט געלט פאַר זייער אַרבעט, פלעגט יעדער ארבעטער קריגן אויך בע-סערע עסן, אַן איבעריקן טעלער זופּ, אַ שטיקל ברויט, קאַרטאָפל.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין אַמאָליקן אָרגאַנאַמישן באַרוף און האָב זיך אַרויפגעאַרבעט ביז צו הויפּט-סטאָליער (קאַרפּענטער) פון געטאָ. געקלאַפּט נעגל אויף לינקס און אויף רעכטס, געמייסטערט שלאָף-בענק (קויקעס, נאַרעס), טישן און בענק, רעמאָנטירט די טירן, פענצטער און דעכער און אזוי ארום „געמאַכט אַ לעבן". אין אָוונט און באַנאַכט, נאָך דער אָפיציעלער אַרבעט, פלעג איך מיט מיין חבר קאַרטאַגין (אַ גריוועור ייד) מייסטערן פריוואַט טישלעך, שאַפקעס, שטולן און בעטן פאַר די רייכערע, און דאַן פלעגט צופאַלן אַן איבע-

ריקע שטיקל ברויט, צוקער און אַמאָל אויך פּוטער. איך בין געווען גליקלעך, קאָנענדיק מהנה זיין דערמיט די פרוי און קינדער.

די וואָס פלעגן גיין אַרבעטן אויסערן געטאָ, פלעגן זיך יעדן אינדערפרי אויפזאַמלען ביים געטאָ־טויער, וואו עס פלעגט פאָרקומען די אַרבעט־איינטיילונג פאַר צענדליקער דייטשע און לאַטווישע אַרבעט־איינהייטן. הונדערטער און טויזנטער פלעגן זיך רייסן צום טויער און זיך בעטן, מען זאָל זיי נעמען און טרייבן אויף ארבעט אין שטאָט אריין, צי אין אנדערע טיילן פון דווינסקער פעסטונג (ציטאַדעל). גליקלעך (אַזש אָך־און־וויי!) האָבן זיך געפילט די, וואָס דער דייטשער באַגלייטער אָדער דער יידישער אַרבעט־איינטיילער האָט געוואָרפן אויף זיי אַן אויג און זיי מזכה געווען מיט אַן ארבעטס־טאָג, און אַנטוישט זיינען געבליבן די, וואָס זיינען געבליבן שטיין ביים טויער, פאַרשפאַרטע אין די גרע־נעצן פון געטאָ.

פון וואַנען האָט זיך גענומען ביי יידן אזא משונהדיקער „דראַנג צו אַרבעט?"

אָט דער „דראַנג נאָך ארבעט" האָט אין דווינסקער געטאָ געהאַט זיינע באַגרינדעטע טעמים. ערשטנס, האָט יעדערער געוואָלט אַ צעטל, אז ער אַרבעט פאַר אַ מיליטערישער אָדער האלב־מיליטערישער ארבעט־איינהייט, ווייל אזא צעטל, האָט מען געהאָפט, וועט פאַרהיטן פון אַריינפאַלן צווישן די, וועלכע מען „נעמט" בשעת דעם אָפּקלייב צום טויט. און בלייבן צווישן די לעבעדיקע האָט דאָך יעדערער געוואָלט. צווייטנס, גייענדיק אויף ארבעט, האָט מען גע־האַט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט קריסטן און אויסבייטן וואָס־ניט־איז אויף עסנוואַרג. און דריטנס, האָט זיך בכלל געוואָלט כאָטש אויף אַ ווילע, זיך אַרויס־רייסן פון דער געטאָ־אַטמאָספער און אַנזען די לעבעדיקע וועלט, כאָטש אָך־און־וויי, ווי די גאַנצע ארומיקע וועלט האָט דאַן אויסגעזען אין אונדזערע אויגן!

אָפּגעריסענע און פאַרחושכטע, מיט געלע גרויסע מגן־דודס אויפן רוקן און ברוסט, מיט אָנגעהאַנגענע טאָרבעס און קאָך־קעסעלעך, אונטער דער שמירה פון דייטשן אָדער לעטן, זיינען יידן גרופּעסווייז, אין קאָלאָנעס, געטריבן געוואָרן יעדן פרימאָרגן צו פאַרשיידענע ארבעט־שטעלן אין שטאָט אריין און באַנאַכט צוריק איינגעשפּאַרט געוואָרן הינטער די ווענט פון שטעכל־דראָט. געיאָגטע, אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע און ניט דערשלאָפענע, אין שטענדיקער טויט־שרעק און אונטערן איינפלוס פון פאַרשיידענע קלאַנגען, אַז אָט מאָרגן־איבער־מאָרגן וועט מען ווידער „נעמען" (ד. ה. אָפּקלייבן צום טויט), האָט מען גע־חושכט אין געטאָ טעג, וואָכן און חדשים צווישן לעבן און טויט, ביז פאַר יעדערן האָט געקלאַפּט זיין באַשטימטע גורל־שעה. אָט ווי איך האָב אויסגעדריקט אונדזער שטימונג און געפילן אין אַ מין „ליד", וואָס איך האָב דאַן אָנגעשריבן און וואָס דער עולם האָט דערנאָך אָנגערופן „דער דווינסקער געטאָ־מאַרש" און געזונגען אין דווינסקער געטאָ און אויך אַנדערש־וואו.

דאָס „ליד" הייסט „לעבעדיקע מתים", און אָט איז עס:

לעבעדיקע מתים

(דער „געטאָ-מאַרש")

טיף אין וועלדער, ווייט אויף זומפּן,
סיי אין רעגן, שניי און ווינט,
סיי ווען פראָסט שניידט, ווי מיט מעסערם,
טרייבט מען זיי, ווי הפקר-הינט.
זעסטו דאָרט? מיט בייטשן, שטעקנס,
אין די בלאָטעס ביז די קני
יאָגט מען בונט-באַשטרייפטע ברואים, —
ניט קיין מענטשן, ניט קיין פי...

דאָס זיינען לעבעדיקע מתים...
היימלאָז, הילפלאָז, שוואַך און מיד!
דאָס זיינען מיר — מאָדערנע שקלאַפן —
דער געפּלאָגטער הפקר-ייד.

מיר, די לעבעדיקע מתים,
אויסגעפּייניקט און פאַרשמאַכט,
נאַקעט-באָרוועס, קוים אין שמאַטעס,
אויסגעהונגערט, אָפּגעשוואַכט,
בלאַסע שאָטנס אָן אַ קיום, —
גייען, פאַלן קראַנק און טויט:
ווער ס'קומט אום פון מכות-רצח,
ווער ס'גייט אוים פון הונגער-נויט.

עס פאַלן לעבעדיקע מתים... אאַז"וו.

מענטשן, קוים אויף פים וואָס שטייען,
ציען שווער דעם אַרבעט-שפּאַן:
האַקן ביימער, שלעפּן שטיינער,
בויען הייזער, וועגן, באַן.

דאָך ניט זאַט ווערט האַנט פון מערדער
זיי צו מאָרדן גרונטלאָז, קאַלט,
זיי צו פּייניקן סאַדיסטיש,
און פאַרניכטן יונג און אַלט.

מ׳פּייניקט לעבעדיקע מתים... א. אַז. וו.

עס קומט די נאַכט . . . צוריק אין לאַגער
טרייבט מען אונדז, ווי אַרבעטס־פערד.
באַוואַכט, פאַרשפּאַרט אין ענגע צעלטן
האַלט מען אונדז אויף הוילער ערד.
א נאַכט אָן רו, אין שרעק און קולות
ציט זיך מיד אין קבר־צעלט, —
קרעכצעט ווער פון וואונדן, ווייטיק,
ווער ס׳פאַרזינקט אין טרוימען־וועלט.

עס קרעכצן לעבעדיקע מתים, א. אַז. וו.

און מענטשן טראַכטן, מענטשן טרוימען:
אך, געווען אַמאָל א היים . . .
א פרוי און קינדער, ליבע, טרייע, —
א לעבן — ליכטיק, צאַרט און שיין.
פרוי און קינדער טויט, דערמאָרדעט . . .
אך, איינזאַם, פייגעלעך, אַוועק!
איז אויך א טרייסט — ס׳איז כאָטש געווען
קירצער זייער ליידנסוועג!

עס טרוימען לעבעדיקע מתים . . . א. אַז. וו.

עס איז נאָך נאַכט, מען שרייט שוין „אויפשטיין!"
עס הויבט שוין אָן יסורים־טאָג.
און אוים חלומות, אוים זכרונות,
און ווידער מערדעריי און פּלאָג!
און ווידער גייען, פאַלן מתים,
עס ווערט פאַרלאָשן לעצטער בליק . . .

קאָנען מיר זיי זיין מקנא,
ווייל אויך שטאַרבן איז אַ גליק.

עס שטאַרבן לעבעדיקע מתים, אאַז״ו.

און דאָך נאָך מתים האָפן, וואַרטן:
צי וועט גאולה קומען שנעל?
אָך, נאָר דערלעבן פיינטס מפלה!
עס דאַכט זיך, זי איז שוין ביים שוועל . . .
און כאָטש פאַרשטיינערט, קאַלט און פינצטער
איז אונדזער האַרץ, ווי ביי אַ מת,
דאָך אַ פונק אין האַרץ נאָך טליעט, —
אַ פונק פון האָפנונג אויף אַ נס . . .

עס האָפן לעבעדיקע מתים . . .
היימלאָז, הילפלאָז, שוואַך און מיד!
דאָס זיינען מיר, מאָדערנע שקלאַפן,
דער געפּלאָגטער הפקר־ייד.

געשריבן 1942, אין געטאָ דווינסק. אין דווינסקער געטאָ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פּאָפּערוואַלן און דונדאַגאַ האָט מען עס גערופן דער „געטאָ־מאַרש״ און געזונגען אויף פאַרשיידענע מאָטיוון.

אַן „אַקציע״ אין פולן גאַנג.

קאַפּיטל 3.

ווען ס'האָט מאַרשירט דער מאַרש פון שחיטה

די „פּראָווינצער־יידן־אַקציע"

מיר דאַכט זיך, קיין איין רואיקער טאָג איז ניט געווען אין אונדזער געטאָ־לעבן. אויב ניט קיין דירעקטע „אַקציעס" אָדער „אַקציאָנען", ווי מען האָט עס גערופן לויטן דייטשן נוסח, אָדער פּשוט אויף יידיש, אָרגאַניזירטע מאַסן־שחיטות, — האָבן שטענדיק זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען און באַוויזן, אַז אָט־אָט דער־נעענטערט זיך און קומט אָן אַ נייע אַקציע, אַז מען גראָבט שוין נייע גריבער, אַז אינגיכען וועט מען ווידער „נעמען" (ד. ה. אָפּקלייבן, נעמען צום טויט). די נערוון זיינען שטענדיק געווען געררייצט און אָנגעשטרענגט. מען האָט קיין רו ניט געהאַט ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט און געלעבט אין שטענדיקן שרעק, אין שטענדיקן אימת־מות.

די ערשטע מאַסן־שחיטה אין דווינסקער געטאָ, וואָס איז פאָרגעקומען אָנ־הויב אויגוסט 1941, איז געבליבן אונטער דעם נאָמען „די פּראָווינצער־יידן־אַקציע", ווייל דאַן זיינען אומגעקומען מייסטנס יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון פּראָווינץ. אויב מיר זיינען נאָך געווען ווייניק געלערנט און באַהאַוונט אין מאַסן־שחיטות, האָט אונדז די אַקציע איבערצייגט, מיט וואָס פאַר פאַלשקייטן, פאַרמאַסקירטקייט און אָפּנאַרערייען די געניאַלע דייטשע מאַסן־מערדער פירן דורך זייער אַרבעט. אזא מעטאָד האָט זיך געפאָדערט, כדי לייכטער אריינצוקריגן און צעטומלען די קרבנות.

אין די ערשטע טעג, ווען צוליב ענגשאַפט איז אין געטאָ פּשוט קיין פּלאַץ ניט געווען וואו אריינצופּרעסן די אומגליקלעכע יידן, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז עטלעכע קילאָמעטער פון דווינסק איז געעפנט געוואָרן אַ שפּאָגל־נייע באַקוועמע געטאָ; אלע, ווער נאָר עס וויל, קאָנען דאָרטן אריבערגיין, נאָר אויפן ערשטן אָרט ווערן איינגעלאַדן די פּראָווינצער, ד. ה. די ניט־דווינסקער יידן. די פּראָווינצער יידן, מייסטנס בעלי־מלאכות, האַרעפּאַשניקעס, קרעמניקעס, אַרבעטזאַמע פאָלקס־מענטשן, און אַ קליינער טייל אויך דווינסקער, האָבן זיך דערמיט דערפרייט, אויפגעלאָדן אויף די רוקנס דאָס ביסל בעבעכעס און זיך גע־לאָזט פירן צו דער נייער באַקוועמער געטאָ. דער גוט באַקאַנטער דווינסקער דאָקטאָר גורעוויטש, אַ מענטש אַן אידעאַליסט און געאַכטעטער כלל־טוער, האָט זיך פריייוויליק אָנגענומען צו זיין דער פירער פון דער גרופּע און צו געבן מעדיצינישע הילף, ווען נויטיק.

באַפּליגלטע מיט האָפנונג און אָן קיין פאַרדאַכט האָבן זיך די מענטשן משפּחותווייז, אַלט און יונג, געלאָזט אין וועג אריין. עס פירן אָן אַ פּאָר דייטשן מיט איניקע לאַטווישע פּאָליציסטן. די זון ברענט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און יידן גייען מיד און שווער, געבויגענע אונטער דעם לעצטן ביסל אָרעמקייט אויף די רוקנס.

מען גייט אַפּ עטלעכע קילאָמעטער פון דווינסק, מען דערנענטערט זיך צו אַ וועלדל, אַ טאָל, — און מיטאַמאָל שפּרינגען אַרויס פון דאָרטן צענדליקער און הונדערטער דייטשע און לאַטווישע אוניפאָרמירטע און באַוואָפנטע לייט. אַ שיסעריי און קנאַלעריי פון אַלע זייטן. עס שטעפּן איניקע מאַשין-געווער, עס רייסן גראַנאַטעס. די צעטומלטע יידן ווערן ארומגערינגלט און צוגעטריבן צו די אָנגעגרייטע גריבער. עס דויערט ניט לאַנג, און די גאַנצע גרויסע גרופּע, כמעט אַלע אָן אויסנאַם, סיי טויט, סיי האַלב-טויט, ווערן געשליידערט אין די גריבער.

דער גוט צוגעטראַכטער פּלאַן איז געלונגען, — די יידן, אָפּגענאַרטע און צעטומלטע, האָבן ניט באַגריפן צוערשט וואָס דאָ טוט זיך, האָבן ניט באַוויזן צו שטעלן קיין ווידערשטאַנד און זיינען ליקווידירט געוואָרן אויפן שנעלסטן אופן, און זייער מיטגעבראַכטע האָב-און-גוטס און די מלבושים אויף זיי גופא האָבן גוט באַצאָלט פאַר דער אָפּגעטאָנענער פלינקער אַרבעט. הונדערטער לאַטווישע פאַמיליעס זיינען גלייך אויף מאָרגן באַרייכערט געוואָרן מיטן בלוטיקן יידישן פאַרמעגן.

אויף וויפיל עס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן, איז פון דער גרופּע איין-איינציקער ייד, דר. גורעוויטש, לעבן געבליבן. זיינער אַ באַקאַנטער „אייזסאַרג", וועמען דער דאָקטאָר האָט אַמאָל זייער פיל געהאָלפן, האָט איצט, פאַר אַ גאָר גרויסער אויסקויף-געלט מתנה, אים באַהאַלטן און געראַטעוועט פון טויט.

וועגן דר. גורעוויטש זיינען דערנאָך אין דווינסקער געטאָ אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע לעגענדאַרע מעשיות. איך האָב אים שפּעטער געטראָפן אין ריגער געטאָ, און ער האָט מיר מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט וועגן דער פּראָווינצער-יידן-שחיטה. ...מען האָט זיי האַלב-לעבעדיקע געוואָרפן אין די גריבער... די אַרויפגעשאָטענע ערד האָט זיך ממש באַוועגט און געהויבן, דורכגעמישט מיט בלוט און גלידער פון מענטשן-קערפּערס... די צאָל אומגעקומענע האָט דער-גרייכט, ווייזט אויס, איבער אַ פּאָר טויזנט...

— אזא רציחה!... אזא נידערטרעכטיקע אָפּנאַרערישע מערדעריי פון אומ-שולדיקע מענטשן, פון מאַמעס מיט קינדער... האָט ווער געקאָנט גלויבן, האָט זיך עמיצער געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מענטשן, ציוויליזירטע מענטשן, זיינען פעאיק אויף דעם?! און איך האָב עס אַלץ צוגעזען, געהערט די געשרייען און קרעכצן פון די אומגליקלעכע, געזען ווי אַנדרע האָבן געקעמפט ווי לייבן, פאַר-

שטעלנדיק זייערע פרויען און קינדער... ווען מיר וואָלטן דאַן געהאַט דעם קלענסטן חשד וואָס פאַר אונדז גרייט זיך, וואָלט זיי ניט אזוי לייכט אָנגעקומען אומצוברענגען די גרופּע פּראָווינצער יידן. איך האָב דאָך אליין געזען, ווי צענדליקער פון די אָפּגענאַרטע יידן, אפילו שוין פאַרוואונדעטע און אָפּגע־גאָסענע מיט בלוט, האָבן זיך געוואָרפן אויף די מערדער מיט הוילע הענט און מיט שטיינער און געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם־צוג... דאָס זיינען געווען קרעפּ־טיקע, העלדישע יידן, און איבער אַ פּאָר צענדליק פון די רוצחים האָבן זיי פאַר־וואונדעט און עטלעכע פון זיי אויך דערוואָרגן און מיטגעשלעפּט אין גרוב אריין, נאָר... מ'האָט זיי צום סוף אַלעמען אויסגעהרגעט. און וואָס האָב איך דאַן געקאָנט טאָן פאַר זיי? און וואָס קאָן איך איצטער טאָן?... — אזוי האָט דערציילט דער דר. גורעוויטש און געוויינט אין זיין צער און אומבאַהאָלפנקייט.

איינמאָל האָט זיך דר. גורעוויטש געראַטעוועט. נאָר דעם 28טן יולי 1944 ווען עס איז פאָרגעקומען די גרויסע שחיטה אין שטראַסדענהאָף, ביי ריגע, וואו דר. גורעוויטש איז לעצטנס געווען איינגעשפּאַרט, האָט ער פאַרענדיקט מיט זיך, איינגענעמענדיק סם. אזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעבן פון אַ גרויסן דווינסקער ייד־אידעאַליסט, פון דאָקטאָר גורעוויטש.

דער אָפּקלייב — מי לחיים, מי למות

נאָכדעם זיינען געגאַנגען די „אַקציעס" (מאַסן־שחיטות) אין דווינסקער געטאָ מיט אזא טעמפּ און סיסטעמאַטישקייט, ווי עס האָט געפאָדערט דער פּלאַן פון יידן־אויסראָטונג. די צווייטע שחיטה איז פאָרגעקומען דעם אַכטן אויגוסט. דאַן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן מייסטנס עלטערע מענטשן, קינדער און די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין „גוטע" אַרבעט־צעטלען.

איך מיט מיין פאַמיליע האָבן דאָס מאָל מיטגעמאַכט דאָס „נעמען" (דעם אָפּקלייב) אין זיין פולער שוידערלעכקייט. פונדערפרי אָן איז די געטאָ געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן און אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע אָפּטיילונגען פון לאַטווישער פּאָליציי. מיט געשלעג און שיסערייען האָט מען אַלעמען אַרויסגע־טריבן און אַרויסגעוואָרפן פון די רוימען, און די קראַנקע פון האָספּיטאַל. מען האָט אַרויסגעשלעפּט די באַהאַלטענע פון אַלע ווינקעלעך און אפילו פון די אויס־טריט־גריבער, וואו מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן. אייניקע האָט מען דערביי אויפן אָרט דערשאָסן. אין לאַנגע רייען זיינען אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אויפן הויף מענער, פרויען און קינדער, אַלט און יונג, און געוואַרט אויפן אָנקום פון דער אויבער־מאַכט, די דייטשן, און אויפן אָפּקלייב.

אָט קומט אָן פון שטאָט אַ גרופּע מיליטעריש־געקליידעטע דייטשן, — דאָס זיינען די העכערע לייט פון געסטאַפּאָ און „עס. דע" (זיכערהייט־דינסט). זיי

גייען זיך מיושבדיק און פירן צווישן זיך אַ רואיקן געשפּרעך. אַזוי מיושבדיק, סיסטעמאַטיש און זאַכלעך הויבן זיי אָן דעם בלוטיקן אָפּקלייב, ווי עס וואָלט זיך האַנדלען ניט וועגן לעבעדיקע, צאַפּלדיקע מענטשן, נאָר ווי וועגן איינסאָר־טירן אין גרופּעס בהמות, פערד, אָדער טויטע, נשמהלאָזע געגנשטאַנדן.

— האָסטו אַן אַרבעט־שיין? ווייז! — גיי רעכטס!

— האָסט ניט קיין שיין? — גיי לינקס!

— אַ, דו ביסט צו אַלט צום אַרבעטן, — גיי לינקס!

— דער אַרבעט־שיין טויג ניט, — גיי לינקס!

— וועמעס זיינען די קינדער? ס'איז ליגן, זיי זיינען ניט דיינע... גייט לינקס!... לינקס גיין!

— אַך, דו אַלטע מוטערכען! גיי... דאָרט, דאָרט! אַהין, לינקס!

זיי ריידן רואיק, העפלעך, געצײלטע, געמאָסטענע ווערטער און גיבן איינ־געהאַלטענע, העפלעכע באַפעלן. זיי קוקן דורך די מאַסע ווי געניטע, אין זיך איינגעגלויבטע פּאַכלייט, און ווילן זיך ניט צופיל אָנשטרענגען. נאָר די לאַט־ווישע פּאָליציי־לייט קלאַפּן מיט דראָטן און גומענע שטעקנס איבער די קעפּ און פּאַסן שוין אויף, אַז די העפלעכע און רואיקע באַפעלן זאָלן גענוי אויסגעפירט ווערן.

עס קומט אונדזער ריי. מען קוקט אונדז דורך מיט שאַרפע, אוממענטשלעכע בליקן. דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ און ווערט פאַרגליווערט אין אַ בלייענעם ווייטאָקדיקן קנויל. עס פעלט אויס אָטעם. צי דען... אָט דער סוף? מיט איין פינטל פון אויג פאַרמשפּט, געשיקט צום טויט? די קינדער, פרוי, איך, אַלע?... ניין, דאָסמאָל זיינען מיר צווישן די גליקלעכע. מיין אַרבעט־שיין איז גוט. מען הייסט אונדז גיין רעכטס...

עס ווערט נאַכט. עס גיסט אַ פּלוך־רעגן. מיר זיינען דורכגענעצט פון קאָפּ ביז די פיס, אויסגעשעפּט, טויט־מיד. די קינדער פאַלן מידע און שלאָפן איין אויף די נאַסע שטיינער. נאָר מען דערלויבט נאָך ניט אַוועקצוגיין. מען מוז וואַרטן.

מיר זעען שוין ניט די אָפּגעזונדערטע מענטשן־מאַסע, נאָר מיר הערן גאָר נאָענט גראָבע קאָמאַנדע־רופן און — אַ געוויין, געשריי און יאָמערייַ ביז צום הימל. דאָ און דאָרט פאַלט אַ שאָס און ווערט באַגלייט מיט אַ מוראדיקן טויט־געשריי. די קרבנות ווערן געטריבן באַרג־אַרויף. לאַנג הערן מיר נאָך די קולות און שיסעריי, ביז די מאַסע לאָזט זיך באַרג־אַראָפּ, און אַלץ ווערט פאַרשלונגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

דאָ איז ניט דער אָרט, און ניט איך קאָן אַנאַליזירן דעם קנויל פון געפילן און געדאַנקען, וואָס מיר, מענטשן, האָבן איבערגעלעבט אין אַזוינע מאָמענטן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אין אַזוינע לאַנגע־לאַנגע שעה'ן. אַ מין פאַרגליווערט־

קייט, אָפּהענטיקייט, גייסטיקער און פיזישער צוזאַמענברוך, באַוואוסטזיין פון אַבסאָלוטער אומבאַהאָלפנקייט גלייכצייטיק מיט אַ מין האָפנונג אויף עפּעס אַ נס, אַ געשעעניש, וואָס זאָל דיך ראַטעווען, — גיט עס כאָטש אַ באַגריף וועגן אַ מענטשנס צושטאַנד אין אַזאַ לאַגע? און איבער אַלץ הענגט דער גרויליקער טעראָר, דער שרעק פאַר ווייטיק און טויט, די מורא צו ווערן אָפּגעריסן פון דיינע נאָענטע, דער אימת־מות און צעטומלטקייט, וואָס ווערן ספּעציעל אָנגעוואָרפן אויף דיר דורך די ווילדע געשרייען, שלאָגעריי, שיסעריי און בלוט־פאַרגיסונג. איצט קאָן איך זיך שוין אַליין ניט פאָרשטעלן גענוי, ווי דאָס אַלץ האָט דאָן אויסגעזען און וואָס מען האָט דערביי איבערגעלעבט. אפשר וועט די בייגעלייגטע קורצע פּאָעמע, וואָס איך האָב געהאַט דאָן אָנגעשריבן, איבערגעבן עטוואָס פון די דאַמאָלסטיקע געפילן פון מענטשן, וואָס ווערן געטריבן אויפן לעצטן וועג. אָט ווי מיר האָבן דאָן געפילט דעם „לעצטן וועג״:

דער לעצטער וועג

געווידמעט דעם אָנדענק פון די
קרבנות אין דווינסקער געטאָ.

א מענטש אַהין, א מענטש אַהער . . .
עס ווערן מענטשן אָפּגעקליבן.
א וויי־געשריי . . . אַן אָפּשייד־טרער . . .
די מחנה ווערט צום טויט געטריבן.

ס׳איז מענטש — אום מענטש: זיין גייסט און קראַפט
פאַרלירן ווידערשטאַנד און ווילן.
ס׳באַהערשט דער גרויל פון מערדער־מאַכט,
פון הילפלאָזקייט . . . פון טויט־געפילן.

צום מאַסן־קבר פירט דער וועג.
דער וועג איז קורץ און —לאַנג צוזאַמען . . .
ס׳קלאָגט ענדלאָז־לאַנגער וויי און שרעק
פון האַרץ פון קינדער, טאַטעס, מאַמעס.

דער וועג צום סוף איז קורץ און לאַנג . . .
אין מוח געדאַנקען־שפּליטער שניידן.
ס׳ווערט ענג און קלאָר דער יאוש־צוואַנג:
דער סוף! דער טויט! ניט אויסצומיידן!

— צי דען דער סוף? אין גרוב, אָט דאָרט
פאַרשווינדן שפּורלאָז, ווי אַ שאָטן?
אָן זכר טויט? אָן לעצטן וואָרט,
ווי וואָרעם וואָרטלאָזער צעטראָטן?

פון מערדער־הענט, פון חיה־ציין
אָן הילף און שולדלאָז זיין צעריסן?!
וואו ס׳ליגט געשענדעט דיין געביין
וועט קיינער קיינמאָל שוין ניט וויסן!

דו ווילסט ארומנעמען דיין וועלט
אין לעצטן אָטעמצוג פון לעבן.
געשטאַלטן נאָענטע, היימיש׳ ערד
פאַר דיינע אויגן טויכן, שוועבן.

דו האַלטסט, דו דריקסט דיין קינד צו ברוסט,
דו ווילסט פון גזלן־האַנט עס שיצן.
און קינדס נשמה, לעבנסלוסט
גייט אוים אין ווייטאָקדיקן ציטער.

ס׳איז קורץ דער וועג... ס׳איז נאָענט דער סוף...
אָט שוואַרצט די גרוב. אַ טיפע, ברייטע...
— אָ, גאָט! פאַרוואָס אזא מין שטראָף?
פאַר מיך? פאַר אונדז? פאַר... טויטע?... טויטע!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז לעצטער וועג... דער לעצטער טריט...
קיין נס, קיין רמז פון גאָטס נאָמען...
פון ציין פאַרקראַמפּטע קללה פליט:
פאַר אונדז — נקמה! נ־ע־מ־ט נ־ק־מ־ה!

(געשריבן 1942, אין דווינסקער געטאָ).

פיר־פינף קילאָמעטער פון געטאָ, אין אומגעגנט פון פּאָגוליאַנקע, האָבן גע־וואָרט די צוגעגרייטע גריבער. דאָרט האָט מען די קרבנות צוערשט ווידער גע־הרג׳עט־געשלאָגן, געפּייניקט ביז האַלב־טויט און געצוואונגען אויסטאָן די שיך און קליידער, אָפּגעבן די „באַהאַלטענע ווערטזאַכן” און זיך שטעלן אויף די קני

מיטן פּנים צו דער גרוב, ביי דעם סאַמע ראַנד. דאָ איז שוין ניט שווער אַריינ־צופאַלן אין גרוב, אָן יעדער אָנשטרענגונג און „הילף״ פון די שיסער.

וועגן די אַלע איינצלהייטן און נאָך פיל אַנדערע נידערטרעכטיקע שאַנד־טאַטן, וועגן וואָס מען קאָן ניט אין אַ מענטשלעכער אָנשטענדיקער שפּראַך איבערגעבן אויפן פּאַפּיר, האָבן דערציילט די לאַטווישע „אייזסאַרגס״ אליין און צוויי יידישע דווינסקער ייִנגלעך, — די איינציקע צוויי, וואָס האָבן זיך געראַ־טעוועט פון דער גרופּע קרבנות. די צוויי ייִנגלעך זיינען געווען לייכט פאַר־וואונדעט, אריינגעוואָרפן אין גרוב און פאַרשאָטן, נאָר באַנאַכט זיינען זיי פון דאָרט ארויסגעקראָכן, זיך באַהאַלטן אַ פּאָר טעג אין די שכנותדיקע גערטנער און דאַן צוריקגעקומען אין געטאָ.

די צוויי פאַרוואונדעטע, פון גרוב־אַנטלאָפענע ייִנגלעך, זיינען געבליבן לעבן און האָבן געלעבט אין געטאָ ביז דער נאָוועמבער־שחיטה. ניט געווען פאַר זיי קיין אָרט, קיין רעטונג און קיין לעבן אויף דער ערד.

תבואה־שניט און מענטשן־שניט

עס איז אויגוסט־מאָנאַט. די זומערדיקע הימלען האָבן געגאָסן זון־שיין און רעגן, און די ערד האָט באַשאָנקען דעם מענטשן מיט אַ רייכער גערעטעניש. נאָר איצט זיינען די מענטשן פאַרנומען מיט מלחמה־פירן, און עס פעלן אַרבעט־הענט צום תבואה־שניט, צום אַראָפּנעמען די גערעטעניש.

טאָג־טעגלעך קומען צענדליקער פּויערים צום לאַטווישן קאָמאַנדאַנט פון געטאָ און בעטן, מען זאָל זיי אויסבאָרגן יידן אַראָפּצונעמען די תבואות פון די פעלדער. די פּויערים פאַרפליכטן זיך שריפטלעך צוריקצושטעלן די יידן אין דער באַשטימטער צייט, און דער קאָמאַנדאַנט לאָזט אָפּ איניקע הונדערט יידן אויף פעלד־אַרבעט. ער לייגט דערביי ניט צו, — גענוג גאָלד־זאַכן האָבן אים דווינסקער רייכערע יידן אריינגעטראָגן פאַר דעם חסד צו ווערן אַרויסגעלאָזן אויף אַ וואָך צייט פון געטאָ.

דאָ האָט מיר צוגעשפּילט דאָס גליק. איך דערמאָן זיך אָן מיין אמת'ן באַרוף (איך בין אַן אַגראָנאָם, אַ געשולטער פאַרמער), איך דערמאָן זיך אָן די ברייטע פעלדער און גערטנער, צו וועלכע איך האָב גאָר ניט לאַנג נאָך געהאַט אַ נאָענטן שייכות. איך ווענדע זיך צום קאָמאַנדאַנט, גיב אָן מיין יחוס און — אַ נס: אַן קיינע שוועריקייטן ווער איך צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע געשיקט אויף אַ וואָך צייט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

מיין נייער בעל־הבית פּאַקט אונדז אַרויף אויף זיין וואָגן און פירט אונדז אוועק צו זיך אין דאָרף. איך זע ווידער ברייטע פרוכטבאַרע פעלדער, גרינע וועלדער, זוניקע הימלען און אַ שטילע דאָרפיש־פּויערשע סביבה. און ווייזט

אויס, עס זיינען נאָך דאָ אַנשטענדיקע לעטן ערגעץ־וואו אין לאַטוויאַ, — איינער פון זיי איז מיין בעל־הבית, דער גוט־האַרציקער, ערלעכער און מיטפילנדיקער יאָזעף סקרינדאַ מיט זיינע פריינטלעכע משפחה־אַנגעהעריקע, פון דאָרף ליקסנאַ, פופצן קילאָמעטער פון דווינסק. רואיקע דאָרפישע אַרבעט, מילך, פוטער און פלייש, ליכט און זונשיין, אַ שטיל לעבן אין אַ באַזונדערן צימער, — עס גלויבט זיך גאָרניט, אַז פאַר אונדז קאָן נאָך זיין אזא לעבן אויף דער ערד.

ווי אַ זיסער חלום איז פאַרפלויגן די וואָך פון גן־עדנדיקן לעבן און אַרבעטן אין דאָרף. אוי, ווי עס ווילט זיך ניט צוריקפאָרן אין געטאָ, צום מלאך־המות אין די ציינער אריין!... יאָזעף סקרינדאַ פאָרט צום דווינסקער געטאָ־קאָמאַנדאַנט און מיט גרויסע שוועריקייטן פועלט ער אויס, מען זאָל אונדז איבערלאָזן אויף נאָך אַ וואָך ביי אים.

נאָר אַלץ גייט פאַרביי און ענדיקט זיך אויף דער זינדיקער ערד, — און נאָך צוויי וואָכן גן־עדן־לעבן, דעם 25טן אויגוסט, זיינען מיר שוין צוריק אין דווינסקער געטאָ. אָ, גאָט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט!... דעם זיבעצטן און אַכצנטן אויגוסט האָט מען ווידער „גענומען" און דאָס מאָל כמעט אַלע פון די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון זייער דאָרף־אַרבעט. ניט באַוויזן צוצופאָרן צום געטאָ־טויער, האָט מען זיי שוין אַראָפּגעשלעפּט פון די פורן, טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך, געוואָרפן אין די גרויסע פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָמאָבילן (טראָקס), און צוזאַמען מיט אַ טויזנט אַנדערע קרבנות אוועקגעשלעפּט דאָרט, צו די מאַסן־גריבער אין פּאָגוליאַנקע, פון וואַנען קיין צוריקקער איז שוין ניט געווען.

דער תבואה־שניט פון די דאָזיקע אומגליקלעכע האָט זיך געענדיקט מיט זייער אייגענעם טויט־שניט... אויב דאָס איז אַ גליק־זאַך, האָט דאָס גליק אונדז, מיין משפחה און מיר, דאָן גוט צוגעשפּילט: ווען מיר וואָלטן זיך געמוזט אומקערן פון דאָרף נאָך דער ערשטער וואָך, וואָלטן מיר, אזוי ווי אלע אנדערע, אריינגעפאַלן פונקט צום מאָמענט, ווען מען האָט גענומען — צום מענטשן־שניט.

בלאָס־געוואָרענע, מיט גרויסע, צעשראָקענע אויגן האָבן די קינדערלעך זיך איינגעהערט די דערציילונגען פון די גרויסע וועגן די צוריקגעקומענע „דאָרפישע" יידן... ווי מען האָט די קינדער און מאַמעס אַראָפּגעשליידערט פון די פורן אין געשריען צו זיי: „האַ, אין דאָרף ווילט איר לעבן? פרישע מילך טרינקען? זיך אויסרוען? קומט, קומט, איר שוויין־הינט, מיר האָבן שוין פאַר אייך אַן אָפּרו־אָרט!" — ...און געוואָרפן זיי אין די טראָקס אריין ....און דאָרט זיינען פיל קינדער דערשטיקט געוואָרן, נאָך איידער מ'האָט זיי געבראַכט צו די גריבער...

און קליינע קינדער הערן זיך איין צו די רייד פון די גרויסע, און זיי באַנעמען און פאַרשטייען שוין אַלץ. אייניקע וואָכן געטאָ־לעבן האָט זיי געמאַכט

פּאָר גרויסע, דערוואַקסענע, מיט קלוגשאַפט און דערפאַרונג באַלאַדענע... קליינע קינדער. זיי שפּילן זיך ווידער, און אין זייערע קינדער־שפּילן בויען זיי „מאַ־לינעס" (באַהאַלטענישן) צום באַהאַלטן זיך פון די „נעמער", און פון בלעכלעך מיט שטעקלעך מיט דראָטן מאַכן זיי קונציקע אַעראָפּלאַנען, געווער און באָמבעס אָוועקצוהרגענען היטלערן און געבלסן... און מיט דער גרעסטער קינדערשער ערנסטקייט שטייען זיי צו צו מיר, מיינע צוויי קינדערלעך, — דער אַכט־יאָריקער גדעון און דער זעקס־יאָריקער אברהם'על:

— פּאַ, פאַרוואָס זאָל מען טאַקע ניט טאָן אזוי? אָוועקהרגענען זיי, די פּאָר רשעים, וואָס הייסן, אז מ'זאָל אונדז שיסן, און דאַן... וועלן מיר אַרויסגיין פון געטאָ... מיר'ן פאָרן אַהיים...

אָרעמע, אומשולדיקע יידישע קינדערלעך! ניטאָ מער פּאָר אייך קיין היים און קיין לעבן, נאָר... בעסער, אַז איר פאַרשטייט דאָך ניט אזוי גוט, ווי מיר, גרויסע.

צווישן אַן ערך פיר טויזנט יידן, וואָס זיינען אַוועק פון דווינסקער געטאָ אין די בלוטיקע טעג פון אויגוסט 1941, איז געווען אויך מיינער אַ נעענטערער געטאָ־פריינט, איינער פון די ברידער זעליקמאַן, — די גרויסע און רייכע גריוווער יידישע גערטנירער. זיין „בעל־הבית" האָט אים געבראַכט פון דאָרף צום געטאָ־טויער, און דאָ האָט שוין געוואַרט דער מלאך־המות.

רואיקע טעג אין געטאָ

און דווינסקער געטאָ־לעבן איז ווידער אָנגעגאַנגען נאָרמאַל און פינצטער, אזוי ווי עס האָט געדאַרפט זיין, מסתמא, אין יעדער געטאָ פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. יאָ, נאָך די „אַקציעס" זיינען די געטאָ־איינוואוינער רייכער געוואָרן מיט בעטגעוואַנט, מלבושים, בעטן, טישן און אַנדערע בעבעכעס. אויך קיין ענגשאַפט איז שוין מער ניט געווען, מען האָט שוין געקאָנט לעבן „באַקוועמער". און ווידער האָט יעדער טאָג, יעדע שעה, געבראַכט נייע גזירות, נייע פּיין, שרעק און יסורים, אזוי אַז די לעבן־געבליבענע אין שטענדיקע פּלאָגעניש און ביטערן קאַמף פאַרן אייגענעם נאַקעטן לעבן, פּאַר אַנהאַלט פון דער אייגענער קערפּערלעכער עקזיסטענץ, האָבן ניט געקאָנט לאַנג און אָפן טרויערן און יאָ־מערן נאָך די אומגעקומענע.

דאָס אומגליק איז אַ צרת רבים, — ניטאָ פּאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצו־ריידן, ניטאָ ווער עס זאָל טרייסטן. דאָס איבערגעקערטע לעבן אין די געטאָס און קאַצעטן ווייס ניט פון סענטימענטן, פון מיטלייד, פון טרייסט און... פון טרויער. דו מוזסט אַראָפּשלינגען דיין טרויער און ווייטיק, דו מוזסט עס טראָגן טיף אין זיך אין די באַהאַלטענישן פון האַרצן, און ווייטער, ווי אַ וואָרטלאָזע

בהמה, מוזסטו גיין צו דער אַרבעט און פּלאָגעניש, און שווייגן־שווייגן, און אפילו לאַכן און שמייכלען דאַרט, וואו עס ווילט זיך דיר ביטער וויינען און קלאָגן. אזוי זיינען געווען די ניט־געשריבענע געזעצן פון געטאָ־לעבן, און אזוי האָבן מיר זיך געמוזט פירן.

און דאָס געטאָ־לעבן גייט ווייטער... אייניקע הונדערט יידן האָבן זיך „איינגעאָרדנט" אין דווינסק גופא, אין פאַרשיידענע מיליטעריש און פּאָליציייאישע אַרבעטס־איינהייטן. דאָס זיינען געווען מייסטנס שוסטער, שטעפּער, שניידער, שמידן, בלעכער, סטאָליער און אַנדערע בעלי־מלאכות, ווי אויך סתם יידן, מענער און פרויען, וואָס האָבן באַדינט די דייטשן. די דאָזיקע, אַזוי־גערופענע שטאָטישע יידן, האָבן זיך גערעכנט פון די גליקלעכע, ווייל דאָס אַרבעטן אויף אַ „שטענדיקער שטעלע" אין שטאָט האָט געגעבן כלומרשט חיונה און אַ „פאַרזיכערונג פון טויט" סיי פאַר די אַרבעטער און סיי פאַר זייערע משפחה־אַנגעהעריקע. אזוי האָבן יידן געמיינט, נאָר ליידער, אויך דאָ זיינען זיי ביטער אָפּגענאַרט געוואָרען.

אזוי ווי איך בין געווען געשיקט אין טעכנישער אַרבעט, בין איך נאָך אַ קורצער פּראָבע געוואָרן אַ מאַשיניסט אין דער וואולקאַניזאַציע־ווערקשטוב, וואָס האָט געהערט צו אַ מיליטערישער איינהייט. דער אַרבעט־פּלאַץ האָט זיך גערעכנט איינער פון די בעסטע און איז געווען באַוואוסט אין דווינסק אונטערן נאָמען „טאַנק־שטעלע" (האָט זיך לעצטנס געפונען אין דער געוועזענער יידישער קאַנפעקטן־און שאָקאָלאַד־פאַבריק פון קאַפּילאָווסקי, אויף ווינקל פּאָסטאַיאַלע און אָפיצערסקע גאַסן). נאָך אַ צען־שעה'איקן אַרבעטס־טאָג פלעג איך גיין „אַהיים", דאָס הייסט, אין געטאָ, צוזאַמען מיט אייניקע פון מיינע דווינסקער חברים, ווי באַבראָוו, פּרעסמאַן, יודעלסאָן, גאַרען, ווײַנשטיין, קאַץ, אָסינאָווסקי און אַנדערע. ווען איך האָב שוין ניט געהאַט צו וועמען צו גיין אין געטאָ, האָב איך זיך „ענדגילטיק באַזעצט" אין שטאָט, ביי דער אַרבעטס־איינהייט, אזוי ווי מיינע איבעריקע 20־25 מיט־חברים. נאָר אין די גליקלעכע טעג, ווען איך האָב נאָך געהאַט פאַר וועמען צו זאָרגן און מיר פלעגט זיך איינגעבן, קומענדיק פון שטאָט, מיטברענגען אין געטאָ ברויט, גריינסן, אַמאָל עטוואָס צוקער, פּוטער און וואורשט, — די טעג פלעגן זיין ביי מיר די גליקלעכסטע און צופרידנסטע.

די חדשים סעפּטעמבער און אָקטאָבער זיינען געווען „רואיקע" און פאַרהעלטנמעסיק זאַטע. מען פלעגט אָפּט אַרויסלאָזן פון געטאָ אין שטאָט אַריין כמעט אָן באַוואַכונג. מען האָט נאָר געמוזט שטרענג אָפּהיטן די געזעצן, ווי טראָגן אַנגענייט (ניט צוגעשפּילעט) די געלע לאַטעס, גיין אינמיטן גאַס (ניט אויף די זייטגענג) און ניט האָבן קיין מגע־ומשא מיט ניט־יידן. אויב ניט רעכענען, וואָס אייניקע יידן האָט מען דערשאָסן און אייניקע פאַרפּייניקט אין טורמע פאַר ניט אָפּהיטן די דערמאָנטע געזעצן, זיינען די צוויי מאָנאַטן פאַרביי רואיק.

נאָר אַט רוקט זיך אָן נאָוועמבער, און ווידער ווערט די געטאָ־לופט אָנגע־פילט מיט פאַרשיידענע קלאַנגען. פויערים דערציילן, אַז מען גראָבט שוין ווידער גריבער. צוויי מאָל ווערט דאָס געטאָ באַזוכט פון דייטשע און לאַטווישע „הויכע לייט", זיי באַקוקן אַלצדינג און ריידן געהיימניספול צווישן זיך. זיי רופן דעם „אָבער־יודע", זאָגן אים אָן עפּעס־וואָס, נאָר מיר, דער פּשוטער עולם, ווייסן ניט וואָס. מען הויבט ווידער אָן ריידן וועגן „נעמען", און די געטאָ־פינצטערניש ווערט נאָך געדיכטער, און די פּנימער נאָך מער פאַרחושכט און פאַרגליווערט אין אויסגאַנגלאָזער הילפלאָזיקייט.

נאָר מען דאַרף ניט זיין אַזוי פּעסימיסטיש... אַט פאַרשפּרייטן זיך בעסערע און ליכטיקערע קלאַנגען. אין געטאָ קומען אַראָפּ אייניקע לאַטווישע טעכניקער, אַן אינזשעניער. זיי מעסטן די געביידעס, קאַלקולירן, — און דעם זעלבן טאָג ווייס מען שוין, אַז אין געטאָ וועט מען אַריינפירן עלעקטרישע ליכט, און צווייטנס, מען וועט עפענען אָפיציעל אַ יידישע פאָלקס־שול פאַר די געבליבענע קינדער. די דייטשן גיבן ליכט און בילדונג פאַר יידן! דאָס איז ניט נאָר גוט און פיין, נאָר עס איז דאָך אַ קלאָרער באַווייז, אַז מען רעכנט זיך יאָ מיט אונדז, אַז מען זאָרגט פאַר אונדז; און אויב אַזוי, איז דאָך אַ סימן, אַז מען וועט אונדז דאָ האַלטן, אַז מען וועט אונדז לאָזן לעבן אין געטאָ... מען פירט דאָך איין ליכט פאַר אונדז!

הייסט עס, עס וואַלקנט זיך אויס. מען האָט געטריבן פון זיך די שוואַרצע מחשבות. עס איז טאַקע שלעכט, ביטער אין געטאָ, נאָר מען וויל לעבן, לעבן, לעבן...

ווייזט אויס, געטאָס און געטאָ־לעבן זיינען ניט קיין טאָג־טעגלעכע ענינים אינעם לעבן פון מענטשן. סיי די יידישע געטאָ־פירער, סיי די מאַסן האָבן נאָך ניט געהאַט גענוג פּראַקטיק צו באַגרייפן, ווי סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק עס ווערט געפירט די אויסראָטונג פון די יידן און ווי פאַלש, אָפּנאַרעריש און פאַר־פיפערעריש עס זיינען די צוזאָגן און מעטאָדן פון די נאַצישע מאַכט־האָבער.

די „גרויסע אַקציע"

דעם זיבעטן נאָוועמבער 1941 האָט מען צעטיילט דווינסקער געטאָ אויף צוויי העלפט, און צווישןביידע טיילן פון לאַנגען געטאָ־הויף האָט מען אויפגע־שטעלט אַ מחיצה פון אַ שטעכלדראָט־צוים מיט אַ שמאָלן טירל דורכצוגיין.

דעם אַכטן נאָוועמבער האָט אַ דייטשער אָנפירער מיטן לאַטווישן קאָמאַנ־דאַנט און פּאָליציסטן געמאַכט אַ רואיקן און זאַכלעכן אָפּקלייב: די אַלטע טאַטעס און מאַמעס, קינדער אָן עלטערן און גאַנצע משפּחות, וואָס קאָנען ניט באַווייזן, אַז עמיצער פון זיי אַרבעט, — זיי אַלעמען האָט מען אַריבערגעטריבן אין

קלענערן טייל פון געטאָ און הערמעטיש אָפּגעשפּאַרט. ווי „שולדיק" און אי־בעריק אלטע טאַטע־מאַמעס האָבן זיך דעם טאָג געפילט! ווי צעבראָכן קינדער זיינען געווען, וואָס האָבן געמוזט „אָפּגעבן" זייערע טאַטע־מאַמעס! עס איז געלונגען נאָר אייניקע עלטערע מענטשן צו ראַטעווען, באַהאַלטנדיק זיי אויף אַ גליקלעכן אופן אונטער די געפּעק אָדער אין אויסטריט־גרוב.

פון אָוונט האָט מען די גענומענע ארויסגעפירט פון געטאָ. מער האָט מען זיי שוין ניט געזען.

דעם ניינטן נאָוועמבער 1941 אינדערפרי, נאָך אַ שלאָפלאָזער שווערער נאַכט, האָט אַ שוידערלעכער אומבאַשרייבלעכער געפיל ארומגענומען די גע־בליבענע געטאָ־יידן: — די געטאָ איז אַרומגערינגלט פון דייטשער און לאַט־ווישער פּאָליציי! מען לאָזט קיינעם ניט ארויס, אפילו די „וויכטיקסטע" שטאָט־אַרבעטער! מען וועט היינט ווידער „נעמען", ווייל נעכטן איז ניט דערגרייכט געוואָרן די נויטיקע צאָל! — וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די לאַטווישע פּאָליציסטן זיינען שוין ווי ווילדע חיות געלאָפן איבער אלע רוימען, געזוכט און געניששטערט אין יעדן ווינקעלע, געשלאָגן, צעממיתט וועמען נאָר געכאַפּט אין אַ באַהאַלטעניש און אַלעמען אַרויסגעיאָגט אויפן געטאָ־הויף. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סאָר־טירונג, — מי לחיים, מי למות...

נאָך אַ פיל־שעה'דיקן אָפּקלייב האָט מען אונדז, די ארבעטער מיט די משפחות, דעם געטאָ־קאָמיטעט מיט די משפחות, מיטהעלפער און פּראָטעקטירטע מקורבים און דעם גאַנצן מעדיצינישן פּערסאָנאַל מיט זייערע אָנגעהעריקע אָפּגעטיילט פון די איבעריקע, — פון די פאַרמשפּטע... אויף זיי איז שוין קיין האָפנונג ניט געווען. מען האָט זיי אָפּגעפירט אין דעם אָפּגעשפּאַרטן טייל פון געטאָ.

דאַן האָט מען אונדז, די ארבעטער, אָפּגעטיילט פון די משפחות און ווידער, נאָך אַ שטרענגער חקירה ודרישה, געשיקט אין שטאָט אריין צו דער ארבעט. און ווי גלייכצייטיק טראַגיש און קאָמיש עס קלינגט, אז מיר האָבן זיך געפילט „פּריווילעגירט און זיכער", בפרט אז אונדזערע משפחות זיינען געווען באַ־צייטנס באַזאָרגט מיט אַזוי־גערופענע „רויטע שיינען", — ספּעציעלע רויטע צעטלען צום פאַרהיטן די פרויען און קינדער פון די מענער־אַרבעטער. אויך מיין פרוי און קינדער האָבן געהאַט אַזוינע „לעבנס־צעטלען", און דעריבער האָבן מיר זיך גערעכנט צווישן די „זיכערע און גליקלעכע", וואָס גייען איבער אַן אייזערנעם בריק.

מיט אַ צעבראָכענעם געמיט האָב איך דעם טאָג אָפּמאַרשירט אין שטאָט אריין. עס איז מיר קיין זאַך ניט איינגעגאַנגען, — ניט עסן, ניט אַרבעט, ניט אָפּרו... מיר אלע האָבן זיך דעם טאָג קיין אָרט ניט געפונען. מען האָט געוואָלט וואָס גיכער דערלעבן דעם אָוונט, לויפן אין געטאָ און זען, וואָס טוט זיך דאָרט,

וואָס מאַכן די אייגענע. מיטאַמאָל, פּלוצלונג, האָט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעשניטן די מוחות. איינער פון אונדזערע דייטשע מייסטערס קומט פון געטאָ און דערציילט גלייכגילטיק:

— דאַכט זיך, מען האָט געמומען אויך די „רויטע שיינען"... עס האָבן אויס־געפּעלט מענטשן צו דער גויטיקער צאָל... האָבן עס די „יודען־ווייבער" און „יודען־קינדער" געשריען! ווי די „שווינע" האָבן זיי געקוויטשעט, ווען מען האָט זיי געשלעפּט צו די לאַסט־אויטאָס...

איך געדענק ניט גענוי, וואָס מיט מיר איז דאַן פאָרגעקומען. ניט געקוקט אויף דער געפאַר פון טויט־שטראָף פאַר אזא פאַרברעכן, האָב איך מיט מיין נאָענטסטן חבר לייב באַבראָוו געוואָרפן די ארבעט אינמיטן (די איבעריקע האָבן מורא געהאַט צו גיין איצט אין געטאָ) און אין איין אָטעם אַוועקגעלאָפן אין געטאָ. קיינער שטערט אונדז ניט אריינצוקומען. אַ טויטע שטילקייט הערשט דאָרט. אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד וואַלגערן זיך טויטע מענטשן. בלוט איז דורכ־געמישט מיטן פרישן נאַסן שניי. קליידונג, פּעקלעך, בעטגעוואַנט אָנגעוואָרפן אויף יעדן טריט. מען זעט קיין מענטש ניט.

מיר לויפן אריין אין בלאָק, וואו מיינע און באַבראָווס משפחות האָבן גע־לעבט, מיר זוכן, מיר רופן, מיר נישטערן אין אלע ווינקעלעך, — קיינער איז ניטאָ. פון אַ פינצטערן ווינקעלע, פון אַ גרוב אונטערן דיל קריכט אַרויס אַ טויט־צעשראָקענער יינגל און זאָגט אונדז אָן די בשורה, — מ'האָט זיי אַלעמען צוגע־נומען, ניט פון הויף ,נאָר פון בלאָק... ער האָט אליין אלץ געהערט פון זיין גרוב, דאָ אונטערן דיל...

— —

אַלץ שטאַרקער און האַרץ־רייסנדיקער איז געוואָרן דער יאָמער און גע־שרייען פון די צוריקגעקומענע מענטשן, וואָס האָבן זייערע נאָענטע ניט גע־פונען... ס'איז אריבער אַ יאָמער־נאַכט אין שאַרפן, שניידיקן ווייטיק, און אויף מאָרגן איז מען שוין ווידער, ווי טעמפּע שטומע בהמות, געטריבן געוואָרן צו דער זינלאָזער שקלאַפן־אַרבעט. און ווידער האָט מען געמוזט אָנקוקן די מערדער אין פּנים, האַרעווען פאַר זיי און שמייכלען, ווען דאָס האַרץ ווערט צעפּלאַצט אויף שטיקער... נאָר דאָס האַרץ האָט ניט געפּלאַצט.

דערמיט האָט זיך אויך פאַר מיר אָפּגעשלאָסן אַ קאַפּיטל געטאָ־לעבן. מיין פּערזענלעך לעבן האָט פאַרלאָרן פאַר מיר יעדן טעם, יעדן אינטערעס און ווערט. ניטאָ דער ליכטיקער געשטאַלט פון חוה'ן, ניטאָ דער שפּרודלדיקער גדעון, ניטאָ דער צאַרטער אברהמעלע, ניטאָ פאַר וועמען צו זאָרגן, פאַר וועמען צו לעבן, און — וואָס האָב איך נאָך צו טאָן אויף דער וועלט? וואָס האַלט מיך נאָך ביים לעבן? גאָרנישט... ס'איז דאָך שוין אַלץ, אַלץ פאַרלאָרן!... צו־וואָס נאָך לעבן אויף דער פינצטערער, מיט בלוט פאַרגאָסענער ערד?

אין די ערשטע שעה'ן און אויך שפעטער, אין די ערשטע טעג, אין מאָ־מענטן פון האָפנונגסלאָזן ווייטאָק און יאוש, בין איך געווען נאָענט צו זעלבסט־מאָרד... זיך ארויסוואַרפן פון בוידעם־פענצטער אויפן שטיינערנעם ברוק און — זאָל זיין אַלץ געענדיקט מיט דער רשעות'דיקער ערד... גיין צו די אייגענע, די אָוועקגעגאנגענע נאָענטסטע און טייערסטע, זיין מיט זיי צוזאַמען... דאָס איז גאָרניט שווער, מ'דאַרף נאָר צוגיין צום פענצטער, עפענען, אַרויסקריכן און — — — געענדיקט מיט דער וועלט פון חיה־מענטש, מיט דער וועלט פון אומ־מענטשלעכע פאַרברעכנס און סוף'לאָזער פיין.

נאָר ביסלעכוויז האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין מוח אויך אַנדערע גע־דאַנקען. פרייוויליק אָוועקגיין, פּחדנותדיק אַנטלויפן פון דער רשעותדיקער וועלט און אפילו קיין פינגער ניט צולייגן צו נעמען נקמה פון די האַרצלאָזע רשעים און פאַרברעכער, פון די קאַלטע און געוויסנלאָזע מאַסן־מערדער, פון די חיות אין מענטשלעכע געשטאַלטן?! און פריער צו שפעטער, עס וועט דאָך קומען, עס מוז דאָך קומען די אויסגעבענקטע שעה פון נקמה, — אַט די הייליקע נקמה און בלוטיקע אָפּרעכענונג, וואָס דאָס פריש־פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, און ברידער און שוועסטער, און פרויען און קינדער שרייט און מאָנט פון אונדז, פון די נאָך־לעבעדיקע!... נקמה! נקמה! — דאָס איז דאָך דער לעצטער געשריי, דער לעצטער קרעכץ, דער לעצטער אָטעם־צוג, מיט וואָס זיי, די געפאַלענע קרבנות, האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות! נקמה — דאָס איז דאָך דער הייליקער און אייביקער געבאָט און די צוואה פאַר אונדז, נאָך לעבעדיקע, פאַר די קומענדיקע דורות, און — — — ווי טאָר איך אליין אומ־ברענגען מיין לעבן, וואָס קאָן נאָך אפשר אַמאָל צונוץ־קומען, ווי מעג איך אָוועקגיין פון מיין הייליקן חוב צום אויסגעשאָכטענעם פאָלק, צו מיין מאַמע, צו מיינע פרוי און קינדער, צו מיינע ברידער?... ניין, איך טאָר עס ניט טאָן, איך טאָר ניט!

אזוי אומגעפער האָבן זיך געדרייט דאַן מיינע געדאַנקען און די געדאַנקען פון טויזנטער אנדערע אין דעם אויסגאַנגלאָזן קנויל פון ווייטאָק און טרויער נאָך די אומגעקומענע נאָענטע, פון יאוש און פון האָפנונג אויסצוגיסן דעם פלאַקערדיקן נקמה־געפיל אין פלאַקערדיקע נקמה־מעשים.

פון דאַן אָן, נאָכן אומקום פון מיין משפחה, בין איך באַהערשט געוואָרן פון איין־איינציקן ברענענדיקן געדאַנק, מיט איין־איינציקן הויפּט־ציל — אַנטלויפן, אַנטלויפן, אַנטלויפן! שוין ניטאָ קיין זאַך מער, קיין איין לעבעדיקער נאָענטער נפש, וואָס זאָל מיך, אזוי ווי ביז איצט, האַלטן צוגעבונדן צום אָרט, צו דער סביבה. איך בין שוין אַ „פרייער מענטש”, אַן איינצלנער און הפקרדיקער, אַן אָפּגעהאַקטער, אויסגעריסענער און אויסגעוואָרצלטער דאָרן, און — איך קאָן שוין גיין און לויפן און אַרומשלעפּן זיך אויף גאָטס באַראָט... ניטאָ מער פאַר

ווען צו זאָרגן, ניטאָ מער צו וועמען צו טוליען זיך, — איך בין „פריי" פון אַלץ...

אַנטלויפן און עפּעס־וואָס אויפטאָן, ווי לאַנג דאָס לעבן האַלט נאָך אָן!...

און דאָס איז מיר שפּעטער־צו באַשערט געווען, — אַנטלויפן אין די וועלדער און הרגענען, שטעכן, שיסן און פאַרגיסן זייער טריפהנע חיהשע בלוט.

קרוב צו פינף טויזנט יידן פון דווינסקער געטאָ זיינען אוועק מיט דער אזוי־גערופענער גרויסער אַקציע פון 7טן, 8טן און 9טן נאָוועמבער, 1941.

●

קינדער־בלוט

לזכרון עולם מיינע נאָענטסטע און טייערסטע, — חוה, גדעון און אברהמ׳עלע, — אומגעקומענע דעם 9־טן נאָוועמבער 1941, אין דווינסקער געטאָ.

קינדער צוויי, ווי צאַרטע בלומען,
וואַקסן לוסטיק, קינדיש־פיין.
איך און פרוי, — ס׳איז אונדזער לעבן
פול מיט גליק און זונענשיין.

קינדער שטיפן, לאַכן, טומלען...
גליקלעך שטראַלט נאַאיווער בליק.
איך און פרוי, — ס׳איז אונדזער לעבן
פול מיט שטילן קינדער־גליק.

שנעל פאַרפלויגן, ווי דער פרילינג,
זיינען די באַגליקטע טעג.
ס׳האָט געפירט צום טיפן אָפּגרונט
גורלס אומבאַקאַנטער וועג.

עס איז מלחמה אויסגעבראָכן
ווי אַ בייזער שטורעם־ווינט.
עס האָט אונדז שונא ווילד געשאָכטן,
ניט געשוינט קיין פרוי, קיין קינד.

עס פליסט ווי וואסער בלוט פון קינדער...
קינדער-קערפּער גאַנצע בערג...
עס צאַפּלען קעפּלעך, הענטלעך, פיסלעך
אין די גריבער, אויף דער ערד.

פּיצל-קינדער הענגען, שרייען
אויף די רייען שטעכלדראָט.
עס ליגן קינדער אויף די וועגן
טויט, האַלב-טויט.. צו שאַנד און שפּאָט.

קינדער אין דער לופט געוואָרפן
און געשאָסן, ווי אין ציל.
בלוט פון קינדער און יסורים
איז געווען אַ לוסטיק שפּיל.

יאָמער, פּיין און טויט-געשרייען...
ערד פון בלוט ווערט נאַס און רויט.
אויגן ווערן אויסגעלאָשן,
לעצטע קרעכצען... און — דער טויט.

און צווישן טויזנטער קרבנות
אויך מיין פרוי און קינדער צוויי.
„פּאַפּאַ" — שרייען זיי — „וואו בינסטו?
טאַטע, ראַטעווע!... אוי וויי!"

עס קלאָגן קינדערשע נשמות,
זיי קאָנען גורל נים פאַרשטיין:
— אונדזער לעבן נים דערלעבט איז!
— מיר... שוין טויט?!... נאָך יונג... נאָך קליין?!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

...אויך מיין לעבן איז פאַרלאָשן,
כאָטש איך אָטעם נאָך, איך רייד...
נישטאָ קיין מוטער און קיין קינדער, —
מער נישטאָ קיין ליכט, קיין פרייד.

אָבער מיינט נישט, קינדער־מערדער,
עס וועט אַראָפּגיין אַלץ אייך גוט!
דורות־לאַנג וועט איר נאָך צאָלן
פאַר דאָס אומשולדיקע בלוט!

ווייל דאָס בלוט פון קינדער, מוטערס
ברויזט און שרייט צום הימל־הויך;
און האָט מיט טויט־קללה פאַרשאָלטן
אייך און אייער פרוכט אין בויך!

ווייל דאָס בלוט פון קינדער, מוטערס
רופן, מאָנען וועט אָן סוף,
ביז אויף אייך וועט קומען, בעסטיעס,
די נקמה, — האַרבסטע שטראָף!

איך, אין קאָנצלאַגערס, אין קייטן,
הילפלאָז בין, אָן כוח, אָן מוט...
— וועלט! דו מוזסט נקמה נעמען
פאַר דעם ים פון ק י נ ד ע ר - ב ל ו ט!

(געשריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דווינסק, 1942).

לכבוד דעם יום־טוב פון 1טן מאַי

ניט מער ווי אַ טויזנט יידן זיינען נאָך דער גרויסער אַקציע איבערגעבליבן אין דווינסקער געטאָ און שטאָט צוזאַמען. אָפּגעריייניקט די געטאָ פון די טויטע קערפּערס, בלוט און צעוואָרפענע בעבעכעס, איבערגעציילט און איבעררעגיס־טרירט דאָס געבליבענע הייפל יידן, — און ווידער האָבן זיך געצויגן לאַנגע געטאָ־טעג אָן האָפענונג און אויסזיכט אויף עטוואָס בעסערס. נאָר פון ענגשאַפט אין געטאָ איז שוין קיין זכר ניט געווען, פּלאַץ און „באַקוועמלעכקייט" איז שוין געווען איבער גענוג.

איך און אַנדערע שטאָטישע אַרבעטער זיינען שוין דאַן געווען „קאַזער־נירט", דאָס הייסט, באַזעצט אין שטאָט גופא, ביי די ארבעט־איינהייטן. אונדזער אַרבעט־גרופּע, די „גוט איינגעאָרדנטע" „טאַנק־שטעלע" איז דאַן באַשטאַנען פון א פינף־און־צוואנציק מענטשן, — כמעט אלע עלנטע איינזאַמע מענער, — געבליבענע אָפּגעהאַקטע, פאַרטריקנטע דערנער פון צעשטערטע, אַמאָל בליענ־דיקע משפּחות. אזוי אַן ערך האָבן אויסגעזען אויך די איבעריקע, — אַ צענדליק ארבעט־איינהייטן מיט אַ פּאָר הונדערט יידן אין שטאָט גופא.

די געטאָ איז דערווייל געוואָרן הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט, — קיינער פון די געבליבענע יידן ניט אריין, ניט ארויס. יעדער זייטיקער צופלוס פון שפּייז איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. חוץ־דעם וואָס די פאַרבליבענע דאָרט אַכט־ניין הונדערט זיינען געווען באַלאַסטיקט מיט אומגעהויער שווערער, אויסמאַטערנדיקער ארבעט, האָבן זיי שרעקלעך געהונגערט, זיינען שטענדיק געשלאָגן און טעראָריזירט געוואָרן, און פאַר פאַרשיידענע „פאַרברעכנס" האָט מען געשאָסן אָדער געהאַנגען. דאָך דורך שווערסטער אַרבעט האָט יעדערער נאָך געהאָפט צו ראַטעווען זיין לעבן.

איך געדענק אייניקע טרויעריקעביישפּילן פון די דאָזיקע „רואיקע" געטאָ־טעג. די פרוי מייעראָוו, וואָס האָט זיך ביז איצט געראַטעוועט צוזאַמען מיט אירע פינף קליינע קינדער, איז דערשאָסן געוואָרן אינמיטן געטאָ פאַרן פּרובירן בייטן אַ טישטוך אויף עטלעכע פונט מעל; ניט לאַנג האָט געדויערט, און אויך די פינף קינדערלעך זיינען ליקווידירט געוואָרן.

די פרוי געץ (געבאָרענע גיטעלסאָן) איז אויפגעהאַנגען געוואָרען אינמיטן געטאָ און איז געבליבן הענגען אויף דער תליה דריי טעג פאַרן גיין כלומרשט אָן אַ געלער לאַטע. דאָס גרויזאַמסטע און נידערטרעכטיקסטע דערביי איז געווען דאָס צווינגען דעם יידישן פּאָליציי־עלטסטן פּאַסטערנאַק (גראָד אַן אָנשטענ־דיקער און ערלעכער מענטש, אַ קרעסלאַווער ייד) איר צו הענגען; ווען ער טוט עס ניט, האָט מען געדראָט אויפצוהענגען זיינע קליינע קינדערלעך פאַר זיינע אויגן.

אַ יונגע מיידל, מאַשע שניידער, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אין געטאָ פאַרן אויסבאַהאַלטן זיך און לעבן אויף „אַרישע" (ניט־יידישע) דאָקומענטן.

אַזוינע פאַלן פון הענגען און שיסן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנשרעקן און ענדגילטיק צעברעכן די לעצטע יידן אין געטאָ, וואָלט מען געקאָנט אָנציילן צענדליקער. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָבן געהאַט איינצלנע מענטשן־לעבנס, ווען דער גורל פון אַלעמען איז שוין געווען געחתמעט ?

לכבוד דעם „יידיש־קאָמוניסטישן" יום־טוב פון ערשטן מאַי האָט מען צו־זאַמענגענומען די לעצטע „געטאָ־מאַהיקאַנער" צוזאַמען מיטן „אָבער־יודע" מישאַ מאָווישענזאָן, זיין קאָמיטעט און אַלע געטאָ־מיוחסים, אַריבערגעפירט זיי אין דווינסקער גרויסער טורמע, און פון דאָרט — מיטן אויסגעטראָטענעם וועג צו די דווינסקער מאַסן־קברים. די אכזריות און חיהשקייט ביים צוזאַמענ־נעמען די מענטשן איז דאָס מאָל געווען נאָך גרויזאַמער, ווי ביז איצט. קליינע קינדער, קראַנקע, באַהאַלטענע האָט מען אויפן אָרט דערשאָסן מיט אויפרייס־קוילן, אויפגעשניטן די בייכער, אָדער געוואָרפן פון די פענצטער פון צווייטן שטאָק. די הרוגים זיינען געווען צעשליידערט ווער אָן אַ האַנט, ווער אָן אַ פוס, און מיט בלוט איז געווען פאַרגאָסן דער גאַנצער געטאָ־שטח. די גע־בליבענע עטלעכע צענדליק יידן, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייערע אַרבעט־פּלעצער, האָבן געמוזט תיכף צונויפנעמען די רעשטלעך פון זייער בלוט און פלייש און זויבער מאַכן די געטאָ.

אַזוי אַרום איז דעם ערשטן מאַי 1942 ליקווידירט געוואָרן דווינסקער געטאָ אין דעם אַלטן דווינסקער „קרעפּאָסט" אויף דער גריוועער זייט פון דווינע. אויס־געוואַקסן אויף דעם אָרט איז נאָך איינער פון די פיל גרויסע יידישע בית־עולמס.

אין דער צייט, און נאָך פריער, נאָך דער „גרויסער אַקציע", איז געלונגען עטלעכע צענדליק דווינסקער יידן, וואָס האָבן געהאַט נענטערע פאַרבינדונגען מיט באַקאַנטע דאָרפישע פויערים, צו אַנטלויפן קיין בראַסלאָוו, — אַ שטאָט אין ווייסרוסלאַנד, עטלעכע־און־פערציק קילאָמעטער פון דווינסק. פון די פויערים און פון אַריבערגעבראַכטע בריוולעך פון די אַנטלאָפענע האָבן מיר זיך אָנגע־הערט, אַז דאָרט, אין בראַסלאָוו און אַרומיקע שטעטלעך, איז אַ גן־עדן — ניטאָ דאָרט קיין געטאָס, יידן זיצן אין זייערע הייזער, גייען אַרום האַלב־פריי, זיי דאַרפן נאָר טראָגן געלע לאַטעס און זיך האַלטן אָפּגעזונדערט פון אַנדערע.

מיר האָבן געהערט און ניט געקאָנט גלויבן, אַז ס'קאָן נאָך זיין אַזאַ גליקלעך לעבן פאַר יידן. הונדערטער פון אונדז, און אַנדערע מיט זייערע גאַנצע משפחות, האָבן זיך געקליבן צו אַנטלויפן קיין בראַסלאָוו. מ'האָט געדאַרפט האָבן אַ סך געלט און ווערטזאַכן צו באַצאָלן די פויערים פאַרן פירן; די גאַנצע אונטער־נעמונג מיטן איבערגעבן זיך פולשטענדיק אין די הענט פון די באַגלייטער איז געווען געגנוג געוואַגט און ריזיקאַליש. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איניקע

פון די באַגלייטער האָבן „פּאַרקויפט" די ייִדן, דאָס הייסט, איבערגעלאָזן זיי אויף הפקר אָדער איבערגעגעבן צו די דייטשן. דאָך האָט עס מיך און מיין חבר באַבראָוו ניט אָפּגעשטעלט. מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגערעדט מיט אַ פּויער און זיינען געווען גרייט צו לויפן קיין בראַסלאַוו.

מיטאַמאָל האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן שרעקלעכע קלאַנגען, אַז מ'האָט אויסגעקוילעט אַלע בראַסלאַווער ייִדן און אויך די ייִדן פון צענדליקער אַרומיקע שטעטלעך. דערנאָך האָבן זיך די ידיעות באַשטעטיקט, — אָנהויב יוני 1942 האָט מען אין בראַסלאַוו אויסגעהרגעט קרוב צו צוויי טויזנט ייִדן, — דאָרטיקע צוזאַמען מיט די אַנגעלאָפענע פון ווילנע, דווינסק און אַנדערע ערטער. ווייזט אויס, אַלע אַנטלאָפענע פון דווינסק זיינען דאָרט אומגעקומען; איך האָב ניט געהערט, אַז ווער פון זיי זאָל זיין לעבן געבליבן.

מיר, די געבליבענע אין דווינסק, האָבן שוין פאַרשפּאָרט צו לויפן קיין בראַסלאַוו, — דער זעלבער בלוטיקער טויט האָט שוין מאַרשירט אויך דאָרטן.

„נאכל ונשתה, כי מחר נמות"

נאָך דער געטאָ־ליקווידאַציע זיינען געבליבן אין דווינסק 430 ייִדן, — מענער, פרויען און אַ פּאָר צענדליק קינדער. פון זיי האָבן 180 געלעבט אין שטאָט דווינסק גופא, אין אַ צענדליק מיליטערישע אַרבעט־איינהייטן, און 250 — אין ציטאַדעל (פעסטונג) אויף דער דווינסקער זייט פון דווינע. דאָרט זיינען געבליבן אַרבעטן אייניקע צענדליק בעלי־מלאכות, און די איבעריקע — ביים סאָרטירן, רייניקן און פאַרריכטן אַלטע מיליטערישע קליידונג און שוכוואַרג, וואָס איז ווידער פאַרווענדעט געוואָרן פאַר דער דייטשער אַרמיי. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז דעם 28טן אָקטאָבער 1943.

פון קיין הונגער האָט מען אין דעם פּעריאָד ניט געוווּסט. פאַרקערט, מען פלעגט ווידער קומען אין אָפּטער באַרירונג מיט דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג, מען האָט געביטן פאַרשיידענע זאַכן אויף עסנוואַרג, געהאַנדלט צווישן זיך, אַזוי אַז קיין עסן האָט דאַן קיינעם ניט געפעלט. עס זיינען אויפגעקומען נייע „גבירים" און „גרויס־הענדלער", וואָס האָבן געפירט אַ גאַר „ברייטן לעבן" מיט אומגעלומפּערטע פרעסערייַ און שיכרות, קאָרטן־שפּיל, זינלאָזע „בעלער" און הוליאַנקעס. מייסטנס זיינען עס געווען מענטשן כאַטש פון נאַטור ניט קיין שלעכטע, נאָר פּרינציפּלאָזע, מיט אומגעצוימטע אינסטינקטן און מיט נידעריקע נייגונגען און באַנעמונגען, וואָס אַלץ צוזאַמען שאַפט דעם באַגריף אונטערוועלט־מענטש. אַזוינע מענטשן זיינען דעם לעצטן יאָר געווען מייסטנס די דעה־זאָגער, טאָן־געבער און „פּרנסים" פון דעם לעצטן הייפעלע ייִדן אין דווינסק. דער תנ"כ'ישער „נאכל ונשתה, כי מחר נמות" (לאָמיר עסן און

טרינקען, ווייל מאָרגן קאָנען מיר שטאַרבן) איז געבליבן זייער איינציקער אָנ־האַלט אין לעבן.

איך פלעג אָפט טראַכטן און אויך דיסקוטירן מיט איניקע פון מיינע גאָענ־טערע חברים וועגן דעם, ווי קומט ביי מענטשן אזא משונהדיקער דראַנג צו כלומרשטיקער מאכט, אזא בלינדקייט, עגאָאיסטישע האַנדלונגען, יושרלאָזיקייט און אָפטמאָל אומגאַבערענעצטע חיהשקייט, אין דער צייט ווען דער טויט שוועבט אין דער לופטן איבער אלעמען צוגלייך? איך פלעג שטוינען און ניט קאָנען באַגרייפן, ווי אזוי קאָן איינגיין אין אזא חושכדיקן טראַגישן לעבן צו יאָגן זיך נאָך נידעריקסטע בהמהשע פאַרגעניגענס, נאָך ליבעס, מסחרים „גבירות", כבוד, נאָך שמאַקעווען זיך מיט פרעסערייען און פעטערע ביסנס און בכלל צו פאַר־געסן וואו מען האַלט אויף דער וועלט, אין דער צייט ווען מען ליגט געפאַנגען אין נעץ, פאַרשקלאַפט און פאַרשפאַרט אונטער שלעסער און ריגלען, און דער חלף הענגט אָנגעגרייט איבער יעדערנס האַלדז? איך קאָן עס נאָך היינט ניט באַגרייפן. ווייזט אויס, דער צעפוילטער באַדן און אומנאָרמאַל לעבן פון געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן געגעבן די בעסטע דערנערונג־שטאָפן פאַר די נידעריקסטע און פינצערסטע מענטשלעכע אינסטינקטן און האָבן אַרויסגע־רוקט צו דער אויבערפלאַך דאָס שמוציקסטע פון דער מענטשלעכער נשמה. אין אזא איבערגעקערטן לעבן זיינען די פסולת און אָפפאַל געוואָרן די אויבערשטע פון שטויסל.

וואָס פאַר אַ קאָמפּלעקס פון פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן האָט געווירקט און גע־פירט צו דעם? די וויסנשאַפט, די קענער פון דער מענטשלעכער נשמה וועלן נאָך האָבן אַברייטן געביט צו פאָרשן און צו זאָגן זייער אויפקלערנדיקן וואָרט וועגן דעם.

אזא „גוט לעבן" אין דווינסק, ניט רעכענענדיק איניקע דערשיסונגען, איינ־שפּאַרן און מאַטערן אין טורמע, זוכענישן (ראַציעס) מיט טרוקענע און נאַסע קלעפּ פאַר פאַרשיידענע חטאים, — אזא לעבן האָט אָנגעהאַלטן ביז די ערשטע וואָכן פון אָקטאָבער 1943. דאַן האָבן זיך ווידער גענומען פאַרשפּרייטן פאַר־שיידענע נערווירנדיקע קלאַנגען, און דער עולם איז געוואָרן וואָס וייטער אַלץ אומרואיקער. די רוסישע אַרמייען האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט צו דווינסק, און דאָס האָט געדאַרפט חתמענען דעם גורל פון דעם ביסל יידן, — ליקווידאַציע. דאָס מיינט, ענדגילטיקע פאַרניכטונג, דער טויט.

אַ טייל יידן האָבן זיך באַצייטנס באַזאָרגט מיט מאָרפיום אָדער אַנדערע סם צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און אַ טייל, מייסטנס פון די יינגערע און מער־געוואַגטע, האָבן זיך געגרייט צו אַנטלויפן, מיט דער האָפנונג זיך אויסצובאַהאַלטן אָדער זיך אָנשליסן צו אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. כאָטש ארומיקע פּויערים האָבן דערציילט וועגן אזוינע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, וואָס זאָלן האָבן אפּערירט אין די

וועלדער זעכציק־אַכציק קילאָמעטער פון דווינסק, האָט מען דאָך ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די קלאַנגען און מען האָט זיך געשראָקן פאַר פּראָוואָקאַציעס. פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט מען אויף קיין הילף און קיין מיט־אַרבעט ניט געקאָנט האָפן, נאָר פאַרקערט — אויף מסירות, פאַרפאָלגונגען, אויף גזילה און רציחה.

אין דער צייט האָט פּאַסירט אַ פאַל, אַז איניקע יידישע ייִנגלעך און מיידלעך צוזאַמען מיט רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן אויך געלעבט און געאַר־בעט אין ציטאַדעל, זיינען געווען אַנטלאָפן, כדי זיך צוזאַמענצוקומען מיט פּאַרטיזאַנער. דער סוף איז אָבער געווען, אַז די רוסן האָבן אָפּגענאַרט, זיי האָבן אויסגעטאָן נאַקעט און אַלץ צוגענומען פון די יידישע חברה, און די לעצטע זיינען צום סוף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן און זיינען דערשאָסן געוואָרן. דער פאַל האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד פאַר פּראָוואָקאַציעס און מסירות.

קיין גוט אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז צווישן די יידן און אין דווינסק בכלל ניט געווען. די יידן זיינען געווען איזאָלירט און בוכשטעבלעך אָפּגעשניטן פון אַנדערע יידישע קיבוצים, עס זיינען ניט געווען קיין אייגענע וואָגיקע, ביישפּיל־געבנדיקע אָנפירער. דאָך, ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די אומרואיקע טעג, זיינען איניקע צענדליק יונגע לייט אַנטלאָפן. איניקע פון זיי האָט מען געכאַפּט, און זיי האָבן גלייך באַצאָלט מיט זייערע לעבנס. די איבעריקע זיינען צום סוף געקומען אין קאָנטאַקט מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס און געקעמפט צוזאַמען מיט זיי. דער העלדישסטער פון זיי איז געווען רוואוקע פעלדמאַן, אַ געזונטער און פּשוטער „יונג מיט ביינער", וואָס איז צו־זאַמען מיט נאָך איניקע זיינע חברים שוין אין 1942 אַנטלאָפן פון דווינסק, געלעבט אין די וועלדער און צום סוף זיך געטראָפן מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער און געקעמפט אין זייערע רייען. מעגלעך, אַז ער איז אומגעקומען אין קאַמף אָדער געבליבן אין דער רוסישער אַרמיי, — אין דווינסק איז ער ניט צוריק־געקומען.

פון די דווינסקער אַקטיווע פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געבליבן לעבן, האָב איך דערנאָך געטראָפן: עלקע געווער, חיימקע גאָרדאָן, יעקב איזראַעליט און יצחק פּאַכטער; וועגן אַנדערע לעבן־געבליבענע האָט מען ניט געהערט.

די ענדגילטיקע יידן־ליקווידאַציע

די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון די לעצטע יידן אין דווינסק און אומגעגנט איז פאַרגעקומען דעם 28טן אָקטאָבער 1943. דאַן זיינען שוין געווען ניט מער ווי 400 (פיר הונדערט!) יידן אין שטאָט און ציטאַדעל, — דאָס לעצטע ביסל אָרעמקייט.

דעם 28טן אָקטאָבער גאַנץ אינדערפרי, נאָך אין דער פינצטערניש, זיינען אַלע ארבעט־שטעלן און וואוין־ערטער פון די יידן פלוצלונג ארומגערינגלט און אָפּגעשניטן געוואָרן דורך די בלוטיקע לאַטווישע פּאָליציילייט. מען האָט באַ־פעלן אַלעמען מיטצונעמען די נויטוועגדיקסטע זאַכן און זיך פאַרטיק מאַכן צום גיין.

אַ מוראדיקע בהלה איז אַלעמען באַפאַלן. קיינער האָט זיך אַנדערש ניט פאָרגעשטעלט, אַז מען פירט אַלעמען צום טויט, צו די אָנגעגרייטע גריבער. און כאָטש קיין אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד איז ניט פאָרגעקומען (און האָט ניט גע־קאָנט פאָרקומען אין די קליינע צעוואָרפענע גרופּקעס), האָבן דאָך די מענטשן אויף פאַרשיידענע אופנים רעאַגירט אויף די פּערספּעקטיוון פון לעצטן וועג. אין ציטאַדעל האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אַ גרויסע פיל־פאַרביקע טראַגעדיע, פון וועלכער איך גיב דאָ איבער אייניקע בילדער.

די מוטיקערע יוגנטלעכע זיינען געווען באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, און זיי האָבן געפּרואווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד און אנטלויפן. אייניקע פון זיי האָט זיך טאַקע איינגעגעבן זיך צו ראַטעווען, נאָר די איבעריקע האָט מען גע־כאַפּט און אויפן אָרט דערשאָסן אָדער צעשלאָגן ביז טויט. מיט אַ העלדישן טויט זיינען פון די ערשטע געפאַלן די יונגע לייט: יודל מוניץ, דוד בליייר און דוד וועקסלער (דער לעצטער פון פּאָנעוועזש, ליטע) און נאָך אייניקע, וועמענס נעמען איך געדענק שוין ניט. דערביי האָבן זיי פאַרוואונדעט אייניקע פון די פּאָליציסטן און, ווי מ'האָט נאָכדעם דערציילט, פיר פון זיי אויף טויט. די צערייצטע „עס. עס.״־לייט און די לאַטווישע פּאָליציסטן האָבן דערווײַלע איבער־געקערט יעדן ווינקעלע אין ציטאַדעל, ארויסגעשלעפּט די באַהאַלטענע און זיי, צעבלוטיקטע און צעממיתטע, אריינגעוואָרפן צווישן די איבעריקע אויפן הויף.

גלייכצייטיק האָבן זיך אָפּגעשפּילט שוידערלעכע סצענעס ביים באַגיין זעלבסטמאָרד אָדער מאָרד פון די נאָענטע מיט זעלבסטמאָרד צוזאַמען. אין קלעם פון יאוש און אויסגאַנגלאָזיקייט האָבן זיך צענדליקער מענטשן דערשאָסן, פאַרסמט אָדער געהאַנגען, געפינענדיק דאָס פאַר דעם בעסטן אויסוועג.

דאָקטאָר הירש גאָלדמאַן האָט געמאַכט איינשפּריצונגען פון גרויסע דאָזעס מאָרפיום צו אייניקע מענטשן, לויט זייער פאַרלאַנג, און צולעצט געטאָן דאָס זעלבע מיט זיין איינציקער שוועסטער און מיט זיך אליין. ווי לעבעדיק פאַר־גליווערט האָבן זיי אויסגעזען, ליגנדיק טויט אויף די בעטן.

דער קצב בנציון סאַפּיר האָט פאַרסמט זיין פרוי און זיבן־יאָריקן קינד, און דערנאָך, זעענדיק ווי זיי מאַטערן זיך, האָט ער די פרוי פאַרענדיקט מיט אַ קויל און דאָס קינד דערוואָרגן מיט זיין אייגענער פאַטערלעכער האַנט. ער אליין איז געווען אַראָפּ פון זינען, איז נאָך געבליבן לעבן אַ געוויסע צייט, נאָר איך ווייס ניט, וואָס מיט אים האָט ווייטער פּאַסירט.

בענצל קאַץ האָט דערשאָסן זיין אייגענע מוטער, די איינציק געבליבענע פון דער גאַנצער משפּחה, און אליין זיך געלאָזט אויף גאַטס באַראַט צו די אַרומיקע וועלדער. וועגן זיין ווייטערדיקן גורל איז ניט באַקאַנט.

אַפּעסקין און נאָך אייניקע האָבן זיך אויפגעהאַנגען אין דעם מאָמענט, ווען מען איז זיי געקומען נעמען. אַנדערע האָט מען נאָך אַראָפּגענומען פון די שטריק, אָפּגעמינטערט און געבראַכט צו די איבעריקע אויפן הויף.

די אַלע צוזאַמענגענומענע יידן פון ציטאַדעל, פון די שטאָטישע אַרבעטס־איינהייטן און פון דער שטאָטישער „קליין־געטאָ" (אַן אָפּגעשלאָסענער, איזאָ־לירטער הויף אויפן ווינקל פּאָסטאַיאַלער און ריגער גאַסן, וואו מען האָט גע־האַלטן אַ הונדערט יידן), — די אַלע יידן האָט מען אונטער אַ שטאַרקער שמירה געבראַכט צו דער פּראַכט־אייזנבאַן־סטאַנציע און דאָרט פאַרלאָדן אין וואַגאָנעס צו אַפּטראַנספּאָרטירונג. אין דער לעצטער מינוט זיינען אייניקע יידן אַנט־לאָפן און פאַרשוואונדן געוואָרן, אונטערקויפנדיק די לאַטווישע, זייערע באַקאַנטע שמירה־לייט.

אויף אַזאַ אופן, נאָכן אָפּפאָר פון דעם לעצטן יידן־טראַנספּאָרט, איז דווינסק געבליבן ריין פון יידן, אָדער לויטן דייטשן נוסח „יודען־פריי", ניט רעכענענדיק אַ פּאָר צענדליק באַהאַלטענע און אַ פּאָר צענדליק בעלי־מלאכות, איבערגעלאָ־זענע אין דירעקטער רשות פון געסטאַפּאָ. און דאָך ניט אַלע דווינסקער און אַרומיקע יידן האָט מען אויסגעראָט, ניט אַלע ביז צום לעצטן, ווי די דייטשן מיט זייערע לאַטווישע טרייע מיטהעלפער האָבן זיך געהאַט פאַרמאָסטן.

וועגן די לעבן־געבליבענע דווינסקער געטאָ־יידן און די צוריקגעקערטע פון רוסלאַנד וועל איך נאָך דערציילן שפּעטער, אין די לעצטע קאַפּיטלען.

פראַכט־וואַגאָנעס מיט מתים

וואוהין האָט מען טראַנספּאָרטירט די לעצטע יידן פון דווינסק?

קיינער פון אונדז האָט וועגן דעם צוערשט ניט געוואוסט, אפילו ניט די לאַטווישע באַגלייטער און באַוואַכונג־לייט. — צום טויט, צו די קרעמאַטאָריעס, — דאָס איז געווען זייער פּשוטער ענטפער. ענג־צוזאַמענגעפּרעסט אין פּראַכט־וואַגאָנעס, אָן עסן און טרינקען, פאַרהאַקט און פאַרדראָטעוועט די טירן און פענצטער, — אַזוי האָט מען אונדז געהאַלטן און געפירט דריי טעג און נעכט. און נאָך אַ צענדליק מענטשן אָדער מערער האָבן געענדיקט מיט זעלבסטמאָרד.

אייניקע האָבן זיך געסמט, אויסטרינקנדיק פלעשלעך מאָרפיום, און האָבן זיך נאָכדעם שעה'ן־לאַנג געמאַטערט, שרעקלעך ברומענדיק און וואַרפנדיק זיך מיט שוים אויף די ליפּן. זעענדיק אַז דאָס מאָרפיום ווירקט שוואַך, האָבן זיך

אַנדערע געסמט און געהאַנגען צוזאַמען. אין אונדזער וואַגאָן האָבן זיך דריי געהאַנגען כמעט פאַר אַלעמענס אויגן, דערביי האָט אַ געוויסער סיאַמאַ פייגין, אַ לעב־יונג, אַ „גוטער ברודער", וואָס האָט ליב געהאַט אַ שטאַרקן טרונק, זיך צוערשט אָנגעטרונקען מיט ברען־ספּירט און דערנאָך זיך געהאַנגען, בלייבנ־דיק האַלב שטיין אויף די קני. ווי אַ באַנומענער האָט ער געברומט, בעטנדיק זיינע פריינט, אַז זיי זאָלן אים העלפן פאַרענדיקן זיין לעבן. און זיי האָבן אים טאַקע געהאָלפן און אויפגעהאַנגען, ווי עס דאַרף צו זיין... עס זיינען ניטאָ קיין ווערטער איבערצוגעבן, ווי די סצענעס האָבן געווירקט אויפן געמיט פון די איבעריקע, צוזאַמענגעפּרעסטע אין זעלבן וואַגאָן.

ווי באַגרייפט מען בכלל אַזאַ צושטאַנד, איבערלעבונגען און אינערלעכן געראַנגל פון געזונטע און לעבנסלוסטיקע מענטשן, וואָס מען פירט פאַרשפּאַרטע אין ענגע וואַגאָנעס צום טויט, בוכשטעבליך ווי בהמות צום שלאַכט־הויז? קאָן מען באַנעמען און איבערגעבן מיט מענטשלעכע רייד אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט און אויסזיכטלאָזיקייט פון לעבעדיקע מענטשן? אויך מיר, די „פּראָווינציעלע" דווינסקער, האָבן שוין דאַן זיך געהאַט פיל אָנגעהערט וועגן פאַרשיידענע קרע־מאַטאָריעס, מאָדערנע גאַז־קאַמערס און קאָלך־אויוונס אין פּוילן און דייטש־לאַנד, און מיר האָבן שוין דאַן באַגריפן, אַז אַלע יידן, אָן אויסנאַם, ווערן גע־פירט צו ענדגילטיקער ליקווידאַציע, צו פאַרניכטונג, אויסראָטונג. הייסט עס, אַז מיר זיינען שוין פון די „לעצטע יידן", וואָס ווערן געפירט אויפן זעלבן וועג...

אונטערן איינדרוק פון אַזוינע שוידערלעכע סצענעס און טרויעריקע, אָפּגע־ריסענע געדאַנקען האָבן זיך דאַן ביי מיר אויסגעפאָרמירט אין מוח אַ מין געזעגע־נונגס־ווערטער, געווענדעט צו זיך אַליין און צו דעם לעבן־געבליבענעם „לעצטן יידן" אויף דער ערד. איך האָב שפּעטער די ווערטער פאַרצייכנט אויף אַ פּאַ־פּיר, און עס האָט זיך באַקומען אַ מין „ליד" מיטן נאָמען „אונדזער צוואה", אָדער „די צוואה פון דורות".

ווי טרויעריק און פאַרצווייפלט אונדזער לאַגע אין די פאַרשפּאַרטע וואַגאָ־נעס איז ניט געווען, האָבן מערערע פון אונדז נאָך ניט אָפּגעגעבן דעם געדאַנק ארויסצורייסן זיך פון די וואַגאָנעס און זיך ראַטעווען. כאָטש אין דער טיפסטער טיפעניש פון דער נשמה האָב איך געפילט, אַז מען פירט אונדז נאָך ניט אויפן לעצטן וועג און עס וועלן זיך נאָך מאַכן „בעסערע" געלעגנהייטן צום לויפן, האָב איך זיך דאָך צוזאַמענגערעדט מיט מיין נאָענטסטן חבר — לייב באַבראָוו, און נאָך אייניקע, מער געוואַגטע און פאַרביסענע, און מיר האָבן זיך גענומען אויפברעכן די וואַגאָן־פענצטערלעך, אַראָפּרייסן די שטעכל־דראָטן און זיך גע־גרייט דורכצוקריכן און אַראָפּשפּרינגען פון לויפנדיקן באַן. אמת, אין אונדזער וואַגאָן איז עס ניט געלונגען; די „עס. עס."־לייט האָבן עס באַמערקט, גענומען

שיסן און צוויי פון אונדז פאַרוואונדעט אין די הענט, נאָר אין אַן אַנדער וואַגאָן האָט זיך עס יאָ איינגעגעבן. איניקע יידן זיינען דורכגעקראָכן דורך אַ פענצטערל און געשפּרונגען פון באַן, אין מיטן גאַנג.

כאָטש טרויעריק און פינצטער איז געווען דער וועג, נאָר ווי מיר וועלן זען ווייטער, איז עס נאָך ניט געווען דער לעצטער וועג... נאָך באַשערט געווען דאָס מאָל צו בלייבן לעבן.

די צוואה פון דורות

צי ווייסטו, ייד? וואו בלוט שרייט פון די גריבער,
פון מאַסן-גריבער, קברים לאַנג און ברייט,
דאָרט טויט-געפאַלן זיינען דיינע ברידער,
דאָרט ליגן טאַטע-מאַמע דיינע טויט!
צי ווייסטו, ייד? וואו ס׳בלאָנדזשען נאָך נשמות
פאַרפּייניקטע פון מוטער, פאָטער, קינד,
דאָרט שרייען הימלען און די ערד: נקמה!
נקמה פאַר די שווידערהאַפטע זינד!

אויב איך פון מערדער-האַנט אַ טויט-פאַרלעצטער
וועל פאַלן היינט צי מאָרגן אויף דער ערד,
און דו וועסט זיין דער ייד, וואָס איז דער לעצטער
פון אַלע יידן אויף דער וועלט,
זאָלסטו די טויט-קללה פון אונדז, מיליאָנען,
ווי גיפט צעזייען איבער פאָלק און לאַנד
און בלוט-נקמה אויף די מערדער מאַנען
און אָנצינדן אויף וועלט נקמה-בראַנד.

אויב איך וועל טויט צי היינט צי מאָרגן פאַלן,
און דו וועסט זיין אויף ערד דער לעצטער ייד,
זאָלסטו דער פאָטער זיין פון נייע שטאַמען,
פון זיי דער פלאַנצער זיין, דער בויער און דער שמיד.

און כוחות זאָלסטו און אַ גייסט אַ ריינעם
פאַרפלאַנצן אין דעם פאָלק, וואָס אייביק לעבט,
אויף צו להכעיס זיי — די היטלער, שונאים,
וואָס אונדז פאַרניכטן האָבן זיי געשטרעבט.

און אויב מיין גוף וועט זיין שוין טויט, געשטאָרבן,
זאָל גייסט מיין אייביקער באַלויכטן העל
דעם וועג פאַר פרישע דורות, פאַר דעם מאָרגן,
וואָס גייט, וואָס קומט, וואָס שטייט שוין ביי דעם שוועל
פון נייעם לעבן, וואָס מיר מוזן בויען,
כדי שטאַרק צו זיין און גלייך צו יעדן פאָלק!
מוזסט האָבן, ייד, דיין לאַנד, ווי אַלע גויים,
דיין היים און ערד, אנשטאָט דעם וואַנדערשטאָק!

(פאַרענדיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פאָפערוואַלן, 1943).



אַן „אַקציע״ הויבט זיך אָן... יידן ווערן אויפגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס (טראָקס) כלומרשט געפירט צו ווערן אויף אַרבעט. נאָר — דאָס איז אָפּנאַרעריי, דאָס איז דער אָנהויב פון „לעצטן וועג״... (פאָטאָ: ג. קאַדיש, קאָוונער געטאָ, 1943).

קאַפּיטל 4.

אַ טראַנספּאָרט פון „לעצטע יידן"

נאָך ניט דער לעצטער וועג, — מ׳לעבט נאָך...

דריי טעג און דריי נעכט, אָן עסן און טרינקען, האָט מען אונדז געהאַלטען פאַרשפּאַרט אין ענגע האַלב-פינצטערע פּראַכט-וואַגאָנעס און ווער ווייס וואוהין געפירט אונדז, — דעם טראַנספּאָרט פון די לעצטע יידן פון דווינסק. טויט-אויסגעמאַטערטע פון אַזאַ לאַנגער שלעפעניש און אויסגעשעפּטע גייסטיק און פיזיש פון די אַלע לעצטע איבערלעבונגען און פון די שווידערהאַפטע זעלבסט-מאָרד-סצענעס אין די וואַגאָנעס, זיינען מיר סוף-כל-סוף אָנגעקומען קיין ריגע. יאָ, ס׳איז ריגע דאַכט זיך. אַט זעט מען דאָך אויפשריפטן דורך די וואַגאָן-שפּאַלטן — ריגע... די הויפּטשטאָט פון לעטלאַנד (לאַטוויאַ).

ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל דר׳זגען אַריין אַפּגעריסענע געדאַנקען-שטיק-לעך אין מידן, פאַרגליווערטן מוח. הייסט עס, דאָ אין ריגע, — בלייבט שטעקן אין מוח אַ געדאַנק, ווי אַ שטעכעדיקע נאָדל, — הייסט עס דאָ וואַרט אויף אונדז די ענדגילטיקע ליקווידאַציע, דער לעצטער וועג! און נאָך: — וואָס טוט מען?... אפשר איז נאָך דאָ אַ וועג זיך צום ראַטעווען, צו אַנטלויפן?... מען דאַרף פּרובירן אַנטלויפן... — שווימען אויף געדאַנקען-שפּליטער פון ערגעץ-וואו פון דער פאַרגליווערטקייט און פאַרשווינדן אין דער זעלבער גייס-טיקער און פיזישער אַפּהענטיקייט.

שוין די וויפלטע שעה ווי אונדזערע וואַגאָנעס שטייען אויף איין אָרט, און מיר הערן און זעען קיין זאַך ניט. דער שרעק וואַקסט. ס׳איז ניט צו דערטראָגן די געדיכטע טויט-אַטמאָספער אין וואַגאָן. און די מחשבות, די שניידיקע מחשבות וועגן טויט און הילפלאָזיקייט, — ווי צו דעם, וואָס קאָן נאָך דענקען...

— מען גרייט-צו פאַר אונדז אָן אָרט . . . מען גראָבט די גריבער, — לאָזט איינער פאַלן זיין געדאַנק אין דער האַלב-חושכת פון וואַגאָן. אַלע שווייגן. קיינער ענטפערט ניט, קיינער רעאַגירט ניט. אַ קינד, דאָס איינציקע קינד, וואָס געפינט זיך מיט אונדז אין וואַגאָן, כאַפּט אַרום זיין פאָטער און צעשרייט זיך מיטאַמאָל מיט באַנומענע קולות:

— אוי, איך וויל ניט, איך וויל ניט!... איך וויל ניט גיין צו די גריבער! לאָז מיך ניט נעמען, טאַטעניו, לאָז ניט!...

אַ צענדליק שטימען, אויפגערעגטע, פאַרווירטע, דערשראָקענע, צעשרייען זיך אויפן טאַטן:

— באַרואיקט דאָס קינד! פאַרשטאָפּט אים די מויל, — מיר קאָנען זיינע געשרייען ניט אַריבערטראָגן! אוי־ווי צו אונדז, ער קאָן נאָך אַ נייע צרה אויף אונדז ברענגען מיט זיין שרייען! . . . נו, הער שוין אויף, הער שוין אויף! —

דער טאַטע זוכט איינשטילן דאָס קינד, רעדט צו אים, בעט זיך — מען טאָר ניט שרייען, די דייטשן קאָנען נאָך דערהערן אַ קינדערשע שטים, דאָס קאָן זיין שלעכט פאַר אים און פאַר אַלעמען, — נאָר דאָס קינד קאָן זיך ניט באַרואיקן. לאַנג הערט זיך נאָך זיין ספּאַזמישע וויינען און כליפּן:

— אוי, טאַטעניו, איך וויל ניט גיין צו די גריבער, לאָז מיך ניט נעמען, לאָז מיך ניט נעמען! . . .

מיטאַמאָל דערהערן מיר פון אויסנווייניק אַ געראַדער. מיט אַ שטורעם, מיט געוואַלדן ווערט אויפגעפּראַלט די וואַגאָן־טיר, און צוזאַמען מיטן שטראָם ליכט פון אַ האַרבסטיקן זוניקן פרימאָרגן רייסט זיך אַריין אַ געמיש פון באַפעלן: — ארויסגיין! . . . אַלע . . . אויסשטעלן זיך! . . . מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער!... צוואַנציק טריט פון די וואַגאָנעס אָפּגיין!... שטיין בלייבן!...

דער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיט דייטשע און לאַטווישע פּאָליציי־לייט. מען ציילט אונדז. עפּעס שטימט ניט! מען ציילט נאָך אַ מאָל, מען שלעפּט אַרויס די טויטע פון די וואַגאָנעס, מען רעכנט, — יאָ, איצט איז ריכטיק. עס פעלן נאָר צוויי. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין איין וואַגאָן האָט זיך איינגעגעבן אויסצוברעכן און איבערשניידן די שטעכלדראָט פון אַ פענצטערל, און פיר מענער האָבן באַוויזן דורכצוקריכן און אַראָפּשפּרינגען אין פולן גאַנג פון באַן; דערביי איז איינער דערהרגעט געוואָרן אַראָפּשפּרינגענדיק; איינעם האָט מען דערשאָסן, און צוויי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

די באַגלייטער גיבן אונדז איבער צו די נייע „בעלי־בתים", צו דער ריגער געשטאַפּאָ. אַ געשטאַפּאָ־מאַן שרייבט זיך אונטער אויף אַ צעטל, אַז ער האָט דערהאַלטן אַזויפיל און אַזויפיל לעבעדיקע סחורה, און נעמט איבער די קאָמאַנדע איבער אונדז.

— פּראָבירט נאָר ניט לויפן, — זאָגט ער — ווי עס האָבן געטאָן פיר פון אייערע. אָט ליגן צוויי פון זיי טויט, די איבעריקע וועלן מיר אויך פּאַקן. איר אַלע גייט איצט אין ריגער געטאָ. מאַרש!

מיר נעמען די פּעקלעך אויף די רוקנס און הויבן אָן גיין. אַנדערע שלעפּן נאָך גאַנץ שווערע פּעק, דאָס לעצטע איינגעפּאַקטע פאַרמעגן. די פרויען מיט די מענער האָבן זיך ווידער צונויפגעמישט. איך גיב אַ קוק, עס גייט פרוי קאַלק־

וואַיען, אַ דווינסקער צאָן־דאָקטאָר, מיט ליידיקע הענט. איך פרעג זי, וואו איז איר „באַגאַזש״, ענטפערט זי מיט אַ פילאָזאָפישן שמייכל:

— איך האָב מיטגענומען נאָר אַ האַנטוך מיט אַ צאָן־בערשטל. עס איז נאַריש צו שלעפּן אָט די אַלע געפּעק, ווייל סיי־ווי־סיי וועט מען עס ניט דער־שלעפּן. מען וועט עס צונעמען. צו וואָס זיך נאָך איבעריק מאַטערן?

מיר גייען אָפּ אַ שטיקל וועג פון אייזנבאַן, און אונדז אַנטקעגן קומען אָן עטלעכע פורן מיט יידן. מיר קוקן זיך צו נייגעריק, און לויט זייערע בענדער אויף די אַרבל דערקענען מיר, אַז דאָס איז יידישע געטאָ־פּאָליציי (אָרדענונג־דינסט). זיי קריכן אַראָפּ פון די פורן און מעלדן אונדז, אַז שווערע געפּעק איז דערלויבט אויפצולאָדן אויף די פורן, און אויך שוואַכע און קראַנקע, אויב אַזוינע זיינען דאָ צווישן אונדז, מעגן זיך אויך אַרויפזעצן. פאַרשטייט זיך, אַזוינע זיינען דאָ צווישן אונדז איבער גענוג, און אַרום די פורן ווערט אַ געפּילדער. נאָר דאָ קומט דאָס געשריי פון דייטשן באַגלייטער:

— אָרדנונג האַלטן! נאָר שוואַכע און קראַנקע איז געזאָגט געוואָרן, — און יידן דערמאָנען זיך, אַז אַרויסווייזן אַ שייכות צו דער קאַטעגאָריע פון שוואַכע און קראַנקע איז איצט צו געפערלעך, און — עס ווערט אויס געדראַנג אַרום די פורן.

— שרעקט זיך ניט, יידן. מען פירט אייך אין ריגער געטאָ. עס וועט אייך קיין שלעכטס ניט געשען. עס וועט זיין מיט אייך דאָס זעלבע, וואָס מיט אַלע געבליבענע ריגער יידן. אין ריגער געטאָ איז ניט שלעכט. מען לעבט נאָך אַ ביסל . . . — האָבן אויף אונדזערע פראַגעס עטלעכע פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי געענטפערט. זיי האָבן אונדז באַרואיקט, און מיר האָבן זיך זייער לייכט געלאָזט באַרואיקן, ווייל ריגער געטאָ האָט אונדז דאָך בעסער געשמעקט, ווי די פּערספּעקטיוו צו גיין צו די גריבער.

ח״י־שעה לעבן איז אויך לעבן, און מערקווירדיק, — ווידער האָט אויפגע־לעבט אָן אינערלעכע אויפמונטערונג, אַ האָפענונג, אַז נאָך ניט אַלץ איז גע־ענדיקט, אַז „איך״ (דער אייגענער „איך״!) עקזיסטיר נאָך. אזוי איז שוין די מענטשלעכע נשמה! אין אַזאַ אומזיכערער און אויסזיכטלאָזער לאַגע, ווי אונדזערע, — נאָר ווען עס באַווייזט זיך דער מינדסטער שטראַל פון האָפענונג, פון אָפציען אויף אַווילע דעם סוף, שטראָמען אויף פון ערגעץ־וואו נייע כוחות, אַן אומאויסשעפּלעכער געדראַנג צום עקזיסטירן, צום זיין, צו לעבן...

און אַזוי איז טאַקע געווען, — דערווײַלע האָט מען אונדז געבראַכט לעבע־דיקע אין ריגער געטאָ אַריין.

אין ריגער געטאָ.

נאָכדעם, ווי מען האָט אונדז דורך שמאָלע דורכגענג אין די שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען געבראַכט צום צענטער פון ריגער־געטאָ, און מיר זיינען עטלעכע שעה אָפּגעשטאַנען אינמיטן גאַס אויף די שטיינער, האָבן זיך באַוויזן אייניקע מענער און פרויען פון די געטאָ־אָרדנער, מיט אַ גרויסן טיש און אַ נאָך גרעסערן קעסל מיט קאַווע. מען האָט אונדז מכבד געווען יעדערן מיט צוויי גרויסע שטיקער ברויט, באַשמירט מיט מאַרגאַרין (אַ מין קינסטלעך פעטס), און מיט האַלב־זיסע קאַפע, וויפל מ'האָט נאָר געוואָלט. פאַרשמאַכטע און אויסגעהונגערטע, האָבן מיר ווי וועלף זיך געוואָרפן אויף דער אכילה און אָנגעזופּט זיך מיט וואַרעמען קאַפע ביז צו בויך־ווייטיק. דאָך, ווי הונגעריק איך בין ניט געווען, האָב איך, און אזוי אויך פיל אנדערע, באַהאַלטן אַ טייל ברויט אויף שפּעטער, אויף ערגערע צייטן... מאָלע וואָס שפּעטער קאָן זיך מאַכן, מען דאַרף זיין אויסגערעכנט, — אַזוי האָט אונדז געלערנט די האַרטע געטאָ־שול פון די לעצטע טעג.

ניט לאַנג זיינען מיר געבליבן אין ריגער געטאָ, — אינגאַנצן עטלעכע טעג. געשלאָפן זיינען מיר אויף דער הוילער ערד אין אַ פּאָר קאַלטע גרויסע רוימען, און אויף מאָרגן האָט מען אונדז שוין געגעבן נאָר צו שטיקלעך טרוקענע ברויט מיט אַ טעפּל קאַווע. אין דער צייט האָב איך זיך נענטער באַקאַנט מיט אייניקע איינוואוינער פון ריגער געטאָ, און זיי האָבן מיר דערציילט וועגן זייער לעבן.

די געטאָ האָט זיך געפונען אין אַן אָפּגעזונדערטן און מיט שטעכיקן דראָט אַרומגעצוימטן טייל פון „מאָסקווער" פאַרשטאָט אין ריגע. לגבי דווינסקער געטאָ האָט עס אויסגעקוקט „געמיטלעכער" און „היימישער", ווייל, כאָטש אויך אין ענגשאַפט, האָט מען דאָך געלעבט אין באַזונדערע הייזער מיט געוויסע באַקוועמלעכקייטן. אָבער דער געטאָ־רעזשים מיט די סאָרטירונגען און שחיטות האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט מיט דער זעלבער סיסטעמאַטישקייט, ווי אין דווינסק און אַנדערשוואו.

אין ריגער געטאָ זיינען געווען קאָנצענטרירט עטלעכע צענדליק טויזנט יידן. צוזרשט פון ריגע און אַנדערע ערטער פון לאַטוויאַ און דערנאָך געבראַכטע פון דייטשלאַנד, עסטרייך, ליטע, טשעכאָסלאָוואַקיי און אַנדערשוואו. דורך סיסטעמאַטישע „אַקציאָנען", שטראָף־קאָמאַנדעס און אנדערע אויסראָטונג־מיטלען האָט מען דעם גרעסטן טייל פון זיי פאַרניכטעט אין פאַרשיידענע ערטער אַרום ריגע, ווי אויף די באַוואוסטע מאַסן בית־עולמס סאַלספּילס, שטראַסענדאָרף און אַנדערע. אַ צאָל גרויסע, וועלט־באַקאַנטע יידן זיינען אומגעקומען אין ריגער געטאָ, — צווישן זיי אויך דער באַרימטער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו.

אין דער צייט פון אונדזער זיין אין ריגע זיינען געווען אין געטאָ נאָר אַ פּאָר טויזנט מענטשן, און די געטאָ איז שוין געווען באַענט צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע. די איבעריקע פון די לעבן־געבליבענע זיינען שוין געווען „קאַזער־נירט", ד"ה, באַזעצט ווי שקלאַפן־אַרבעטער אין פאַרשיידענע פאַבריקן און אנדערע אַרבעטס־איינהייטן („לענטאַ", „וואַיראַגס" און פיל אַנדערע). אויך מיר און אנדערע גרופּעס האָבן געוואַרט יעדע שעה טראַנספּאָרטירט צו ווערן — ווער ווייס וואוהין?

מיטאַמאָל ווערט אַ גערודער, — עס זיינען געקומען דייטשן אָפּצוקלייבן נייע טראַנספּאָרטן. אין אַ ווײַלע שפּעטער זעען מיר שוין עטלעכע אָפּגעזונ־דערטע גרופּעס, — ווייניק מענער, נאָר מייסטנס פרויען און קינדער מיט צעשראָ־קענע, פרעגנדיקע אויגן און מיט סימנים פון אַמאָל גוטע, טייערע קליידער. דאָס זיינען „נאַציאָנאַלע" גרופּעס פון דייטשע יידן, עסטרייכישע יידן, טשעכישע יידן, ליטווישע יידן.

עטלעכע יונגע און מיטליאָריקע גוט־אָפּגעפּרעסענע יידן, שיין און עלע־גאַנט געקליידט, העלפן די דייטשן אין זייער אַרבעט. זיי ריידן אויסגעצייכנט דייטש, זיי ווייסן אַלע איינצלהייטן, ווי און וואָס צו אָרדענען און צו טאָן, און אין אַלע זייערע באַוועגונגען פילן זיי זיך ווי פיש אין וואַסער, — פיל פרייער און דרייסטער, ווי אונדזערע אַמאָליקע דווינסקער יידישע „געטאָ־אָרדנער". מען זעט, אַז די דייטשן פאַרלאָזן זיך אויף זיי בעסער, ווי אויף זיך אַליין. מייסטנס זיינען עס געווען דייטשע יידן, נאָר אַ טייל אויך היגע, ריגער; דאָס זיינען געווען די ריגער „געטאָ־אָרדנער".

פאַרנאַכט קומען אָן עטלעכע לאַסט־אויטאָס (טראַקס) אונדז אָפּצופירן. מיר ווילן נעמען אונדזערע פּעקלעך, אָבער דאָ מישן זיך אַריין די געטאָ־אָרדנער און לאָזן עס ניט טאָן.

— צו־וואָס דאַרפט איר עס מיטנעמען! — זאָגן זיי, — איר פאָרט דאָך קיין קייזערוואַלד, און דאָרט וועט מען עס סיי־ווי צונעמען. ניט נאָר דאָס, נאָר אויך געלט, אַ זייגערל, אַ רינגל, אַ קעמל, אַ מעסערל, אויב איר האָט נאָך. לאָזט בעסער אַלצדינג איבער דאָ, און מיר וועלן אייך שפּעטער אָפּגעבן . . . מיר ווייסן שוין . . .

מיר ווילן נאָך אַלץ ניט גלויבן, נאָר אויך אַנדערע זאָגן אונדז אָן דאָס זעלבע.

מיר לאָזן איבער „פריוויליק" אַלע אונדזערע פּעקלעך אין ריגער געטאָ, אינמיטן גאַס, און אַ טייל פון אונדז גיט אָפּ צו די נייע ריגער באַקאַנטע אויך געלט, רינגלעך, מעסערלעך און נאָך קלייניקייטן, וואָס מען האָט נאָך געהאַט מיט זיך, מיטן באַדינג, פאַרשטייט זיך, אַז זיי, די בעלי־בתים, וועלן עס „דערנאָך" אַלץ צוריקקריגן. אַ טייל, פאַרקערט, צערייסט שטילערהייט דאָס

לעצטע געלט און וואַרפט עס אַוועק, — זאָל עס די דייטשן און זייערע „הינט" ניט אָנקומען!

אין לעצטן מאָמענט פאַרן אָפּפאָרן לויפט־צו צו מיר מיינע אַ קאָוונער באַקאַנטע, און פרעגט מיך, וואָס זאָל זי טאָן מיט אירע זעקס הונדערט דייטשע מאַרק, וואָס זי האָט. איך הייס איר טאָן, וואָס אַלע טוען — איינלייגן „ביז אויף שפּעטער" ביי אַ באַקאַנטן פון די ריגער געטאָ־תושבים.

— ניין! — שרייט זי אויס — איר זעט דען ניט, אַז זיי נאַרן אונדז אָפּ, כדי אַרויסצוקריגן פון אונדז דאָס לעצטע? זיי וועלן דאָס געלט שוין קיינמאָל ניט אָפּגעבן.

— אויב אַזוי, איז דאָ אַ צווייטער אויסוועג — צערייסט עס און וואַרפט אַוועק . . .

דאָס וויל זי אויך ניט . . . זי ווייס, אַז איך האָב קיין געלט ניט, און שטאָפּט מיר אַריין די זעקס הונדערט מאַרק, איך זאָל עס באַהאַלטן און מיטנעמען. שפּעטער זאָל איך איר אָפּגעבן נאָר פיר הונדערט, און די איבעריקע צוויי הונדערט, אַ דריטל, זאָל איך לאָזן פאַר זיך, ווי אַ באַלוינונג פאַר מיין ריזיקע און טירחה...

איך נעם די זעקס הונדערט מאַרק, רוק עס אַריין אונטער די האַלב־אָפּ־געריסענע זוילן פון מיינע שיך, און מיין באַקאַנטע גייט אַ אַוועק אַ באַרואיקטע. מיט מיר איז זי „זיכער".

מיר זיינען שוין אָנגעלאָדן אויף די לאַסט־אויטאָס אַזוי ענג און צוזאַמענ־געפּרעסט, אַז אפילו צום שטיין איז קיין פּלאַץ ניטאָ. די וואָס שטייען ביים ראַנד, האַלטן ביים אַרויספאַלן. ביי יעדן בויג פון וועג ווערט אַ געשריי, די ראַנדיקע כאַפּן זיך פאַר די מיטלסטע, און קוים מיט שוועריקייטן געלינגט עס זיי אָפּצוהאַלטן פון אַריבערפאַלן איבער די באָרטן פון אויטאָ. אין געפּרעס דערזע איך פון וויטן די לאַכעדיקע אויגן פון פרוי וואַיען, און זי שרייט צו מיר דורכן גערויש פון ווינט:

— נו, ווער איז גערעכט? וואו זיינען אַלע פּעק מיט די פאַרמעגנס, וואָס מען האָט נאָך געשלעפּט מיט זיך? איצט זיינען מיר אַלע גליייך, — איך מיט מיין האַנטוך און די איבעריקע מיט זייער שווערן באַגאַזש. צו וואָס זיך נאָך איבעריק מאַטערן און צו וואָס אַליין זיך נאָך בינדן די הענט, מיטשלעפּנדיק די אומגליקלעכע פּעקלעך? צו־וואָס?

— מען וועט אונדז אָפּגעבן אין קייזערוואַלד, — רופט זיך אָפּ אַ שטים פון דעם מענטשן־קנויל.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן! — ענטפערט זי — ווייזט אויס, איר האָט ווייניק זיך אויסגעלערנט אין די לעצטע פּאָר יאָר. און אויך די, וואָס האָבן איצט געיאַרשנט אייער לעצטן פאַרמעגן, אויך זיי וועלן עס מיט זיך ניט מיט־נעמען. איר'ט זיך נאָך טרעפן מיט זיי ערגעץ־וואו אין לאַגער אָדער אויף

יענער וועלט, דאַן פרעגט זיי . . . עך, דאָס האַלטן זיך צוגעבונדן צו די פּעק־לעך, צום פאַרמעגן! דאָס האָט אפשר טויזנטער פון אונדז צוריק־געהאַלטן, ניט געלאָזט רעכטצייטיק אַנטלויפן, געפּענטעט די הענט און פיס און צום סוף באַגראָבן . . .

מער האָב איך פרוי וואַיען שוין ערגעץ ניט געטראָפן. נאָר פלעג זיך אָפּט דערמאָנען אָן איר און אירע רייד. אַ קלוגע פרוי געווען, און פלעגט אָפט זאָגן דרייסטע, נביאישע רייד. מיט צען קעפּ העכער איז זי געשטאַנען פון דעם דורכשניטלעכן, געזונקענעם געטאָ־מענטש . . . און ווי־נאָך געוואָלט לעבן האָט זי! געבויט פּלענער, געטרוימט טרוימען וועגן אַנטלויפן, וועגן אויסבאַהאַלטן זיך, וועגן דערשטעכן, לכל הפּחות, אַ דריי־פיר פון די מערדער . . .געבויט פּלענער און געטרוימט טרוימען וועגן לעבן און נקמה־נעמען פאַר איר קינד, פאַר איר מאַן, פאַר אַלעמען. געוועןּ פון איר „קאַזערנירונג״־שטעל צוויי מאָל אַנטלאָפן און געכאַפּט, און צום סוף, — לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען פון טיפוס און הונגער אין שטוטהאָף אָדער אַ דערבייאיקן לאַגער.

ווי פיינפול, ווי ווייטאָקדיק, ווי אַכזריות׳דיק דער גורל שפּילט זיך!...



די צעשטערטע נייע סלאָבאָדקער ישיבה און אַרומיקע יידישע הייזער.
(פאָטאָ: ג. קאַדיש, קאָוונע, 1943)

ימים־נוראים

געווידמעט דעם אייביקן אָנדענק פון דער יידישער קהילה פון מיין געבורט־שטעטל פּומפּיאַן, ליטע, וועמענס קדושים וטהורים, אַלע ביזן לעצטן, זיינען אין אויגוסט 1941 אומגעבראַכט געוואָרן אין די יידישע מאַסן־קברים פון פּאַיאָסט, ביי פּאָנעוועזש.

דער דריטער ניי־יאָר, ראש־השנה,
אין געטאָ־פינצטערניש און פּיין...
האָט ווער געגלויבט, אַז ס'וועט אויך איצטער
פון אונדז אַ זכר דאָ נאָך זיין?
צום דריטן יאָר ימים־נוראים
געפעלט פון אונדז שוין האָבן פיל;
ס'געבליבענע, אַ הייפל יידן,
צום דאַוונען מעריב גרייט זיך שטיל.

אין ענגשאַפט, צווישן בעטלעך, טישלעך,
אַן „עמוד" האָט מען אויפגעשטעלט,
מ'האָט ליכט געצונדן און... פאַרטראַכט זיך:
ס'האָט נאָענטע יעדערן געפעלט.
מתפללים אין זיך פאַרטיפטע,
אין דעמערונג און שאָטן־ליכט
באַוועגן זיך, אליין ווי שאָטנס,
מיט געטאָ־מידקייט אויף ס'געזיכט.

ימים־נוראימדיק געדאַוונט
האָט בעל־תפילה ווי אַמאָל.
דעם אַלטן ניגון דעם סקאָרבאָוון
געצויגן האָט בעל־תפילהס קול.
און יידן דאַוונען מיט כוונה;
די תפילה איז — אַ זיפץ, אַ טרער:
מען גיסט דאָס האַרץ אויס פאַר דעם בורא,
וואָס שטראָפט אונדז אַזוי האַרט און שווער.

אַ מחזור עפן איך און בלעטער,
כ'וויל דאַוונען ווי אַ פרומער ייד.

די אותיות שפרינגען, כ'קאָן ניט דאַווענען, —
דער מוח איז, ווייזט אוים, צו מיד.
ווי אַלט-באַקאַנט ס'קלינגט יום-טוב-ניגון!
עס ווערט דאָס האַרץ מיט בענקשאַפט פול...
כ'פאַרמאַך די אויגן, און עס דאַכט זיך, —
...איך זע מיין שטעטל און די שול.

...איך בין אַהיים צו טאַטע-מאַמע
פון שטאָט געקומען, כ'בין אַ גאַסט.
איך גיי אין שול צום יום-טוב-דאַווענען
און פיר זיך לייטיש, ווי עס פאַסט.
מען גיט זיך ברייט „שלום עליכם"
מיט גאַנצן שטעטל, גרוים און קליין...
שאַ!... דער חזן מיט זיין כאָר זינגט!
ווי זים דער ניגון קלינגט, ווי שיין!

...קיין בייזע אויג, אַ שטעטל יידן!
בעלי-בתים, פני און רב...
— וואָס רייד איך? האַ? וואו זיינען זיי דען? —
איך כאַפּ זיך אויף ווי פון אַ שלאָף.
עס איז שוין פינצטער... ליכטלעך צאַנקען
און וואַרפן שאָטנס אויף די ווענט.
די שאָטנס קריכן. כ'זע — ...עס לויפן
יידן מיט צעשפּרייטע הענט.

...מען טרייבט, מען וואַרפט זיי פון די הייזער.
זיי שרייען, בעטן זיך: ניט שלאָגט!
אָך! פון נאָענטע מיטוואוינער, פון שכנים
ווערט שטעטל יידן דאָך געיאָגט
צום טויט! צום אומקום! צו פאַרניכטונג!
צו אָנגעגרייטער שחיטה-גרוב!...
מען יאָגט צום טויט! מ'האָט ניט געלאָזן
קיין מאַן, קיין פרוי, קיין קינד אין שטוב!

...מען פירט צום טויט די גאַנצע עדה.
דער אַלטער רב, ער גייט בראש.

ער גיט אַ קוק אויף זיינע יידן
און רופט צום הימל: — גאָט! פאַרוואָס?!
פאַרוואָס האָסטו אַזוינס דערלאָזן,
צו מאַכן דיך און אונדז צו שפּאָט?
וואו איז „כרחם אב על בנים?"
וואו איז דיין רחמים? ענטפער, גאָט!

גאָט! פאַרוואָס? . . .

— וואו איז דיין אמת, צדק, יושר,
וואָס דו האָסט מענטשן אָנגעזאָגט?
דו זעסט, ווי מיר „כצאן לטבח"
פון רוצחים ווערן דאָ געיאָגט, —
און, גאָט, דו שווייגסט! דו טאָרסט ניט שווייגן!
דיין שווייגן האָט מער ניט קיין זין!
ווייז, גאָט, דיין נס מן השמים
און שיק דיין „אצבע אלהים!"

...עס שרייט צום הימל רב דער אַלטער,
און עדה יידן העלפט אים מיט:
— „עשה למענך!" טו פון דיינט'וועגן!
גאָט, ראַטעווע! דערלאָז עס ניט!" —
...געוויין, געשריי פון קינדער, מאַמעס...
דער יאָמער רייסט די הימלען איין...
נאָר הימל שווייגט. די ערד ליגט רואיק.
גאָט זעט ניט, הערט ניט יידנס פּיין.

...קיין האָפנונג מער, קיין גאָטס ישועה...
עס האָט קיין נס זיך ניט אַנטפּלעקט,
און איבער קעפּ פון טף ונשים
שוין הענגט דער חלף אויסגעשטרעקט.
...די גריבער! אוי, די מאַסן-קברים!...
מען וואַרפט, מען שליידערט מענטשן דאָרט!
מען שיסט, מען קוילעט! בלוט ווי וואַסער!
אַ מענטשן-שחיטה... מאַסן-מאָרד!

...מען קוילעט צאַפּלדיקע מענטשן...
מען קוילעט מאַן און פרוי און קינד...
„הכל שוחטין"! — ווער עס וויל נאָר,
דער קוילעט זיי, — ס'איז ניט קיין זינד!
„הכל שוחטין"! — ייד איז הפקר!
קוילעט זיי, פאַרברעכער-לייט!
פאַרלאָזן האָט זיי גאָט, — ס'איז הפקר!
קוילעט! שיסט! ס'איז אייער צייט!

— שאַ! וואָס שריי איך? — כ'רייב די אויגן:
איך האַלט אַ מחזור אין די הענט,
בעל-תפילה ציט באַקאַנטן ניגון,
און לאַנגע שאָטנס אויף די ווענט
פון די צאַנקנדיקע ליכטלעך
פאַלן, קריכן הין און הער.
דער עולם דאַוונט מיט כוונה,
עס פאַלט אַ זיפץ, אַ שטילער טרער.

איך קוק אין מחזור, זוך אַ תשובה,
אַ רמז, אָנווייז, אַ באַדייט:
פאַרוואָס איז אונדזער לעבן הפקר?
אָט שטאַרבן מיר דאָך פאַר דער צייט!
אָט ציִען זיך ימים-נוראים, —
די טעג פון שרעק, פון מאָרד, ווילקיר...
אין יאָרן-לאַנגן יום-כיפּורים
די כּפּרות זיינען מיר!

עס ווערט פאַרשניטן אונדזער לעבן
און אונדזער בלוט ווי וואַסער פליסט,
דער מערדער ענדיקט אונדז פאַרניכטן,
ס'ווערט אונדזער קיום אָפּגעווישט...
— פאַרוואָס, אָ, גאָט? וואו שטעקט דער רעיון?
צי האָט עס אפשר גאָר אַ זין?
ענטפער, גאָט! איך מאָן אַ תשובה
אין חשבון-טאָג, אין יום-הדין! —

און ווידער זוך אין דעם מחזור,
איך קוק אריין אין יעדן אות.
אפשר... „ומפני חטאינו"
ווייזט אונדז אָן אויף עפּעס-וואָס?

„ומפני חטאינו
גלינו מארצנו
ונתרחקנו מעל אדמתנו..."

מען האָט אַמאָל דאָך אונדז פאַרטריבן
פון אונדזער היימלאַנד, אייגענער ערד,
מען האָט דערווייטערט אונדז פון באָדן,
פון שורש, וואָס האָט אונדז דערנערט.

און אויסגעוואָרצלטע, צעפליקטע,
האָט גורל אונדז אויף וועלט צעזייט
און איבער פרעמדע לענדער, פעלקער
אונדז שוואַכע, היימלאָזע, צעשפּרייט.

און אויף הפקר איז געוואָרן
אונדזער לעבן אָט פון דאַן:
ס'ווערט פלייש געשניטן, בלוט געגאָסן
פון אונדזער פאָלק אין יעדן לאַנד.

יאָ, כ'פאַרשטיי! מיר זיינען פרעמדע;
אין פרעמדע לענדער, פרעמדן הויז,
און וואו נאָר ס'קומט אַן אויפרעג, אויפברויז,
דעם כעס אויף אונדז גלייך גיסט מען אויס...
כ'פאַרשטיי... מיר זיינען אויסגעווײלט צום טראָגן
אַ שווערן, אוי, אַ שווערן יאָך!
צו זיין קרבנות און כפרות
פאַר פעלקער, לענדער... נאָך און נאָך!

— נאָר... עד מתי? ווי לאַנג נאָך בלייבן
אַ פרעמדער אויף דער גאַנצער וועלט?
מען מוז דאָך סוף־כל־סוף צוריקגיין
צו אונדזער היים, צו אונדזער ערד!...
איך וויל דאָך אויך ווי אַלע פעלקער
נאָר פשוט לעבן... שטיל, נאָרמאַל!
אַן אייגן לעבן וויל איך האָבן —
איך און ס'גאַנצע פאָלק בכלל! —

איך הער... בעל־תפילה ציט זיין ניגון:
„אתה בחרתנו — אוי־אוי־אוי!"...
— גענוג! איך וויל ניט אויסגעווײלט זיין!
כ'וויל זיין אַ פאָלק ווי יעדער גוי!
גענוג שוין „אתה בחרתנו"!
דאָס אויסגעווײלט זיין איז צו שווער!
איך וויל ניט זיין פאַר וועלט דער קרבן!
איך קאָן ניט מער!... א י ך ק אָ ן נ י ט מ ע ר!

(געשריבן אין דווינסקער געטאָ און קאָנצענטראַציע־לאַגער
פּאָפּערוואַלן, אין 1943).

קאַפּיטל 5.

אין קייזערוואַלד, ביי ריגע, אין גיהנום

די טעכניק פון מענטשן־באַאַרבעטונג

מיטן אָנקומען אין קייזערוואַלד, אין דעם צענטראַלן סאָרטירונגס־לאַגער ניט ווייט פון ריגע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין אונדזער לעבן, — די תקופה פון העכסטן גראַד פון מענטשלעכער פּיין און דערנידערונג און פון אוממענטשלעכער אכזריות, הפקרות און געפּאַלנקייט. עס האָבן זיך ברייט געעפנט פאַר אונדז די טירן פון קייזערוואַלד, און מיר זיינען אַריין אין אַ גרויסן, ברייטן און טיפן טויטן־זומפּ פון בלוטיקע קאַנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער ווי מען רופט עס פאַרקירצט — קאַצעטן. הייסט עס, מיר זיינען אַוועק פאַרויס — פון אָפּגעשלאָסענע פּראָווינציעלע געטאָס זיינען מיר אַרויס אויפן ברייטן שליאַך פון העכסט־מאָדערנע „אינטערנאַציאָנאַלע", טויט־ און מאָרד־קאָמבינאַטן... איך רוף עס „אינטערנאַציאָנאַלע", ווייל דאָ האָבן מיר זיך שוין צוזאַמענגע־טראָפן מיט יידן, קרבנות פון אַ צענדליק לענדער, און מיט פאַרברעכער, אונדזערע פּריוויליקע אָדער געצוואונגענע פּייניקער, אויך, מסתמא, פון אַ צענדליק לענדער און פעלקער.

נאָר מיר דאַכט זיך, איך האָב אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס אין באַ־רימעריי, אָנרופנדיק „מיינע" קאָנצענטראַציע־לאַגערן (קאַצעטן) העכסט־מאָ־דערנע. דער אמת איז, אַז מיינע קאַצעטן האָבן זיך נאָך ניט אויסגעצייכנט מיט דעם העכסטן מאָדערניזם, וואָס האָט שוין דאַן עקזיסטירט אין דער דייטשער קאַצעטן־קולטור. די העכסט־מאָדערנע טויט־איינריכטונגען זיינען אין „מיינע" קאַצעטן נאָך ניט געווען, — איך האָב אין די אויגן ניט געזען ניט קיין גאַז־קאַמערס און ניט קיין קרעמאַטאָריעס. אין „מיינע" קאַצעטן האָט מען געטויט צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט אַלטע, שוין אַ ביסל אָפּגעשטאַנענע טויט־מיטלען. אויף אַזאַ אופן, מוז איך זיך מודה זיין גלייך פון אָנהויב, אַז איך בין אַ היפּש ביסל אָפּגעשטאַנען פון די פּון מיינע בכבודיקע קאָלעגן־קאַצעטניקעס, וואָס האָבן זיך אָנגעזען און אָנגעשמעקט סיי מיט גאַס־קאַמערס, סיי מיט קרע־מאַטאָריעס. דאַרף איך, הייסט עס, בעטן מחילה פאַר מיין דאָזיקער אָפּגע־שטאַנענקייט . . .

קאָנט איר אין אַ פּאָר ווערטער געבן אַ באַגריף וואָס איז אַזוינס אַ מאָ־דערנער קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דייטשן מוסטער און וואָס איז, אייגנטלעך,

געוועזן זיין אויפגאַבע אין לעבן? איך וועל עס פּרובירן טאָן פאַר אייך. איך מיין, דאָס איז אַזאַ מין גוט־איינגעאָרדנטער אַנשטאַלט, וואו מענטשן, פיזיש און גייסטיק געזונטע, ווערן געמאַכט פאַר אויס־מענטשן און וואו, צוזאַמען מיטן צונעמען פון מענטשן זייערע אייגענע קליידער און אייגענעם נאָמען, ווערט צו־גענומען אויך זייער לעצטע מענטשלעכע ווערטיקייט, און דאָן, אַזאַ באַאַרבעטער מענטש ווערט, ווי די בידעריקסטע באַשעפעניש, סיסטעמאַטיש געיאָגט, אָדער ער לויפט שוין אַליין צום טויט. אויב אַזאַ טעאָרעטישע באַגרינדונג קאָן איך קיין באַגריף ניט געבן, דאַן קומט־מיט מיט מיר, און אין וועל אייך עס באַ־וויזן אין דער פּראַקטיק.

די לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן אונדז געבראַכט קיין קייזערוואַלד, האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּצושטעלן, ווי עס האָט זיך געגומען שיטן אויף אונדז אַ האָגל פון קורצע און שנעלע באַפעלן: — אַראָפּקריכן פון די אויטאָס! . . . זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען! . . . אַכטונג! פרויען און קינדער בלייבן אויפן אָרט, מענער פאָרויס! מאַרש! . . . שטיין בלייבן! . . . זיך אויסשטעלן אין רייען! אין גראַדע רייען!

און מיטאַמאָל, ווי פון אונטער דער ערד, איז אויסגעוואַקסן אַ כאַפּטע פון ווילדע ברואים אין געשטרייפטע אַרעסטאַנטן־קליידער און מיט גזלנישע פּנימער. די שטעקנס, בייטשן און דראָטן, וואָס זיי האַלטן אין די הענט, הויבן אָן צו פאַלן אויף אונדזערע קעפּ און רוקנס און צו פּאַסעווען אויף אַלע זייטן.

— ווי שטייסטו? — שרייט מען צו אונדז — וואָס האַלטסטו אין דער האַנט? אַראָפּנעמען די היטלען! צוריק, אָנטאָן די היטלען! דו שטייסט קרום! וואָס, דו ביסט נאָך ניט צופרידן? דו רעדסט נאָך? וואָס האָסטו אין קעשענע?

און פאַר יעדערן פון די אויסערגעוויינלעכע חטאים פאַלן קלעפּ ווי האָגל. אייניקע פון אונדז זיינען שוין פאַרבלוטיקט. מען ווערט צעטומלט, און מען ווייס שוין בכלל ניט, ווי צו שטיין, וואָס צו טאָן, וואָס צו זאָגן, ווי צו שווייגן און וואָס צו טראַכטן . . .

דאָס זיינען געוועזן אונדזערע נייע אויפזעער און „דערציער", — אַליין פאַר־שיקטע קרימינעלע פאַרברעכער מכל המינים, — און דאָס האָבן זיי אונדז גע־געבן די ערשטע לעקציע.

אָט אַזוי איז פאַרגעקומען אונדזער ערשטע באַגעגעניש אין קייזערוואַלד. דאָס איז געוועזן די ערשטע פאַזע פון באַאַרבעטן ניי־אָנגעקומענע יידן. דער ציל איז, — דורך קורצע, שנעלע און שניידיקע באַפעלן מיט אַ טאָן, וואָס נאָר דייטשן און זייערע גוטע תלמידים קאָנען אַזוי מייסטערהאַפט אָנווענדן, און דורך אָן־אויפהערלעכן טעראָר און שלאָגן די מענטשן, — צעטומלען און דערשטיקן אין זיי יעדע ווילנס־קראַפט און פּרואוו פון ווידערשטאַנד. די דייטשע טויט־פּסיכאָלאָגן האָבן גוט געוואוסט, ווי אַזאַ באַאַרבעטונג ווירקט אויף מענטשן, און

האָבן אָנגעווענדעט אַ גאַנצע סיסטעם פון כסדרדיקן צעטומלען און צעברעכן דעם קרבן גייסטיק און קערפּערלעך.

די צווייטע פאַזע איז געווען דאָס אָפּטיילן די מענער פון פרויען און קינדער. מען האָט זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, און די, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ קינד, אַ פרוי, אַ שוועסטער, אַ מאַמע, האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך געזעגענען מיט זיי, ווי מען איז שוין שנעל־שנעל געשטופּט געוואָרן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אויף יעדן פּרוּוו צו שטעלן אַ פראַגע איז געקומען אַ זעץ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ אָדער אין בעסטן פאַל אַ לאַקאָנישער ענטפער:

— שווייג, דו הונט! דו רעדסט נאָך?!

איך גיב אַ וואָרף אַן אויג איבערן שטח פון קאַצעט־הויף. אַ גאַר גרויסער זאַמדיקער פּלאַץ מיט צענדליקער לאַנגע און ברייטע באַראַקעס (בלאָקן), אַ הויכער, צוויי־רייאיקער שטעכלדראָט־צוים, וואַך־טורעמס מיט קוילנוואַרפערס, „עס־עס"־לייט, באַוואַכונג־לייט און די ווילדע ברואים אין אַרעסטאַנטישע קליידער, — אַלץ, מסתמא, וואָס אין אַ מאָדערנעם קאַצעט פאָדערט זיך. איך זע, אין פאַרשיידענע ריכטונגען ווערן געטריבן אַנדערע מענטשן־גרופּעס, אַזוינע ווי מיר, נאָר פריער געקומענע. עס גייט שוין צו אָוונט, און מיר האָבן נאָך, ווייזט אויס, דורכצוגיין אַ היפּש ביסל קאַצעט־צערעמאָניעס. אונדזערע אויפ־זעער זיינען אויפגערעגט און איילן זיך. מיר הערן אַלץ דאָס זעלבע „שנעל־שנעל" און ווערן אונטערגעטריבן מיט שטעקנס און בייטשן. איצט ווערן מיר געשטויסן פון אָרט צו אָרט, פון באַראַק צו באַראַק אַזוי שנעל און אומגעריכט, אַז ביי יעדערן נעמט אָפּ דער לשון. מען פרעגט שוין ניט, מען רעדט שוין ניט. און ניט נאָר מען גייט, נאָר מען לויפט לויפנדיק, אַבי ניט צו כאַפּן אַן איבעריקן קלאַפּ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ.

„אָפּגעבן אַלץ, וואָס איר האָט"!

די ווייטערדיקע פאַזעס פון באַאַרבעטן און מאַכן אונדז אויס־מענטשן זיינען געווען: צונעמען די לעצטע קלייניקייטן פון אונדזער „פאַרמעגן", אָפּנעמען די פּערזענלעכע קליידונג, אָנטאָן אין ספּעציעלע קאַצעטישע שמאַטעס, נומערירן, און רופן מיט די נומערן.

אַריינגעטריבן אונדז אין אַ גרויסן באַראַק, אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און געגעבן אַ שטרענגן באַפעל:

— ווייזן אַלצדינג, וואָס איר האָט אין די הענט, אין די קעשענעס אָדער איינגענייט ערגעץ אין די קליידער אָדער שיך! אַלצדינג מוז געוויזן ווערן צום קאָנטראָל, און צוגיין מיט אויסגעקערטע קעשענעס צו אָט דעם טיש! ווער עס וועט וואָס באַהאַלטן אָדער איבערלאָזן אין די קעשענעס, וועט גלייך ווערן

אַרויסגעפירט און דערשאָסן. פאַרשטאַנדען? איך חזר־איבער: אַלצדינג . . .

צו צוויי, צו צוויי האָבן מיר אָנגעהויבן צוצוגיין צום קאָנטראָל־טיש, האַלטנדיק אין די הענט אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי אויסגעליידיקט מיר זיינען שוין געווען נאָך צוויי יאָר געטאָ־לעבן און נאָכן אָפּגעבן דאָס לעצטע ביסל אָרעמקייט אין ריגער געטאָ. און דאָך האָט זיך נאָך איינגעפונען אַ היפש ביסל „עשירות". עס האָט לאַנג ניט גע־דויערט, און עס זיינען שוין אָנגעוואָרפן אין באַזונדערע הויפנס דייטשע פּאַפּיר־געלט, מעטאַלענע קליינגעלט, טאַשן־מעסערלעך, ראַזיר־מכשירים, שערעלעך, טייסטערלעך, שפּילקעס, פּאָרטסיגאַרן, טאַבאַק־פּושקעס, אייניקע רינגלעך און זייגערלעך, קעמעלעך, שפּולקעס פאָדעם, שפּיגעלעך, פלעשעלעך, בליי־פעדערס, קנעפּלעך, און ווער ווייס, וועלכע נאָך מינים פון פאַרמעגן, וואָס מען קאָן מיטנעמען מיט זיך אין די קעשענעס. אַ באַזונדער גרויסער הויפן האָט זיך אָנגעזאַמלט פון אַמאָליקע פּערזענלעכע דאָקומענטן, פּעסער, פאָטאָגראַפיעס, פּאַפּירן מיט קינדערשע האַנטשריפטן, קינדערשע צייכנונגען, — אַלץ אַזוינע זאַכען, וואָס זיינען דעם אינהאָבער אויסערגעוויינלעך טייער, ווי אַן אָנדענק פון די נאָענטע אומגעקומענע און פון דעם אייגענעם אַמאָליקן לעבן. נאָר צו־וואָס דאַרפן יידן אַזוינע סענטימענטאַלע זאַכן, וואָס פּאַסן גאָר פאַר מענטשן?

— אָפּגעבן, אָפּגעבן! אַריינוואָרפן אין קאָרב! דאָס גייט צום פאַרברענען...

נאָך שטייענדיק ווייט פון קאָנטראָל־טיש און ניט זעענדיק, וואָס דאָרט קומט פאָר, זיינען מיר מיטאַמאָל אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ שרעקלעכן וואָיעדיקן געשריי, באַגלייט מיט אַ גראָבער זידלעריי:

—דו, שוויין־הונט! דו, אַרשלאָך, פאַרפלוכטער יודע! ווי וואַגסטו נעמען דאָס בילדל, ווען עס איז געזאָגט — אָפּגעבן? דו שרייסט נאָך, דו דרעק־זאַק, דו . . . ! —

און עס שיט זיך ווייטער אַ כופל־שמונה׳דיקע זידלעריי מיט קלעפּ און באַ־גלייט מיט געשרייען פון געשלאָגענעם. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט מען אַזוי באַאַרבעט איינעם פון אונדזער גרופּע, דעם לערער העלמאַן, און ער האָט עס געשריען מיט אַזאַ פאַרביטענעם וואָיעדיקן קול.

אַ בעלנות פון אַ יידן — וועלן אָפּנאַרן די קאַצעט־מאַכט און מיטנעמען דאָס בילדל, די איינציקע געבליבענע אָנדענקונג פון זיין דערהרגעטן קינד, זיין מיידעלע! . . .

איך ווייס ניט, וואָס מיט דעם לערער העלמאַן איז געוואָרן: צי איז ער געשטאָרבן מיט זיין „נאַטירלעכן טויט", נאָכדעם ווי מען האָט אים מיט שטעקן־קלעפּ צעשעדיקט דעם מוח, אָדער מען האָט אים „אָפּסאָרטירט" און אַוועקגע־פירט מיט אַ גרופּע „אַלטע און שוואַכע" אויפן וועג פון ניט־צוריקקומען . . .

נאָך דעם דאָזיקן קליינעם אינצידענט איז די פּראָצעדור ווייטער אָנגע־

גאַנגען גלאַט און ערלעך: מען האָט אַלצדינג אָפּגעגעבן. איך שטיי שוין נאָענט צום קאָנטראָל־טיש צוזאַמען מיט מיין חבר לייב באַבראָוו. ער האָט שוין אַלץ אָפּגעגעבן, מען גייט אים שוין אויסטאַפּן די קעשענעס און קליידער, און מיט־אַמאָל הער איך זיין שטים:

— הער אָבערשאַרפירער, — זאָגט ער אין אַ צעבראָכענעם דייטש, — ער־לויבן זי מיר מיטנעמען מיין הייראַטס־רינג (דאָס מיינט, זיין קידושין־רינגל). דאָס איז מיר געבליבן פון מיין פרוי. פאַרשטייען זי, זי איז שוין טויט, ניטאָ מער, און נאָר — — —

— וואָס? דו האָסט געהאַט אַ פרוי, דו מיסט־יודע? און דו האָסט נאָך אַ גאָלד־רינג? און דו ווילסט עס מיטנעמען?! און — — —

צום גליק, ווען עס האָבן גענומען פאַלן די שטעקן־קלעפּ, האָט באָבראָוו נאָך באַוויזן מיט אַ האַנט צו פאַרדעקן זיין קאָפּ (כאָטש לויטן „געזעץ" האָט ער עס, אייגנטלעך, ניט געטאָרט טאָן!). און דערנאָך, ווען מיר האָבן אים גע־פרעגט, ווי קומט צו אים צו פרעגן אַזאַ נאַריש־מענטשלעכע פראַגע, ער קען דען ניט די דייטשן און זייער טאַקטיק, — האָט ער אַליין ניט געוואוסט, ווי צו דערקלערן. ער האָט גאָרניט געוואָלט פרעגן, ער האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, און מיטאַמאָל האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט פון מויל . . . עך, צום טייוול, אַזוי איז באַשערט, מסתמא . . .

אָרעמער באָבראָוו . . . איבער אַ וואָך צייט נאָכדעם איז ער נעבעך אַרומ־געגאַנגען מיט אַן אויפגעשוואָלענער, בלוי־געוואָרענער האַנט אין שרעקלעכן ווייטיק. קיינעם ניט דערציילט, געשוויגן — עס איז צו־געפּערלעך צו ריידן וועגן קראַנקהייט, שוואַכקייט אָדער ווייטיק. איך האָב אים געהאָלפן, וויפל איך האָב נאָר געקאָנט, מיט טיכלעך, געטונקטע אין שמוציקן וואַסער.

איך שטיי שוין נאָענט צום קאָנטראָל־טיש. אָט באַלד קומט מיין ריי. אין לעצטן אויגנבליק לויפט מיר דורך אַ געדאַנק ניט אָפּצוגעבן מיין קידושין־רינגל, דאָס איינציקע, וואָס איך האָב, ווי אַ הייליקייט, ביז איצט אויסגעהיט. איך בויג זיך איין כלומרשט אויפצוהויבן דאָס אַראָפּגעפאַלענע מעסערל און בליץ־שנעל שטאָפּ איך אריין דאָס פינגערל אין דער געהיימער באַהעלטעניש אונטער דער אָפּגעריסענער זויל פון שוך. איך גיב זיך דערביי קיין חשבון ניט אָפּ, וואָס מיר דערוואַרט אין פאַל, ווען מען פאַקט מיך.

אָט קומט מיין ריי. איך גיי צו צום טיש, גיב אָפּ עטלעכע קלייניקייטן, וואָס איך פאַרמאָג, און ווער דורכגעזוכט און דורכגעטאַפּט; נאָר די שיך טשעפּעט מען ניט. איך וויַיז אַ שטיקל טרוקענע ברויט, וואָס איך האַלט אין האַנט, מען טאַפּט עס דורך, צי דאָרטן ליגט ניט וואָס פאַרשטעקט, און מען דערלויבט עס מיר מיטצונעמען.

מיין „פאַרברעכן" איז דערוויילע אַראָפּ שטיל און גלאַט.

מען פירט אונדז אין באָד

גלייך נאָך דער אונטערזוכונג טרייבט מען אונדז צו אַן אַנדער באַראַק. שנעל־שנעל, ניט אָפּשטיין! מען פּרעסט אונדז אַריין אין אַ צימער, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אַ געמישטן געשטאַנק פון קאַרבאָל, כלאָר־קאַלך, שמוציקע וועש, שוויס, פּוילעכץ און ווער ווייס וואָס נאָך. ווייזט זיך אַרויס, מען האָט אונדז געבראַכט אין באָד אַריין, — און דאָ הויבט זיך אָן די אמת׳ע וואַקכאַנאַליע.

ווי שדים האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אונדזערע אויפזעער און „דערציער״, די אַרעסטאַנטן, און ווידער מיט שטעקנס און ספּעציעלע נאַגאַיקעס געשלאָגן אויף לינקס און רעכטס, שרייענדיק:

— גיט אָפּ, וואָס איר האָט איינגענייטע און באַהאַלטענע אין אייערע קליידער! מיר ווייסן, איר האָט נאָך גענוג גאָלד און בריליאַנטן . . . אַלץ איינס וועט מען אייך באַלד אויסטאָן נאַקעט און צונעמען די קליידער, גיט אונדז בעסער אָפּ מיט גוטן! וואָס? איר האָט ניט? מיר וועלן שוין געפינען . . . מיר וואָרנען אייך נאָך אַמאָל, גיט בעסער אָפּ מיט גוטן! . . .

און כדי צו באַווייזן, אַז דאָס איז ניט בלויז גערעדט, האָט מען אַרויסגעכאַפּט פון עולם עטלעכע „די ערשטע בעסטע״ מענטשן און אזוי צעקלאַטשעט און צעמזיקט זיי, אַז זיי האָבן שוין פאַרשפּאַרט צו גיין אין באָד. אין דער ענגשאַפט און געדיכטעניש פון מענטשן האָט מען זיי אויף אַזאַ קונציקן אופן געפּאַסעוועט איבערן געזיכט, אונטערן האַרצן, אין בויך, געוואָרפן און געכאַפּט, געבריקט מיט די פיס אין די פילעוודיקסטע ערטער און דערביי זיך געשמאַקעוועט מיט אַן הנאהדיקן „ה־אַ־ה!״ נאָך יעדן געלונגענעם זעץ, — אַז נאָר געשולטע, ראַפינירטע שלעגער און מערדער קאָנען עס אַזוי טאָן. און ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, זיינען זיי טאַקע געווען מערדער, רויבער, גנבים, אויפברעכער, מעסער־העלדן און מכל המינים פּראָפעסיאָנאַלע פאַרברעכער און אויסוואָרפן. דאָס זיינען געווען ניט נאָר דייטשן, נאָר אויך פּאָליאַקן, אוקראַאינער, סערבן, לעטן, ליטווינער, עסטאָניער, עסטרייכער און דער עיקר „פאָלקסדייטשן״ פון פאַרשיידענע לענדער, — אַלע קאַטאָרזשניקעס, וואָס מען האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט אַהער צו זיין אונדזערע „לערער און דערציער״, ווי מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן.

דאָס זיינען שוין איינמאָל געווען „לערער און דערציער״, און שוין איינמאָל אַ ריכטיקע שול זיינען מיר דורכגעגאַנגען! דורך לאַנג־יאָריקער דערציאונג און קלעפּ אויף זייערע אייגענע פּלייצעס האָט מען זיי אויסדרעסירט ווי צו באַאַרבעטן אַנדערע, נידעריקערע פון זיי, און ספּעציעל ווי צו זיין אומצערעמאָניעדיק און אומרחמנותדיק מיט יידן — מיט די נידעריקסטע פון די נידעריקע. אוי־ווי, אוי־

ווי, וויפל געברענטע צרות און יסורים מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין פון אַט די פאַרווילדערטע אונטערוועלט־לייט, די טרייע תלמידים פון זייערע דייטשע לערער, און מתמידים, וואָס ווילן נאָך איבערשטייגן די לערער. און פאַרוואָס זאָלן זיי ניט טאָן כל דבר אסור לגבי די יידן, וואָס זיינען הפקר, און בפרט, ווען עס לאָזט זיך דאָך אַמאָל וואָס אַרויספּרעסן פון זיי?!

דער דייטשער שאַרפירער, וואָס האָט זיך געמאַכט ניט־זעענדיק, וואָס פאַר ווילדערייען דאָ זיינען נאָר־וואָס פאָרגעקומען, באַוויזט זיך ווידער, און עס קלינגט זיין באַפעל:

— שנעל זיך אויסטאָן! שנעלער, שנעלער! צוזאַמענלייגן די וועש אַט דאָ, די הויזן אַט דאָ, און די רעקלעך אַט אויף דעם הויפן! מיטנעמען מיט זיך אין באָד נאָר די שיך, היטל, אַ גירטל אָדער הויזן־טרעגער! מער קיין זאַך ניט!... פאַרשטאַנען?... אַכטונג! איך זאָג איבער נאָך אַמאָל...

ווי אַפּלאַכעריש און פאַרדעכטיק עס האָט אונדז געקלונגען דער באַגריף „מען פירט אונדז אין באָד"! ווער ווייס, מיט וואָס דאָס שמעקט? ווער ווייס, וואָס פאַר אַ מין באָד דאָס איז, און... צי ג'יט מען נאָך אַרויס לעבעדיקע פון דאָרט? מיר האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעהערט וועגן געוויסע אַנשטאַלטן, וואָס הייבן זיך אָן ווי מיט אַ באָד און מיט אויסטאָן נאַקעט און וואָס ענדיקן זיך מיט... גאַזירן און ברענען.

נאָר אונדזער באָד איז ניט געווען פון יענע. עס איז געווען טאַקע אַ באָד; און דער אמתער אויפטו פון פירן אין באָד איז געווען צוצונעמען דעם לעצטן פאָדעם, וואָס איז נאָך געווען אויפן קערפער, און אויסצוטאָן ניט נאָר פון די אייגענע קליידער, נאָר פון אַלעם מענטשלעכן. זיי האָבן געוואוסט פון זייער ברייטער דערפאַרונג, די נאַצישע מאָרד־פּסיכאָלאָגן, אַז צוזאַמען מיט זיין אייגענער אינדיווידועלער קליידונג, פאַרלירט דער אויסגעטאָנענער נאַקעטער מענטש אויך זיין לעצטע מענטשן־ווערט, זיין לעצטע ווידערשטאַנד־פעאיקייט, די קראַפט פון זיין לעבנס־אינסטינקט, און ווערט פּאַסיוו און גלייכגילטיק צו זיין גורל.

אין פינף מינוט צייט מוזן מיר זיך אַלע אַרומוואַשן און פאַרטיק־מאַכן. טראָגנדיק אין די הענט די שיך און היטלען, גייען מיר אַריין אין באָד, און וואַרטן ביז די ערשטע גרופּע וועט פאַרטיק ווערן. עס איז קאַלט און איפּושדיק. אין דער צייט, ווען די מענטשן וואַשן זיך אין באָד, זע איך, ווי די אויפזעער נישטערן אין אַלעמענס שיך און היטלען, וואָס זיינען אויסגעלייגט אויסלענג דער וואַנט. זיי האָפן נאָך צו געפינען דאָרט ווערט־זאַכן, — זיי טאַפּן און זוכן.

און ווי אַ בליץ שניידט מיר דורך אַ געדאַנק, אַז מיינע שיך זיינען ניט כשר. מען קאָן נאָך דאָרט אַנטדעקן דאָס פאַרשטעקטע, און דאַן קאָן ליידן ניט נאָר איך אַליין, נאָר אויך אַנדערע. איך דריק זיך אַריין טיפער אין מענטשן־

קנויל און אומבאַמערקטערהייט שלעפּ איך אַרויס די זעקס הונדערט דייטשע מאַרקן, מיר אָנפאַרטרויטע צום באַהאַלטן, און דאָס רינגל פון אונטער דער האַלב־אָפּגעריסענער זויל, און — וואָס טוט מען ווייטער? דאָ דערמאָן איך זיך, אַז איך טראָג מיט זיך דאָס שטיקל ברויט, וואָס מען האָט מיר דערלויבט מיט־צונעמען, און בליץ־שנעל שטאָפּ איך עס אַריין אין דעם ברויט און פאַרקנעט עס, וויקל־איין דאָס ברויט ווידער אין פּאַפּירל און טאַשן־טיכל און נעם עס מיט אין באָד, ווי אַ האַנטוך. אַ מין בלינדע, פאַרגליווערטע איינגעשפּאַרטקייט זיי ניט נאָכצוגעבן איז אין מיר דאַן געזעסן. אַריינוואַרפן עס אין וואַסער, פאַר־ברענען עס, אָבער ניט אָפּגעבן זיי, די נישטערנדיקע בלוט־הינט! . . . און אויב מען פּאַקט מיך? דאַן איז דאָך דער סוף... דאַן וועל איך דאָך שוין ניט אַרויס־גיין פון דאַנען... מען וועט מיך שוין אַרויסטראָגן... נאָר איך וויל וועגן דעם ניט טראַכטן און גיי מיט אַלעמען אין באָד אַריין.

שוין ביים אַריינגאַנג באַמערקט איינער פון די אויפזעער מיין פּעקעלע אין האַנט און גיט אַ געשריי צו מיר:

— וואָס טראָגסטו דאָ, אין האַנט? וויז!

— אַ האַנטוך און . . . ברויט אַ שטיקל. דער הער אָבערשאַרפירער האָט עס מיר דערלויבט מיטצונעמען. ביטע, איר קאָנט עס צונעמען, אויב איר ווילט. — און אַזוי זאָגנדיק דערלאַנג איך אים דרייסט אין האַנט אַריין דאָס שטיקל ברויט מיט דעם „אוצר", איינגעוויקלטע אין טיכל.

ער גיט אַ כאַפּ דאָס פּעקעלע און מיט אַ בורטשע „ברויט, פאַרפלוכטער!" גיט ער עס מיט פאַראַכטונג אַ וואַרף צו דער וואַנט, וואו עס שטייען אויסגע־שטעלט די שיך. ער הויבט אויף זיין האַנט, ווייזט אויס, מיר צו דערלאַנגען אַ בוכטש, נאָר איך וואַרט שוין ניט און פרעס זיך שנעל אַריין אין באָד. גאַר אַן אָנ־שטענדיקע האַנדלונג פון אים, טראַכט איך מיר דערביי.

די באָד האָט פונקציאָנירט אויף אַ וואונדערבאַרן אופן. אויף אַ האַלב־מינוט האָט פון אויבן געגעבן אַ שפּריץ עטוואָס וואַסער, און לויט קאָמאַנדע האָבן מיר אַלע זיך געדאַרפט דאַן איינזעצן. דערנאָך אויף שנעל־שנעל זיך איינזייפן מיט די עטלעכע שטיקלעך ליימיקע שטינקעדיקע זייף, וואָס האָבן געדאַרפט איינצייטיק גענוצט ווערן פון אַלעמען. אין ענגשאַפט און איילעניש כאַפּט מען די זייף איינע פון די אַנדערע און מען ווייס בכלל ניט וואָס פריער צו כאַפּן. דאַן האָט מען ווידער אָפּגעלאָזן דאָס וואַסער אויף אַ האַלב־מינוט און ווידער לויט קאָמאַנדע, אויף שנעל־שנעל, האָבן מיר זיך געמוזט אָפּוואַשן און אָפּשווענקן.

איר וואָלט עס געקאָנט טאָן? איך ניט. מען האָט געמוזט זיין אַ גאַר גרויסער בריה אַרויסצוגיין פון אַזאַ באָד זויבערער, ווי מען איז אַריין. די

קלעפּעדיקע שטינקעדיקע זייף האָט נאָך לאַנג געברענט די הויט פון קערפּער און ביי פיל פון אונדז אַרויסגערופן הויט־אָנצינדונגען און אויסשלאָגן.

מיר ווערן „העפטלינגע", נאָר בלייבן „שוויין־הינט"

פון באָד אַרויס, זיינען מיר אַריין אין אַן אַנדער רוים, וואו עס איז געווען הייס און שטיקנדיק, און דאָ איז שוין געווען אָנגעגרייט פאַר אונדז „פרישע" וועש. אמת, די וועש איז געווען שוואַרץ און שמוציק און צעריסן, נאָר דערפאַר פריש־וואָרעם און מיט טויטע פאַרסמאַליעטע לייז, נאָר וואָס ארויסגענומען פון דעזינפעקציע־קעסל. ווען עס איז געקומען אָבער צום אָנטאָן די נייע אויבער־קליידונג, וואָס איז אויך געווען הייס, נאָר וואָס פון דעזינפעקציע, איז אונדז באַפאַלן אַ שטאַרקער ספק: ווי טוט מען אָן און ווי טראָגט מען אַזעלכע קליידער?

אין אַ ווינקל ליגט אַ גרויסע קופּע קליידונג, פון וועלכער עס שלאָגט אַ דאַמף, און דריי פון אונדזערע אויפזעער פאַרטיילן יעדן פאַרבייגייענדיקן צו אַ רעקל, אַ פאַר הייזן און מאַנטל. דערביי קוקט מען ניט, צי עס איז גרויס, צי קליין, צי עס פּאַסט אָדער ניט. וואָס עס פאַלט אַריין אין האַנט, דאָס דערלאַנגט מען דיר, און גיי ווייטער אָן שאלות ומענות.

איך קריג מיין פּעקל און גיי אין אַ ווינקל זיך אָנטאָן. איך גיב אַ וואָרף אַן אויג אויף מיינע שכנים, שוין האַלב אָנגעטאָנענע, און עס באַפאַלט מיר אַ משונהדיקער געלעכטער. אויך די איבעריקע קוקן זיך אַרום און האַלטן זיך פאַר די זייטן פון געלעכטער. אַ ווילדער געלעכטער נעמט אַרום אַלעמען. און ווי זאָל מען ניט לאַכן, ווען מען קוקט זיך אָן איינע די אַנדערע און מען דער־קענט זיך ניט, ווי, להבדיל, אויף אַ מאַסקן־באַל?!

מיין חבר באַבראָוו האָט באַקומען אַ מין פרויען־מאַנטל, האָט עס אָנגעטאָן אויף איין אַרבל, און ווייטער גייט עס ניט. ער שטייט אין פאַרלעגנהייט און ווייס ניט, וואָס ווייטער צו טאָן. זיין פאַרצווייפלט פּנים מאַכט אַלעמען שטאַרק לאַכנדיק, ביז ער גיט אַ גוטן שפּאַר, און דער מאַנטל גייט זיך פונאַנדער אין אַלע נעט.

מיין קאָוונער באַקאַנטער כאַסמאַן, אַ הויכער און דינער, טראָגט הויזלעך, וואָס גרייכן אים ביז די קני, און אַ ברייטן מאַנטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק. ער דערמאָנט מיר אָן אַ געזעענעם שטאָט־משוגענעם און וואַסער־טרעגער פון די אַמאָליקע צייטן.

פאַרקערט, אַ צווייטער קאָוונער באַקאַנטער, אברהם ראָאודאַנסקי, טראָגט אַ קאַפּאָטע, לאַנג ביז דער ערד, און זיין לאַנגע קאַפּאָטע מיטן גאַנצן נעבעכדיקן אויסזען דערמאָנען מיר אָן אַן אַמאָליקן מגיד אָדער משולח. איך האָב אים דאַן אָנגערופן אין שפּאַס „אברהמעלע, דער באַרימטער קאָוונער שטאָט־מגיד", און

דער נאָמען איז אים געבליבן צווישן אַלע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, וואָס האָבן אים דערנאָך געטראָפן.

אויף מיר האָט מען געזאָגט, אַז אין מיין נייעם גאַרדעראָב זע איך אויס ווי אַ באַנדיט, אַן אַנטלאָפענער פון דער תליה. לײדער, איך האָב ניט געהאַט קיין שפּיגל צום אָנקוקן זיך אַליין און האָב עס געמוזט אָננעמען פאַר אמת.

און נאָך אַ מעלה האָבן געהאַט אונדזערע נייע קליידער: קיין „געלע לאַטעס" (געלע „מגן־דודס") האָבן מיר שוין ניט געדאַרפט טראָגן אויף זיי, נאָר דער־פאַר אויף די מאַנטלען און רעקלעך, אויף דער לענג און ברייט פון ברוסט און רוקן, און אויף די זייטן־לענג פון די הויזן זיינען געווען דאָפּלט־פאַרביקע רויט־ווייסע, ברייטע פּאַסן, אָנגעשמירט מיט אויל־פאַרב, וואָס רייבט זיך ניט אויס און וואַשט זיך ניט אָפּ. אויף אַזאַ אופן האָט מען אונדז באַזאָרגט מיט ספּעציעלע צייכנס, כדי מיר זאָלן, חס־וחלילה, ניט פאַרלאָרן גיין. און אויף אַן אמת'ן, די בונטע רויט־ווייסע פּאַסן איז געווען צו זען פון גאַנץ ווייט, און דאָס האָט אונדז געדאַרפט אויסטיילן פון צווישן אַנדערע פּשוטע מענטשן.

דאָרט, וואו עס זיינען געלעגן אונדזערע שיך, האָב איך געפונען אויך מיין פּעקעלע מיטן שטיקל ברויט און פאַרשטעקטן פאַרמעגן, וואָס דער אויפזעער האָט דאָרט אַוועקגעוואָרפן. מיינע שיך און היטל זיינען טאַקע געווען דורכגע־טאַפּט דורך־און־דורך, און די האַלב־אָפּגעריסענע שיך־זוילן זיינען נאָך דער אונטערזוכונג אַרויס איינגאַנצן אויפגעעפנט, נאָר דאָס פּעקל ברויט איז געווען ניט אָנגערירט. דאָס קידושין־רינגל, וואָס איך האָב אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט, האָב איך דערנאָך די גאַנצע צייט געטראָגן מיט זיך איינגענייט אין אַ בגד, און ווי איך האָב דאַמאָלסט געגלויבט, איז עס מיר פיל מאָל בייגעשטאַנען אין די גע־פערלעכסטע סיטואַציעס און געראַטעוועט פון טויט. און איך האַלט טייער דאָס פינגערל עד היום, ווי דעם איינציקן סואווועניר, וואָס איז מיר איבערגעבליבן פון מיין אַמאָליקער משפּחה און אַמאָליקן לעבן. נאָר עד היום קאָן איך ניט באַגרייפן מיין דאַמאָלסטיקע טראַציקע איינגעשפּאַרטקייט און ווידערשטאַנד, — ניט אָפּגעבן, נאָר דורכטראָגן דאָס פינגערל דעם גאַנצן גיהנום־וועג.

און איצט קומען מיר צום לעצטן אַקט פון אונדזער אויפנאַמע אין קייזער־וואַלד. נאָכן פירן אין באָד, שוין אין אונדזער נייער בונטער קליידונג, האָט מען אונדז ווידער געטריבן אויף „שנעל־שנעל" און געבראַכט אין אַ באַראַק, וואָס האָט געהייסן „שרייב־שטובע". דאָרט האָט מען פונדאַסניי באַקוקט, צי אונדזערע קליידער זיינען כשר, און וואו עס האָט נאָך געפעלט, האָט מען זיי צוגעפאַרבן מיט נייע בונטע ווייס־רויטע פּאַסן. דאַן האָט מען פאַרשריבן די נעמען, ווי מיר האָבן דאָרט אַמאָל געהייסן, בייגעשטעלט אַ נומער און אַרויס־געגעבן אַ בענדל מיטן נומער אָנצונייען אויפן רעקל.

איך מיט באַבראָוון און נאָך איניקע נעענטערע באַקאַנטע האָבן זיך געשטעלט איינע הינטער די אַנדערע, כדי צו באַקומען נעענטערע נומערן, ווייל, ווי מיר האָבן זיך שוין דעם זעלבן טאָג דערוואוסט, וועט מען שפּעטער אַלעמען פונאַנדערוואַרפן אין פאַרשיידענע ערטער, און נעענטערע נומערן האָבן דאָך מער שאַנסן אַריינצופאַלן צוזאַמען אין איין אָרט. און אזוי איז עס טאַקע געווען. מיין אַרעסטאַנטן־נומער איז געווען 16787 און באבראָווס — 16788. און אַזוי נאָענט ווי אונדזערע אַרעסטאַנטן־נומערן איינער צום אַנדערן, אַזוי נאָענט זיינען מירביידע געבליבן ביז צולעצט — צוויי נאָענטע איבערגעגעבענע חברים, צוזאַמענגעשמידטע מיטן זעלבן ליידן און נסיונות פון גורל. נאָר באַבראָווס וועג האָט זיך געענדיקט אַנדערש ווי מיינער . . .

נאָכן אָפּגעבן דאָס לעצטע, וואָס מען האָט נאָך געהאַט אייגענע, נאָכן געזעגענען זיך מיט די אייגענע קליידער, אָנטאָן די קאַצעטישע באַפאַרבענע שמאַטעס מיטן אַרעסטאַנטן־נומער און נאָכן פאַרלירן דעם אייגענעם מענטשלעכן נאָמען, — נאָך דעם אַלץ זיינען מיר שוין אינגאַנצן געוואָרן אויס־מענטשן. אויס מענטשלעכער כאַראַקטער, אויס מענטשלעכע געדאַנקען, מענטשלעכע געפילן, מענטשלעכע שטריכן! דער מענטש אין אונדז האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דו ביסט שוין ניט קיין מענטש, ניט פאַר זיך און ניט אין די אויגן פון אַנדערע, נאָר איינער פון אַ הויפן בלינדע און שטומע ווערקצייג, איינער פון אַ גרויסער מאַסע ליימענע גולמס אין די הענט פון אַלערליי מערדער און אויסוואורפן, אָדער אין בעסטן זין — איינער פון אַ סטאַדע הפקרדיקע, געשלאָגענע בהמות, וואָס מען שטויסט און טרייבט פון אָרט צו אָרט און וואָס מוזן כסדר נאָכפאָלגן וואוהין מען יאָגט זיי.

כאָטש אָפיציעל האָבן מיר איצט שוין געהייסן „העפטלינגע", ד"ה אַרעסטאַנטן (אַזוי ווי אונדזערע אויפזעער און „דערציער" גופא, נאָר אויף אַ ניידעריקער שטופע), נאָר אין דערווירקלעכקייט זיינען מיר געבליבן די זעלבע פאַרפלוכטע יודען, די זעלבע שוויין־הינט, יודען־באַנדע, מיסט־זעק, דרעקהויפנס, „אַרש־לעכער, דרעק־יודען און נאָך ערגערס, וואָס איך וויל גאָר ניט אויסזאָגן, כדי איר זאָלט זיך ניט שעמען מיט אייערע ווייט ניט־בכבודיקע טאַטע־מאַמעס און מיט אייער צווייפלהאַפטן יידישן אָפּשטאַם.

די הייליקע אַפּעלן און מושטירונגען

צום סוף האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין אַ גרויסן באַראַק, וואו עס האָבן שוין געוואוינט אַ פּאָר הונדערט מענטשן, און מען האָט אונדז געהייסן פאַרנעמען די פרייע פּלעצער אויף דער ערד. היינט זיי אַ חכם און פאַרנעם פּלעצער, וואָס זיינען אין דער אמתן גאָרניט בנמצא! די ענגשאַפט איז געווען

אַזוי גרויס, אַז מען איז געפאַלן בוכשטעבלעך איינער אויפן צווייטן, וואו מען איז געשטאַנען אויף די שמוציקע אַנגעטראָטענע ברעטער. נאָך אַזאַ שווערן און לאַנגן טאָג פון מאַטערניש איז אונדזער איינציקער וואונטש געווען — זיך קאָנען אַנידערלייגן און עטוואָס אויסרוען. ניט געקוקט, וואָס מיר זיינען געווען שרעקלעך הונגעריק, האָבן מיר מוחל געווען דאָס עסן, אבי מען זאָל אונדז עטוואָס לאָזן צורו. נאָר ניין — דער גיהנום־טאָג האָט זיך נאָך ניט געענדיקט!

עס באַווייזט זיך דער באַראַק־עלטסטער, דער „בעל־הבית" פון באַראַק, מיט זיינע געהילפן און אויפזעער — אַלע פון דעם זעלבן מין קרימינעלע פאַר־ברעכער פון פויליש־דייטשן אָפּשטאַם — און זיי פאַלן דאָס אָן אויף אונדז מיט אַ זאַרגפולן, פאַטערלעכן אויסרייד:

— וואָס? זיך גאָר אויסלייגן? און וואו איז אָוונטברויט?... ווי גייט מען דאָס שלאָפן אָן אָוונטברויט, מיט אַ ליידיקן מאָגן?... מאַרש, מאַרש! אַלע אויפשטיין און גיין נאָך אָוונטברויט!

צעבראָכענע און טויט־מידע טרייבט מען אונדז אַרויס פון באַראַק און מען שטעלט אונדז אויס אין לאַנגע רייען צום קריגן אַ ביסל שוואַרצע לוילעכע וואַסער, וואָס הייסט קאַפע. אַזוי ווי עס איז אַ שאָד צו פאַרלירן די טייערע צייט, וואַרטנדיק אויף די קאַפע־פּאַרציעס, שטעלט מען אונדז דערווייל אין נייע רייען און מען באַקאַנט אונדז מיט דער נייער הייליקער קאַצעט־צערעמאָניע, וואָס הייסט „אַפּעל" (רעוויזיע). מען לערנט אונדז ווי צו שטיין, ווי צו האַלטן די הענט, ווי זיך צו פירן, און דער עיקר, ווי אָפּצוגעבן כבוד די עלטסטע און בכלל די קאַצעט־מאַכט.

מיט דער קאָמאַנדע „מיצן אָפּ", לערנט מען אונדז, מוזן אַלע שנעל, מיט איין מאָך און אַלע אין דעם זעלבן מאָמענט, אַראָפּנעמען די היטלען. און מיטן „מיצן אויף" מוז מען זיי שנעל אָנטאָן. מיטן באַפעל „אויגן לינקס" מוז מען שנעל, אַלע מיט איין מאָל, אַ קער טאָן די אויגן און קעפּ אויף לינקס, פונ־וואַנען די מאַכט־פאַרשטייער קומען אָן, און מיטן באַפעל „אויגן רעכטס" מוז מען די אויגן און קעפּ דרייען אויף רעכטס. — — — און וואָס מיינט „אויגן גראַד־אויס"? איך מיין, איר וועט זיך שוין אליין כאַפּן און וועט ניט דרייען די אויגן און קאָפּ ניט לינקס און ניט רעכטס (ווען ניט, קריגט איר גלייך אַ זעץ מיטן שטעקן!).

היינט גיי לערן אונדזערע יידעלעך צו שטיין אויפן אַפּעל און לערנען די סאָלדאַטסקע תורה אויפן נאַצישן שטייגער, אין דער צייט ווען מען האַלט זיך קוים אויף די פיס און דער קאָפּ איז פּוסט, ווי אַ פאַס! דערהויפּט קלאַפּט ניט מיט די היטלען, — ניט אויסצולערנען זיי אַראָפּצונעמען די היטלען שנעל־ראַפּטאָם, מיט איין צי און גלייכצייטיק פאַר אַלעמען!... וואָסערע פּוסטע, איינגעשפּאַרטע קעפּ, וואָס פאַר אַן אומגעשיקט און אומפּעאיק „יודען־פאָלק"

דאָס איז! און ווי זאָל מען זיי ניט שלאָגן, אַז זיי ווילן ניט באַנעמען, און זיי דערערגערן זייערע לערער און דערציער?!

איצט הרג׳עט מען שוין און מען קלאַפּט איבער די קעפּ מיט שטעקנס (און אפילו ניט מיט שטעקנס, נאָר מיט אייזנפּאַכע שטיקער האָלץ!) אָן קיין שום פאַרוואָס און פאַרוועןן. די גאַנצע אַפּעל־צערעמאָניע ווערט פאַרוואַנדלט אין די ברוטאַלסטע, ראַפינירט־סאַדיסטישע פייניקונג־סצענע. ברענענדיקע פּעטש, פאַרטויבנדיקע שטעקן־קלעפּ, שניידיקע בייטש־שמיצן, פיס־בריקעניש און שטורכעס פאַלן אויף דיר פון אַלע זייטן, און דו ווייסט ניט פונוואַנען דער קלאַפּ קומט און ווי זיך צו שיצן. און ווער נאָר עס וויל זיך אַ שפּיל־טאָן, אַ ביסל אַ פייניק־טאָן די „יודען־באַנדע״, דער לייגט צו אַ האַנט . . .

אַט די פאַרשאָלטענע אַפּעלן און מוסטירונגען מיט פאַרשיידענע ספּעציעלע שטראָפן, ווי קני־בויגן, לויפן־און־זעצן זיך, שטיין און שפּרינגען אויף איין פוס און נאָך אַזוינע ווילדערייען, וואָס פּלעגן זיך ציען שעהן־לאַנג און אויסמאַטערן ביז צום חלשן, ביז צוזאַמענברעכן, — אַט דער סאָרט פייניקונג האָט קיין טאָג ניט אויסגעפעלט און האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער לענג און ברייט פון מיינע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

און מיינט איר, מיט די פרויען איז מען זיך באַגאַנגען אַנדערש, „איידעלער״? ניין! — ווייל די מענערשע דייטש־חיה האָט געהאַט צו זיך אַ פּאָר, די ווייבערשע בלוט־דורשטיקע חיה, די דייטשע פרוי. און זי, די דייטשע פרוי, האָט אויך געדאַרפט האָבן אַ ברייטן פעלד, וואו צו ווילדעווען און אויסגיסן איר בלוט־דורשטיקייט. און דאָס איז געווען דער לאַגער־אָפּטייל, וואו אומגליקלעכע יידישע פרויען זיינען געווען איזאָלירט און פאַרשפּאַרט. האָבן דאָ טאַקע באַוויזן די „צאַרטע גרעטכענס, מאַרגאַרעטעס און אַנכענס״ ווער זיי זיינען און וואָס זיי קאָנען.

די דייטשקעס־אויפזעערקעס אין די לאַגערן זיינען אַבסאָלוט ניט אָפּגע־שטאַנען פון זייערע ברידער און טאַטעס ניט אין ברוטאַלע מערדערייען און אַכזריות און ניט אין קליינלעכע ראַפינירט־סאַדיסטישע פייניקונגען. פאַרקערט, זיי האָבן אָפטמאָל נאָך אַריבערגעשטיגן די מענער. און וויפל איך האָב זיך וועגן דעם ניט אָנגעהערט, האָב איך אַלץ ניט געקאָנט גלויבן, ביז איך האָב עס אַליין געזען אין קייזערוואַלד.

צופעליק בין איך איינמאָל צוגעגאַנגען נאָענט צום פרויען־לאַגער. איך קוק דורכן הויכן דאָפּלטן דראָט־צוים, און אַ מייאומדיק בילד זע איך אויפן לאַגער־הויף. עטלעכע הונדערט יידישע פרויען שטייען אויפן אַפּעל, טויט־מידע און דערשראָקענע נאָך אַ לאַנגער אַרומיאָגעניש און קאָלעקטיווער פייני־קונג. ווי ווילדע צערייצטע וועלפּיכעס נישטערן אַרום צווישן זיי עטלעכע צענד־ליק דייטשקעס מיט אַזוינע דראָטן און נאַגאַיקעס אין די הענט . . . זיי וואַרפן

זיך אין די רייען פון די אויסגעשטעלטע פרויען, פאַרוואָרפן די דראָטן איבער די העלדזער פון די קרבנות, שלעפּן זיי אַרויס אויפן פּלאַץ, שלײדערן זיי אויף דער ערד און שלאָגן זיי, שמייסן זיי מיט די נאַגאַיקעס, בריקן מיט די פיס, רייסן און שלעפּן פאַר די האָר, ווערגן זיי מיט די דראָטן, זעצן זיך רייטנדיק אויף זיי, שרייענדיק און קוויטשנדיק דערביי מיט באַנומענע ווילדע קולות . . . וואָס זאָל איך שוין ריידן וועגן די קרבנות, וועגן זייערע יאָמערדיקע געשרייען און געוויינען! . . .

— גאָט אין הימל! ווי טיף דאָס דייטשע פאָלק איז געזונקען, אַז זיינע פרויען, די „צאַרטע באַשעפענישן", האָבן דערגרייכט צו אַזאַ נידעריקער אומ־מענטשלעכער מדרגה! און וואָס נאָך נידעריקער און עקלדיקער קאָן זיין אין דעם גאַנצן מאָרד־מעכאַניזם, וואָס די דייטשע קולטור און ציוויליזאַציע האָבן געשאַפן ?.. וואו זייט איר, געטע, שילער, ניצשע, קאַנט, און וואָס זאָגט איר וועגן אייערע מענטשן און איבער־מענטשן, וועגן אייער שיינקייט און נשמה ?...

מען לערנט אונדז ערלעכקייט

מיר טראָגן שוין צוביסלעך קאַווע־וואַסער אין פאַרראָסטע און פאַרשמוצטע בלעך־פּושקעס און קערן זיך אום צוריק אין אונדזער באַראַק. איצט ווערט אונדז אויסגעטיילט ברויט, — די טעגלעכע פּאָרציע פון אַ פערטל לעבל שווערן קוואַטשיקן ברויט, דאָס איז 250 גראַם (אַן ערך, אַ האַלב פונט) פאַר אַ מענטש. די ברויט־פּאָרציעס ליגן אָנגעשניטענע אויפן טיש, און יעדערער דאַרף צוגיין, נעמען אַ פּאָרציע ניט־געקליבענערהייט און אַריבערגיין דערמיט אין דער צווייטער העלפט פון באַראַק.

און דאָ האָב איך זיך אָן איבעריקן מאָל איבערצייגט, אַז ווען אַ מענטש אין אונדזערע דאַמאָלסטיקע באַדינגונגען איז באַשערט אַריינצופאַלן, קומט עס אויף אים אומגעריכט און אומבאַמערקט, ווען ער גייט אפילו אויפן סאַמען ערלעכן און גלאַטן וועג און ווען ער איז אפילו דער סאַמע הכנעהדיקסטער פון די קאַצעטניקעס. און ווער האָט געקאָנט זיין נאָך ערלעכער, הכנעהדיקער און אָנגעשראָקענער ווי דער אַלטער דווינסקער בלעכער בערל לאַקוס, — אָט דער זעלבער בערל לאַקוס, וואָס האָט אין דווינסק געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין דער זעלביקער אַרבעטס־איינהייט און פלעגט גאַנצענע טעג פאַרפּויקן און פאַר־טויבן די אויערן מיט זיינע האַמערס און בלעכן, מאַכנדיק פאַר די דייטשן קאָפּע־קאַנען, טשייניקעס, דרומלען, אַש־בעכערס און אַנדערע קונציקע בלעך־זאַכן.

דאַרף דער זעלבער בערל לאַקוס איצט צוגיין צום טיש מיטן ברויט און נעמען ניט איין פּאָרציע, נאָר צוויי, — איינע פאַר זיך און די צווייטע פאַר זיין זון עלקע, וואָס איז דאָ אויך געווען מיט אונדז צוזאַמען. לאַקוס האָט נאָך

ניט באַוויזן אָפּצוגיין קיין צוויי טריט פון טיש, ווי מיר זעען, דער בלאָק־עלטסטער גיט אַ שפרונג איבער אַלעמענס קעפּ, שפּרינגט אַרויף אויפן טיש און, טרעטנדיק אויף די ברויט־פּאָרציעס און אויף מענטשן, גיט ער אַ כאַפּ אַ באַנק און נעמט דערמיט זעצן איבערן קאָפּ און זייטן פון דעם אָרעמען בערל לאַקוס.

— האַ, דו גנב, דו אויסוואורף, דו באַטריגער! גנב׳ענען ברויט גייסטו פון דיינע אייגענע „יודען־געגאָסען!" צוויי פּאָרציעס ברויט ווילסטו עסן! און וואָס זאָל עסן דער, וועמענס פּאָרציע דו שלעפּסט אַוועק? האַ? איך פרעג דיך?! איך האָב שוין לאַנג געוואָרט אויף דיר, דו גנב־איינער, דו גאָט־פאַרלאָזענע נשמה, און אָט האָב איך דיר געפּאַקט! גנבענען, גנבענען ברויט פון דיינע אייגענע יודען־קאַמעראַדן! נאַ, אָט האָסטו, נאַ, אָט האָסטו! . . . — און נאָך יעדן וואָרט קומט אַ זעץ מיט דער באַנק, אַ זעץ מיט דער באַנק.

ווען לאַקוס איז שוין געווען צעביילט און צעקיילט, ווי אַן עפּל, און אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט בלוט, האָט דער באַראַק־עלטסטער אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. דעם מאָמענט האָבן אויסגענוצט עלקע, לאַקוסעס זון, און נאָך אַ פּאָר נאָענט־שטייענדיקע און אָפּגעטראָגן דעם צעמזיקטן לאַקוסן אַן אַ זייט.

— איך וועל ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל באַגנבענען מיינע העפטלינגע, — האָט דער באַראַק־עלטסטער פּאָטערלעך זיך געווענדעט צו אונדז אַלעמען, זיך אָננעמענדיק אונדזער קריוודע. איך וועל יעדערן אַזוי באַשטראָפן, ווער עס וועט וואָגן צו באַגנבענען זיינע קאַמעראַדן! ערלעכקייט און אָרדענונג מוז ביי מיר זיין! — האָט פון זיין מויל אַרויסגעשריען די ערלעכקייט אַליין.

איך ווייס ניט פונוואַנען אין מיר האָט אָנגעשפּאַרט מיטאַמאָל אַ שטראָם פון דרייסטקייט, און ניט־געטראַכטערהייט האָב איך זיך דורכגעשטופּט פאָרויס און זיך געווענדעט צום בלאָק־עלטסטן, אומגעפער, בזה הלשון:

— הער בלאָק־פירער! דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, דער אַלטער לאַקוס האָט ניט געגנבעט די צווייטע ברויט־פּאָרציע, נאָר האָט עס גענומען פאַר זיין זון. אָט שטייט ער דאָרט זיין זון. עלקע לאַקוס הייסט ער. לאַקוס איז ניט קיין גנב. פאַרקערט. ער איז זייער אַן ערלעכער . . . אַלע ווייסן עס. ביטע, הער בלאָק־פירער, איר קאָנט — — —

— יאָ, יאָ, לאַקוס איז ניט קיין גנב, — האָבן באַשטעטיקט אַ פּאָר צענדליק שטימען.

דער באַראַק־עלטסטער האָט ווידער אַ כאַפּ־געגעבן די באַנק, נאָר האָט זיך גלייך אָפּגעהאַלטן, ניט וויסנדיק, ווייזט אויס, אויף וועמענס קאָפּ און פּלייצעס אַראָפּצולאָזן צוערשט. אין אַ ווײַלע אַרום, ווען לאַקוס איז געקומען עטוואָס צו זיך, און זיינע אייגנגעהאַלטענע קרעכצעס האָבן דערמאָנט, אַז ער לעבט נאָך,

איז דער בלאָק־עלטסטער צוגעגאַנגען צו אים, באַקוקט זיין אויפגעשוואָלענעם דעפאָרמירטן פּנים און זיך געווענדעט צו אים מיט אַ פאָרוואורף:

— קיינער טאָר ניט נעמען קיין צוויי פּאָרציעס . . . נאָר דו האָסט דאָך געקאָנט זאָגן, אַז די צווייטע פּאָרציע איז פאַר דיין זון. פונוואַנען זאָל איך עס וויסן? —

און אַלס פאַרגיטיקונג האָט אונדזער „גוטער און ערלעכער" בלאָק־עלטסטער דערלויבט אַוועקצולייגן לאַקוסן אויף איינער פון די שלאָף־קויקעס, וואָס זיינען געווען רעזערווירט פאַר זיינע געהילפן.

דער זעכציק־יאָריקער בערל לאַקוס, וואָס איז געווען אויסערגעווייגלעך שטאַרק, געזונט און פלינק, ווי אַ יונגער יינגל, איז שוין מער ניט געווען דער זעלביקער. איך בין געווען דערנאָך מיט אים צוזאַמען אין אַנדערע לאַגערן, — ער איז שוין געווען אַן אומבאַהאָלפענער קאַליקע מיט אַ צעשפּאָלטענעם פּנים און אָפּגעשלאָגענע לונגען. ווער ווייס, צי קלאַפּט און פּויקט נאָך ערגעץ וואו דער אַלטער בלעכער בערל לאַקוס מיט זיינע האַמערס און בלעכן, אָדער עס איז שוין פון אים קיין זכר ניט געבליבן?!

איך געדענק ניט, צי מיר האָבן די פּאָר שעה פון דער ערשטער נאַכט גוט אָדער שלעכט געשלאָפן אין באַראַק אויף דער ערד, אָנגעפּאַקטע איינע אויף די אַנדערע, נאָר פרי־פאַרטאָג, אין האַלב־פינצטערניש, האָט מען שוין געשריען „אויפשטיין!" און געבריקט אונדז איבער די קעפּ און זייטן. עס האָט קוים אָנגעהויבן צו טאָגן, זוען מיר זיינען, ניט־אויסגעשלאָפענע און פולשטענדיק צעבראָכענע, שוין געשטאַנען ווידער אינדרויסן, אויפן אַפּעל. צוערשט האָט מען פונדאַסניי אָפּגעפרישט אין אונדז די נעכטיקע תורה פון „מיצן אָפּ", „מיצן אויף", „אויגן לינקס", „אויגן רעכטס" און אַנדערע מושטירונגען, — און אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן און איז אַוועק אין גאַנג אונדזער נאָרמאַל, טאָג־טעגלעך לעבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קייזערוואַלד.

מיר זיינען „פּענסיאָנערן" אין קייזערוואַלד

קייזערוואַלד איז געווען אַ צענטראַלער סאָרטירונגס־לאַגער, ד"ה, די אַהער־צוזאַמענגעטריבענע יידן פון פאַרשיידענע ערטער, ווי געבליבענע יידן־רעשטלעך פון געטאָס אין לאַטוויאַ און ליטע, יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, לעצטנס אויך פון אונגאַרן, — די אַלע צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידן, נאָכן צונעמען פון זיי דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן נאָך מיט־געבראַכט מיט זיך, האָט מען דאָ סאָרטירט, איינגעטיילט אין גרעסערע אָדער קלענערע גרופּעס און דאַן אָפּטראַנספּאָרטירט אין פאַרשיידענע ערטער: עלטערע און שוואַכערע מענטשן, ווי אויך קינדער, האָט מען מייסטנס געשיקט תיכף אין

פאַרניכטונגס־לאַגערן, און די איבעריקע, די אַרבעטס־פעאיקע — אין די אַזוי־גערופענע אַרבעטס־לאַגערן אין לאַטוויאַ, ליטע, עסטאָניע, דייטשלאַנד, עסטרייך.

אין 1943, ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט גענומען קריגן די ערשטע גוטע קלעפּ אויף די סאָוועטישע פראָנטן, און אונטערן דרוק פון די רוסישע אַרמייען האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אָפּטרעטן פון די פאַרנומענע געביטן, האָבן זיי גענומען ליקווידירן די געטאָס און יידן־לאַגערן אין די אומזיכערע ערטער און די געבליבענע יידן אַרויספירן פון דאָרט און פאַרשיקן טיפער, ווייטער פון די פראָנט־געביטן. דאָן זיינען אין דייטשלאַנד און אין אָקופּירטע לענדער אויסגעוואַקסן צענדליקער און הונדערטער אַרבעטס־לאַגערן, וואו מען האָט די יידן ניט פאַרניכטעט מיטאַמאָל, נאָר מען האָט זיי אויסגענוצט פאַר די שווערסטע און זינלאָזע אַרבעטן, פאַר די ווילדסטע עקספּערימענטן און דער־נידערונגען; מען האָט זיי געהאַלטן אין די אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען, אין הונגער, שמוץ, קעלט, טעראָר, און צולעצט, נאָכן אַרויסציען פון זיי דאָס לעצטע ביסל קראַפט, האָט מען זיי פאַרניכטעט אין גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, אָדער די קרבנות זיינען שוין באַצייטנס געשטאָרבן מיטן „נאַטירלעכן טויט”, — אויסגעגאַנגען פון הונגער, אויסשעפּונג, אָדער פון פאַרשיידענע עפּידעמישע קראַנקייטן (מייסטנס טיפוס).

אָט אויף דעם דאָזיקן וועג בין איך מיט מיינע חברים איצט געשטאַנען אין קייזערוואַלד, — געשיקט צו ווערן צום זיכערן און שנעלן טויט אין אַ פאַר־ניכטונגס־לאַגער, אָדער צום לאַנגזאַמען אויסמאַטערנדיקן טויט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. אַ פאַר וואָכן האָבן מיר דאָ געלעבט ווי „פּאַנסיאָנערן”, פּוסט־און־פּאַסטניקעס, ביז עס איז געקומען אונדזער ריי סאָרטירט צו ווערן. נאָר אַרומ־גיין ליידיק, אָן יעדער באַשעפטיקונג האָט מען אונדז ניט געלאָזן. פאַר דעם האָבן שוין געזאָרגט אונדזערע אָנפירער און אויפזעער מיט זייערע אַפּעלן, מוש־טירונגען, אַרומטרייבענישן היין און הער, קאָלעקטיווע באַשטראָפונגען פאַרן קלענסטן חטא פון אַ יחיד, און סתם שלאָגערייען און פייניקונגען, כדי צו פאַר־טרייבן די לאַנגווייליקע ניט־באַשעפטיקטע צייט. פון צייט־צו־צייט פלעגט מען נעמען אַ גרופּע און אָוועקטרייבן אויף וועלכער־ניט־איז אַרבעט, — מייסטנס אומנוציקע, זינלאָזע און ווערטלאָזע אַרבעט.

איין טאָג האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון אַ מאָן פופציק, אַרויסגעטריבן אויף אַ פּלאַץ אים אָפּצורייניקן פון דעם גראָז, וואָס איז דאָרט געוואַקסן. עס איז געווען דאָן אַ וואונדערבאַר־שיינער האַרבסטיקער טאָג — אָנגענעם וואַרעם, זוניק און פאַרבפול פון די גרין־געל־רויט־ברוינע בלעטער, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן אָדער געפאַלן פון דיביימער. פון דער הימלשער בלויקייט דערטראָגן זיך קלאַנגען פון אָפּפליענדיקע פייגל־מחנות און צערינען זיך מיט אַ שטילער בענקשאַפט אין דער ניט־באַוועגלעכער לופט. עס איז געווען איינער פון יענע

שטילע זוניקע האַרבסט־טעג, וואָס פּלעגן אַמאָל אָנפּילן דאָס האַרץ מיט פרייד און הנאה פון דער פולער, פאַרענדיקטער שעפערישקייט און רייפקייט פון דער נאַטור און גלייכצייטיק מיט שטילן צער פון זומערדיקן אָפּגאַנג און מיט בענקשאַפט נאָך עפּעס פאַרגאַנגענעם, פאַרשוואונדענעם אין דער אייביקייט, וואָס וועט זיך שוין ניט אומקערן . . .

נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל. איצט ליגן מיר אויף דער ערד, מיר די נידעריקסטע פון די נידעריקסטע שקלאַפן, און טוען אַ געצוואונגענע אומזיניקע און נוצלאָזע אַרבעט, — מיר רייסן מיט די הענט, קראַצן און האַקן מיט העלצער און אייזנס דאָס גרינע גראָז, וואָס וואַקסט דאָרט. איך רייס גרעזל נאָך גרעזל און זע, אַז דאָס איז אַן אומזיסטע וועַרטלאָזע טירחה. — עס וועט לאַנג ניט דויערן און, ווען צייט וועט קומען, וועט פון די וואָרצלען ווידער אַרויסוואַקסן געדיכטע, לעבעדיקע און זאַפטיקע גרינע גראָז. איך טו מיין זינלאָזע שקלאַפן־אַרבעט, און אין מוח קומען געדאַנקען און זעאונגען פון גאָר אַן אַנדער וועלט . . .

אַט־וואָס מיר איז געקומען אויפן געדאַנק, רייסנדיק דאָס גרינע גראָז, און וואָס איך האָב דערנאָך, אין דער ענגשאַפט און טומל פון לאַגער־באַראַק, פאַרצייכנט בגנבה אויף אַ שטיקל צעקנייטשטן פּאַפּיר:

ווי גרינגראָז ביי וועגן

די זון אין די הימלען ט׳געשמייכלט ווי שטענדיק,
געבליבן איז ערד ניט גערירט;
ווי גאָרנישט געשען, ווען אין טויט־לאַגערם האָט מען
אַ פאָלק, — אונדז — צו שחיטה געפירט.

„קיין גראָז זאָל ניט זיין אויף די וועגן פון לאַגער!" —
באַפוילן האָט אונדז קאָמאַנדאַנט.
מיר אַרבעטן פלייסיק: מיר האַקן און רייסן
דאָס גרינגראָז פון וועג ביים ראַנד.

עס דויערט ניט לאַנג, און דאָס גראָז גרינט שוין ווידער
עקשנותדיק, טראָציק און שטאַרק,
כאָטש ס׳טראָמפּלען עס טויזנטער פיס דאָרט טאָג־טעגלעך,
כאָטש ס׳ווערט אָפּט געפליקט און געהאַקט.

מען טרעט און מען טראָמפּלט דאָס גרינגראָז דאָס שוואַכע,
עס ליגט אונטער יעדערנס פיס,

דאָך שפּראָצט עס און גרינט עס, עס ווערט ניט פאַרניכטעט,
ס'לעבט אייביק, ס'בלייבט זאַפטיק און פריש.

איך קוק אויף דעם גרינגראָז און טראַכט, ווי דאָס לעבן,
ווי כוחות וואָס ווערן ניט מיד,
יאָרטויזנטער ברויזן מיט מוט און אָן אויפהער
אין פאָלק פון דעם אייביקן ייד.

אין פאָלק, וואָס צעזייט און צעשפּרייט איז ווי גרינגראָז
אין לענדער פון גאַנצענער וועלט,
וואָס שוואַך איז, ווי גרינגראָז, און קאָן דאָך אויסהאַלטן
סיי שטורעמס, סיי היצן און קעלט.

...אַ פאָלק גייט זיין וועג דעם היסטאָרישן, לאַנגען
שוין אייניקע טויזנטער יאָר.
עס לעבט און עס בליט, טראָץ די גרויסע געפאַרן,
וואָס האָבן באַגלייט יעדן דור.

פּאָגראָמען און גזירות און מאַסן־פאַרניכטונג
האָט ס'פאָלק שוין אָן צאָל איבערלעבט.
עס האָבן דור־דורות בייז־פינצטערע כוחות
דאָס פאָלק צו פאַרניכטן געשטרעבט.

דאָס פאָלק האָט געליטן, געבלוטעט, געקרעכצעט
און האָט זיך געקאַרטשעט פון פּיין,
דאָך ניט אויפגעהערט האָט דער יידישער קיום
צו שטייגן און קראַפטפול צו זיין.

עס האָבן די בייזע און שטורמישע כוחות
דאָס פאָלק איבער לענדער צעשפּרייט,
דאָן האָט עס אין יעדן לאַנד וואָרצלען געשלאָגן
און דאָרט אַ ניי לעבן פאַרזייט.

דאָס פאָלק האָט געמוזט פון דער היימאַט דער אַלטער
אַפּט וואַנדערן עבר לים,
האָט ס'פאָלק זיך פאַרוואָרצלט און דאָרט אויך געבילדעט
אַ גרויסן און מעכטיקן שטאַם.

ס'איז אמת, מיר זיינען אַ פֿאָלק ווי דאָס גרינגראָז,
און שוואַך און צעזייט איבער וועלט,
מען טרעט און מען רייסט אונדז, נאָר אונדזערע וואָרצלען, —
זיי ווערן ניט קיין מאָל פֿאַרוועלקט!

ווייל, ווי אין דעם גרינגראָז סיי שוואַכקייט סיי גבורה,
שטעקט זעלביקער גייסט אין אונדז אויך:
אין אונדזערער שוואַכקייט, צעשפּרייטקייט, חסרונות
ברויזט גאָר אַ באַזונדערער כוח.

כאַטש, פינצטערע כוחות, איר ווילט אונדז פֿאַרניכטן,
נאָר ס'האָט אייער מי ניט קיין זין:
מיר האָבן דאָך וואָרצלען סיי טיפֿע סיי ברייטע
פֿון גאָר אַ באַזונדערן מין!

אונדז אויסראָטן, אונדז מיט די וואָרצלען אויסרייסן, —
איר וועט ניט, איר בלוטיקע פֿיינט!
איר האָט אונדז געפּייניקט, געשאָכטן מיליאָנען,
עס קומט אָבער אויך אונדזער היינט!

כאַטש איר, די היסטאָרישע אַלט־נייע מערדער,
האָט שטענדיק געפּלאָגט אונדז, פֿאַרפֿאָלגט,
נאָר איר'ט לאַנג ניט הוליען, ס'איז נאָענט אייער סוף שוין,
און — אייביק לעבט ס'יידישע פֿאָלק!

(געשריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קייזערוואַלד, בײַ ריגע, הערבסט 1943).

מיר ווערן סאָרטירט און אָפּטראַנספּאָרטירט

צום סוף איז געקומען דער טאָג, ווען מען האָט זיך גענומען גרינטלעך צו אונדזערע ביינער, — אָפּסאָרטירן „מי לחיים, ומי למות" און אָפּטראַנספּאָרטירן וואוהין מען דאַרף. איינדערפֿרי האָט מען אונדז געהייסן מיטנעמען „אַלע אומדזערע זאַכן" (אַ לופּעטקע־האַנטוך, אַ שטיקל טרוקענע ברויט פֿון נעכטן און וואָס נאָך?). מען האָט אונדז גרינטלעך איבערגעציילט, און גלייך נאָכן אַפּעל צוזאַמענגעטריבן אַ פֿיל־טויזנט־קעפּיקן עולם אויפֿן גרויסן לאַגער־פּלאַץ און געהייסן וואַרטן. און דאָ הערן מיר זיך אָן פֿאַרשיידענע נייעס און קלאַנגען.

די אַלטע לאַגער־תושבים דערציילן, אַז עס זיינען דאָ פאַרשיידענע אַרבעטס־לאַגערן — גוטע און שלעכטע, און גליקלעך איז דער יעניקער, וואָס פאַלט אַריין אין אַ „גוטן" לאַגער; נאָר פאַרויס קאָן מען ניט זאָגן, וועלכע לאַגערן עס זיינען גוטע און וועלכע — שלעכטע; דאָס זעט מען שוין אויפן אָרט גופא, מען שפּירט שוין אויף דער אייגענער פעל.

צום סוף קומט אָן די העכערע לאַגער־מאַכט, און עס הויבט זיך אָן די פּראָצעדור פון סאָרטירונג. זיי רופן אויס די נעמען פון די העפטלינגס, און יעדער איינער, וואָס ווערט אָנגערופן, דאַרף ענטפערן „יאַוואָל", תיכף צוגעבן זיין העפטלינג־נומער און לויפן צום סאָרטירונג־פונקט. אַך און ווי צו דעם, וואָס פאַרשפּעטיקט עטוואָס אָנצורופן זיין נומער אָדער צום לויפן, — קיין שטעקנס און בייטשן אויף זיין קאָפּ און פּלייצעס פעלן שוין ניט. דאָרט, אין סאָרטיר־פונקט, באַקוקט מען שנעל יעדן העפטלינג, און מיט אַ מאַך פון פינגער ווייזט מען אים אָן, צו וועלכער גרופּע צו גיין.

אַך, דאָס אייביקע שוידערלעכע סאָרטירן און אָפּקלייבן ווי שטיק סחורה, ווי שמאַטעס, אָדער אין בעסטן פאַל, ווי פערד, שעפסן, בהמות! ווי לייכט עס איז מיט איין וואונק צו שיקן אַ לעבעדיקן צאַפּלדיקן מענטשן־וועזן גלייך צום טויט, צי אויף שקלאַפן־אַרבעט, צו פאַרפייניקונג, צום הונגער־סוף, צום לאַנג־זאַמען אומקום, צום שנעלן אומקום, צום שיסן, צום פאַרגאַזן, צום ברענען, צי אין „גוטע" לאַגערן, צי אין שלעכטע לאַגערן, אָדער — צו די אַלדע שוואַרץ־יאָרן! . . . וואו איז בעסער? ווי נישטיק און אוממענטשלעך געפאַלן, ווי אומ־באַהאַלפן און פאַרניכטעט דער מענטש, די מענטשלעכע צאַפּלדיקע נשמה פּילט זיך אונטער די חיהשע בליקן אין אַזוינע גיהנמדיקע סאָרטירונגען! און ווען וועט נעמען ווען אַ סוף צו די אייביקע סאָרטירונגען און אָפּקלייבענישן, וואָס צעפרעסן אונדז דעם מוח און נשמה און די אויפגעטרייסלטע נערוון?!

איך מיט באַבראָוון שטייען נאָענט איינע צו די אַנדערע און בעטן גאָט נאָר איין זאַך: מיר זאָלן אַריינפאַלן צוזאַמען אין איין לאַגער, אין איין אָרט, זאָל עס זיין גוט צי שלעכט; נאָר מיר זאָלן קאָנען זיין צוזאַמען! מיר זיינען שוין דאַמאָלסט געווען אַזוי נאָענט־חבריש געבונדן איינער מיטן צווייטן, אַז דאָס ערגסטע, האָט זיך אונדז געדאַכט, איז צו ווערן איצט אָפּגעטיילט און בלייבן איינער אַליין, פאַרטריבן־פאַרוואָגלט, אפילו אָן אַ נאָענטן חבר . . .

באַבראָוו איז שוין לאַנג אויסגערופן, און איך זע פון וויטן, ער שטייט שוין איינגעסאָרטירט אין אַ גרופּע. וואָס פאַר אַ גרופּע דאָס איז — אַ „גוטע" צי אַ שלעכטע — דאָס ווייס איך ניט. עס דויערט אַ פערטל, אַ האַלב־שעה און מיין נאָמען רופט מען ניט. איך ווער וואָס ווייטער אַלץ אומרואיקער. מעג־לעך, מען וועט מיך היינט בכלל ניט איינסאָרטירן, און דאַן איז שוין קיין האָפנונג ניטאָ צו זיין מיט באַבראָוון צוזאַמען . . . עס גייט אַוועק אַ שעה און

מערער, און אויפן הארצן איז שוין גאַנץ קאַלעמוטנע און טרויעריק. איך הער, מען האָט שוין אויסגערופן כמעט אַלע באַקאַנטע, און מיך לאָזט מען, ווייזט אויס, אויף מאָרגן... ווער ווייס, צו וועלכע שדים אין די הענט איך וועל שוין דאַן אַריינפאַלן, אַן אַ נענטערן באַקאַנטן אפילו?...

מיטאמאָל הער איך אויסרופן אַ פאַרקריפּלטן נאָמען, וואָס האָט אַן ענלעכ־קייט צו מיינעם. אינסטינקטיוו גיב איך אַ געשריי „יאָוואָל! נומער 16787" און לויף צום סאָרטיר־פּלאַץ. עס שטעכן מיך דורך אַ צענדליק אויגן פון חיות און מערדער, מען וועגט אָפּ אויף שנעל, צי איך טויג נאָך פאַר זייער שקלאַפן־אַרבעט אָדער איך דאַרף תיכף ליקווידירט ווערן, און דער קאָמענדאַנט גיט מיטן קאָפּ אַ וואונק צו דער ריכטונג פון אַן אָפּגעזונדערטער גרופּע. איך לויף צו דער גרופּע, זייענדיק פול מיט ספקות און האַרץ־קלאַפּעניש, נאָר פונדער־ווייטן דערהער איך באַבראַוווס שטים:

— איי, יאַקאָב! דו גייסט מיט אונדז! מען שיקט אונדז קיין דונדאַגאַ.

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך געפילט גליקלעך, אויב דאָס וואָרט גליק איז בכלל געווען גילטיק פאַר אונדז.

ווייזט זיך ארויס, אין אונדזער נייער גרופּע זיינען געווען עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געגנבֿט געוואוסט, אַז מען שיקט אונדז קיין דונדאַגאַ, אין קורלאַנד, און אַז דאָס איז אַ גליק פאַר אונדז — עס איז אַ „זייער גוטער" לאַגער. זעט איר, אָט די, אַ צווייטע גרופּע, שיקט מען קיין עסטלאַנד, און דאָרטן איז זייער שלעכט... די שטימונג האָט זיך ביי אונדז געהויבן, — מיר גייען דאָך אין אַ „גוטן" לאַגער. ווייזט זיך אָבער ארויס, אַז אַנדערע האָבן אויך געהערט וועגן דונדאַגער לאַגער, און דאָס איז זייער אַ שלעכטער לאַגער, מען פאַר־פייניקט דאָרט ביז צום טויט ניט ערגער, ווי אין עסטאָניע... איז די שטימונג ביי אונדז געפאַלן. מיר ווייסן ניט וועמען מער צו גלויבן, די אָפּטימיסטן צי די פעסימיסטן, — ווערן מיר שוין גאָר פאַרטומלט און פאַרצווייפלט און ווייסן שוין גאָרניט, וואָס צו גלויבן און וואָס צו טראַכטן...

סוף־כל־סוף, טראַכט איך זיך, וואָס איז זיך דאָ צו נעמען צום האַרצן? אַ „גוטער" לאַגער, אַ „שלעכטער" לאַגער, — עס איז דען אָפּהענגיק פון אונדז אויסצוקלייבן? האָט דען אַ באַדייטונג אונדזער ווילן, אונדזער קראַפט? זיינען מיר דען ניט ווי אָט די האַרבסטיקע בלעטער, וואָס ווערן געריסן פון דיביימער און געטראָגן מיטן ווינט, — ווער ווייס וואוהין?... מען האָט אומעטום די זעלביקע אויסזיכטן אומצוקומען, ווי אָט די אָפּגעריסענע בלעטער ביי יעדן בלאָז פון ווינט; צי דערשאָסן ווערן ווי געיאָגטע הפקר־הינט, אָדער פאַלן ווי פאַריאָגטע אַרבעטס־פערד, ביי יעדער געלעגנהייט... און וואָס הייסט בכלל „גוט" און וואָס הייסט „שלעכט" אין אונדזערע באַדינגונגען? זאָל קומען וואָס

באַשערט נאָר ניט פאַרלירן דעם קאָפּ, קוקן מיט אָפענע אויגן און ניט פאַר־געסן דעם עיקר — אַנטלויפן, אַנטלויפן ביי דער ערשטער־בעסטער געלעגנהייט!

איך טייל זיך מיט מיינע געדאַנקען מיט באַבראָוון. ער גיט צו, אַז ער איז מיט מיר מסכים. ער האָט אויך אָנגעהויבן גלויבן אין באַשערטקייט, אין אומפאַרמיידלעכקייט פון גורל... און מאָדנע, — נאָך דעם געשפרעך, ווערט אונדזביידן לייכטער און קלאָרער אויפן האַרצן. מיר פאָרן אין אַ נייעם קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, זאָל עס הייסן דונגדאַגאַ אָדער אַנדערש־ווי, מיר גייען צו נייע פיין און יסורים, צו נייע נסיונות פון אונדזער גורל, אָבער מיר גייען מיט באַרואיקטע געמיטער און מיטן גלויבן פון באַשערטקייט און אומפאַרמייד־לעכקייט.

דעם זעלביקן טאָג האָט מען אונדזער פאַרטיע „העפטלינגע", אַרעסטאַנטן, אָנגעלאָדן אויף אַ פּאָר צענדליק לאַסט־אויטאָס, און אונטער אַ שטאַרקער שמירה פון „עס. עס."־לייט האָט מען אונדז פאַרשלעפּט אין וואַלדיקע און זומפּיקע געגנטן, טיף אין קורלאַנד אַריין. אויב מיר האָבן געמיינט און איר מיינט, אַז דאָס איז געווען דונדיאַגאַ, האָבן מיר אַלע אַ גרויסן טעות געהאַט.

הונגער, קעלט, עלנט און... טויט.
(פאָטאָ־בילדער פון געטאָ און קאָנצ. לאַגער).

קאַפּיטל 6.

פֿאַרשלעפּטע און פֿאַר׳משפּט׳ע צום אומקום

מיר בויען פֿאַר זיך אַ שקלאַפֿן־לאַגער

פֿון צענטראַלן קאָנצענטראַציע־ און סאָרטירונגס־לאַגער קייזערוואַלד, ביי ריגע, האָט מען אונדז, אַ גרופּע פֿון אייניקע הונדערט יידן, אַפּטראַנספּאָרטירט אין אַן אָרט פֿון קורלאַנד, לאַטוויאַ, וואָס האָט געהייסן פּאָפּערוואַלן (אָדער אויף לאַטוויש פּאָפּוואַלע). דאָס איז אַ פֿאַרוואָרפֿענער וואַלדיקער און זומפּיקער אָרט ניט ווייט פֿון דער שמאָלבאַן־סטאַנציע פּאָפּערוואַלן, טאַלסענער קרייז אויף דער אייזנבאַן־ליניע טאַלסען־ווינדאַווע. אַ דרייסיק קילאָמעטער פֿון דאַנען איז געווען דאָס שטעטל דונדאַגאַ מיט אייניקע יידן־לאַגערן אַרום. נאָר דאָ, אין פּאָפּער־וואַלן, איז נאָך קיין סימן פֿון לאַגער ניט געווען. מיר זיינען עס געווען די יעניקע, וואָס האָבן אים ערשט געדאַרפֿט אויפֿבויען. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט דעם כבוד צו זיין די „פּיאָנערן״ אין די פּאָפּערוואַלענער וועלדער און זומפּן; מיר זיינען די ערשטע יידן־העפֿטלינגס, די ערשטע ברואים אין קאָ־צעטישע שמאַטעס מיט בונט־באַפֿאַרבענע ווייס־רויטע פּאַסן, וואָס די היגע דאָר־פֿישע און וואַלדיקע איינוואוינער האָבן געזען אין זייערע אויגן און געקוקט, ווי אויף אַ בייזן וואונדער. אַ קלייניקייט, דאָס זיינען ברואים, וואָס זיינען אַראָפּ־געקומען וואָס אויפֿצוטאָן, עפּעס שאַפֿן אין זייערע שטילע און רואיקע וועלדער, — בויען אַ נייעם קאָנצענטראַציע־לאַגער!

אָנגעקומען אין פּאָפּערוואַלן זיינען מיר פֿאַרנאַכט, אין מיטן נאָוועמבער 1943. עס האָט שוין געשמעקט מיט ווינטער. דאָ, ניט ווייט פֿון באַלטישן ים, איז שטענדיק געווען פֿייכט און ווינטיק, און באַנאַכט איז שוין געווען שטאַרק קאַלט. קיין דאַך, קיין שוץ פֿון קעלט, ווינט און פֿייכטקייט איז פֿאַר אונדז ניט געווען. עס זיינען געווען נאָר אַ פּאָר באַראַקן פֿאַר די אָנפֿירער און אויפֿ־זעער. אָבער די פֿראַגע, וואו מיר זאָלן שלאָפֿן, האָט מען געלייזט זייער שנעל: מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסלייגן פּשוט אויף דער נאַסער הוילער ערד, און אויב ניט, קאָנען מיר בלייבן שטיין, אָבער ניט אַרומגיין. נאָר גאָר שפּעט באַנאַכט, ווען מיר זיינען שוין ביז די ביינער געווען דורכגענעצט פֿון דער נאַסער ערד און עס האָט אונדז געוואָרפֿן צאָן אויף צאָן, האָט מען אונדז דער־לויבט צו מאַכן עטלעכע שייטער־הויפֿנס און זיך וואַרעמען ביי די פֿייערן. דאָס האָט מען אָבער ניט געטאָן, חס וחלילה, פֿון רחמנות וועגן, נאָר פּראַקטיש

צום פאַרהיטן אונדז פון קראַנק ווערן און פאַרלירן די אַרבעטס־פעאיקייט, וואָס איז דאָ געווען נויטיק.

גלייך אינדערפרי האָט מען אונדז אויסגעשטעלט צום אַפּעל. ווי אַ מענטש קאָן עס אַ טעות האָבן! איך האָב געמיינט, אַז נאָך דער צוויי־וואָכיקער אַפּעל־סטודיע אין קייזערוואַלד קאָן איך שוין אַלץ אויף אויסווייניק, ווייזט זיך דאָ אַרויס, אַז ניט איך און ניט אַנדערע הויבן אָן צו קענען. אונדזער נייער אָנ־פירער האָט ניט אָנערקענט אונדזער קענטעניש. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע דערציאונגס־מעטאָדן און מושטירונגען, און האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז גאָר אינ־גיכן וועט ער זיך נעמען גרינטלעך אונדז אויסצולערנען, וואָס אַפּעל הייסט, און בכלל צו מאַכן אַ טאָלק מיט אונדז, — מיט די . . . „גאָט־פאַרפלוכטע זעלעס (גאָט פאַרשאָלטענע נשמות), דאָנער־וועטער נאָך איין מאָל!"...

קיין ברויט און קאַווע איז נאָך ניט געווען געבראַכט פאַר אונדז, און די ערשטע טעג האָבן מיר זיך געדאַרפט באַגנוגענען מיטן איבערקייען דעם גע־שמאַק פון די גוטע אכילות פון אַמאָל. דאָ האָבן מיר זיך אָן איבעריקן מאָל איבערצייגט, ווי גוט און נוצלעך עס איז צו זיין שפּאָרעוודיק, און ווי קלוג, פאַרויסזעענדיק און צוריקגעהאַלטן עס זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט כוח אָפּצושפּאָרן און מיטברענגען שטיקלעך ברויט פון קייזערוואַלד.

דערפאַר האָט געוואַרט אויף אונדז אַ גרויסער שטח פון אַ האַלב־אויסגע־האַקטן וואַלד, און דאָ האָט געדאַרפט געבויט ווערן דער לאַגער. דער פּלאַץ איז געווען געדיכט באַדעקט מיט אַלטע טיף־איינגעוואָרצלטע פּניאַקעס (די אונטערשטע טיילן פון דיביימער מיט די וואָרצלען), מיט יונגע נאָכוויקס־ביימ־לעך און פיל איבערגעלאָזענע אַלטע ביימער, מיט שטיינער און גריבער. אונדזער ערשטע אויפגאַבע איז געווען — גרינטלעך אָפּרייניקן און אויסגלייכן דעם גאַנצן פּלאַץ, אַרומצוימען דעם גאַנצן שטח מיט שטעכיקן דראָט און דאַן אויפשטעלן פאַר אונדז ביידלעך צום שלאָפן.

מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. נאָר וואָס זאָל איך אייך גיין דער־ציילן וועגן אונדזערע מעטאָדן און טעכניק פון רייסן אַלטע טיף־פאַרוואָרצלטע פּניאַקעס כמעט מיט די הוילע הענט, פון אויסגראָבן און קייקלען גרויסע שטיינער, פון אָנציען געדיכטע שטעכל־דראָטן, פון גראָבן גריבער, שלעפּן ביימער און אַנדערע עבודת־פּרך אויף אַ ליידיקן מאָגן פון צעבראָכענע, דורכ־געווייקטע און ניט־אויסגעשלאָפענע מענטשן? שוין גענוג, וואָס איך האָב אייך אויסגעלערנט די טעכניק פון מאַכן מענטשן פאַר אויס־מענטשן, זאָל איך אייך נאָך לערנען בויען אַ שקלאַפן־לאַגער פאַר זיי?! איר גייט דען, חס וחלילה, זיך פאַרנעמען מיט אַזוינע געשעפטן?

קורץ גערעדט, עס האָט ניט געדויערט קיין פאַר וואָכן, און דער וואַלד־פּלאַץ איז ניט געווען צו דערקענען. אַרום האָט זיך דערהויבן אַ הויכער שטעכל־

דראָט־צוים מיט אַ טויער, וואָך־טורעמס און באַראַקעס פאַר די וועכטער, און אינמיטן— עטלעכע צענדליק רונדע, אזוי־גערופענע פינישע צעלטן־ביידלעך פון אַ ספּעציעלן געפּרעסטן שטאָף, מיט אַ גרויסער לאַטרינע (אויסטריט־גרוב), מיט אַ גלאַטן אַפּעל־פּלאַץ, מיט איינגעטראַמפּלטע וועגלעך, מיט א געצעלט־רעוויר (געצעלט פאַר קראַנקע), מיט אַ קיך, אַ שפּייז־געצעלט און אלע אַנדערע אַטריבוטן, וואָס פאָדערט זיך אין אַ שקלאַפן־לאַגער. אין יעדן צעלט האָט מען איינקוואַרטירט פופצן־זעכצן מענטשן (נאָרמאַל איז אַזאַ צעלט פאַר זעקס־אַכט סאָלדאַטן) און אינמיטן אוועקגעשטעלט אַ בלעך־אייוועלע. געשלאָפן האָבן מיר אויף עטוואָס שטרוי אויף דער ערד, ניט אויסגעטאָן, צוגעדעקט מיט אונדזערע שמאַטעס־מאַנטלען, און אזוי גערדיכט און צוזאַמענגעפּרעסט, אז קאַלט איז שוין ניט געווען.

דערפאַר איז שוין געווען עפּעס אַנדערס — שמוץ, קרעץ און . . . לייז, לייז, לייז. האָט זיך איינער, אַ מער אָפּגעלאָזענער און שמוציקער, אַנגענומען מיט דער פּלאָג פון לייז, האָט ער גאָר אינגיכן אַנגעשטאָכן דערמיט אויך די איבעריקע אין צעלט. קיין מיטל, ווי צו באַפרייען זיך פון דעם אומפּלייט, איז אין די ערשטע חדשים ניט געווען. „קראַצט זיך, וויפל אייער האַרץ געלוסט, פאַרפלוכטע, שמוציקע יודען!" . . . עס איז ניט געווען קיין וואַסער אין לאַגער, און מען האָט עס געטראָגן עמערווייז פון ווייט, פון פויערשע הויפן, אזוי, אַז וואַסער האָט קוים געקלעקט פאַר קאַווע־קאָכן און צום טרינקען. וואַסער איז אין אונדזער לאַגער געווען „ראַציאָנירט", און וועגן וואַשן זיך ווי מענטשן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אָבער דאָך האָט די לאַגער־מאַכט געזאָרגט פאַר אונדזער געזונט און ריינקייט; מען פלעגט אונדז אָפּטמאָל טרייבן צו דער אַזערע, אַ דריי־פיר קילאָמעטער פון לאַגער, און דאָרט האָבן מיר זיך געמוזט באָדן אין אייז־קאַלטן, פון אויבן פאַרפראָרענעם וואַסער, און . . . הנאה האָבן פון אונדזער לעבן.

ווי ביטער אַנטוישט עס האָבן זיך געפילט די יעניקע פון אונדז, וואָס האָבן געהאָפט אַריינצופאַלן אין אַ „גוטן" לאַגער! עס האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר גיך, אז אונדזער לאַגער איז ניט נאָר ניט געווען פון די „גוטע", נאָר דער ערגסטער פון די ערגסטע. און אפשר האָב איך ווידער אַ טעות, ווייל — איז דען געווען דאָ אַ מאָס פון שלעכטס און אַ שיעור אין ביטערקייט?

אונדזערע אייגענע נוגשים ונוטרים

וואָס, אייגנטלעך, האָבן מיר געדאַרפט טאָן דאָ, אין פאַפּערוואַלן, אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון קורלאַנד?

די דייטשן האָבן זיך געגרייט, ווייזט אויס, אויף אַ לאַנגן לעבן אין קור־לאַנד און האָבן זיך גענומען פאַרפעסטיקן און איינפונדעווען. אין אונדזער אומ־

געגנט זיינען געווען איינקוואַרטירט מערערע באַטאַליאָנען פון יונגע „עס. עס.״־לייט, און אין אַ דערבייאיקן פּריצישן הויף האָט זיך באַזעצט זייער שטאָב מיט העכערע גלאַנציקע אָפיצערן, באַהאַנגענע מיט בלאַנקעדיקע בלעכלעך און בענדלעך. געשטאַפּאָ־אַפּטיילן, פעלד־זשאַנדאַרמעריע, מיליטער־פּאָליציי, שפּיר־הינט און פאַרמאַסקירטע שמעקערס האָבן דאָ אויך ניט אויסגעפעלט.

ווי די דייטשע מייסטערס האָבן אונדז אינפאָרמירט, איז אונדזער אויפגאַבע געווען אויסצובויען ניט ווייניקער פון זעכציק גרויסע באַראַקעס פאַר נאָך מיליטער און עסעס־לייט, וואָס דאַרפן דאָ אָנקומען. דערביי האָבן די מייס־טערס אַליין געלאַכט פון די גראַנדיעזע בוי־פּלענער, וואָס האָבן קיין ממשות ניט געהאַט. אונדזער לאַגער איז געווען פּלאַנירט אויסצובריטן פאַר ווייניקסטנס צוויי טויזנט יידן. פון אָנהויב זיינען מיר געווען נאָר איניקע הונדערט מענער און אַ פאַר צענדליק פרויען, — יידן פון לאַטוויאַ, ליטע, דייטשלאַנד, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, עסטרייך, האָלאַנד, פון איניקע פּוילישע און רומענישע געביטן, און צולעצט אויך פון אונגאַרן, — אַ גאַנצער קיבוץ־גליות פון יידישע שקלאַפן.

ביסלעכווייז איז אַרום לאַגער אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ שטעטל מיט באַראַקעס, ווערקשטובן, מאַשינעריעס, מיט אַ הונדערט אָראָפּגעבראַכטע האָלאַנדישע אַר־בעטער און מיט צענדליקער דייטשע מייסטערס, אינזשעניערן, מעסטערס, בוי־אונטערנעמער, אויפזעער, יוצר־משרתים און אַנדערע פּאַראַזיטן. און אַלע זיינען געווען בעלי־בתים און דעה־זאָגער איבער אונדז, שוין אָפּגערעדט וועגן אונדזערע דירעקטע בעלי־בתים, — דער לאַגער־קאָמענדאַנט מיט זיינע עסעס־לייט און וואַך־פּאָסטנס. אפילו די שפּעטער געבראַכטע פאַר צענדליק רוסישע סטאָליערס און שלאָסערס פאַרשלעפּטע פון זייער היימלאַנד, האָבן אויך געהאַט אַ דעה איבער אונדז, און פלעגן זיך ניט אָפּשטעלן פון מיאוסע, נידעריקע שטעכענישן און מסירות.

פון דער גאַנצער צעפּוילטער פּאַראַזיטישער מאַשינעריע זיינען מיר געווען די נידעריקסטע. מיר, די אייביק הונגעריקע און צעבראָכענע שקלאַפּן, האָבן עס געמוזט גראָבן, האַקן, שלעפּן, בויען, לויפן און אויספילן יעדן אידיאָטישן באַפעל און יעדע נוצלאָזע און זינלאָזע שווערסטע אַרבעט. חוץ דעם שטעקן, טרוקענע קלעפּ און בריקעניש מיט די פיס, האָבן שוין דאָ געהערשט איבער אונדז מער ווירקזאַמע באַשטראָפונג־מיטלען; דאָס זיינען געווען: שמיץ־פּראָ־צעדור אויפן נאַקעטן קערפּער מיט דער גאַנצער פאַרפּייניקונג־סיסטעם, הענגען אויפן לאַגער־טויער און שיסן אין דערבייאיקן וועלדל.

נאָר דאָס ווייטיקסטע און טרויעריקסטע איז געווען, וואָס מיר האָבן גע־האַט אויסצושטיין קאַלט און וואַרעם פון אונדזערע אייגענע יידישע אויפזעער און אַנטרייבער. צוערשט איז אונדזער לאַגער־עלטסטער געווען אַ יידישער בחור פון דייטשלאַנד, איינער אַ רודי. ער איז געווען „צו־שוואַך״, און זיינע

אַפּעלן און קאָמאַנדעס פלעגן ניט מאַכן דעם גוטן געהעריקן איינדרוק. האָט מען אים געמאַכט פאַר דעם קיך־עלטסטן און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן איינער אַ שיינבערגער. ער איז געווען אַ ריגער, זיין יחוס — אַ געוועזענער אונטער־אָפיצער אין דער אַרמיי, און זיין גרויסע מעלה — ער האָט געקאָנט אָפּגעבן קאָמאַנדעס מיט אַ האַווקעדיק־בילנדיקער שטים און דערלאַנגען אין די ציינער; אַלץ צוזאַמען האָט נושא־חן געווען אין די אויגן פון דייטשן קאָמענדאַנט.

אָט דער שיינבערגער איז שוין פריער געווען אַ מאַכט־האָבער איבער יידן אין אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער. פון ערשטן טאָג אָן האָט ער זיך אויך דאָ גע־ריסן צו ווערן דער לאַגער־עלטסטער, און צום סוף האָט ער „אונטערגעגראָבן" רודי'ן און דערגרייכט זיין ציל. און דאָ האָט ער גלייך אַרויסגעוויזן אַזויפיל פלייס און איבערגעבנקייט, אַזאַ פולקומע אויסדרעסירטקייט און געשיקטקייט אין קאָמאַנדעווען, מושטירן און פייניקן זיינע „ברידער־העפטלינגע", אַז דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט זיך די ערשטע טעג ניט געקאָנט אָפּשמאַקעווען פון אים. און כדי די חן און די „גוטע שטעלע" מיט דער אכילה ניט צו פאַרלירן, האָט שיינבערגער זיך געקליגט פון טאָג צו טאָג, וואָס מער צו מאַטערן און מאָרדעווען „זיינע יידן" און אויספילן יעדן בישטיקן באַפעל נאָך שטרענגער און פיינפולער, ווי מען האָט עס פאַרלאַנגט. אַ גוטער תלמיד איז געווען שיינבערגער און האָט זיך פלייסיק באַמיט אַריבערצושטייגן זיינע נאַצישע הויכע רביים.

ליידער, איז שיינבערגער מיט זיינע משרתים, — די יידישע לאַגער־פּאָליציי און מוסרים, — געווען ניט דער איינציקער. יעדער לאַגער האָט זיך געהאַט זיינע היגטישע „שיינבערגערס" מיט זייערע משרתים, און אין יעדן לאַגער האָבן זייערע ברידער־יידן געהאַט אויסצושטיין פון זיי בלוטיקע קלעפּ, שלאָגערייען ביזן פולשטענדיקן צוזאַמענברעכן, אָפיציעלע און ניט־אָפיציעלע עקזעקוציעס, ווילדע פייניקונגען און דערנידערונגען אויף די אַפּעלן און מושטירונגען, אָפּ־נעמען דאָס עסן, פאַרמסרן, — און וואָס ניט האָבן זיך דערלויבט די דאָזיקע לאַגער־עלטסטע, לאַגער־פּאָליציי, קאַפּאָס (אַרבעטס־אָנפירער) און אַנדערע באַ־טיטלטע אויסוואורפן, ווי זיי זאָלן ניט האָבן געהייסן!

פייניקונג דורך יידן און פון יידישע עלטסטע — דאָס איז בכלל אַ באַ־זונדער־טרויעריק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין די היטלער־צייטן. דאָס איז געווען דער קלוגער און מייסטערהאַפטער אויפ־טו פון די דייטשן צו באַהערשן די גרויסע קנעכט־מאַסן דורך זייערע אייגענע ברידער, דורך זייערע אייגענע נוגשים ונוטרים. אויסדרעסירטע ווי טרייע איבערגעבענע הינט, און באַשאָנקענע מיט אַ צוגעוואָרפענעם איבעריקןביינדל, האָבן זיי אויפן מיאוסטן אופן אויסגעפירט יעדן וואונק פון זייערע הערשער

און זיינען גרייט געווען אַלצדינג צו טאָן איבער שולדיקע און ניט־שולדיקע, אָן יעדן רחמנות און אָן געוויסנס־ביסן. קיין סענטימענטן, קיין רחמנות־געפיל, קיין שאַנדע און קיין געוויסן האָט פאַר אַזעלכע לייט ניט עקזיסטירט; ס'איז דאָ נאָר מאַכט .. . ניט וויכטיק, ווי די מאַכט זעט אויס און ווי זי ווערט דער־וואָרבן אין לאַגער . . . אָדער דו אָדער איך, און ווער ס'איז שטאַרקער, דער האָט מער מאַכט, דער בלייבט אויפן פּלאַץ . . .

אין אַזאַ מאָראַל זיינען אונטער די דייטשן דערצויגן און אויסדרעסירט געוואָרן אַלע נוגשים ונוטרים און אונדזערע אייגענע יידישע. אַזאַ מאָראַל איז געוואָרן זייער לעבן־באַזיס, זייער טאָג־טעגלעכע געוואוינהייט, און אַזוי האָבן זיי זיך געפירט מיט די קנעכט־מאַסן, מיט זייערע אייגענע ברידער, — קרבנות ווי זיי אַליין. זיך קלאַמערנדיק אָן די „הויכע פּאָסטנס", וואָס זיי האָבן פאַר־נומען, זיינען זיי גרייט געווען זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע צו דערהרגענען, אַבי צו בלייבן ביי דער „מאַכט" און דער גוטער אַכילה מיט אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זייער מאַכט האָט זיי געגעבן.

איך וואָלט געווען אומגערעכט, ניט דערמאָנענדיק, אַז עס זיינען געווען אויך אויסנאַמען צווישן די יידישע לאַגער־עלטסטע און קאַפּאָס (אַרבעטס־אָנ־פירער), אַזוינע, וואָס האָבן ניט פאַרלאָרן זייער מענטשלעכן פּנים. עס זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געמיט צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון זייערע ברידער, אויף וויפיל די באַדינגונגען האָבן געלאָזן. נאָר אַזוינע אויס־נאַמען זיינען אין די לאַגערן וואָס וויטער געוואָרן אַלץ זעלטענערע און פאַר־איינצלטע דערשיינונגען. ווי אַ כלל, האָבן אין די לאַגערן געמוזט הערשן די „שיינבערגערס" אָדער נאָך ערגערע פון זיי, ווייל אונדזער פּאַפּערוואַלענער שיינ־בערגער, ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, איז נאָך ניט געווען פון די ערגסטע.

צוויי שקלאַפן פאַרשווינדן פון לאַגער

די ערגסטע און פיינלעכסטע שעה'ן פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לאַגער־לעבן זיינען געווען די פרימאָרגן־שעה'ן. קוים דו דערלעבסט דעם אָוונט און שטילסט דעם הונגער מיטן שטיקל ברויט און שטינקנדיקן קאַפע, קוים דו נורעסט זיך איין אונטער דיינע שמאַטעס אין דיין ענגן ווינקעלע, און אַ צעבראָכענער, אויס־געשעפּטער און דאָך מיט גליענדיקע מחשבות און חלומות באַוויזסטו נאָך ניט זיך אויסצושלאָפן און עטוואָס באַרואיקן דיין מידן קאָפּ און קערפּער, — און אין דער פינצטערניש פון פאַרכמורעטן ווינטער־פאַרטאָג דערהערסטו שוין אַ פייפעריי איבערן לאַגער, אַ קלאַפּעריי איבער די דיגע ווענטלעך פון צעלט און ווילדע חיהשע אויסגעשרייען:

— אויפשטיין! אויף! אויף! אויפשטיין!

דאָס וועקן אונדז די נאָכטיקע וואָך־פּאָסטנס. אוי, ווי שווער עס איז דאָס אויפשטיין, דאָס אויסגלייכן אין דער ענגשאַפט די פאַרגליווערטע גלידער, אַרויס־קריכן פון אונטער די שמאַטעס, עפענען די מידע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן און זיך תיכף באַגעגענען מיט דער ביטערער ווירקלעכקייט פון לאַגער־לעבן! און ווידער אָנהויבן אַ זינלאָזן, האָפנונגסלאָזן יסורים־טאָג אַזוי ווי נעכטן, ווי אייער־נעכטן און ווי מאָרגן, איבערמאָרגן און ווער ווייס, ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג! . . . אוי־ווי, ווי ביטער עס פלעגט זיין אויפן האַרצן אין אַזוינע פרימאָרגנס!

דו באַוויזט נאָך ניט איינצושלינגען דיין פרישטיק פון אַ מאַנץ ברויט מיט אַ לעק מאַרגאַרין און אַ בלעכל שמוציקן ערזאַץ־קאַפע, ווי עס הילכט שוין אַ נייע פייפערײַ איבערן לאַגער — זיך אויסשטעלן צום אַפּעל! שנעל־שנעל, אַלע ארויס פון די צעלטן! שנעל־שנעל, זיך אויסשטעלן, אויסגלייכן די רייען און וואַרטן צוערשט אויפן אָנקום פון אונדזער יידישן הערשער, — דעם לאַגער־עלטסטן!

פון זיין „קאָמפאָרטפּולן" געצעלט, וואו נאָר ער מיטן דאָקטאָר און קיך־עלטסטן וואוינען, באַוויזט זיך שיינבערגער, — אַ קליין־וואוקסיקער פעסט־געבויטער נפש אין פראַנטאָווסקע שטיוועלעך (פון וועלכן יידן האָט ער עס אַראָפּ־געשלעפּט?!), און מיט זיין שפּיציקן פּנימל פון אַ קליינער כיטרער רויב־חיה'לע באַקוקט ער אונדז אייניקע מינוט שטיל און ברוגז, און דאַן נעמען פאַלן זיינע ערשטע האַווקעדיק־בילנדיקע רייד אין אַ „צאינה וראינהדיקן" דייטשן לשון . . .

— ווי שטייסטו, דו! נאָך ניט אויסגעשלאָפן? — שרייט ער צו אַן עלטערן יידן — זאָל איך אפשר ברענגען אַ קישן מיט אַ דעקע? . . . ווער רעדט עס דאָרט אין דער צווייטער ריי? וויפיל מאָל האָב איך געזאָגט — גלייך שטיין און ניט ריידן! . . . יאָ, איר ברידער, נעכטן האָט איר ווידער געמאַכט אַ שווינערײַ . . . ווידער געגאַנגען צו די פּויערים . . . איך ווייס אַלץ גענוי . . .

און שיינבערגער לאָזט זיך אַוועק אין אַ לאַנגער מוסר־דרשה, איינע פון די דרשות, וואָס מיר הערן יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט. דו שטייסט אין דיין קורצן, דינעם און צעריסענעם מאַנטעלע פאַרגליווערט פון קעלט און פייכט־קייט, דו ווילסט טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, וואָס איז ווייט־ווייט פונדאַנען, דו טראַכסט פון דיין פאַרגאַנגענהייט, ווי פון א פאַרגאַנגענעם זיסן חלום, און — דאַ רייסן און מאַטערן דיין מוח דעם יידן שיינבערגערס הויך־מאָראַלישע מוסר־רייד:

— ...און איר מיינט, איך ווייס ניט, אַז מען טראָגט אַריין אין לאַגער פאַרשיידענע זאַכן (דאָס מיינט עסנוואַרג) אָן מיין וויסן?... און אַז מען וועט אייך כאַפּן, ווער איז דאַן פאַראַנטוואָרטלעך, — ניט איך? ווי וואַגט איר עס צו טאָן אַזאַ שווינערײַ, און——————

וואָס ווייטער היצט ער זיך איין אַלץ מערער. עס איז נאָך אַ שעה אָדער אַנדערהאַלבן ביזן קומען פֿון דעם לאַגער־קאָמענדאַנט, און שיינבערגער האָט נאָך געגוג צייט ניט נור צום דרש'נען, נאָר צום מושטירן, מאַכן איבונגען מיט די „מיצן אָפּ, מיצן אויף", „באַוועגונג" און פֿיל אַנדערע קונציקע זאַכן.

מיטאַמאָל ווערט שיינבערגער ווי אַנגעצונדן און זיין שטימע ענדערט זיך:

— וואָס? ווער רעדט דאָרטן? ווער וואָגט מיר צו ריידן אַנטקעגן?

ער שפּרינגט־צו צו איינעם אין דער פֿאָדערשטער ריי און דערלאַנגט אים אַ פּאַטש. נאָר דאָס מאָל האָט שיינבערגער ניט געטראָפֿן. ער קריגט צוריק עטלעכע געזונטע כמיילן. עס באַווייזט זיך אים בלוט פֿון נאָז און מויל, און ער אַנטלויפֿט אין זיין געצעלט. זיינע געהילפֿן, — די „אינטערנאַציאָנאַלע" פּאָליציי, ווי מיר האָבן זיי גערופֿן, ווייל זיי זיינען באַשטאַנען פֿון אייניקע לאַט־ווישע, דייטשע און ווילנער יונגען פֿון דער יידישער אונטערוועלט, — זיי ווילן אַרויסשלעפּן דעם שלעגער פֿון די רייען און זיך נוקם זיין אָן אים, נאָר די בורטשעס פֿון אויפֿגערעגטן עולם קילן אָפּ זייער קוראַזש, און זיי לאָזן אים צורו. אין אַ ווײַלע אַרום איז שיינבערגער צוריקגעקומען מיט אַ פֿאַרקלעפּטער נאָז און אַ בורטשע־געטאָן:

— וואַרט, מיר וועלן נאָך ריידן מיט דיר!...

ווען דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט דערזען שיינבערגערס צורעכטגעמאַכטן פּנים, האָט ער נאָר אַ קרומען שמייכל־געטאָן, ווי איינער זאָגט: רייסט זיך און בייסט זיך, האַקט אייך קאָפּ אָן וואַנט צווישן זיך, איר פֿאַרפֿלוכטע יודען־פֿאָלק!...

מען האָט אונדז פֿאַרטיילט צו דער אַרבעט, געשיקט וועמען אַהין, וועמען אַהער, ווי יעדן טאָג, ווי גאָרנישט געווען. נאָר מיר האָבן געוואוסט, אַז שיינבערגער גרייט אַ נקמה־אַקט פֿאַרן שלעגער. פֿון אָוונט, ווען מען האָט אונדז ווידער צוזאַמענגעטריבן צום אַפּעל און קאָנטראָל־ציילונג, האָבן מיר זיך דער־וואוסט, אַז צוויי יידן זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן. דאָס זיינען געווען — דער מוטיקער שלעגער, אַ יונגער קצב מיטן נאָמען בידמאַן, און זיין חבר קלעמער. מען האָט זיי אַרומגעזוכט אין די אַרומיקע וועלדער און אומגעגנט, נאָר דער־ווײַלע קיין שפּור ניט געפֿונען. אונדז האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט אָפּגעהאַלטן אויפֿן אַפּעל ביז שפּעט אין דער נאַכט, געהאַלטן פֿייערדיקע מוסר־רעדעס און געדראָט אויסשיסן יעדן צענטן פֿון אונדז פֿאַרן אַנטלויפֿן פֿון אונדזערע צוויי „יודען־גענאָסן."

מיר און דעם מערטייל אַנדערע יידן האָט שטאַרק הנאה־געטאָן, וואָס די צוויי איז געלונגען צו אַנטרינען, און מיר האָבן זיי געווונטשן מיט הצלחה זיך אויסצובאַהאַלטן און זיך ראַטעווען. עס זיינען אָבער געווען אויך אַזוינע ברואים צווישן אונדזערע, וואָס האָבן געבורטשעט, אַז „מען טאָר אַזוינס ניט דערלאָזן",

אַז צוליב זיי, די אַנטרונענע, קאָן מען נאָך אונדז אַלעמען ווער ווייס וואָס אָפּ־טאָן . . . און נאָך אַמאָל קומט אויפן זינען דער געדאַנק, ווי טיף מענטשן זײַנען געווען דאַן געזונקען אין זייער מאָראַלישער געפאַלנקייט און עגאָאיסטישער אויפפאַסונג, אַז זיי האָבן געקאָנט פּאַראורטיילן אַנדערע, מער מוטיקע און דרייסטע פאַרן אַנטלויפן פון דער שקלאַפערײַ . . .

שײַנבערגער איז געווען צעקאָכט מער פון אַלעמען. אין זײַן טרייהייט צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, וואָס האָט ממש דערגרייכט ביז צו אידיאָטיזם, האָט ער זיך געמיט מיט אַלע מיטלען אונדז אָנצושרעקן און באַווייזן, אַז מען האָט די אַנטלאָפענע געכאַפּט (כאָטש קיין קאָנקרעטע באַווייזן האָבן מיר ניט געהערט) און אַז מען האָט זיי לכל־הפּחות צען מאָל געהאַנגען און געשאָסן. איך ווייס ניט, צי ער האָט ווּעמען אײַנגעשראָקן און אָפּגעהאַלטן פון אַנטלויפן, נאָר איך מיט באַבראַוון און נאָך דריי חברים האָבן שוין דאַמאָלסט געבויט פּלענער און שוין געהאַט צוגעגרייט אויך עטוואָס קאָנקרעטעס צום אַנטלויפן פון לאַגער. מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן אָנקום פון וואַרעמערע וועטערן, פון פרילינג.

און וואָס פאַר אַ ביטערן סוף שײַנבערגער אַליין האָט געהאַט! און פון וועמען, — פון די הענט פון זײַנע אייגענע דײַטשע „פרײַנט". וועמען ער האָט אַזוי טריי געדינט! אַזאַ סוף זאָל געזאָגט זײַן אויף אַלע יידישע שונאים און אויף אַזוינע יידן, ווי שײַנבערגער אַליין! . . .

הונגער ברעכט אײַזן און... קאַצעטישע געזעצן

דער געפיל פון הונגער און דער דראַנג צו שטילן, צו זעטיקן דעם הונגער איז בײַ יעדער באַשעפעניש, און אויך בײַ מענטשן, שטאַרקער פון דעם געפיל פון געפאַר און ריזיקע, וואָס דערמיט איז פאַרבונדן. אַזוי איז געווען אויך בײַ די מענטשן פון אונדזער לאַגער. ניט געקוקט אויף פיל־מאַליקע וואַרנונגען, מערדערײַען, צונעמען דאָס עסן, אַרומיאָגן אויף די אַפּעלן און אַנדערע באַשטראָפונגען, האָט מען זיך געיאָגט נאָך יעדער געלעגנהייט צו קומען אין באַרירונג מיט די אָרטיקע פויערים און צו קריגן עטוואָס פון עסנוואַרג. און אָפטמאָל פלעגט עס געלינגען צו קריגן אַ שטיקל ברויט, קעז, קאַרטאָפל, בורעקעס און אַמאָל אויך פלייש צי אַ שטיקל פּוטער, און אַרײַנשמוגלען עס ווי ניט איז אין לאַגער אַרײַן און באַהאַלטן אין אַ לאָך אין צעלט. קריגן עסנוואַרג אָדער וואָס אַנדערס האָט אויפן לאַגער־לשון געהייסן „אָרגאַניזירן", און די מענטשן, די באַזאָרגער, האָבן געהייסן „אָרגאַניזאַטאָרס". מען האָט געדאַרפט זײַן גענוג „פעאיק און געשיקט" צו זײַן אַ גוטער „אָרגאַניזאַטאָר" און גוט אָפּשניידן.

די בעסטע געלעגנהייט צום „אָרגאַניזירן" האָבן צוערשט געהאַט ביי אונדז די וואַסער־טרעגער אָדער, ווידער אויפן לאַגער־לשון, די „וואַסער־קאָמאַנדע". אזוי ווי קיין וואַסער איז אין לאַגער ניט געווען, פלעגן טאָג־איין, טאָג־אויס גיין צוויי־דריי גרופּעס פון אַ הונדערט מענטשן און טראָגן וואַסער פון די פויערישע ברינעמער. אונטער דער שמירה פון עסעס־לייט פלעגט זיך ציען איבער די וועגן אַ לאַנגע שורה פון יידישע קאַצעט־ברואים, טראָגנדיק איינ־ציקוויז עמערס אָדער זאַלבעצוויט קעסלען מיט וואַסער, וואָס פלעגט זיך פלוסקענען אין אַלע זייטן. מען פלעגט אַוועקגיין אָפּטמאָל צוויי־דריי קילאָ־מעטער פון לאַגער און קומען מיט אַ האַלבן עמערל וואַסער. אזוי אונטער־וועגס פלעגן אַנדערע „גוטע" שמירה־לייט דערלויבן צו בעטלען ביי די פויערים (און דערביי אַליין צונעמען דעם בעסטן חלק פון דער אכילה — דאָס פלייש און פוטער), און אַנדערס מאָל פלעגט מען עס מאַכן אליין, אויפן אייגענעם חשבון. אזוי אַרום זיינען די „אָרגאַניזאַטאָרס" פון דער וואַסער־קאָמאַנדע גע־וואָרן די „גבירים" פון לאַגער.

דאַרף זיך מאַכן אַ טאָג, אַז עפּעס אַ דייטשער אָפיצער פון דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע איז פאַרבייגעריטן און געטראָפן די וואַסער־קאָמאַנדע אַ דריי קילאָמעטער פון לאַגער, גייענדיק נאָך וואַסער און, מסתמא, „אָרגאַניזירנדיק" גלייכצייטיק ביי די פויערים. ער האָט פאַרגעוואָרפן אונדזער קאָמענדאַנט אַזאַ „ניט־דערלאָזבאַרע ווייכקייט" בנוגע די יידן, און יענער האָט זיך תיכף גע־ווענדעט „נאָך הילף" צום שטאַב פון די „עס. עס". ווען די גרופּע איז צוריקגע־קומען, האָבן ביים טויער שוין געוואַרט אויף זיי אַ פּאָר צענדליק עסעס־לייט, ספּעציעלע שלעגער, און אויפגענומען די וואַסער־טרעגער, ווי עס דאַרף זיין . . .

די גרופּע, אַ דריי צענדליק יידן, האָט מען צוערשט אומאָפיציעל צעשלאָגן־צעממיטט ביז פאַרלירן דעם באַוואוסטזיין, דאַן האָט מען זיי אָפּגעטשוכעט מיט קאַלטן וואַסער און אָפיציעל געגעבן יעדערן זיין שטראָף, — צו פינף־און־צוואַנציק שמיץ מיט ריטער און שטעקנס. דאַן האָט מען זיי ווידער אָפּ־געטשוכעט, אַרויפגיסנדיק אויף זיי קאַלטע וואַסער, און געצוואונגען זיך אויס־שטעלן אינמיטן הויף און בלייבן שטיין פינף שעה, ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווי לעבעדיקע האַלב־איינגעפּראָרענע מומיעס מיט צעבלוטיקטע, צעקיילטע און צעביילטע פּנימער, הינטערלייבן און אַלע זייטן, זיינען זיי נעבעך געשטאַנען נאַסע און פאַרפראָרענע און געפאַלן פון די פיס, געשטעלט זיך און ווידער געפאַלן, און געמוזט אויסשטיין די לאַנגע אומענדלעכע שעה'ן און אויף מאָרגן זיינען זיי שוין געטריבן געוואָרן ספּעציעל צו דער שווערסטער אַרבעט, און . . . זיי זיינען געזונט געוואָרן. פון אַזוינע „קלייניקייטן" איז מען דאַן ניט גע־שטאָרבן, דער טייוול האָט ניט גענומען.

איך האָב זיך דאָן פיל מאָל געוואונדערט, פונוואַנען נעמען זיך ביי מענטשן אַזוי פיל פיזישע און גייסטיקע כוחות אַריבערצוטראָגן און אויסצוהאַלטן אַזוי פיל, אַזאַ לאַסט פון קערפּערלעכער און גייסטיקער פּיין און מאַטערניש, אונטער וועלכע אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט אַ מענטשן-לעבן צוזאַמענגעבראָכן איינס און צוויי און... אויפגעהערט צו עקזיסטירן. עס איז געווען פאַר מיר אומפאַר־שטענדלעך אַזוי לאַנג, ביז איך האָב זיך אויף מיין אייגענער פעל איבערצייגט, אַז אַ מענטש אין אונדזערע דאַמאָלסטיקע באַדינגונגען האָט פאַרמאָגט אַן אוי־סערגעוויינלעכע וויטאַליטעט: ער האָט געקאָנט זייער פיל, אויסערגעוויינלעך פיל אַריבערטראָגן און אויסהאַלטן ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, איז דער הונגער-געפיל געווען שטאַרקער פון דעם שרעק-געפיל. הונגער ברעכט אייזן, זאָגט אַ שפּריכוואָרט, נאָר אין אונדזער לעבן האָט הונגער געבראָכן ניט נאָר אייזן, נאָר אַלע פאַר־צוימונגען, באַוואַכונגען און די שטאַלענע געזעצן פון דעם קאַצעט-לעבן. עס האָט לאַנג ניט געדויערט נאָך דער אכזריות׳דיקער באַשטראָפונג פון די וואַסער־טרעגער, און מען האָט געכאַפּט צוויי יינגלעך ביי דעם זעלביקן פאַרברעכן. זייער דייטשער מייסטער פון דער ברונעם-בוי-קאָמאַנדע האָט זיי אָפּגעלאָזן אויף אַ פּאָר שעה צום „אָרגאַניזירן" פאַר זיי (און פּראָצענטועל אויך פאַר אים) אַ ביסל אכילה פון די דערבייאיקע פּויערים. צום אומגליק האָט זיי אויפן צוריקוועג באַמערקט אַ זייטיקער, פאַרבייגייענדיקער עסעס-מאַן (צוליב דעם האָבן מיר דאָך געטראָגן באַשטרייפטע קליידער, אַז מען זאָל אונדז לייכט דערקענען!) און האָט זיי פאַרמסרט.

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט די צוויי יונגע לעבנס-לוסטיקע יינגלעך — ראַדלער, אַ ווינער, און סאָלאָווייטשיק, אַ ריגער — געבראַכט אויפן נאַענטן בערגל, וואו עס איז שוין געווען אויסגעוואַקסן אַ היפשער בית-עולם, און דער קאָמענדאַנט אַליין, בכבודו ובעצמו, האָט זיי דערשאָסן. קורץ און שאַרף — דערשאָסן פאַרן וועלן עסן און וועלן לעבן.

אַט-וואָס פאַר אַ „ליד" איך האָב דאָן וועגן דעם אָנגעשריבן און וואָס עס איז געגאַנגען אין לאַגער פון מויל צו מויל. דער דווינסקער עלקע לאַקוס, אונדזער הויפּט-זינגער פון געטאָ-און לאַגער-לידער, האָט צוגעפּאַסט צו דעם ליד דעם טרויעריקן מאָטיוו פון רוסישן ליד „אומער בעדניאַגאַ", און דער עולם האָט עס אָפּט און מיט געפיל געזונגען, מיט אַ ספּעציפיש-יידישן ווייטאָק־דיקן אַקצענט. און גאַרניט געשמעקט האָט מיר דאָן, ווען אונדזער לאַגער־עלטסטער, שיינבערגער, האָט קעניגלעך איינגעלאַדן עלקע לאַקוסן צו זיך אין צעלט, אים מכבד געווען מיט לאַטקעס און באַוויליקט אויסצוהערן אים זינגען דאָס ליד.

עס זיינען געפֿאַלן...

געווידמעט דעם אָנדענק פֿון מיינע לאַגער־חברים סאָלאָווייטשיק און ראַדלער, וואָס זיינען דער־שאָסן געוואָרן אין קאָנצלאַגער פּאָפּערוואַלן, קורלאַנד.

עס זיינען געפֿאַלן צוויי בליענדע ביימער,
צוויי יינגלעך צו ניינצן יאָר אַלט.
מען האָט זיי געשלאָגן, געפּייניקט, דערשאָסן
עפֿנטלעך, מערדעריש-קאַלט.

יונגע און זאַפֿטיקע, קרעפֿטיקע מענטשן
זיינען אַוועק פֿון דער וועלט.
די טרויעריקע בשורה האָט נאָך מער פֿאַרחושכט
דאָס לעבן אין קאָנצלאַגער-צעלט.

פּונקט ווי מיר אַלע, ווי די וואָס נאָך לעבן,
זיינען פֿאַרשקלאַפֿט זיי געווען.
עס איז זיי באַשערט דאָ אויף אייביק צו בלייבן,
פֿרייהייט שוין מער ניט צו זען.

יינגלעך נאָך יונגע, אָן פֿאָטער און מוטער,
פֿון היים האָט מען פֿרי זיי פֿאַריאָגט.
אין פֿינצטערע קאָנצלאַגערס, געטאָס און תּפֿיסות
פֿיל יאָר זיי דאָרט האָט מען געפּלאָגט.

איינעם פֿון עסטרייך, דעם צווייטן פֿון לעטלאַנד
צו אונדז האָט מען זיי דאָ געבראַכט.
געווען איז ווי אונדזערע אויך זייער לעבן
פֿינצטער ווי האַרבסטיקע נאַכט.

ביטער געאַרבעט, ווי פֿערד איינגעשפּאַנטע,
הונגער געליטן און נויט.
עסן געזוכט האָבן זיי און געבעטלט
און... האָבן געפֿונען דעם טויט.

עס איז דאָך ניטאָ ניט קיין דין, ניט קיין דיין
פאַר יידן, פאַר הפקר'ע הינט.
מען האָט זיי ווילקירלעך אין וועלדל דערשאָסן,
עס האָט זיי באַוויינט נאָר דער ווינט.

מערדערשע קויל האָט זיי קעפּ דורכגעלעכערט...
עס שלענגלט דאָס בלוט נאָך פון זיי.
עס ליגט אויף די פּנימס צעקלאַפּטע, צעביילטע
אַ שטומער פּראָטעסט און געשריי.

שנעל אויפן בערגל, דעם לאַגער־בית־עולם,
דאָרט, וואו עס רוען שוין פיל,
האָט מען, ווי אָפּפאַל, אין גרוב זיי געוואָרפן
גראָב און אָן מענטשן־געפיל.

ס'איז פּיינלעך, וואָס ניט ווי ביי העלדן, וואָס קעמפן,
גע'סוף'ט האָט זיך אייער וועג.
עס וויטיקט דאָס האַרץ, וואָס צום טויט, צו דער שחיטה,
גייען די בעסטע אַוועק!...

רוט־זשע, חברים, אין ערד אין דער מוטער!
שלאָפט אייער אייביקן שלאָף!
עס איז שוין געחתמעט, געלייזט אייער גורל,
אומקלאָר איז נאָך אונדזער סוף!...

איר זייט דאָך קרבנות פאַר פאָלק פאַר אַ גאַנצן,
וואָס ליידט און האָט פיל אויסצושטיין...
אַ טרייסט איז אונדז יאָ דאָ, — דאָס פאָלק וועט אויך ווייטער
יאָ לעבן!... ס'וועט ניט אונטערגיין!

(געשריבן אין קאָנצלאַגער פּאָפּערוואַלן־דונדאַגאַ, פעברואַר 1944.
מען האָט עס געזונגען אויפן מאָטיוו פונעם רוסישן ליד „אומער
בעדניאַגאַ וו באַלניצע וואיעננאָי...")

זיך פאַרוואַלגערט אַ צדיק אין אונדזער לאַגער

מיט פיל בייע און אינטערעסאַנטע מענטשן בין איך געקומען אין נאָענטער באַרירונג סיי אין לאַגער, סיי אויף די אַרבעט־פּלעצער און סיי אין דער גאָר נאָענטער שכנהשאַפט פון דעם זעלבן צעלט, וואו איך האָב געלעבט. פון די מערקווירדיקסטע און גייסטרייכסטע מענטשן אין אונדזער לאַגער, מיט וועמען איך בין געווען האַרציק באַפריינדעט, איז געווען איינער אַ לעווין, אַ בלאָנדער, כמעט אַ געלבער ריגער יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע־און־דרייסיק.

אַ מענטש מיט העכסטער בילדונג אין יורידישער און ביאָלאָגישער וויסנ־שאַפט, אַן אויסגעצייכנטער קענער פון דער דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור און נאָך אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן, איז ער געווען כל ימיו אַ פריי־דענקער, ווייט פון פרומקייט און ווייט פון יידישע אינטערעסן. גלייך פון די ערשטע טעג פון זיין לעבן אין ריגער געטאָ, ווען ער איז געקומען אין נאָענטקייט מיט פרומערע יידן און מיט פּשוטע פאָלקס־מענטשן, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַר־טיפן אין יידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פראַגן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן זיין וועג צו גאָט, צו אמונה און יידישקייט.

ווען איך האָב אים געטראָפן אין פּאַפּערוואַלענער לאַגער, איז ער געווען אַ טיף רעליגיעזער ייד, אַ פילאָזאָפיש דורכגעטראַכטער און איבערצייגטער אין די יסודות פון יידישן גלויבן און יידישקייט. אַ שטילער, אין זיך פאַרטראַכטער און ווייניק ריידעוודיקער, פלעגט ער קאָנען שעהן־לאַנג דיסקוטירן וועגן יידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אייך איבערצייגן מיט באַ־גרינדונג אין דער עקזיסטענץ פון גאָט, פון געטלעכער מאַכט איבער וועלטן און מענטשן און אין דער נויטווענדיקייט צו דערפילן גאָטס געשריבענע און ניט־געשריבענע געבאָטן. ער פלעגט שטרענג אָפּהיטן דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג צי ביחידות, צי פון אָוונט מיט אַ מנין, וואָס ער פלעגט צוזאַמענשלעפּן אין איינעם פון די צעלטן. צוויי מאָל אין וואָך — מאָנטיק און דאָנערשטיק — פלעגט ער פאַסטן, זיך ניט צורירן צו זיינע אָרעמע עסן־פּאַרציעס און פלעגט עס אָפּגעבן צו זיינע שטענדיקע קליענטן — שוואַכע און קראַנקע.

און מערקווירדיק, ווי גייסטרייך הויך און אין איינקלאַנג מיט זיינע איבער־צייגונגען דער ייד לעווין איז געגאַנגען דורך די שטרויכלונגען פון אונדזער נידעריק געפאַלענעם ביטערן לעבן. דער דאָזיקער מענטש האָט געלעבט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע, צום העלפן און פאַרלייכטערן זייער לעבן. פאַר זיך האָט ער קיין זאַך ניט געדאַרפט און ניט געפאָדערט. און וויפיל מסירות־נפש, אויפריכטיקע איינשטעלונג פון אייגענעם לעבן צום העלפן אַ צווייטן, אַ ברודער, אַ מיט־מענטש, דער מענטש האָט געטראָגן אין זיך!

לעווין האָט זיך איינגעאָרדנט ווי אַ קאַפּאָ, דאָס מיינט אַן אָנפירער פון אַ גרופּע, וואָס פלעגט יעדן טאָג גיין אין דעם עסעס־שטאַב צום האַקן האָלץ, שלעפּן קוילן, באַדינען און טאָן אַלע עבודת־פרך פאַר די אָפיצערן און אָנ־שטאַלטן פון שטאַב. לעווין אַליין פלעגט נעמען אויף זיך די שווערסטע אַרבעט, און ניט געקוקט אויף זיין אויסגעדאַרטקייט, איז ער געווען פלינק און שטאַרק. אַ דאַנק זיין אָריגינעלקייט און אויסגעצייכנטער קענטשאַפט אין דער דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור, האָט ער דערוואָרבן אייניקע „פריינט" צווישן די דייטשע מיליטער־לייט, און זיי פלעגן זיך מיט אים גאַנץ אָפט אונטערהאַלטן.

אַ געוויסע צייט, ווען איך האָב אויך „געאַרבעט אין שטאַב", האָב איך געשטוינט, הערנדיק אייניקע מאָל, ווי אָפן לעווין פלעגט ריידן און אַרויסזאָגן זיינע פּאָליטישע און סטראַטעגישע מיינונגען, און מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס זיינע „פריינט" די דייטשן פלעגן זיך צוהערן צו זיינע רייד. ווי נעמט זיך עס אין אַ יידן אַזאַ דרייסטקייט, אַזאַ „חוצפּה", — פלעג איך טראַכטן.

נאָר די הויפּט־כּוונה פון לעווינס „אַרבעטן אין שטאַב" איז געווען אַ גאַנץ באַזונדערע. אין די קיכן און אַנשטאַלטן פלעגט כּמעט יעדן טאָג בלייבן פיל אָפּפאַל פון עסנוואַרג, — ווי שטיקלעך ברויט און קאַרטאָפל, זופּ, קאַשע, שטיקלעך פיש, מאַרמעלאַד. אַ דאַנק זיין מסירות־נפש און „פריינטשאַפט" מיט די דייטשן פלעגט לעווין „אָרגאַניזירן" אָט דעם אָפּפאַל (כאָטש דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן) און באַהאַלטענערהייט אַריינברענגען אין לאַגער (מייסטנס אין קעסלען און עמערס, און געהייסן האָט עס, אַז מען טראָגט וואַסער אין לאַגער אַריין), ריזיקירנדיק דערביי מיטן לעבן. יעדן אָוונט פלעגן שוין וואַרטן אין זיין געצעלט צענדליקער הונגעריקע און פאַרשמאַכטע צום קריגן אויסגעטיילט פון לעווינען די „צווייטע פּאָרציע", ווי מען פלעגט עס רופן. און מיט וואָס פאַר אַ באַשיידנקייט און אינערלעכער פרייד לעווין פלעגט אויסטיילן די עסנ־וואַרג ביזן לעצטן ביסן פאַר „כל דיכפין", פאַר יעדערן, און אַליין זיך ניט צורירן צו דעם!

און נאָך אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר אונדז אַלעמען, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פאַר אַ מער אינטעליגענטערער גרופּע, האָט געהאַט לעווינס „אַרבעטן אין שטאַב". זיינע דייטשע „פריינט" פלעגן זיך מאַכן ניט וויסנדיק, און לעווין פלעגט יעדן טאָג זיך איינהערן אין זייער ראַדיאָ די מיליטערישע פראָנט־באַ־ריכטן און פלעגט מיטנעמען זייערע צייטונגען. מיט גרויס געפאַר פלעגט ער עס אַריינטראָגן אין לאַגער און געבן אונדז צום לייענען. אַזוי אַרום, אַ דאַנק לעווינען, זיינען מיר שטענדיק געווען באַהאַוונט, וואָס עס טוט זיך אויף די קאַמפּס־פראָנטן, און עטוואָס אויך וועגן וועלט־נייעס.

דאַמאָלסט איז שוין געווען די צייט פון די דייטשע מיליטערישע מפּלות און צוריקטרעטונגען, און זייערע פראָנט־באַריכטן זיינען געווען אומקלאָר, פאַר־

שלייערט און אָפּטמאָל פול מיט ליגנס. נאָר מיר האָבן שוין געוואוסט ווי צו לייענען אין די דייטשע צייטונגען „צווישן די שורות" און פלעגן אַרויסציִען דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס פלעגט אונדז אויפמונטערן און צוגעבן נייע כוחות אַריבערצוטראָגן דאָס ביטערע שקלאַפן־לעבן. אָפּטמאָל פלעגן מיר זיך צוזאַמענ־קומען מיט לעווינען אין אַ געצעלט, און ער פלעגט האַלטן פאַר אונדז פאַר־טראָגן וועגן פּאָליטישע, וועלטלעכע און יידישע אָנגעלעגנהייטן. וואָס פאַר אַ שטאַרקייט און קלאָרקייט פון גייסט מען דאַרף עס האָבן, כדי אין אַזאַ הינטישן לעבן צו קאָנען אויפנעמען און פאָרמולירן די טיפסטע פּראָבלעמען אַזוי קלאָר און פשוט, ווי לעווין פלעגט עס טאָן!

נאָר צו אַלץ קומט אַ צייט. אָנהויב פרילינג, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אין שטאַב אַלס גערטנירער, רופט מיך צו זיך מיין בעל־הבית, דער גאָרטן־שעף, און פאַרטרויט מיר געהיים, אַז מיט לעווינען איז שלעכט. מען האָט אויף אים געמסרט . . . מען פאַרדעכטיקט אים, אַז ער איז אַ שפּיאָן . . . איך זאָל אים איבערגעבן, אַז מען קאָן אים יעדן מאָמענט אַרעסטירן און דערשיסן . . . בעסער זאָל ער אין שטאַב ניט קומען, זאָל ער גיין אַרבעטן אַנדערש־וואו.

קוים דערלעבט דעם אָוונט און איבערגעגעבן לעווינען די בשורה. ער האָט זיך אַבסאָלוט ניט גענומען צום האַרצן. ער האָט שוין לאַנג געפילט, אַז אַזוי קאָן זיך ענדיקן... נאָר די הויפּט־זאָרג פאַר לעווינען איז געווען, — וואָס טוט מען ווייטער, ווי ברענגט מען דעם עסנוואַרג־אָפּפאַל פאַר די הונגעריקע אין לאַגער? ער האָט זיך פון זיין „פּאָסטן" ניט געוואָלט אָפּזאָגן, נאָר ווען די איבעריקע „שטאַב־אַרבעטער" זיינען צו אים צוגעשטאַנען, אַז מיט זיין אָנוועזנהייט שטעלט ער אין ריזיקע אויך זייערע לעבנס, האָט ער סוף־כל־סוף רעזיגנירט.

דאָס מאָל האָט פּאַסירט ווי עפּעס אַ נס: מען האָט געהאַט לעווינען אַרעס־טירט אויף אַ קורצער צייט, געמאַכט איבער אים אַן אויספאָרשונג און . . . אים פריי־געלאָזן, ניט דערשאָסן. מער איז ער שוין אין שטאַב ניט געגאַנגען, און די אכילה־שריים פון דאָרט האָט מען שוין ניט געבראַכט אין לאַגער אַריין.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך געטראָפן לעווינען אין אַן אַנדער לאַגער אַ צעקיילטן־צעביילטן פאַרן דאַוונען מיט אַ מנין יידן, און נאָך שפּעטער, אונ־טערוועגס פון לאַגער צו לאַגער, האָב איך אים געזען אַ טרויעריק שמייכלענדיקן און צען מאָל מער הונגעריקן, ווי אַלע אַנדערע. ווען מיר מיט מיין צעלט־חבר האַמבורגער האָט זיך איינגעגעבן צו „אָרגאַניזירן" אונטערוועגס עטלעכע שטיקלעך ברויט, באַשמירטע מיט פּוטער, און איך האָב אַ פּאָר שטיקלעך גע־געבן לעווינען, האָט ער אָפּגעביסן דערפון צוויי ביסנס און דאָס איבעריקע צעטיילט פאַר די אָרומיקע.

אַט אַזאַ איז געווען לעווין, דער צדיק לעווין, ווי מיר פלעגן אים ניט נאָר שפּאַטיש, נאָר אויך אין בוכשטאַבלעכן, גראַדן זין פון וואָרט, רופן אין לאַגער. אַ מענטש אַ צדיק, אַן עניו, פול מיט קענטשאַפט און טיפער וויסנשאַפט, און אַן אומבויגזאַמער עקשן אין זיין איינגעהאַלטנקייט און צוריקגעהאַלטנקייט, — אפשר איינער פון די ל"ו צדיקים, אויף וועלכע עס האַלטן זיך די יסודות פון מענטשלעכקייט און יידישן גלויבן . . .

איך ווייס ניט, וואָס דער סוף איז געווען מיט אים, ווען צוזאַמען מיט אַנדערע איז ער אַפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

צי לעבסטו, דו באַשיידענער, ערלעכער, גאָטספאָרכטיקער צדיק לעווין, וואָס דו האָסט אַן פּרעטענזיעס און מיטן גרעסטן מסירת־נפש אָפּגעגעבן די טרויעריקע טעג פון דיין לעבן צו העלפן דיינע הונגעריקע און דורשטיקע ברידער־מיטמענטשן?

צי לעבסטו? . . .

ווען היה־רעה טריאומפירט איבער מענטשן...

און אויפן בערגל, ניט ווייט פון לאַגער פּאַפּערוואַלן, איז אונדזער לאַגער־בית־עולם געוואַקסן און פאַרשפּרייט זיך פון וואָך צו וואָך, פון טאָג צו טאָג. עס זיינען דאָרט געבליבן רוען זייער אייביקע רו ניט נאָר די דערשאָסענע און אויפגעהאַנגענע, נאָר אויך אַ היפּש ביסל מענטשן, געשטאָרבענע מיטן „נאַטירלעכן טויט". און שטאַרבן מיטן נאַטירלעכן טויט האָט דאַן געמיינט אויסגיין פון הונגער און שוואַכקייט, פון קלעפּ און שמיץ־שטראָף, פון פאַרפּייניקונגען, פון איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און פון קראַנקהייטן, וואָס פלעגן זיך ביסלעכוויז אַריינגנבענען אין אויסגעמאַטערטן אָרגאַניזם. דאָ, אויפן בערגל אין די גריבער, האָט מען ווי מיסט אָנגעוואָרפן מענטשן, וועגן וועלכע מען וועט שוין קיינמאָל ניט הערן און ניט וויסן, וואו זיי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן און ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות.

ווער וועמען איינפאַלן, אַז דאָ, אויפן בערגל, רוט דער באַקאַנטער פּראַגער יוריסט און יוריסקאָנסולט טורעק, וואָס איז לעצטנס געווען ווי אַראָפּ פון זינען, און מען האָט אים דאָ דערשאָסן?

ווער וועט וויסן, אַז דאָ ליגט דער רייכער קאָוונער אַפּטייקער, דער בעל־הבית פון דער „גרינער אַפּטייק" אויף ווילנער גאַס, שאַבאַשעוויטש, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער און שוואַכקייט?

וועט וועמען קומען אויפן זינען, אַז דאָ רוען זייער אייביקע רו דער באַקאַנטער ריגער אינזשיניער און באַנקיר גאָלדבערג, אַ פּאָר באַוואוסטע ראַבינער פון דייטשלאַנד, אַ באַקאַנטער ווינער אינזשיניער און נאָך און נאָך, — יידן באַוואוסטע און ניט־באַוואוסטע פון אַ צענדליק לענדער?

אויב עס זיינען נאָך דאָ נאָענטע און אייגענע ערגעצוואו אויף דער ברייטער וועלט, וועלן זיי ווען ניט איז הערן, וואָס מיט די קרבנות האָט פּאַסירט און וואָס טריאומפירנדיקע מערדער און חיות האָבן זיך דערלויבט צו טאָן מיט מענטשן? וועט די וועלט וויסן ווען ניט איז וועגן אונדז, וועגן אונדזער גורל? און וועט די מענטשהייט אייביק לאָזן די חיה־רעה אין איר אומגעצוימטער בלוטדורשטי־קייט טריאומפירן איבער מענטשן?

און באמת, מיר האָבן זיך געפילט אַזוי אָפּגעשניטן, איזאָלירט און מייסטער־האָפט פאַרשטעקט פון דער גאַנצער וועלט, אַז צייטנווייז פלעגט אפילו ניט זיין ביי אונדז קיין האָפנונג, אַז דער לייכסטער קלאַנג וועגן אונדזער ליידן און גורל, אַז אַ פּיפּס וועגן אונדז וועט ווען ניט איז דערגרייכן צו דער ברייטער אָפענער וועלט.

אָט אַזוי שטייענדיק אַמאָל אינדערפרי אויף אַ לאַנגן אַפּעל, ווען עס איז פאַרגעקומען די עקזעקוציע איבער אייניקע „פאַרזינדיקטע" יידן, און טראַכטנ־דיק וועגן אונדזער גורל און וועגן דער איבעריקער פרייער וועלט, האָב איך געמערקט אַ גרויסן פויגל, וואָס איז פריי געפלויגן, געקרייזט, זיך אַראָפּגעלאָזן און זיך אויפגעהויבן איבער אונדזער לאַגער. אַ פרייער פליענדיקער פויגל אין פרייען הימלשן חלל, און מיר — די פאַרשקלאַפטע, געבונדענע און גע־פייניקטע מענטשן . . . דער פויגל קוקט פון אויבן און זעט, וואָס מיט אונדז קומט דאָ פאָר . . . דער פויגל איז פריי, ער קאָן פליען און קומען וואוהין ער וויל . . . עס האָט מיר געבראַכט אויף פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס איך האָב עס פאַרצייכנט דאָן אין דער פאָלגנדיקער פּאָעמע.

פליט אַ פויגל איבער וועלדער...

פליט אַ פויגל איבער וועלדער,
קוקט פון אויבן אויף אַראָפּ.
זעט ער: ס'שטייט אַ גרויסע מחנה
מיט אַ טיף געבויג'נעם קאָפּ.
זעט ער טיף אין וואַלד אַ לאַגער:
ביידלעך־צעלטן אָנגעשטעלט,
הויכער צוים פון שטעכלדראָטן
טיילט אים אָפּ פון גאָר דער וועלט.

אויפן פּלאַץ די מענטשן וואַרטן,
אויסגעשטעלטע רייעןווייז.
קליידער אָפּגעריסן, שמאַטעס,
בונט באַשטרייפטע רויט און ווייס.

פאַר דער מחנה אויף אַ בענקל
אויסגעצויגן ליגט אַ מענטש.
פיר סאָלדאַטן — לאַגער־היטער —
האַלטן אים פאַר פיס און הענט.

און אַ פינפטער מיט אַ שטעקן —
אַ פאַרשייטער היטלער־יונג —
שלאָגט אים מערדעריש, סאַדיסטיש,
שמייסט מיט פולער קראַפט און שוואונג.
שטעקן פאַלט אויף הוילן קערפער,
האַקט אים, שניידט אים, האַקט און שניידט.
קרבן בלוטעט, פּרוואווט זיך רייסן,
שרייט מיט לעצטע כוחות, שרייט...

קוקט דער קאָמאַנדאַנט פון לאַגער
מיט הנאה און באַפעלט:
„נאָך אַ צענדליק קלעפּ דערלייגט אים!
שינדט פון אים אַראָפּ די פעל!"
קרבן ווערט פון פּלאַץ געטראָגן
אַ צעממיתטער, האַלב־טויט, —
שוין זיין שטראָף האָט ער באַקומען
פאַרן בעטלען עטוואָס ברויט.

האָט מען צוגעפירט דאָן נאָך צוויי.
זייער חטא איז שווער און גרויס:
עס האָט אַ פויער פון רחמנות
זיי געשאָנקען ברויט מיט פלייש.
קאָמאַנדאַנט באַקוקט זיי גיפטיק
און לאָזט פאַלן זיין פסק־דין:
„תיכף אויפהענגען זיי ביידן,
די פאַרפלוכטע שווייַן־הונט־זין!"

האָט מען זיי צוערשט געשלאָגן
און געשלײַדערט הין־און־הער.
איינער בעט זיך, וויל ניט שטאַרבן,
כאָטש... לעבן ביטער איז און שווער.
אויפן טויער ביים אַריינגאַנג

האָט מען אויפֿגעהאַנגען זיי.
לויט באַפֿעל, זיי מוזן הענגען
דריי טעג, אָט־די קרבנות צוויי.

מוז די מחנה שטיין און צוזען...
עס ווייטיקט, בלוטיקט יעדנס האַרץ:
אָך, דו צוואַנציקסטער יאָרהונדערט,
דו ביסט ווי מיטל־אַלטער שוואַרץ!
אויגן ווענדן זיך צום הימל:
— ווער די וועלט באַגרייפֿן וועט,
וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָ?
וואָס מיט מ ע נ ט ש ן איז געשען?

— ווער די מענטשהייט שפּעטער גלויבן,
אַז אַזוינס האָט דאָך פּאַסירט?
ווער מען אויסמאָלן זיך קאָנען
אַזאַ שוידערהאַפֿטן בילד?
ווער די וועלט דעם אמת וויסן
וועגן אונדזער שחיטה־סוף?
וועלן חיות, מאַסן־מערדער
בלייבן אייביק אומבאַשטראָפֿט?...

— — — — — — — — — — — — — — —

פֿויגל פֿליט אַליץ איבער וועלדער,
קוקט אַראָפּ מיט שאַרפֿן אויג,
זעט אַלצדינג, וואָס אונטן טוט זיך,
זעט דעם קלענסטן ריר און בויג.
— פֿויגל, פֿויגל, פֿרייהייט־סימבאָל!
פֿרייער מענטשלעכער געדאַנק!
עס איז ניטאָ קיין צוים, קיין גרענעץ
פֿאַר דיין פֿרייען בליק און קלאַנג!...

— פֿויגל פֿרייער! אונדזער עדות
און שליח זאָלסטו זיין!
דו האָסט געזען ווי טיף און ברייט איז
אונדזער עלנט, אונדזער פּיין, —
זאָלסטו פֿליען איבער לענדער,

איבער גאָר דער ברייטער וועלט
און דערציילן פריי און אָפן,
וואָס דו האָסט געזען, געהערט!

— דו דערצייל, ווי טיף דערנידריקט,
טיפער פון בהמה-שטאַנד,
איז דעם מענטשנס גוף, נשמה!...
ווי דער מענטש איז איינגעשפּאַנט!
ווי די מענטשן, עלנטע שקלאַפן,
אין די וועלדער ווייט פאַרשלעפּט,
גייען אוים פון שוואַכקייט, הונגער,
ניט געשטאָרבן, ניט געלעבט!

— דו דערצייל, ווי חיה-מענטשן,
ראַפינירט אין מערדעריי,
קליגן זיך אין שאַפן ליידן,
אין אכזריות, קוועלעריי!
האָבן זיי פאַר אונדז געשאַפן
אַ גיהנם, הפקר-וועלט:
יידן שיסט מען, ברענט מען, הענגט מען,
יעדער טוט, וואָס אים געפעלט!

— זאָלסט אויף גאַנצער וועלט דערציילן
וועגן שוידערהאַפטן זינד:
ווי מען האָט אַ פאָלק געשאָכטן, —
מענער, פרויען, מוטער, קינד!
שחיטות, שחיטות, מאַסן-שחיטות!...
שטעט און שטעטלעך ליגן טויט.
מאַסן-קברים, — שטומע עדות —
פול מיט מענטשן-לייב פאַרזייט!

— ווי מיר זיינען די קרבנות
פון אַ בייזן העצע-שפּיל,
ווי מען האָט אַ פאָלק פאַרוואַנדלט
אין אַ רויב- און אויפרייַץ-ציל...
פלי-זשע, פויגל, איבער לענדער,

איבער גאָר דער ברייטער וועלט,
און דערצייל דעם הוילן אמת,
וואָס דו האָסט געזען, געהערט!

— וועק דעם מענטשלעכן געוויסן!
שריי און רוף און אַלץ דערמאָן:
זאָל די מענטשהייט איר פֿליכט וויסן,
וואָס מיט רוצחים־פֿאָלק צו טאָן!
מיט דעם פֿאָלק, וואָס האָט צעטראָטן
דעם מענטשנס ווערט, זיין גייסט, קולטור,
און צערייצט אין מענטשן גייסטער
פֿון רײַן־חיה׳שער נאַטור!

— בייזע גייסטער, האַס און בלוט־דורשט,
רייסן זיך פֿון מערדער־לאַנד,
דראָען מענטשהייט צו באַהערשן
און פֿאַרגיפֿטן איר פֿאַרשטאַנד!
מענטשנס לעבן, פֿרייהייט, צוקונפֿט,
זיין נשמה, יושר, גאָט, —
אַלץ דאָס שענסטע און דאָס בעסטע
איז פֿון מערדער־פֿאָלק באַדראָט!

— מענטש, זאָלסט אויפֿגעציטערט ווערן
פֿאַר בזיון, גרויל און שרעק!
מענטש! דו מוזסט מיט בלוט און פֿייער
אָפּווישן דעם שאַנדע־פֿלעק!
וואָרצל־טיף מוזסטו אויסברענען
דעם פֿאַרברעכערישן נעסט!
ניט דערלאָזן זיך פֿאַרשפּרייטן
די מגפֿה, — נאַצי־פּעסט!

— — — — — — — — — — — — — — —

— פֿלי־זשע, פֿויגל, איבער לענדער,
איבער גאָר דער ברייטער וועלט
און דערצייל אַלץ פֿריי און אָפֿן,
וואָס דו האָסט געזען, געהערט!

(געשריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָפּערוואַלן־דונדאַגאַ,
מערץ 1944).

קאָן מען זיך פאָרשטעלן?

קאָנט איר זיך פאַרשטעלן? — אַ נאַסער, זומפּיק־בלאָטיקער האַרבסט מיט קאַלטע, שניידיקע ווינטן, אַ ווינטיק־פראָסטיקער ווינטער מיט טיפע שנייען און זאַווערוכעס — און מיר לעבן אין דינע קאַלטע צעלטן, פול מיט לעכער און שפּאַלטן, און זיינען אָנגעטאָן אין אַלטע צעריסענע שמאַטעס, אין צעפוילטע צעלעכערטע שיך אָדער האָלץ־קלומפּעס, אָן זאָקן, אָן הענטשקעס, אָן וועש...

קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווי אין יעדן וועטער, — אין שניידיקן פראָסט, אין שניי, אין שטורעם און רעגן, אין בלאָטעס — טרייבט מען אונדז אינדרויסן אויף די ווילדסטע אומנוציקסטע שקלאַפן־אַרבעט, מען לאָזט אונז שטייען שעה'נ־לאַנג אינדרויסן אויף די אומזיניקסטע אַפּעלן, אַבי נור צו האַלטן אונדז שטענדיק פאַרנומען, באַשעפטיקט, ניט צו לאָזן אַן איבעריקע מינוט זיך אויסרוען, קומען צו זיך...

און שטעלט זיך פאָר, אַז טאָמער איז דאָך ניטאָ וואָס צו טאָן פאַר אזא גרויסער צאָל מענטשן, יאָגט מען אַרויס הונדערטער שקלאַפן צו שלעפּןביימער פון וואַלד און אויסליינגן זיי אויף אַרום די וועגן, מען צווינגט זיי צו שויפלען פון איין אָרט אויפן צווייטן זאַמד אָדער שניי, און דאס זאָל הייסן, אַז מען מאַכט צורעכט די וועגן, אָדער גראָבן אומנויטיקע גראָבנס און גריבער און דערנאָך פאַרשיטן, שלעפּן אויף די רוקנס פון מענטשן שטיינער, מאַשינעס, גאַנצע ווענט פון באַראַקעס, אויסהאַקן אַ זין און צוועק גאַנצע וועלדער — און וואָס ניט?

אַגב, אין דעם פּראָצעס פון האַלטן אונדז שטענדיק שטאַרק באַשעפטיקט איז געלעגן אויך אַ „טיפערער זין": די פּילצאָליקע מיליטערישע און האַלב־מיליטערישע פּאַראַזיטן, וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט, האָבן געוואָלט אַרויס־ווייזן פאַר דער העכערער מאַכט און איינע פאַר די אַנדערע, אַז דאָ ווערט געטאָן אַ געוואַלטיק וויכטיקע און רוישיקע אַרבעט און אַז זייער זיין דאָ, אַרום די לאַגערן, איז אומבאַדינגט נויטיק און נוצלעך; ווען ניט, וואָלט מען זיי דאָך געשיקט אויף די שלאַכט־פראָנטן צו שמעקן פּולווער, און דאָס האָט זיך זיי גאָרניט געוואָלט. אַ צו גוט און זאַט לעבן האָבן זיי דאָ געהאַט!

און כאָטש „אונדזערע" דייטשן, אַזוי ווי יעדער איינער פון אונדז, די יידן, האָבן קלאָר געוואוסט, אז דער גאַנצער כלומרשטיקער באַראַקן־בוי, מיט גראָבן די אָרטעזישע ברינעמער, מיט האַקן די וועלדער און מיט דער גאַנצער גרויסער מאַשינעריע און קלאַפּער־געצייג האָט קיין זין און קיין ממשות ניט געהאַט, ווייל היינט־מאָרגן וועט אַלץ קראַכן, און דער גאַנצער שפּיל איז פאַרן טייוול — האָבן זיי ביזן לעצטן מאָמענט געמאַכט דעם טאַראַראַם און אָנשטעל און . . . געבויט און געווען „שרעקלעך באַשעפטיקט". און פאַרשטייט זיך, מיר, די הילפ־לאָזע שקלאַפן, האָבן עס געמוזט באַווייזן אויף אונדזערע פּלייצעס, ווי וויכטיק

און „שרעקלעך באַשעפּטיקט" זיי, די פּאַראַזיטן, מערדער און חיות, זייגען געווען.

און קאָנט איר זיך שוין פֿאָראיינס פֿאָרשטעלן, ווי מיר, לעבעדיקע מענטשן (און אפֿשר אויך מתים?), און הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע, האָבן זיך גע־פֿילט און געהאַלטן אין אַזוינע גרויזאַמע באַדינגונגען, אין פֿראָסט, אין נאַסקייט, אין שנייען און שטורעמס?

איך בעט אייער מחילה, באַהויפּטנדיק, אַז איר קאָנט זיך דאָס ניט פֿאָר־שטעלן, ווייל . . . איך אַליין, לעבנדיק איצט אין מענטשלעכע באַדינגונגען, אין אַ וואַרעמען צימער ווינטערצייט, מיט וואַרעמע קליידער און וועש, און הענטשקעס, און זאָקן, מיט גאַנצע און ניט הילצערנע קאַצעט־שיך, וואָס דרייען אויס די פֿיס, און דערצו נאָך אויסגעשלאָפֿן, אויסגערוט און ניט צעשלאָגן, און אָן די פֿרעסנדיקע דאַמאָלסטיקע לייז (ברר! . . . .), און אָן הונגער־פּיין, און אָן זינלאָזיקער עבודת־פּרך, — איך אַליין, וואָס האָב די גאַנצע תּוכחה גאָר ניט לאַנג צוריק יאָ פֿאַרזוכט און יאָ געטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס, איך אַליין קאָן זיך שוין אויך ניט געגוי דערמאָנען און זיך פֿאָרשטעלן איצט, ווי מען האָט זיך געפֿילט און געהאַלטן דאַמאָלסט. איין זאַך קאָן איך אייך פֿאַר־זיכערן, — מען האָט דאָן קיין נאָז־קאַטאַרס (קאָלדס) מיט פֿאַרקילונגען ניט געקראָגן, און אויב יאָ, איז מען צו קיין דאָקטוירים ניט געגאַנגען. דאָס לאַגער־לעבן האָט געהיילט אָן דאָקטוירים און אָן רפֿואות.

און אַז איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דאָקטוירים, מוז איך זיך אָפּשטעלן און אָפּגעבען דעם געהעריקן כּבֿוד אונדזערע דאַמאָלסטיקע יידישע לאַגער־דאָקטוירים.

צוערשט, אין משך פֿון אייניקע חדשים, איז אונדזער לאַגער־דאָקטאָר געווען איינער אַ יאַקאָבסאָן פֿון בייסק (לאַטוויאַ), אַ וועטערענאַר, ד. ה. אַ בהמות־דאָקטאָר. מעגלעך, ער איז טאַקע געווען אַ גוטער בהמות־דאָקטאָר, נאָר גלייכ־צייטיק איז דאָס געווען אַ ווילדער ציניקער מיט אַן אידיאָטישן אַרט לאַכן. ער פֿלעגט זיך האַלטן אין איין באַרימען דערמיט, אַז אַמאָל פֿלעגט ער אין די דערפֿער היילן ניט נאָר פֿערד, קי און חזירים, נאָר אויך מענטשן, און פֿלעגט פֿאַרדינען פֿון דעם „שטיקער געלט". אויף דעם האָט זיך באַצויגן זיין קענט־שאַפֿט אין מענטשן־דאָקטאָריע. און מערקווירדיק, מיר האָבן אויסגעפֿונען און אָפּטמאָל קלאָר געוועזן, אַז אויף זיין פּנים און זיין ווילדן הירזשן און סטירענען די ציין איז געלעגן עטוואָס פֿערדישעס, — אַ בולטער אָפּשיין און אָפּקלאַנג פֿון זיין פּראָפֿעסיע.

עס פֿלעגט אים הנאה־טאָן, ווען מען פֿלעגט אים רופֿן דאָקטאָר יאַקאָבסאָן. טראָגנדיק אויפֿן אָרבל אַ גרויסן רויטן קרייץ און האָבנדיק די פּראָטעקציע פֿון דעם לאַגער־עלטסטן, שיינבערגער, פֿלעגט ער זיך אַרומדרייען יום־טובֿדיק איבערן לאַגער און קראַנקן־צעלטן, מעשה דאָקטאָר. ביז ער האָט געקאָנט און

ניט ער האָט געוואָלט העלפן אַ קראַנק־געוואָרענעם, און פלעגט זיך באַגנוגענען מיט זיין אידיאָטישן געלעכטער און שפּרוך:

— גיי שוין, גיי! דו ביסט דאָך ניט קיין פערד, אַז איך זאָל דיך גיין היילן און געזונט־מאַכן. אין לאַגער טאָר מען ניט קראַנק זיין!... געדענק עס, און זאָג אָן די איבעריקע! . . .

מיט אַ נייער פּאַרטיע יידן פון קייזערוואַלד איז אין לאַגער אָראָפּגעקומען ראַגאַלין, אַ פריערדיקער טאַלסענער דאָקטאָר. ער האָט אַמאָל געהאַט אַ נאָמען פון אַן ערנסטן דאָקטאָר, און איז געווען בטבע אַ גוטער, מיטפילנדיקער מענטש. אין רעוויר, ד. ה. אין די קראַנקן־צעלטן, זיינען געלעגן אַ פּאָר צענדליק קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע כמעט אין האָפנונגסלאָזן צושטאַנד, און דאָקטאָר ראַגאַלין האָט זיך גענומען מיט אַלע מעגלעכקייטן זיי צו העלפן. אויף אַן אומלעגאַלן אופן האָט ער אַ ביסל פאַרבעסערט זייער דערנערונג און אויך באַקומען פאַר זיי געוויסע מעדיצין פון דעם עסעס־שטאַב. אין בין זיכער, אַז אייניקע, אויף וועמענס געזונט־ווערן מען האָט שוין ניט געהאָפט, האָט דאָקטאָר ראַגאַלין דאַן געראַטעוועט פון טויט.

נאָר וואָס האָט בכלל אַ יידישער דאָקטאָר געקאָנט אויפטאָן אין אַ שקלאַפן־לאַגער, אין אַזוינע אַנטי־היגיענישע און אומסאַניטאַרע באַדינגונגען און אַן דער בויטיקער דערנערונג, מעדיצין און אויפפּאַסונג פאַר די קראַנק־געוואָרענע? און האָט דען בכלל אַ ווערט געהאַט דאָס לעבן פון אַ מענטשן, צי אַ געזונטן, צי אַ קראַנקן? ווען די צאָל קראַנקע און שוואַכע פלעגט זיך אָנקלייבן ביי אונדז ביז אַ פערציק־פופציק, און זיי פלעגן זיך ניט איילן צום שטאַרבן מיטן נאַטירלעכן טויט, פלעגט מען זיי פאַרטיעסוויז אָפּטראַנספּאָרטירן צוריק קיין קייזערוואַלד, און דאָרט — ווער ווייס, וואו זיי פלעגן דאָרט פאַרשווינדן ווערן?

אַ געוויסע צייט איז דאָקטאָר ראַגאַלין געווען געאַכטעט ניט נאָר פון אונדז, נאָר אויך פון די דייטשן און דער אַרומיקער באַפעלקערונג. נאָר ביז אַ געוויסער צייט, — ביז אין לאַגער איז אַראָפּגעקומען אַ הויך־באַטיטלטער עסעס־מאַן, אַ דאָקטאָר, אויף אַן „אינספּעקציע”. ער האָט אויסגעפונען אין לאַגער אַ סך חסרונות. עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן אונדזער אָפענע אָנדאַכיקע לאַגער־לאַטרינע (אויסטריט־גרוב) און אַנדערע אומסאַניטאַרע אויפפירונג. ער האָט געשטעקט זיין נאָז אומעטום, און צום שלימזל, האָט ער געפונען אין דאָקטאָרס צעלט, אונטערן בעט, אַ טעלער מיט צעריבענע קאַרטאָפל, וואָס דאָקטאָר ראַגאַלין האָט דאָרט אויף שנעל באַהאַלטן. אַזאַ סקאַנדאַל! דאָס איז ניט נאָר אַנטי־היגיעניש, נאָר נאָך ערגער — אַנטי־קאַצעטיש! אויפן גרויסן פייערלעכן אַפּעל, וואו ער האָט אונדז „אינספּעקטירט”, האָט ער געמאַכט דעם דאָקטאָר ראַגאַלין אַ שטרענגן אויסרייד פאַר זיין „אומסאַניטאַרישקייט” און, האַלטנדיק ווי אַ באַווייז דעם טעלער מיט די צעקוועטשטע קאַרטאָפל אין האַנט

האָט ער צולעצט אַריינגעפּאַטשט דערמיט זיין „קאָלעגע", דעם דאָקטאָר ראַגאַליק, אין פּנים אַריין. פון דאַן אָן האָט דאָקטאָר ראַגאַליקס שטערן גענומען אונטער־גייך, און שפּעטער אַביסל, אונטערוועגס פון לאַגער צו לאַגער, האָט ער שוין אַריינגעכאַפּט פון די דייטשן ניט נאָר פּשוטע, טרוקענע און נאַסע קלעפּ, ווי מיר אַלע, נאָר ספּעציעלע קלעפּ, ווי אַ ביילאַגע פאַר זיין ניט־לאָגיקער דאָקטאָרשער גדולה.

דאָך מוז מען צוגעבן, אַז דער בעסטער מיטל קעגן קראַנקייטן איז דאָן פּאַרט געווען דעם וועטערינאַר יאַקאָבסאָנס לאָזונג — „אין לאַגער טאָר מען ניט קראַנק זיין"! קוים ווערסטו צו־אָפּגעשוואַכט, פאַרקרעציקט, קראַנק, ביסטו שוין אַראָפּ פון גלייכן לאַגער־וועג און האָסט שוין וויניק שאַנסן זיך צו האַלטן אויף דעם אויבערפלאַך. דעם דאָזיקן אמת האָט יעדערער פון אונדז געפילט מיט אַלע זיינע חושים. און ניט אומזיסט פלעגן אייניקע פון אונדז, און אויך איך צווישן זיי, גיין אויף מסירת־נפש צו באַזאָרגן זיך „פּריוואַט" אַ האַלב־עמערל וואַסער, אָנוואַרעמען עס באַנאַכט אין צעלט אויפן אייוועלע, ווען אַלע פלעגן שוין שלאָפן, און אין צעלט גופא אָדער אינדרויסן זיך אַרומוואַשן מיט וואַרעמען וואַסער כאָטש איין מאָל אַ וואָך. ווי נאָך אַנדערש האָט מען געקאָנט אָפּהיטן ריינקייט פון קערפּער?

צום גליק אָבער „געוויינלעכע" קראַנקייטן, ווי פאַרקילונגען, לונגען־אָנ־צינדונג, מאָגן־קראַנקהייטן, פאַרגיפטונגען פון די ערגסטע און אומעסבאַרע אָפּ־פאַלן פון שפּייזן און מסתמא אַ פּאָר צענדליק אַנדערע מינים קראַנקייטן, באַק־טעריעס און לײַדן, וואָס אין נאָרמאַלן לעבן באַגלייטן זיי און מאַטערן דעם מענטשן אויף יעדן טריט, — אַט אַזוינע קראַנקייטן האָבן דאָן כמעט קיין שליטה ניט געהאַט אויף אונדזערע אָרגאַניזמען. הייסט עס, אַז דאָס האַרט אומנאָר־מאַל לעבן האָט אונדז פאַרהאַרטעוועט, געשיצט און באַזאָרגט אונדזערע אָרגאַ־ניזמען מיט אַ מין אימוניטעט קעגן געוויסע „נאָרמאַלע" קראַנקייטן, אָדער — די מעדיצין־וויסנשאַפט האָט וועגן דעם אַ פולקומערע און גרינטלעכערע דערקלערונג?

ליכטיקע מאָמענטן אין ים פון חושך

און דאָך, — אין דעם בלוטיקן ים פון אונדזער פּיין און יסורים, אין דעם טיפן פינצטערן אָפּגרונט פון אונדזער פאַרשקלאַפונג און געפאַלנקייט, פלעגן פון צייט צו צייט אויפשווימען אויך ליכטיקערע מאָמענטן. דאָס זיינען געווען אָונטן, מייסטנס פון די האַלב־פרייע זונטאָגס, ווען מיר פלעגן זיך געהיים צוזאַמענקלייבן אין אַ געצעלט צום הערן און זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, צום וואַרפן אַ ליכט־שטראַל אין די פאַרצווייפלטע און געפּייניקטע הערצער.

קומענדיק אויף אזוינע געהיימע „געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען” פלעג איך זיך ניט קאָנען אָפּוואונדערן פון דעם אייגנאַרטיקן יידישן גייסט און חוש פאַר קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַר געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן פאַר העכערע עמאָציעס. איך פלעג מיר טראַכטן, אַז אַלץ, אייגנטלעך, האָט מען שוין פון אונדז צוגענומען — אונדזער פאַרמעגן, געזונט, היים, משפחות, פריי־הייט, אפילו דאָס לעבן — אָבער ניט אונדזער חוש און דראַנג זיך אויסצולעבן ביז צו לעצט, אויף וויפיל עס לאָזט זיך, געזעלשאַפטלעך, זיך צו טיילן מיט אַ וואָרט, אַ מיינונג, אַ געדאַנק מיט אונדזערע אַרומיקע מיטמענטשען, מיט דער געמיינשאַפט. אזא פאָלק זיינען מיר שוין, און קיינע נגישות, און קיינע דער־נידערונגען, און די ערגסטע לעבנס־באַדינגונגען קאָנען אונדז דערפון ניט אָפּ־האַלטן. אַזוינע אונדזערע געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקומען אין לאַגער האָבן נאָר אונטערגעשטראָכן דעם כלל גמור, אז אַ יידישער קיבוץ, אפילו אויפן וועג פון זיין פיזישער פאַרניכטונג און גייסטיקער דערשטיקונג, כאָטש אין די שווי־דערלעכסטע באַדינגונגען, נאָר קוים קריגט ער, דער קיבוץ, די לייכסטע אָטעם־פויזע, די קלענסטע מעגלעכקייט, קלאַמערט ער זיך ווידער אין זיין סביבה און רייסט זיך אויסצולעבן געמיינשאַפטלעך און גייסטיק אויף אַלע אופנים. אָט־דעם אינסטינקט פון אויפהאַלטן דעם מענטשלעכן גייסט, די נשמה אין אונדז, האָט די נאַצישע חיה ניט געקאָנט אָפּטויטן ניט אין אונדזער לאַגער פאַפּער־וואַלן און ניט אין אַנדערע ענלעכע לאַגערס.

אויף אַזוינע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען פאָרטראַגן און שמועסן אויף וועלט־פּאָליטישע, ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, פאַרלעזונגען פון געשאַפענע אין לאַגער לידער, דעקלאַמאַציעס, געזאַנג. דער צעלט איז קוים באַלויכטן פון אַ קליינינקן אויל־לעמפּעלע אָדער אַ שטיקל ברענענדיק־רויכערדיקן האָלץ. אייניקע צענדליק מענטשן שטייען, זיצן, האַלב־ליגן אין ענגשאַפט און האַלב־פינצטערניש, און זייערע הערצער, זייערע אויסגעדאַרטע פּנימער און ברענענדיקע אויגן לעכצן נאָך אַ ליכטיקערן, אויפמונטערדיקן וואָרט, — אַ וואָרט פון אויסער די צוימען פון ענגן לאַגער־לעבן.

דער פאָרטראָגער פלעגט מייסטנס זיין לעווין, דער „צדיק לעווין”, וועגן וועמען איך האָב שוין פריער דערציילט. אויך אינזשיניער מאַרגאָליס, האַמבורגער, דער פּראַגער יוריסט טורעק, איך, און אַמאָל אויך אַנדערע, וואָס פלעגן בגניבה לייענען דייטשע צייטונגען אָדער הערן ראַדיאָ־נייעס און פון דעם אַלעם אַרויסנעמען דאָס וויכטיקסטע און צוזאַמענשטעלן וואָכנטלעכע באַ־ריכטן וועגן פּאָליטישע, סטראַטעגישע און אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן. לעווינס פאָרטראָגן וועגן וועלט־געשעענישן און יידישע פּראָבלעמען זיינען שטענדיק געווען די אינטערעסאַנטסטע און גייסטרייכסטע. ער פלעגט פריער אָפּדאַווענען מעריב בציבור מיט זיינע „חסידים”, דערנאָך שטיין עטלעכע מינוט

אין שטיל־שוויַיגן און דאָן אָנהויבן זיַין פאָרטראַג רואיק, זאַכלעך און דורכגע־טראַכט, ווי פאַר אַן אודיטאָריום פון נאָרמאַלע מענטשן אין נאָרמאַלע צייַטן.

אויף אונדזערע „ליטעראַרישע אָוונטן" פלעגן מייסטנס פאָרגעטראָגן ווערן לידער, פּאָעמעס, דעקלאַמאַציעס און געזאַנג, געשאַפענע אין לאַגער גופא. אייניקע „שרייַבערס", צווישן וועלכע איך בין אויך געווען, פלעגן פאָרלייענען פּרישע, נאָר־וואָס געשאַפענע לידער אָדער אַנדערש־וואָס; גלייַך אויפן אָרט פלעגט צוגעפּאַסט ווערן אַ האַרציקע מעלאָדיע (מייסטנס פון אַן אַלטן רוסישן ליד), און דער עולם פלעגט עס אויפן האַלבן קול איבערזינגען עטלעכע מאָל, — זינגען, און טרערן פלעגן זיך גיסן פון די אויגן . . . דער גרעסטער חסיד אייַנצואָרדנען אַזוינע אָוונטן איז געווען דער אינזשעניער מאַרגאָליס (אַ גע־באָרענער דווינסקער, געלעבט לעצטנס אין ריגע), דער הויפּט־זינגער און „קאָמ־פּאָזיטאָר" איז געווען עלקע לאַקוס (אַ דווינסקער), און בראש פון די דעקלאַ־מאַציעס און „אַרטיסטישע אויספירונגען" זייַנען געשטאַנען סמאָרגאָנסקי, אַ געוועזענער אַרטיסט פון ריגער און קאָוונער יידישע טעאַטערס, און שולמאַן, אַ ריגער בעקער. די „לידער" פון איינעם אַ גאַפּאַנאָוויטש (אַ ליטווישער ייד) האָבן נעבעך קיין דערפּאָלג ניט געהאַט אין לאַגער, און דער „דיכטער" פלעגט זיך עס שטאַרק נעמען צום האַרצן; אַזוי אָרום, האָט ער נעבעך געהאַט אין לאַגער דאָפּלטע פּיין . . .

עס איז ניט איבערצוגעבן מיט ווערטער, וואָס פאַר אַ נחת־רוח, וואָס פאַר אַ דערהויבנקייט און געלויטערטקייט מיר פלעגן פילן אין אַזוינע אָוונטן, פאַר־געסנדיק אויף אַ ווײַלע די ביטערע ווירקלעכקייט מיט דער באַוואַכונג הינטער דעם דינעם געצעלט־ווענטל, מיט די מכות־רצח, מיטן הענגען און שיסן און דעם גאַנצן שקלאַפן־לעבן. איך באַגרייף שוין איצט אַליין ניט, וואָס פאַר קאָמפּ־ליצירטע פּסיכישע מאָמענטן האָבן זיך דאָן אין אונדז אָפּגעשפּילט.

לײדער, ניט פיל און ניט אָפט האָבן מיר געהאַט אַזוינע ליכטיקערע, דערהויבענע מאָמענטן. מיט דער דערנענטערונג פון פרילינג איז די שטימונג געוואָרן נערוועזער און אויפגערעקטער ניט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך ביי די דייטשן מיט זייערע לאַטווישע און אַנדערע מיטשלעפּער. אויף די פראָנטן זייַנען דאָן פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן, און די נאַצישע מעכטיקע אַרמיי האָט זיך שוין געקייקלט באַרג אַראָפּ. אונדז האָט אָן אויפהער געמאַטערט דער פּייַנ־לעכער געדאַנק, און מיר פלעגן זיך שטעלן איינע די אַנדערע פראַגעס:

— וואָס וועט מיט אונדז געשען? וועט מען אונדז אַרויסשיקן פון דאַנען? וועט מען אונדז אפשר לאָזן צורו? אָדער באַצייטנס פאַרניכטן? אויסשיסן? אויפלאָדן אויף שיפן? דערטרינקען?...

צוזאַמען מיט די ערשטע קלאָרע פרילינג־טעג האָבן זיך אויך אויסגע־קלערט מיינע געדאַנקען, און דער באַשלוס, ניט צו קוקן אויף קיינע געפאַרן

און אַנטלויפן פון לאַגער איז שוין געווען דורכגעטראַכט און רייף צום אויס־פירן. ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט פלעג איך זיך שטילערהייט דורכריידן מיט באַבראַוון און אייניקע אַנדערע באַטייליקטע אין אונדזערע פּלענער, און מיר האָבן נאָר געוואַרט אויפן ערשטן פּאַסיקסטן מאָמענט זיי דורכצופירן.

גלייכצייטיק האָט דער פרילינג אויפגעוועקט אַזאַ שניידיקע בענקשאַפט נאָך פרייהייט, נאָך באַוועגונג, נאָך ווייטע ברייטע שטרעקעס, אַזאַ נאָגעניש און צאַפּלעניש אין האַרצן — אַזש פון זינען אַראָפּצוגיין! . . . די קילע, לווי־טערע פרילינג־אָוונטן מיט דער שטילער זון־אונטערגאַנג און אַנגעצונדענע הימלען פלעגן מיך באַזונדערס משוגע־מאַכן . . . איך פלעג זיך קיין אָרט ניט געפינען אין דער ענגשאַפט, ניט אין געלט, ניט אין לאַגער, ניט אויף דער אַרבעט . . .

אָט־וואָס פאַר אַ מין „ליד” עס האָט זיך מיר דאַן, אין די ערשטע פרילינג־טעג, אויסגעפורעמט:

ווידער פרילינג

און ווידער גלעט די זון מיט צאַרטקייט,
און ווידער פויגלשער געזאַנג.
עס לויפן טייכן אייז־באַפרייטע, —
דער פרילינג גייט אין פולן גאַנג.

עס אָטעמט ערד מיט פרילינג־ריחות,
עס גרינט מיט לעבן באַרג און טאָל.
און ווידער לאַנדשאַפטן באַבלומטע, —
עס דאַכט זיך, פרילינג ווי אַמאָל!

און ווי אַמאָל אַ מאָדנע שטימונג
ברענגט־מיט מיט זיך די פרילינג־לופט.
די בלויע ווייטקייט, לייכט פאַרנעפּלט,
זי וועקט אַ בענקשאַפט, רייצט און רופט.

עס ציט דאָס האַרץ, עס בענקט נאָך פרייהייט,
עס וויל ניט וויסן קיין פאַרבאָט.
. . . אוי־וויי, ווי נאַריש! כ׳פאַנטאַזיר גאָר!
איך בין דאָך הינטער שטעכל־דראָט!...

עס פליען פייגל פון מרחקים
און טראָגן־מיט מיט זיך אַ גרוס
פון וועלטן פרייע, וועלטן ברייטע
און פון אַ לעבן, פרייד, געניס...

איך הייב מיין קאָפּ צום פרייען הימל:
— פייגל! גליקלעך ווי איר זייט!
איך בין מקנא אייך, איך העפטלינג,
איך שקלאַף פון נייסטער שקלאַפן־צייט!

— איך בין פאַרשפּאַרט אין ענגן לאַגער,
איך בין באַוואַכט אויף יעדן טריט.
עס איז מיין שולד און חטא בלויז איינער,
וואָס איך אַ ייד בין... ייד... אַ ייד!

— איך בין איצט הפקר־הונט געוואָרן
און אויך געיאָגטער אַרבעטס־פערד.
נאָר אונטער ביימש, אין העפטלינג־לאַגער,
נאָך מעג איך לעבן אויף דער ערד! — — — — — — — —

אַ מילדער ווינטל הויכט מיט פרילינג
אויך דאָ, אין אונדזער ענגער וועלט.
באַזונטע וועלדער, קלאַנג־ און דופט־פול,
דאָ זע איך דורך דעם שפּאַלט פון צעלט.

עס טויכן אויף זכרונות, בילדער
פון וייטן פרילינג, פון אַמאָל,
ווען האָריזאָנטן ברייטע, בונטע
אין דמיון האָב איך מיר געמאָלט.

געווען דאַן יוגנטלעכע טרוימען,
און שפּעטער — מענערשער געדאַנק...
מוט און האָפנונג דורכגעפלאָכטן
האָבן זיך אין לעבן דאַן.

געוואַקסן זיינען קליינע קינדער,
אַ פרוי אַ טרייע שמייכלט־צו.

ס'איז שנעל געלאָפן דאָן דאָס לעבן
צעווישן שאַפונג, מי און רו.

און איצט... ס'איז אַלץ שוין לאַנג פאַרלאָרן,
ס'איז מער קיין לעבן, טרייסט ניטאָ...
איך לעב דאָך איצט צוליב אַ צופאַל
נאָר ביז דער נאָענטסטער שחיטה־שעה...

צי אויך פאַר מיר דערשיינסטו, פרילינג?
צי אויך פאַר מיר דיין שיין און פראַכט?
עס האָט דאָך וואָלקן זון פאַרלאָשן, —
עס איז דאָך הארבסטיק־שווארצע נאַכט!

אַך, ווידער פרילינג! ווידער בלומען...
אַ פויגל פליט צום אַלטן נעסט...
בלויז איך, דער מענטש, בין איינזאַם, היימלאָז, —
כ'האָב אַלץ פאַרלאָרן!... און אַ רעשט...

(געשריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַפּערוואַלן, אפריל 1943).

דער לעצטער וועג... (צייכנונג פון אַ געוועזענעם קאַצעטניק).

קאַפּיטל 7.

מיר לויפן צו פרייהייט אין די וועלדער

קאָנספּיראַציע

ווי אַ לויכטנדיקער פייער־זייל איז איצט, אין די פרילינג־טעג געשטאַנען דער ציל פאַר די אויגן — אַנטלויפן פון לאַגער, זיך לאָזן אין די וועלדער, און וואָס גיכער!

וואָס גיכער אַנטלויפן!... נאָר ניט אַזוי גיך און ווייט ניט אַזוי לייכט איז גע־גאַנגען אין דורכפירן דעם באַשלוס און דערגרייכן דעם ציל...

ווינטער־צייט האָב איך געאַרבעט אין לאַגער אין מיין „אַלטן" געטאָ־באַרוף, — אַלס סטאָליער. איך האָב געבויט אַ גרויסע און צוויי קליינע אויס־טריט־בוידן אין לאַגער, געלייגט דילן און אויספּראַיעקטירט אַ מין שלאָף־קוי־קעס אין די צעלטן, איינגעאָרדנט מיט „מעבל און אַלע באַקוועמלעכקייטן" די קראַנקן־צעלטן, געמאַכט פּאָליצעס אין קיך־צעלט און אין די שפּייז־צעלטן, געמייסטערט אין דער סטאָלעריי־ווערקשטוב הענטלעך פאַר העק, לאָפּעטעס און שויפלען, און טישלעך מיט בענקלעך פאַר די דייטשן. נאָך אַזאַ „ברייט־פאַרצווייגטער סטאָלערישער טעטיקייט", וואו עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן מיינע סטאָליאַרסקע פעאיקייטן, בין איך געוואָרן „די רעכטע האַנט" פון אַ דייטשן מייסטער ביים בויען און צוזאַמענשטעלן באַראַקעס. מיין סטאָליער־פאַך האָט מיר געגעבן מער געלעגנהייטן צו אַרבעטן אונטערן דאַך און צו זיין מער גע־שיצט פון קעלט, שניי און נאַסקייט און, וואָס איז ניט ווייניקער וויכטיק, צו פאַרהיטן מיינע עכט־לעדערנע היימישע שיך פון ענדגילטיקן פונאַנדערקריכן.

פאַרקערט, מיין חבר באַבראָוו האָט געהאַט „הילצערנע הענט", און האָט נעבעך ניט געטויגט צו דער דעליקאַטער סטאָלעריי־אַרבעט. ער איז אויס־געריסן געוואָרן אויף די שווערסטע אַרבעטן אין די וועלדער, זומפּן און וועגן, אין נעץ און קעלט. נאָך אַ לאַנגער אונטערהאַנדלונג האָב איך צום סוף גע־פועלט ביי מיין דייטשן מייסטער (עריק, האָבן מיר אים גערופן, — אַ פּשוטער, ערלעכער און איינגעשראָקענער אַרבעטס־מענטש פון אַ יאָר פופציק, וואָס האָט שטילערהייט געשאָלטן דעם נאַציזם, נאָר האָט געציטערט פאַר יעדן נישטיקן עסעס און מסור), און אונטער מיין „פּראָטעקציע" און אויפזיכט זיינען באַבראָוו און נאָך איניקע באַקאַנטע פון די געטאָ־יאָרן אויך געוואָרן סטאָליערס און באַ־ראַקן־בויערס. אַזוי אַרום, מייסטערנדיק צוזאַמען מיט באַבראָוון די באַראַקן־ווענט און קלאַפּנדיק טשוועקעס, האָב איך שוין געהאַט מער געלעגנהייטן צו בלייבן מיט אים ביחידות און באַהאַנדלען אונדזערע פּלענער.

דאָ, ביי דעם באַראַקן־בוי, האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאָך אַ געוואָרענעם סטאָליער פון אונדזער שניט, — מיט גערשן יאַקאָבסאָן. דאָס איז געווען אַ מגושמדיק גרויסער, פעסט־געבויטער מענטש מיט אַ גרויסן גלאַנ־ציקן פליך איבערן גאַנצן קאָפּ, מיט אַן איידעלער נשמה, אַ רואיקער, שטילער אָבער אינזיך אַ פאַרקאָכטער און פאַרביסענער. אזוי ווי באַבראַוו און איך, האָט ער אויך פאַרלאָרן זיין גאַנצע פאַמיליע, און איז געווען מיט אונדז אין די זעלבע יאָרן, — צום סוף פון די דרייסיקער.

די ספּעציפישע און גרויסע מעלה פון גערשן יאַקאָבסאָן איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען אַ דאָרטיק געבאָרענער (אַ ווינדאַווער, נאָר די לעצטע יאָרן געלעבט אין ריגע, געהאַט אַ האָלץ־מיסחר), האָט איבער אַ צענדליק יאָר גע־לעבט אין שטעטל אוגאַלע, וואָס איז ניט גאָר ווייט פון אונדזער לאַגער און וואו ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער זעג־מיל (פון דער וואַלד־מיסחר־געזעלשאַפט „פעניקס") און האָט גוט געוואוסט די ברייטע אומגעגנט און געקענט הונדערטער פויערים אַרום. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער איבער־ציייגט, האָט גערשן יאַקאָבסאָן געוואוסט אַנדערע וועלדער, וועגלעך און שטעגלעך, ווי די אייגענע פינף פינגער, און איז געווען זייער באַליבט ביי די אַרומיקע פויערים, זיינע אַמאָליקע פאַרקויפער, פורמאַנס, און צושטעלער פון וואַלד־מאַטעריאַלן. גערשן איז אונדז געווען אַ געוואונטשענער שותף. מיר האָבן זיך מיט אים נענטער באַפריינדעט און אויסגעאַרבעט געמיינזאַמע פּלענער, ווי אַפּצוציען פון לאַגער און וואוהין צו גיין.

מיט גערשן יאַקאָבסאָן איז דאָ געווען אין לאַגער זיינער אַ שוועסטערקינד, לייב יאַקאָבסאָן, אַ ריגער, און ער האָט געהאַט אַ חבר, בנימין וואַספּי, אַ קצב פון קרייצבורג (קרוסטפּילס), — ביידע קרעפטיקע, פּשוטע יונגען, עמך־מענטשן, אין די יאָרן 25־28. אזוי אַרום, האָט זיך פאַרמירט ביי אונדז אַ קאָנספּיראַטיווע גרופּע פון פינף, אַנטשלאָסענע זיך צו לאָזן אין די וועלדער אויף גאָטס באַראָט.

אין וואָס זיינען באַשטאַנען אונדזערע דאגות און צוגרייטונגען?

מען קאָן זאָגן, אין גאַרניט און — אין זייער פיל. די הויפּט־פּראָבלעם איז געווען צו קריגן קליידער, מענטשלעכע רעקלעך און הייזן, זאָל עס זיין אפילו שמאַטעס. ווי קאָנסטו שטעלן אַ טריט אין דיינע קאַצעטישע, בונט־באַפאַרבענע קליידער, וואָס גיבן דיך ארויס פון קאָפּ ביז די פיס, ווער און וואָס דו ביסט? און פון דער אַנדער זייט, — וואו קריגט מען אַנדערע קליידונג דאָ, אין לאַגער און וועלדער, אַרומגערינגלט מיט שונאים, מוסרים און שמעקער פון אַלע זייטן? קלוג און אויסגערעכנט איז געווען זייער אויפטו צו באַצירן אונדז מיט די בונטע קאַצעט־בגדים, — דאָס איז אָפּטמאָל געשטאַנען ווי דער גרעסטער שטער צום אַנטלויפן און פאַרשווינדן פון די אויגן.

נאָר מיר פינף זיינען שוין געווען אין אַזאַ פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד, אַז קיין שטערונג האָט אונדז ניט געקאָנט אָפּהאַלטן. אויף פאַרשיידענע קונציקע וועגן און מיט דער גרעסטער מעגלעכער פאָרזיכטיקייט האָבן מיר „אָרגאַניזירט" ביי פּויערים און ביי מיין דייטשן מייסטער אייניקע אַלטע ציווילע רעקלעך און הייזן. און דאָ מוז איך דערמאָנען לטובה מיין קאָוונער באַקאַנטע, וואָס האָט מיר געגעבן דורכצוטראָגן קייזערוואַלדער גיהנם אירע זעקס הונדערט מאַרק געלט; די צוויי הונדערט מאַרק, וואָס איך האָב דאַן באַקומען פון איר אַלס באַלוינונג פאַר מיין ריזיקע, זיינען מיר גראָד דאָ און איצט געווען, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן: פאַר אַזאַ סומע געלט האָט מיר מיין מייסטער עריק באַזאָרגט מיט צוויי אָדער דריי רעקלעך און מיט דריי פאָר הייזן, אַרויסגעשלעפּטע, מסתמא, ערגעץ־וואו פון אַ מיסט־קאַסטן, און . . . האָט געשוויגן. צי האָט פאַרשטאַנען דער פּשוטער פאָלגעוודיקער יעקע, אויף וואָס פאַר צוועק איך דאַרף די שמאַטעס בגדים, אָדער האָט אים גאָר ניט געקאָנט איינפאַלן, אַז יידן וואָגן עפּעס צו טאָן, וואָס איז ניט דערלאָזבאַר פון געזעץ און ניט דערלויבט דורכן באַפעל ?

און כמעט ניט לייכטער פון קריגן די בגדים איז געווען זיי אַרויסצוטראָגן ניט־באַמערקטערהייט פון לאַגער־געביט און באַהאַלטן אין אַ האַנטיקן אָרט, וואו קיינער זאָל זיך, חס וחלילה, אויף זיי ניט אָנשטויסן. דאָ איז מיר ווידער מיין מייסטער עריק צונוץ־געקומען, דאָס מאָל ניט אויף אַ גראַדן, נאָר אויף אַן אומדירעקטן אופן. איך מיט באַבראַוון האָבן אויסגעאַרבעט דעם „סטראַטעגישן" פּלאַן און האָבן אים דורכגעפירט אויפן בעסטן וועג.

מיר האָבן אָנגעטאָן אויף זיך צו איבעריקע פאָר הויזן און רעקלעך אונטער די קאַצעטישע בגדים, און אין מיטן דער אַרבעט האָבן מיר באַוויזן עריקן, אַז עס פעלן אונדז עטלעכע דינע קלעצלעך צום פאַרענדיקן דעם באַראַק־פונדאַמענט. אַזוי ווי אונדז איינע אליין טאָר ער ניט אָפּלאָזן (און פאַרן אַליין אָפּגיין הונדערט מעטער פון לאַגער קומט שיסן), האָט ער זיך געלאָזט איינריידן און געפירט אונדז אין וואַלד, וואוהין מיר זיינען אַוועק אויסהאַקן די שטאַנגען. אונטערוועגס, אין אַ געוויסן פאַרויסגעזעענעם אָרט, האָט זיך אונדז פאַרוואַלט „אויסטרעטן", און גראַדע איינציקווייז. און דאָ, ווען איינער איז געבליבן מיט עריקן און געגנוי זיך נאָכגעפרעגט וועגן זיינע היימישע אין בייערן, וועגן זיין ווייב און קינדער, זיין קו און גאָרטן, און זיין פאַרלאָזענע סטאָלעריי־ווערקשטוב (דאָנערוועטער, זיין טישלעריי שטייט דאָרט ליידיק, און קיינער אַרבעט דאָרט ניט! . . .), איז דער צווייטער אַוועק אָן אַ זייט „אויסטרעטן". ביים פּראָצעס פון אַראָפּלאָזן און אויפהויבן די הייזן, וואָס דאַן פאָדערט זיך, האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן די טריפע בגדים און באַהאַלטן אונטער אַ באַשטימטן פניאָק, וואו רעגן האָט ניט געקאָנט צוקומען. אַזוי זיינען מיר עטלעכע מאָל געגאַנגען מיט

עריקן אין וואלד אונטער פֿאַרשיידענע ערנסטע אויסריידן און אַריבערגעטראָגן אין באַשטימטן אָרט אונדזער גאַנצן רעזערוו פֿון די טייערע בגדים־שמאַטעס.

גלייכצייטיק האָבן מיר געשפּאָרט פֿון עסן און באַהאַלטענערהייט געגרייט אויסגעטריקנטע ברויט־שטיקלעך, „סוכאַרעס", מיטצונעמען אויפֿן וועג. פֿאַרשטייט זיך, פֿיל האָבן מיר ניט געקאָנט צוגרייטן און וואָלטן אויך ניט געקאָנט אַרויסטראָגן אומבאַמערקטערהייט. נאָר די פֿראַגע פֿון עסן האָט אונדז ניט שטאַרק געקימערט. מען וועט שוין ווי ניט איז אויסקומען...

עס האָט נאָך אָבער געדויערט אַ היפּש ביסל טעג, עס האָבן זיך נאָך אָפּגעשפּילט פֿאַרשיידענע ביטערע לאַגער־געשעענישן, ביז מיר האָבן געפֿונען די געלעגנהייט זיך אַ לאָז צו טאָן אין וועג אַריין, אין די וועלדער . . .

איך אַרבעט „אין שטאַב"

מיטן אָנקום פֿון פֿרילינג האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט מיין „אַרבעט־פּאָזיציע". די דייטשע גדולים, די אָנפֿירער פֿון דער בוי־אונטערנעמונג, האָט זיך פֿאַרוואָלט האָבן גרינס־גערטנער מיט פֿריאיקע גרינסן. אויך דער עסעס־שטאַב אין דערבייאיקן הויף האָט גענומען איינלייגן גרויסע גערטנער, וואו יידן האָבן געדאַרפֿט האָרעווען און שאַפֿן פֿאַר די אײדעלע לייט אַ צענדליק סאָרטן גרינסן. נאָכן דורכפֿאַלן מיט אייניקע ניי־געוואָרענע לאַגער־גערטנירער (פֿון זעלבן מין, מסתמא, ווי איך בין געווען אַ ניי־געוואָרענער סטאָליער), האָט דער לאַגער־עלטסטער שיינבערגער באַקומען אַ פֿאַראָרדנונג צו באַזאָרגן דעם שטאַב מיטן בעסטן געשולטן פֿאַכמאַן, וואָס ער האָט, און וואָס זאָל קאָנען איינאָרדנען און אָנפֿירן אַ גרויסע גערטנעריי־אונטערנעמונג.

וויסנדיק, אַז איך בין אַ געשולטער אַגראָנאָם און האָב קענטעניש אויך אין גערטנעריי, האָט מען מיך באַשטימט אָנצופֿירן די אַרבעט אויף די גרינס־גערטנער אין שטאַב.. אוי, ווי דאָס האָט מיר דאָן ניט געשמעקט! זייענדיק „גוט־איינגעאָרדנט" אויף מיין באַראַקן־בוי־אַרבעט, האָב איך קיין ברעקל חשק ניט געהאַט צו ווערן פֿאַר די דייטשן אַ גערטנירער און גיין פּראָדוצירן פֿאַר זיי גריב־וואַרג־אכילות, און דערצו, האָב איך געטראַכט, קאָן עס זיין אַ שטער אין אונדזערע פּלענער וועגן אַנטלויפֿן פֿון לאַגער. נאָר עס האָט ניט געהאָלפֿן. קעגן מיין ווילן האָט מען מיך באַשטימט צו גיין „אַרבעטן אין שטאַב", און איך האָב זיי דאָן געשאָלטן, די דייטשן מיט זייערע גערטנער, און געוואונטשן, אַז זיי זאָלן ניט דערלעבן צו עסן פֿון די גרינסן, פֿון דער פּראַצע פֿון מיינע און אַנדערע יידישע הענט. אָט די קללה איז מקוים געוואָרן, — עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און זיי זיינען שוין פֿון דאַנען געלאָפֿן . . . ניט דערלעבט צו עסן די גרינסן פֿון די גערטנער, וואָס מיר, די שקלאַפֿן, האָבן געמוזט באַאַרבעטן פֿאַר זיי.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיין ארבעט „אין שטאַב" איז געווען נוצלעך ניט נאָר פאַר מיר אליין, נאָר אויך פאַר פיל אַנדערע פון מיינע ברידער־שקלאַפן. דאָ, נאָך דעם געצוואונגענעם אָוועקגיין פון לעווינען, וועגן וואָס איך האָב שוין גערעדט, האָב איך איבערגענומען אַ טייל פון זיינע פונקציעס. נאָר מיין ארבעט האָט זיך ניט געקאָנט גלייכן אפילו צו אַ צענט־חלק פון זיינער, — ווייל איך האָב ניט געהאַט ניט דעם גייסט, ניט דעם ווילן און ניט די מוט פון לעווין. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געקאָנט טאָן, איז געווען צו ברענגען אין לאַגער צייטונגען, פראָנט־ידיעות און אנדערע נייעס וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, און נאָר זעלטן ווען „אָרגאַניזירן" אין שטאַב עסנוואַרג־שיריים און עס אַריינשמוגלען אין לאַגער.

מיט מיין אַרבעטן „אין שטאַב" איז מער פון אַלעמען, ווייזט אויס, צופרידן געווען מיין חבר באבראָוו און, איך מיין, נאָך עטלעכע צענדליק יידן — רויכערער.

באבראָוו איז געווען אַ שרעקלעך ליידנשאַפטלעכער רויכערער, און פאַר אַ שטיקל ציגאַרעט אָדער אַ שמעק טאַבאק וואָלט ער געקאָנט „פארקויפן זיין טאטע־מאַמען". אין יעדן פאַל, בייטן אויף טאַבאַק א העלפט פון זיין אָרעמער ברויט־פּאָרציע איז ביי אים קיין נייעס ניט געווען. אויף מיינע פאָרוואורפן, פאַרוואָס ער טוט אַזוינע נאַרישקייטן, פלעגט ער האָבן נאָר איין תשובה:

— רויכערן איז פאַר מיר וויכטיק אזוי ווי ברויט, און אַנדערע מאָל אפשר נאָך וויכטיקער . . . אָט דערפאַר מוז איך אַזוי קאָמבינירן, — ניט דערעסן, און ניט דערויכערן. . .

איך, דאַן דער שוואַכער רויכערער, אָדער ערלעכער געזאָגט, דער ניט־רויכערער, פלעג אים אָפטמאָל ניט פאַרשטיין און פאַראורטיילן, ביז איך האָב זיך אליין איבערצייגט, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס רויכערן און דאָס ניט האָבן וואָס צו רויכערן האָט געהאַט אויף די נערוון און פסיכישן צושטאַנד פון מענטשן. מען זאָלט ניט געפּרואווט ווערן, צו וואָס מען קאָן געוואוינט ווערן, — איך מיין דאָס אַנטקעגן רויכערן שטינקעדיקע, פאַרשמוצטע און פאַרחזירטע ציגאַרעטן־שטיקלעך און טאַבאַק־אָפפאַל פון יענעמס מויל און אויפגעהויבענע פון דער ערד און פון די רינשטאָקן, — אָט די מציאות, נאָך וועלכע מען האָט זיך דאָן, אין די לאַגערן, געיאָגט ווי נאָך אַן אבן־טוב.

און מיטאַמאָל קומט אַרויף אויף באבראָוון אַזאַ גבירות, — איך ברענג אים יעדן אָוונט פון שטאַב פולע קעשענעס מיט ציגאַרעטן־עקלעך, טאַבאַק, האַלבע ניט דערויכערטע און אפילו גאַנצע ציגאַרעטן אין פאַרמאַכטע פּעקלעך. רויכער, ברודער, דעם פאַרבאָטענעם דייטשן טאַבאַק, און גיב דיינע מיטרויכערער! רויכערט, וויפיל אייער האַרץ געלוסט, און האָט אַ ביסל הנאה פון קאַצעטישן לעבן! . . .

זאָל מיר מוחל זיין מיין גאָרטן־שעף, דער שאַרפּירער קעללערט (אויב זיין נאַצישע אָדער האַלב־נאַצישע נשמה וואַלגערט זיך נאָך וואו־ניט־איז אין די וועלטן), פאַר מיין אָפּנאַרן אים: איך האָב זיך אים אָנגעגעבן פאַר אַ גרויסן ניט־אויסהיילבארן רויכערער, און דאָס פלעגט ער פאַר מיר אָנזאַמלען פון די טישן און אַש־בעכערס גאַנצע פּעק מיט ציגאַרעטן־שטיקלעך („קיפּן", אויפן דאַמאָלסטיקן לשון) און טאבאק און נאָך צולייגן זיינע אייגענע, אָדער געגנבעטע פון ערגעץ־וואו, גאנצע ציגארעטן־פּעקלעך. פאַרבאַטענער פאַר אונדז דייטשער טאבאק און פאַרבאָטענע דייטשע צייטונגען (וואָס בײדע אַרטיקלען האָבן גע־שטונקען־געאיפּעשט און געטויגט אויף כפרות), — דאָס זיינען געווען די גרעסטע מתנות און אויפמערקזאַמקייט, וואָס מיין גאָרטן־שעף, אַ צופרידענער פון מיין קענטניש, פלעגט מיר בגניבה שענקען.

למען האמת מוז איך נאָך צוגעבן, אַז אַ פּאָר געגנבעטע לעבלעך ברויט און געבליבענע זופּ פון די קעסלען פלעגט ער אויך ווען־ניט־ווען אונדז צוואַרפן, און איך פלעג עס פּראָפּאָרציאָנעל צעטיילן צווישן דער גאָרטן־קאָמאַנדע, — אייניקע מענער און אַ פּאָר צענדליק פון די לעצטנס־אָנגעקומענע יידישע פרויען פון אונגאַרן. וואָס פאַר אַ פרייד עס פלעגט דאָס זיין פאַר די אויסגעהונגערטע און פאַרשמאַכטע יידיש־אונגאַרישע פרויען צו באַקומען אַן איבעריקן שטיקל ברויט און אַ ביסל זופּ אָדער קאַשע!

די ניי־געקומענע יידישע פרויען פון אונגאַרן, — דאָס איז געווען אַ נייע ביילאַגע צו אונדזער טרויעריקן שקלאַפן־לעבן. זיי זיינען נאָך גאָרניט לאַנג געווען פרייע מענטשן אין זייער לאַנד, אין אונגאַרן, און בין־לילה איז געקומען אויף זיי די זעלבע צרה, וואָס מיר האָבן שוין געטראָגן אויף זיך אייניקע יאָר. אויף נע־ונד האָט מען זיי אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד, לעצטנס פאַרשיקט אין גיהנם אָשווענטשים (אוישוויץ), דאָרט אָפּגעטיילט די מענער, ברידער און טאַטעס, און זיי, די פרויען, צעוואָרפן איבער צענדליקער שקלאַפן־לאַגערן. אַ גרופּע פון אַ פּאָר הונדערט פון זיי האָט מען „איינגעאָרדנט" ביי אונדז.

אַ נייעם טרויער און ווייטיק אין האַרצן האָט אַריינגעטראָגן דאָס אויסזען פון דער ניי־אָנגעקומענער גרופּע. מייסטנס יונגע און מיטל־יאָריקע פרויען און מיט סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט און וואוילשטאַנד, אָנגעטאָענע שוין אין ספּעציעלע געשטרייפטע, שוואַרץ־ווייסע אַרעסטאַנטישע קליידער, און אָפּ־געשאָרענע גלאַט, ביז די האַר־וואָרצלען, (וואָס פאַר אונדז איז עס נאָך דאַן געווען ניי און איבערראַשנדיק), זיינען זיי געשטאַנען אינמיטן הויף און גע־דריקט זיך איינע צו די אַנדערע דערשראָקענע און פרעגנדיקע, ניט וויסנדיק אין וואָס פאַר אַ מין נייעם גיהנם זיי זיינען ווידער אַריינגעפאַלן. הילפלאָזע טרערן האָבן זיך געגאָסן ביי זיי פון די אויגן און אויך ביי אונדז, ביי די אַלטע לאַגער־תושבים.

אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי אָפּגעשטאַנען אינמיטן לאַגער פאַרשמאַכטע און פאַרחושכטע און געוואַרט, ווייל קיין צעלטן פאַר זיי זיינען נאָך ניט געווען צוגעגרייט. שפּעט באַנאַכט, ווען אונדז האָט מען צוזאַמענגעפּרעסט געדיכטער אין אַ טייל פון די צעלטן, האָט מען זיי אַריינגעלאָזן זיך אויסרוען אין אַ צענדליק פון אונדזערע אָפּגעליידיקטע „וואוינונגען". פון מאָרגן אָן איז שוין אַוועק זייער לעבן אויפן זעלבן יסורים־וועג, ווי אונדזער אַלעמענס.

זאָל כאָטש בלייבן אַ זכר פון אונדז

מיטן אָנקום פון די וואַרעמע טעג פון סוף אַפּריל איז אויך געקומען די צייט צו פאַרווירקלעכן אונדזער פּלאַן — צו אַנטלויפן פון לאַגער. איצט איז די הויפּט־פראַגע געווען: ווען זאָלן מיר „אָפּציען" און פאַרשוואונדן ווערן — צי באַטאָג פון דער אַרבעט, אָדער באַנאַכט, פון לאַגער? און ווי פירט מען עס דורך אויפן בעסטן אופן?

מיר, די פינף פאַרעטער, זיינען געווען צעוואָרפן אויף פאַרשיידענע אַרבעט־פּלעצער — באַבראַוו און גערשן יאַקאָבסאָן ביי דעם באַראַקעס־בוי, איך אויף די גערטנער אין שטאַב, און לייב יאַקאָבסאָן מיט בנימין וואָספּי אויפן וועג אָדער אין וואַלד. זייענדיק באַטאָג אויף די אַרבעט־פּלעצער אונטערן שטענדיקן אויפזיכט, ווי ציט מען אָפּ פון דאָרט אַלע אין איין צייט, שנעל, און ניט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט לכל הפחות אין די ערשטע פּאָר שעה? און ווי טרעפט מען זיך שנעל, אַלע פינף גלייכצייטיק, אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט אין וואַלד, וואו אונדזערע „מענטשלעכע" קליידונג איז געווען באַהאַלטן? עס איז ווייט ניט לייכט געווען דורכצופירן אָט דעם אַזוי איינפאַכן פּלאַן, זייענדיק אונטער שטענדיקער שמירה פון די וואַך־פּאָסטנס און מייסטערס און אַרבעטנדיק אין פאַרשיידענע ערטער.

זאָלן מיר אפשר אַנטלויפן באַנאַכט, דירעקט פון לאַגער, איבערשניידנדיק די שטעכלדראָט־פאַרצוימונג? אין דעם פּלאַן זיינען אויך געווען געוויסע מעלות און חסרונות. די גרעסטע ריזיקע איז דאָ געלעגן אין דעם סאַמע מאָמענט פון איבערשניידן דעם דראָט און אַרויסקריכן פון לאַגער כמעט אונטער דער נאָז פון די באַנאַכטיקע וואַך־פּאָסטנס; דערפאַר אָבער, אויב דאָס געלינגט צו מאַכן ניט־באַמערקטערהייט, האָבן מיר פאַרויס אַ לאַנגע „רואיקע" נאַכט צום גיין, גיין און אַוועקגיין אַלץ ווייטער פון לאַגער, אין די וועלדער אַריין. סוף־כל־סוף האָבן מיר זיך געדאַרפט אַנטשליסן, מיט וועלכן פון די פּלענער — דעם באַטאָגיקן אָדער באַנאַכטיקן — צו מאַכן אונדזער ערשטן שפּרונג צו פרייהייט...

איך פערזענלעך האָב געהאַט נאָך אַ פּראָבלעם צו דערליידיקן אידער מיר לאָזן זיך אין וועג, אויף גאַטס באַראָט. אין משך פון די צוויי־אַ־האַלב יאָר

געטאָס און לאַגערן האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל אָנגעשריבענעם מאַטעריאַל, סיי אין פאָרם פון אַ טאָג־בוך, און סיי פון „לידער". אַ טייל פון דעם האָב איך באַהאַלטן אין דווינסק, אין קעלער פון דער געבידע, וואו איך האָב געאַרבעט. דאָ, אין לאַגער, זיינען ניט געווען אַזוינע באַהאַלטענישן, ווייל אונדזער גאַנץ לעבן איז דאָ אָנגעגאַנגען אונטערן פרייען הימל אָדער אין די פּאַפּירענע צעלטן. צום סוף בין איך געפאַלן אויפן פּלאַן אַריינצולייגן דאָס געשריבענע אין פלעשער און איינגראָבן אין דער ערד.

עס רעדט זיך אַזוי לייכט, אַריינצולייגן אין פלעשער און איינגראָבן אין דער ערד! איך און מיין דווינסקער באַקאַנטער נחום פרעסמאַן און נאָך איניקע זיינען עטלעכע טעג „געגאַנגען אויף יאַכט" צום כאַפּן אומבאַמערקטערהייט אַ צענדליק ליידיקע פלעשער פון די דייטשן און אַריבערצוטראָגן אין גאָרטן. דאָ האָט מיר פרעסמאַן געהאָלפן די אָנגעשריבענע פּאַפּירלעך צוזאַמענראָלן, אַריינשטאָפּן אין די פלעשער, און די פלעשער פאַרקאָרקעווען און פאַרשמירן, אַז קיין פייכטקייט זאָל ניט אַריינקומען.

דער לעצטער און שווערסטער אַקט אין באַהאַלטן די מאַנוסקריפּטן איז געווען דאָס איינגראָבן די פלעשער אין דער ערד, אין אַ פּאַסיקן אָרט. פרעסמאַן און נאָך אַ פּאָר אָנפאַרטרויטע פון אונדזער „גאָרטן־קאָמאַנדע" זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, און איך האָב אויסגעגראָבן אַ גרוב צווישן צוויי אַלטע קענטיקע בוימערביים ראַנד פון גאָרטן. דערביי בין איך שיר ניט דורכגעפאַלן, ווען איינער פון אונדזערע שומרים האָט באַמערקט דאָס גראָבן די גרוב. איך האָב אים דרייסט דערקלערט, אַז מיין „גאָרטן־שעף" האָט מיר באַפוילן אויסצופאָרשן, ווי טיף דאָס גרונט־וואַסער געפינט זיך דאָ אין באָדן, און אָט דאָס טו איך איצט. צום גליק, האָט ער ניט באַמערקט די פלעשער, וואָס זיינען געלעגן איניקע טריט ווייטער, באַדעקטע מיט בלעטער. נאָך זיין אַוועקגיין האָב איך שנעל אַריינגעלייגט די פלעשער מיט די כתבי־יד אין גרוב, פאַרשאָטן, פאַר־דעקט פון אויבן מיט בלעטער און אַלס סימן אַרויפגעלייגט אַ גרויסן קענטיקן שטיין.

איך טראַכט איצט אָפטמאָל, פונוואַנען האָט זיך גענומען אונדזער דאַ־מאָלסטיקער אינטערעס און איינגעשפּאַרטקייט צום פאַרצייכענען און צו באַ־האַלטן די נעבעכדיקע כתבים פון אונדזער דאַמאָלסטיקן טרויעריקן לעבן. מען האָט דאַן געוואָלט לעבן, געוואָלט אַריבערלעבן אַלע ענויים, געוואָלט בלייבן לעבן, נאָר טיף אין האַרצן האָט מען קוים געגלויבט, אַז מען וועט קאָנען אויס־האַלטן און בלייבן אַ לעבעדיקער צווישן די ציין און נעגל פון די בלוטדורשטיקע חיות. דערפאַר אפשר איז געווען אַזוי גרויס דער דאַמאָלסטיקער אינטערעס פון מיינע פריינט פרעסמאַן, לעווין, באַבראָוו, מאַרגאָליס, האַמבורגער, שמוש־קאָוויטש, גאָלדבערג און פיל אַנדערע און זייער מסירת־נפש צו באַהאַלטן פאַר

דער וועלט, פאַר דער צוקונפט, מיין דאַמאָלסטיקן טאָג־בוך און אַנדערע כתבים.

— זאָל כאָטש בלייבן אַ זכר פון אונדז, אויב אונדז אליין איז שוין ניט באַשערט צו לעבן, — פלעגן זיי אָפט צו מיר זאָגן, — זאָל די וועלט כאָטש שפּעטער וויסן פון די שריפטן, אַז מיר זיינען געווען אַהער פאַרשלעפּט, אַז מיר האָבן דאָ נאָך געלעבט, געטראַכט און געפילט . . .

מיטן באַהאַלטן די פלעשער מיט די שריפטן אין דער ערד, האָבן מיינע פריינט און איך געפילט טיף אין האַרצן, אַז מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ אומדער־קלערבאַרע וויכטיקע זאַך, וואָס האָט אַ גרויסע מענטשלעכע באַדייטונג. דערביי, ווייזט אויס, האָבן מיר זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, אַז אויב מיר אַלע וועלן אומקומען, וועלן אויך די כתבים בלייבן ליגן אין דער ערד אויף אייביק, אין אומבאַוואוסטקייט און אָן אַ תיקון, פונקט ווי מיר אַליין .

מיר לויפן פון שקלאַפן־לאַגער

אַ טיפע, פינסטערע נאַכט. אַ דראבנער רעגנדל קלאַפּט מאָנאָטאָניש אויף די צעלטן־דעכלעך און רוישט שטיל אין די בלעטער פון דערבייאיקן וועלדל. עס איז אַ געוואוינטשענע נאַכט פאַר אונדז, פאַר די פינף „פאַררעטער“, וואָס לויפן פון פאַפערוואלענער שקלאפן־לאגער.

מיר האבן זיך שטילערהייט ארויסגעגנב'ט פון די צעלטן, און ליגן איצט אויף דער ערד נאָענט צום שטעכלדראַט־צוים, הינטער דער גרויסער לאַטרינע (אויס־טריט־גרוב). מיט אָנגעשפּיצטע אויערן הערן מיר זיך צו צו די מאָנאָטאָנע טריט פון דעם וואַך־פּאָסטן אויף דעם אויסגעטראָטענעם שטעגל אויסלענג דער אויסעלעכער זייט פון צוים. ער גייט צו ביז צום ווינקל פון צוים, גאַר נאָענט צו אונדזערע קערפּערס, וואָס ליגן דאָרט אויסגעצויגן, דרייט זיך אום און גייט ביז צום צווייטן ווינקל. מיר הערן קוים־קוים, ווי זיינע טריט דערווייטערן זיך אויף דעם איינגעטראָמפּלטן זאַמד און בלעטער פון שטעגל.

מיר האָבן צוויי קליינע צוואַנגען. אונדזערע באַוועגונגען זיינען שטילע, אָן געררויש, אויסגערעכנט. מיר קנייפּן איבער די אונטערשטע רייען פון שטעכיקן דראָט. ווי שווער עס איז איצט צו מאַכן אזא איינפאַכע, נישטיקע אַרבעט! שאַ, הערט אויף, דער וועכטער דערנענטערט זיך! מיר דריקן זיך טיפער צו דער ערד און בלייבן ליגן פאַרגליווערט. זיינע טריט דערווייטערן זיך. אין דער פינסטערניש קנייפּן מיר ווידער מיט די צוואַנגען דעם שטעכל־דראָט, צאַרט, לאַנגזאַם, בויגעוודיק, אָן געררויש, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. צום טייוול, ווי געדיכט, שטעכעדיק און האַרט דער דראָט איז! ניט איינצובייסן אים מיטן צוואַנג!

דאַכט זיך, די לאַך אין צוים איז שוין גענוג גרויס. קריכן! ניין, וואַרט, זאָל דער וועכטער קומען און צוריק אוועקגיין! אַך, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט! ווי אַן אײביקייט דויערט עס, ביז דער וועכטער קומט צו נאָענט צו אונדזער ווינקל, דרייט זיך אום, און גייט אויף צוריק.

איינער נאָכן אַנדערן, שנעל און שטיל, קריכן מיר אויף די בייכער דורך דער לאַך אין צוים. דער שטעכיקער דראָט צערייסט און צעבלוטיקט אונדזערע הענט און פּנימער, צעשטעכט און צעקראַצט דורך די קאַצעטישע בגדים אונדזערע לייבער, — נאָר וועמען אַרט עס איצט?! מיר האָבן איצט, אין דעם מאָמענט, בלויז איין גרויסן ציל, וואָס פאַרטושט אַלץ און אַלצדינג, — שטיל און אומבאַמערקטערהייט דערקריכן אויף די בייכער ביז דעם דערבייאיקן וועלדל!

— ליגן בלייבן! שטיל! — אַן ווערטער, נאָר מיט האַנט־אָנרירונג גיבן מיר איבער איינער דעם צווייטן.

דער וועכטער דערנענטערט זיך ווידער און גייט פאַרביי אין דער פינצטערניש ניט מער ווי פינף־זעקס טריט פון אונדז. אין דעם מאָמענט קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז אייגנטלעך, וואָלטן מיר איצט אים געדאַרפט שטילערהייט באַפאַלן, מאַכן אים קאַלט, און צונעמען זיין געווער . . . נאָר איך דערמאָן זיך גלייך, אַז אַזא האַנדלונג אין דער איצטיקער סיטואַציע וואָלט געווען ניט נאָר נאַריש, נאָר צופיל ריזיקירט סיי פאַר אונדז אליין, און סיי פאַר די איבעריקע אין לאַגער . . . איצט דאַרפן מיר נאָר איין זאַך, — פאַרשווינדן אַזוי, אַז ביז אינדערפרי זאָל וועגן אונדז קיין פּיפּס ניט זיין.

דער וועכטער בלייבט שטיין אַ ווייל אויפן ווינקל, און, ווי אונדז דאַכט זיך, קוקט זיך ארום אין דער פינצטערניש. מיטאַמאָל אַ פייף און אַ כאָרכלדיקער, ספּעציפיש דייטשער, אויסגעשריי שניידט דורך די נאַכט־שטילקייט. ווי מיט אַ שאַרפן שפּיציקן מעסער גיט מיר אַ שטאָך אין הארצן, דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, און דערנאָך נעמט עס קלאַפּן משונהדיק־שנעל, ווי עס וואָלט זיך קייקלען באַרג אַראָפּ.

— וואָס איז געשען? האָט מען אונדז באַמערקט? — פרעגן מיר איינער דעם צווייטן אָן ווערטער, נאָר אָנכאַפּנדיק זיך פאַר די הענט.

עס איז גאָרנישט . . . די נאַכט־וועכטער רופן זיך איבער אוןריידן איינער צום אַנדערן. צום ווינקל קומען צו נאָך צוויי וועכטער. זיי צינדן אָן שוועבעלעך, פאַררויכערן ציגאַרעטן און בלייבן אַ ווײַלע ריידן. מיר דאַכט זיך, אַז זייער נאָענטע אונטערהאַלטונג דויערט אַן אייביקייט, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן, און אַז דאָס האַרץ פּויקט אַזוי שטאַרק, אַז זיי וועלן עס דערהערן. מיר דריקן זיך מערער צו דער ערד, און ליגן פלאַך און פאַרגליווערט, ווי טויטע. „גאָט, העלף אונדז, פאַרלאָז אונדז ניט!" — האָבן געשעפּטשעט שטיל מיינע

ליפּן און, איך מיין, אויך די ליפּן פון די איבעריקע; אין אזוינע מאָמענטן דער־מאָנט זיך יעדערער אָן גאָט און זיין הילף...

צום סוף זיינען זיך די וועכטער פונאַנדערגעגאַנגען. מיר הערן, ווי אונ־דזערער דרייט זיך אום, און זיינע טריט דערווייטערן זיך. איצט קריכן מיר אויף די בייכער און אזוי שנעל און ניט אָפּגעשטעלט, אז עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און... מיר קייקלען זיך אַריין אין אַ גראָבן מיט וואַסער. דאָס האָבן מיר דערגרייכט דעם דערבייאיקן וועלדל, אַ פּאָר הונדערט מעטער פון לאַגער. ביים ראַנד פון וועלדל האָבן מיר זיך אָוועקגעזעצט עטוואָס אָפּרוען, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, — דאָ זיינען מיר שוין אויסער דירעקטער געפאַר מצד די לאַגער־וועכטער.

נאָר ווער קאָן איצט לאַנג זיצן? מיר הויבן זיך שנעל אויף און, ווי גע־טראָגענע אויף פליגלען, לאָזן מיר זיך איבערן וועלדל, אין דער געדיכטער פינצטערניש, אָן וועג און שטעג, גראָד צום גרויסן וואַלד צו. מיר גייען איצט דרייסט און אָן צווייפל, און מיר ריידן אפילו צווישן זיך אויפן האַלב־קול, ווייל מיר ווייסן, אַז איצט, בּאַנאַכט, אין וואַלד און אין רעגן, וועט מען קיין לעבעדיקן הונט אפילו ניט טרעפן. מיר טראַכטן ניט און ווילן ניט טראַכטן, וואָס אונדז דערוואַרט אין דער נאָענטער צוקונפט, היינט, אינדערפרי... מיר זיינען איצט פריי, מיר גייען לויט אונדזער אייגענעם ווילן, — און דאָס איז איצט פאַר אונדז אַלץ!

געקומען צו דעם באַשטימטן אָרט אין וואַלד, האָבן מיר גיך־שנעל אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך די קאַצעטישע קליידער און אָנגעטאָן די „מענטשלעכע" בגדים, וואָס זיינען דאָרט געלעגן פאַרשטעקט. אין לעצטן מאָמענט האָבן מיר באַשלאָסן די קאַצעט־בגדים ניט אַוועקצוּוואַרפן דאָ, נאָר מיטנעמען מיט זיך און פּטור ווערן פון זיי אַנדערש־וואו, אין אַ מער זיכערן אָרט, כדי דאָ ניט איבערצולאָזן קיין שפּורן נאָך זיך. איצט האָבן מיר איין אויפגאַבע, — אוועקגיין פון דאַנען וואָס ווייטער, ווייטער! די נאַכט איז קורץ, מען מוז זיך איילן און גיין שנעל, אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו... מיר זיינען ארויס אויף אַ שמאָלן וואַלד־שטעג און זיך געלאָזט צו דער ריכטונג פון שטעטל אוגאַלע, דאָרט וואו אַמאָל האָט גע־לעבט אונדזער איצטיקער „פירער" גערשון יאַקאָבסאָן און וואו ער האָט גע־האַט פיל פריינט צווישן די אָרטיקע פויערים. דאָס האָט געדאַרפט זיין זעכציק־זיבעציק קילאָמעטער פון אונדז, נאָך דורך די וועלדער און זייטיקע וועגלעך — פיל מערער.

דער רעגן האָט אויפגעהערט, נאָר די ביימער און גראָז זיינען געווען נאַס. גאָר גיך זיינען מיר שוין געווען דורכגענעצט פון קאָפּ ביז די פיס. עס האָט געטאָגט, אָבער אין דער געדיכטעניש פון וואַלד איז נאָך געווען גענוג פינצטער. ווען די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט באַלויכטן די ביימער־שפּיצן, פון מזרח־

זייט, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מיר גייען ריכטיק, אין דער געהעריקער ריכטונג. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ פּאָר מינוט צוצובייסן צו אַ פּאָר „סוכאַרעס" (געטריקנטע ברויט־שטיקלעך) און זיך באַראַטן, וואָס ווייטער צו טאָן.

— באַטאָג, אין דער ליכטיקייט, איז אַ ריזיקע צו גיין אפילו אין וואַלד — האָט געזאָגט גערשן. — מאַלע אויף וועמען דו קאָנסט זיך אָנשטויסן, און קיין געווער האָבן מיר ניט . . .

— אָבער מיר ווילן דאָך היינט אַוועקגיין וואָס ווייטער פון לאַגער, — האָט געטענהט באַבראָוו, — מוזן מיר גיין אויך בייטאָג; פאַרשטייט זיך, ניט אַרויסגיין אויף גרעסערע וועגן, און אויסמיידן דערפלעך און וואַלד־שטיבלעך! אָבער בעסער איז, אַז מיר זאָלן גיין . . .

— מען קאָן ניט וויסן, וואָס ס'איז בעסער . . . מעגלעך, אַז ליגן באַטאָג פאַרשטעקט צווישן געדיכטעביימלעך איז בעסער, ווי צו גיין, צו באַווייזן זיך און זיך וואַרפן אין די אויגן . . .

— אָבער די פעלד־זשאַנדאַרמען אין שטאַב האָבן דאָך שפּיר־הינט, — זאָגט וואַספּי, — און זיי וועלן זיכער זיך לאָזן אונדז זוכן אין די אַרומיקע וועלדער. שפּיר־הינט וועלן דיך אויסשמעקן אויך אין דער גרעסטער געדיכטעניש, איז שוין בעסער אפשר צו גיין היינט פאַרויס, ניט בלייבן אַזוי נאָענט?

— און ווייטער, מיינסטו, זיינען ניטאָ קיין זשאַנדאַרמען מיט פּאָליציי־לייט און שפּיר־הינט?

— אָבער דאָך, איז בעסער אַוועקצוגיין וואָס ווייטער פונדאַנען, ניט בלייבן אַזוי נאָענט אויף די הייסע צייַן. איר שטעלט זיך פאָר, וואָס איצט טוט זיך שוין אין לאַגער? וואָס פאַר אַ גערודער דאָרט איז?!

— גיין! לאָמיר גיין!

דאָס וואָרט „לאַגער" האָט געווירקט, ווי אַ בליץ, און האָט אונדז אינסטינקטיוו אַ הויב־געגעבן פון אָרט. גיין אויך באַטאָג, ניט אָפּשטעלן זיך, אַבי וואָס ווייטער אַוועקגיין פון דעם פאַרשאָלטענעם שקלאַפן־לאַגער!

די מסירה און די נקמה

דריי נעכט און צווי טעג האָבן מיר געשפּאַנט איבער די וועלדער אָן שלאָף און אָן אָפּרו, אויב ניט רעכענען די פּאָר שעה, וואָס מיר האָבן זיך צוגעלייגט אויפן צווייטן טאָג. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט פון מידקייט, די פיס האָבן זיך קוים געשלעפּט, און דער גאַנצער קערפּער איז געווען שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. נאָר מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט און געגאַנגען פאָרויס, פאָרויס...

אויפן דריטן טאָג אינדערפרי איז וואָספּי, וואָס האָט געהאַט אַ פּויערשן אויסזען, אריין אין אַ שטיבל, וואָס מיר האָבן געזען פון ווייטן, און געבראַכט אונדז פון דאָרטן אַ האַלבן לאַבן ברויט און אַ טאָפּ מיט זויער־מילך. און דעם זעלבן טאָג, שפּעט נאָכמיטאָג, איז געשען אַזוינס, אויף וואָס מיר האָבן זיך ניט געריכט און וואָס האָט אונדז געטראָפן, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג.

מיר גייען־צו צו אַ קרייצונג פון צוויי וואַלד־וועגלעך, און פּלוצלונג דער־הערן מיר אַ אַ נאָענטע שיסערײ פון אלע זייטן און אַן אויסגעשריי אין דייטש:

— האַלט! שטיין בלייבן! הענדע האָך! (הענט אין דער הויך).

אין איין רגע זיינען מיר שוין אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע פון אַ פּאָר צענדליק דייטשע פּאָליציאַנטן און פעלד־זשאַנדאַרמען מיט אויסגעשטעלטע, צו אונדז געווענדעטע ביקסן.

— ווער זייט איר? וואוהין גייט איר?

עס האָט לאַנג ניט געדויערט זיך צו דערוויסן, ווער מיר זיינען און וואָס מיר טוען דאָ, אין די וועלדער. עס איז קלאָר, מיר זיינען יידן, אַנטלאָפענע פון לאַגער . . . מיט הנאה און צופרידענעם שמייכל האָבן געקוקט אויף אונדז חיהשע פּנימער . . . מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסזעצן אויף דער ערד, אין איין שורה איינער לעבן צווייטן, און ניט רירן זיך פון אָרט. פיר מאַן מיט אויטאָמאַטישע ביקסן און גראַנאַטן זיינען אונדז געבליבן היטן, און די איבעריקע זיינען ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן.

פאַר אונדז איז קלאָר געווען, — אונדזער דריי־טאָגיקע „פרייהייט" האָט זיך פּלוצלונג געענדיקט. מיר זיינען ווידער אין די הענט פון מערדער און חיות. און וואָס וועט מען איצט טאָן מיט אונדז?

— ניטאָ קיין מזל, — האָט זיך שווער אָפּגעזיפצעט גערשן יאַקאָבסאָן, — דער אָנהויב איז געווען גוט. מיר זיינען שוין געווען אָפּגעגאַנגען מער, ווי אַ העלפט וועג . . . און נאַ דיר מיטאַמאָל! . . .

— איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט זיין, — האָט זיך אָפּגערופן וואָספּי, — זיי האָבן אונדז זיכער פאַרמסרט.

— וואָס האָסטו פאַרשטאַנען? ווער האָט פאַרמסרט? וועגן וועמען רעדסטו?

— אָט דאָרט, אין שטיבל, וואו איך בין געווען אַריין. דאָרטן זיינען געזעסן דריי מענער, לעטן, און געקוקט אויף מיר אַזוי מאָדנע, לאַכנדיק. ווער ווייס, ווער זיי זיינען געווען? זיי האָבן געהייסן די באַלעבאָסטע מיר געבן ברויט און זויער־מילך. מסתמא, האָבן זיי אונדז פאַרמסרט . . . און אפשר זיינען זיי אליין שמעקער, אייזסארגס?

— פאַרוואָס האָסטו פריער ניט געזאָגט וועגן דעם?

— וואָס זאָל איך אייך גיין דערציילן און איינשרעקן! איך האָב קיין אַכט ניט געלעגט, אַבי איך האָב געקראָגן ברויט צום עסן . . . און אויב איך וואָלט

יאָ דערציילט, וואָס וואָלטן מיר געקאָנט טאָן? אין דר׳ערד אַריינגיין? לויפן צוריק? . . .

— וואָס הייסט, וואָס וואָלטן מיר געקאָנט טאָן?! — זיינען אַלע אָנגעפאַלן אויף וואָספּין — מיר וואָלטן שוין געזען . . . אפשר וואָלטן מיר זיך באַהאַלטן דאָ גופא . . . אפשר אָפּגעדרייט אַן אַ זייט . . . און אפשר — — — — —

אזוי זיינען מיר געזעסן צוזאַמענגעדריקט אין איין שורה און זיך שטיל גע־האַמפּערט וועגן אונדזער דורכפאַל און נייעם אומגליק. ווי מיר האָבן דאַן באַ־גריפן און ווי עס האָט זיך דערנאָך אויף אַן אמת באַשטעטיקט, האָבן אונדז די לעטן פון וואַלד־הייזל נאָכגעשפּירט און פאַרמאָסרט פאַר דער דייטשער פּאָליציי. די דייטשן אליין האָבן עס אונדז דערציילט און זיך געוואונדערט אויף זייער „לייכטן און שנעלן נצחון״. דערפאַר האָבן די לאָטווישע הינט באַקומען פון זיי פינף פּעקלעך טאַבאַק און צוויי פונט צוקער פאַר זייער פיינער ארבעט — די מסירה אויף יידן.

אָבער פאַר זייער פיינער אַרבעט, פאַר דער מסירה אויף אונדז, האָבן זיי באַקומען שפּעטער אַ באַלוינונג אויך פון מיר, פון מיר פּערזענלעך, פון מיינע אייגענע הענט. איך וויל פאַרענדיקן וועגן זיי, די מוסרים, וואָס האָבן אונדז דאַן באַגראָבן, און דערפאַר „פאַרלויף איך דעם וועג פאָרויס״: איך האָב זיך מיט צוויי פון זיי נאָך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט זיבן־אַכט חדשים שפּעטער, ווינטער. איך האָב זיי באַזוכט אין זייער היים און געמאַכט אַ קורצן חשבון . . .

דאַן בין איך שוין געווען אַליין פון אונדזער איצטיקער פינף־גרופּע. דער־פאַר האָב איך געהאַט נייע חברים — צענדליקער און הונדערטער רוסישע און אויך איניקע יידישע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן דאַן געהאַט אונדזער געמיינ־זאַמע, גרויסע ארבעט, נאָר איך האָב גוט געדענקט אויך מיינע אייגענע און פון מיינע נאָענטע חברים מיר אָנפּאַרטרויטע חשבונות און פליכטן. איך האָב גע־דענקט און געוואַרט אויפן טאָג פון נקמה.

צוזאַמען מיט מיין רוסישן חבר סעמיאָן און יידישן ווילטשיק (אַ ייד פון ווילנע) האָבן מיר דאַן מיט גרויס שוועריקייטן אויסגעזוכט אין די וועלדער דאָס שטיבל פון די מוסרים און, אָנגעטאָנענע אין דייטשע מונדירן, האָבן מיר זיך פאַרשטעלט פאַר דייטשע פּאָליציי־לייט, וואָס זיינען געקומען בעטן זייער הילף און מיטאַרבעט. מיר האָבן געפונען אין הויז אַ פאָטער, אַ זון, צוויי פרויען און איניקע קינדער. איך האָב דערקלערט די מענער, אז אַ דאנק זייער הילף האָבן „מיר״ שוין איין מאָל געכאַפּט פינף אַנטלאָפענע יידן, און איצט ווילן מיר ווידער זייער מיטהילף. אָט די פראָבע־ווערטער האָבן גוט געווירקט: איך האָב זיך איבערצייגט שוואַרץ אויף ווייס אַז דאָס איז טאַקע די זעלבע משפּחהלע, וואָס האָט אונדז אַמאָל אַזוי פיין צוגעדינט. זיי זיינען געווען גרייט אויך איצט

"אונדז, די דייטשן" מיטצוהעלפן צו כאַפּן יידן און טאָן וואָס נאָר מען דאַרף.

מער ווי דאָס האָבן מיר ניט געדאַרפט . . . עס איז זיי פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען איך האָב געמעלדעט, ווער מיר זיינען אויף אַן אמתן, און אז איך בין איינער פון די פינף יידן, וואָס די דייטשן האָבן אַמאָל געכאַפּט אין די וועלדער, אַ דאַנק זייער נידערטרעכטיקער מסירה. הייסט עס, זיינען זיי עס די פאַרקויפטע נשמות, נידעריקע מוסרים, שמעקער און שפּיאָנעס פאַר די דייטשן! . . . איך שטעל זיך פאָר, אַז מענטשן אין זייער דאַמאָלסטיקער סיטואַציע זיינען ווייט ניט גליקלעך און קאָנען קיין גוטס ניט דערוואַרטן. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טרערן, געשרייען, פאַלעניש אויף די קני און רופעניש צו גאָט . . . נקמה, די הייליקע נקמה, איז דאַן געווען שטאַרקער און העכער פון אַלץ.

צוערשט האָבן מיר געוואָלט אויסשיסן די גאַנצע משפּחהלע, מיט די צוויי פרויען און קינדער. נאָר מיין יידישע האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטן, און מיר האָבן די פרויען מיט די קינדער געלאָזן צורו. די צוויי מענער האָבן מיר אַרויס־געפירט פון שטוב און דערשאָסן. לײדער, דער צווייטער זון, וואָס איז אויך געווען אַן „אייזסאַרג" און שפּיאָן פאַר די דייטשן, האָבן מיר דאַן אין שטוב ניט געפונען, און ער האָט דאַן אויסגעמיטן זיין שטראָף. דערפאַר האָבן מיר געהייסן די פרויען מיט די קינדער זיך שנעל אַנטאָן און גיין צו די שכנים, און מיר האָבן אונטערגעצונדן דאָס הייזל. אין דער זעלבער דאַמאָלסטיקער ווינטער־נאַכט האָבן מיר, די דריי נקמה־נעמער, געמאַכט אַ לאַנגן־לאַנגן מאַרש איבער וועלדער און זומפּן, און אונדזער שפּור איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

אָט אַזוי איז געווען נאָכדעם, שפּעטער, אין דער צייט פון מיין פּאַרטיזאַנער־לעבן און בלוטיקער אָפּרעכענונג. ווי איר וועט שפּעטער אליין פאַרשטיין, איז אין דעם ניט געלעגן קיין נידערטרעכטיקייט, קיין פאַרברעכערישקייט. דאָס איז געווען גערעכטע נקמה . . .

דערווײלע האָבן די דייטשע זשאַנדאַרמען פון אונדז קיין אויג ניט אַראָפּגע־נומען, און מיר זיינען געזעסן און געטראַכט וועגן דעם ערגסטן, וואָס עס דער־וואַרט אונדז. וואָס קאָן מען טאָן מיט אונדז, אויב ניט הענגען אָדער שיסן? וועט מען עס טאָן דאָ גופא, אין וואַלד, אָדער מען וועט אונדז טרייבן אַנדערש־וואו? וואָס וואַרטן זיי, וואָס האַלט מען אונדז דאָ אַזוי לאַנג? איך בין געווען אַנטשלאָסן צו לויפן ביי דער ערשטער געלעגנהייט, זיך ניט לאָזן פירן צו דער גרוב, ווי אַ שעפּס, און דאָרט דערשאָסן ווערן . . . זאָל מען מיר שיסן פון הינטן, אַ לויפנדיקן . . .

עס האָט אָבער זיך אַרויסגעוויזן, אַז דערווייל גייט מען אונדז נאָך ניט שיסן. פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ גרופּע באַוואָפנטע „אייזסארגס" (לאַטווישע געהילפס־פּאָליציי), אונדז איבערגענומען אין זייער רשות און אַוועקגעפירט

אין אַ דערבייאיקן דערפל. דאָרט האָט מען אונדז איינגעשפּאַרט אין אַ ספּעציע־לער שטוב, וואָס האָט געדינט ווי אַ דאָרפס־טורמע, און שטרענג באַוואַכט די גאַנצע נאַכט. אַלע אונדזערע זאַכן און די מעסערס, וואָס מיר האָבן זיך געהאַט איינגעשאַפט, האָט מען פון אונדז צוגענומען. אינדערפרי איז געקומען די זעלבע גרופּע „אייזאַרגס" און געמעלדעט, אַז מען טרייבט אונדז צוריק אין לאַגער פּאַפּערוואַלן. איינער פון די אייזאַרגס האָט געקענט גערשנען פון אַמאָל, און ער האָט אונדז געטרייסט, אַז איצט, ווייזט אויס, שיסט מען שוין מער ניט קיין יידן; ווען יאָ, וואָלטן אונדז די דייטשן דערשאָסן אויפן אָרט אָן שאלות־ומענות; נאָר זיי האָבן עס ניט געטאָן; מען שיסט ניט מער, ווייל מען דאַרף אַלע גע־זונטע יידן האָבן אין דייטשלאַנד, אויף אַרבעט . . .

פאַרשטייט זיך, ביי אונדז האָט ער לייכט געפּועלט אויף אַזאַ הנחה. נאָך צוויי טעג טרייבן אונדז מיט גרויסן וועג, זיינען מיר הינקעדיקע און שרעקלעך אויסגעמאַטערטע אָנגעקומען צוריק אין פּאַפּערוואַלנער לאַגער. די אייזאַרגס האָבן אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון לאַגער־קאָמאַנדאַנט און זיינע גע־הילפן, און האָבן באַקומען אַ צעטל, אַז די פינף פאַרברעכער זיינען צוגעשטעלט געוואָרן אין אָרדנונג.

מיר ווערן באַשטראָפט; מיר ווערן זעברעס.

פאַרן לויפן פון לאַגער האָט מען אונדז דאַן ניט דערשאָסן און ניט אויפ־געהאַנגען. נאָר פרייט זיך ניט צו־פרי און מיינט ניט, אַז מיר זיינען אָפּגעקומען אָן אַ שטראָף. פאַרן לויפן פון שקלאַפן־לאַגער (און ניט אַזוי פאַרן אַנטלויפן, ווי פאַרן אַריינפאַלן . . .) מוז מען באַשטראָפט ווערן בפני כל עם ועדה, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַזוי שטרענג און אָפּשרעקנדיק, אַז אַלע זאָלן זען, און מורא האָבן, און ניט וועלן נאָכטאָן אַזוינע נאַרישע זאַכן.

נאָר וואָס זאָל איך אייך גיין מאַטערן מיט נייע דערציילונגען וועגן שלאָ־געריייען, מכת־רצח, שמייסעניש און אַנדערע סאַדיסטישע אכזריותן? און אויב דאָס מאָל בין איך אַליין, איך בכבודי ועבצמי, אויך געווען צווישן די, וועלכע מען האָט געממיתטט, אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, און ווידער געממיתטט, — איז וואָס? וואָס איז דען אַזוי גרויס דער יחוס פון מיר גופא, און מיט וואָס בין איך אַנדערש פון אַלע אַנדערע? די זון האָט זיך צוליב מיר ניט אויסגעלאָשן, און די פייגלען האָבן ניט אויפגעהערט צו זינגען . . . די קלעפּ און די ברענענדיקע שמיץ האָב איך געפילט פּונקט אַזוי, ווי אַנדערע האָבן עס געפילט, און פּונקט אַזוי, ווי איר, להבדיל, וואָלט עס געפילט, ווען איר וואָלט, חס וחלילה, זוכה געווען צו דעם.

ניין, וועגן מיינע קלעפּ און מיינע שמיץ מיט די איבעריקע צודאַטן וועל איך אייך ניט דערציילן. איך שעם זיך גאָר... איך וועל אייך נאָר שטעלן אַ פּאָר פראַגעס.

געדענקט איר, אַז ריידנדיק וועגן קלעפּ, שלאָגערייען און שמיץ־באַשטראָפונגען, האָב איך פריער באַנוצט דעם אויסדרוק „ביז איך האָב עס אַליין דערפילט אויף מיין אייגענער פעל"? אַט געמיינט האָב איך עס טאַקע דעם מאָמענט, איצט, ווען איך האָב עס באמת דערפילט, און נאָך ווי דערפילט, אויף מיין אייגענער פעל . . . און געדענקט איר, ווי צעהרגעט־צעממיתט עס איז געוואָרן אַ גרופּע וואַסער־טרעגער, ווי מען האָט זיי אָפּגעטשוכעט מיט קאַלטן וואַסער, דערנאָך געגעבן די אָפּיציעלע פּאָרציע שמיץ און ווידער געטשוכעט מיט וואַסער? איך קאָן אייך ניט גאַראַנטירן, צי די זעלבע אָדער אַנדערע שלעגער האָבן איצט באַאַרבעט אויך מיך און מיינע פיר חברים, נאָר די טעכניק און די אַכזריות פון שלאָגן און דער ווייטיק פון קריגן צוערשט די בלוטיקע אומאָפּיציעלע קלעפּ און דערנאָך די אָפּיציעלע שמיץ, זיינען געווען איצט ביי אונדז די זעלבע ווי דאַן ביי די וואַסער־טרעגער.

אמת, עס איז געווען אויך אַן אונטערשייד. דאַן האָבן זיי באַקומען „בלויז" צו פינף־און־צוואַנציק שמיץ, מיר אָבער האָבן איצט באַקומען צו פופציק שמיץ: איין טאָג פינף־און־צוואַנציק, און אויף מאָרגן ווידער פינף־און־צוואַנציק, ווייל ווי דאָקטוירים מיינען, איז פּאַר אַ מענטשן, און אפילו פאַר אַ יידן, אַ ביסל צו־שווער אויסצוהאַלטן פופציק נאַצישע שמיץ מיטאַמאָל און נאָך בלייבן לעבן דערצו. און חוץ־דעם איז געווען נאָך אַן אונטערשייד: דאַן האָבן זיי, די וואַסער־טרעגער געקראָגן די בלוטיקע קלעפּ און שמיץ מיט דער קאַלט־וואַסער־אָפּ־טשוכעניש און מיטן שרעקלעכן ברענענדיקן ווייטיק אויפן גאַנצן צעביילטן און צעפּאַסעוועטן קערפּער, און מיר האָבן געמוזט שטיין און צוקוקן און האָבן האַרץ־ווייטיק; איצט, פאַרקערט, האָב איך און מיינע פיר חברים דאָס אַלץ געהאַט אויף די אייגענע קערפּערס און אַנדערע האָבן געמוזט שטיין און צו־קוקן און האָבן האַרץ־ווייטיק. דער אונטערשייד איז אפשר ניט אַזוי גרויס, ביז... עס קומט צו דער אייגענער פעל; דאַן טוט עס אַ ביסל מער וויי.

דאָס, וואָס איך קאָן אייך יאָ פאַרזיכערן, איז, אַז איך האָב דאַן ניט גע־לאַכט, און אויך ניט געטראַכט פון דעם, אַז איך וועל נאָך קאָנען אייך „פאַר־שאַפן דעם פאַרגעניגן" צו לייענען וועגן אַזוינע פיינע זאַכן . . .

און וואָס נאָך האָב איך דאַן געזאָגט וועגן די וואַסער־טרעגער? אַז . . . זיי זיינען געזונט געוואָרן . . . פון אַזוינע „קלייניקייטן" איז מען דאַן ניט גע־שטאָרבן, דער טיוול האָט ניט גענומען . . . פונקט דאָס זעלבע קאָנט איר איצט זאָגן וועגן מיר, און אפילו נאָך מערער: מען איז פון פופציק שמיץ מיט נאָך

אַנדערע דאָפּלטע צוגאָבן און „קליינינקייטן" אויך ניט געשטאָרבן . . . אַ ראַיה האָט איר, אַז איך לעב נאָך.

פון דאַן אָן האָט די לאַגער־מאַכט געקוקט אויף אונדז פינף, ווי אויף גע־פערלעכע, אויסעראָרדנטלעכע פאַרברעכער. מען האָט באַפּאָרבן אונדזערע „נייע" בגדים מיט אויסערגעוויינלעך ברייטע און בונטע פּאַסן, און חוץ־דעם האָט מען אויסגעמאָלט אויפן רוקן און ברוסט ספּעציפישע בונטע, ווייס־רויטע קרייזן, כדי אונדז, די געפערלעכסטע פאַרברעכער, אויסצוטיילן פון די איבעריקע, איינפאַכע פאַרברעכער.

נאָר מער פון אונדז אַלעמען האָט, נעבעך, געליטן גערשן. מיט זיין הויכער, ברייטער פיגור, מיטן גלאַנציקן פליך איבערן גאַנצן קאָפּ און דערצו נאָך מיט די בונטע קרייזן, פלעגט ער זיך אויסטיילן פונוויטן, און ווי נאָר דער קאָמאַנ־דאַנט פלעגט פאַרבייגיין אויפן אַפּעל אונדזערע רייען, פלעגט ער אים גלייך באַ־מערקן און אַרויסרופן צו זיך אים און אונדז, די איבעריקע פיר. דאָ פלעגט ער אונדז פאַרלייענען איינע פון זיינע מוסר־לעקציעס און דערצו אילוסטרירן מיט טרוקענע קלעפּ:

— דו, פאַרפלוכטער יודע יאַקאָבסאָן, דו ביסט דער פירער פון דער באַנדע! . . . ווי וואַגסטו אַזוינס צו טאָן? . . . עס גייט אייך צו גוט ביי אונדז, אייך, גאָט־פאַרשאָלטענע ברידער, אייך דרעק־יודען, אייך שווייַן־הונט־פאָלק, אייך שמאַראָצערס, אייך . . . אייך . . . פאַרדאַמט נאָך אַ מאָל! עס איז אייך צו גוט ביי אונדז, און דעריבער זייט איר אַזוי פרעך און ווילט נאָך אַנטלויפן פון אונדזער לאַגער! . . . נאַ, וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר, דו מיסט־יודע יאַקאָבסאָן?! דערשיסן דאַרף איך דיך און דיינע מיטשלעפּער, ווי קרעציקע הינט, נאָר עס איז אַ שאָד די קוילן . . נאַ, דאָ האָסטו (אַ פּאַטש)! נאַ, דאָ האָסטו (אַ כמייל)! וואָרט־מאָל, יונגע, איך וועל שוין מאַכן מיט דיר און מיט אייך אַלעמען אָרד־נונג! . . . אַוועק! פאַרשווינדט פון מיינע אויגן!

אויף מאָרגן פלעגט פאָרקומען דאָס זעלבע, אויף איבערמאָרגן ווידער, און אַזוי ביז צולעצט, ביז . . . אונדזער צווייטן אַנטלויפן.

אין לאַגער האָט מען געקוקט אויף אונדז, ווי אויף מצורעים. אין דער אַנוועזנהייט פון אַ דייטשן, אָדער אפילו שיינבערגן, פלעגט מען ניט וואָגן צו־צוגיין צו אונדז אָדער ריידן אַ וואָרט. מען קאָן נאָך חושד זיין, אַז מען פריינדלט זיך מיט „זיי", מיט די וואָס טראָגן בונטע קרייזן און, וואָס קריגן יעדן פרי־מאָרגן אַ לעקציע מיט אַ פאַרציע קלעפּ . . . אָבער, מערקווירדיק, ווי צעבראָכן און צעמזיקט אונדזערע קערפּערס זיינען ניט געווען, איז אונדזער מוט ניט געווען געבראָכן. דער ווילן און אַנטשלאָסנקייט צו לויפן נאָך אַמאָל איז אויף אַ מינוט ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין יעדן פאַל, אַזוי האָב איך געפילט, און, איך מיין, אויך די איבעריקע פיר. מיר האָבן נאָר געוואָלט אַ ביסל קומען

צו זיך, לאָזן עטוואָס פאַרהיילן די אויפגעפלאַצטע הויט און די שרעקלעכע אייטערדיקע וואונדן אויף אונדזערע קערפערס. די דריי־טאָגיקע פאַרזוכטע פרייהייט האָט אונדז גערופן און געלאָקט אין די וועלדער אַריין . . .

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט נערוועזע, אומרואיקע טעג אין אונדזער לעבן. עס קומען אָן קלאַנגען, אַז די דייטשן ליקווידירן מערערע לאַגערן און אַרבעטס־פּלעצער, און די יידן טראַנספּאָרטירט מען אָפּ קיין דייטשלאַנד . . . מען זאָגט, אַז די רוסן זיינען שוין נאָענט, פיל נענטער, ווי די דייטשע צייטונגען באַריכטן . . . מען רעדט, אז דאָרט, וואו די דייטשן באַוויזן ניט אָפּצו־טראַנספּאָרטירן די יידן, פאַרניכטעט מען זיי אויפן אָרט . . . און וואָס וועט דאָ זיין, מיט אונדז? . . .

דער קאָמאַנדאַנט האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אלע מענער זאָלן זיך לאָזן אָפּשערן די האָר קורץ, מיט אַ מאַשינקע, און אינמיטן קאָפּ זאָל ווערן אויסגעגאָלט אַ ברייטער פּאַס, פון שטערן אָן ביז אַראָפּ אויף הינטן. אונדזערע לאַגער־שערער ווערן צעזעצט, שערנדיק די קעפּ און אויסראַזירנדיק די פּאַסן. און מיטאַמאָל קומט אַראָפּ אַ גרויסער טראַנספּאָרט פון ספּעציעלע געשטרייפטע־אַרעסטאַנטישע קליידער און לייוונט־הילצערנע שיך פאַר אונדז אָנצוטאָן. אַ באַפעל פון לאַגער־קאָמאַנדאַנט, — און מיר גיבן אָפּ אונדזערע אלטע באַפּאַר־בענע רעקלעך און הויזן און ציען ארויף אויף זיך די שפּאָגעל־נייע, באַוולנע אַרעסטאַנטן־קליידער. מיר טייטשן עס אויס, אַז איצט האַלט מען אונדז נאָך „טייערער" ווי פריער, מען מאַכט אונדז נאָך קענטיקער און מערקבאַרער צווישן די איבעריקע איינפאַכע בשר־ודמס, אז עס דערנענטערן זיך ענדערונגען, און גאָר גרויסע ענדערונגען, — נאָר . . . ווער ווייס, וואָס מיט אונדז וועט זיין?

אונדז, אָנגעטאָענע אין די געשטרייפטע (פּאַסקעוואַטע) אַרעסטאַנטן־קליידער, האָבן די דייטשן גערופן „זעברעס" (ווייל די חיות זעברעס האָבן געשטרייפטע פעלן). קיין אַנדער נאָמען ווי זעברעס האָבן מיר ניט געהאַט. אזוי ווי „זעברעס" זיינען דאַן אין לאַגער געווען זייער „אין מאָדע", און איך האָב ניט געקאָנט קומען אויף אונדזער אַ „ליטעראַרישן אָוונט" אָן אַ נייער שאַפונג, האָב איך דאַן אָנגעשריבן אַ זעברע־ליד און מיטגעבראַכט אויף איינעם פון די אָוונטן (כאָטש, אוי־ווי! עס האָט מיר געפייערט דער גאַנצער קערפער און עס זיינען מיר דאַן ניט אָנגעגאַנגען קיין „ליטעראַרישע שאַפונגען"!) עלקע לאַקוס, דער „אַלטער" לאַגער־זינגער, האָט צוגעפּאַסט אַ מאָטיוו פון רוסישע „טשאַסטושקעס" (קאָמישע און אָפּלאַכערישע פאָלקס־לידלעך), און דער עולם האָט עס געזונגען און הנאה־געהאַט.

אָט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אין דעם דאַמאָלסט „מאָדערנעם שלאַגער", אין דעם זעברע־ליד:

זעברעס*

ווייט אין אַפריקע דער ווילדער,
וואו קולטור איז פרעמד און ניי,
לעבן זעברעס, חיות מילדע,
לויפן, שפרינגען פראַנק־און־פריי.

אין אייראָפּע־לאַנד, געבענטשטן
מיט קולטור שוין דורות־לאַנג,
לעבן מיר, די „זעברע־מענטשן",
אין לאַגערם פינצטערע פאַרשפּאַרט.

האָבן זעברעס דאָך אַ גלאַטע,
בונט־געשטרייפטע, שיינע פעל,
זעברע־קליידער פּאַסקעוואַטע
טראָגן מיר דאָ, לויט באַפעל.

רופט מען אונדז מיט זעברע־נעמען,
כאָטש מיר זיינען הפקר־הינט.
מען קאָן אין אונדז אויך לייכט דערקענען
אַרבעטס־פערד און שחיטה־רינד.

ווילט איר, זעברעס, מיט אונדז בייטן
אין אַ מזלדיקער שעה?
פאָרן מיר אין לאַנד אין ווייטן,
און איר קומט אַריבער דאָ!

דאָ וועט איר זיך שנעל באַקענען
מיט דער מענטשלעכער נאַטור.
אפשר ווילט איר אויך באַנעמען
„ניי־אייראָפּעס" גייסט, קולטור?

איר וועט זען, ווי וועלט פאַרשקלאַפטע
טרעט דער נאַצי מיט די פיס;
ווי זיין מלחמה שווידערהאַפטע
האָט געמאַכט אַלץ טויט און וויסט!

---

*) צוליב די אַרעסטאַנטישע געשטרייפטע (שוואַרץ־ווייסע) קליידער, וואָס מען האָט אָנ־געטאָן די לאַגער־יידן אין 1943, האָבן די דייטשן זיי גערופן „זעברעס", ווייל זעברעס האָבן געשטרייפטע פעלן.

זאָגט, צי הערשט ביי אייך אין וועלדער
ראַסן־שנאה, מאַסן־מאָרד ?
האָט איר דאָרט אויך קינדער־מערדער
ווי ביי אונדז פון העכסטן סאָרט ?

איר, די חיות, שטייט דאָך העכער
פון דעם „ניי־אייראָפּע״־מענטש :
ער איז בלוטיקער פאַרברעכער,
איר נאָר קעמפט פאַר עקזיסטענץ !

קומט צו אונדז, זשע, זעברעס, גיבער !
איר זייט גאָרניט אַזוי שלעכט.
מענטשן וועלן פון אייך זיכער
לערנען עטוואָס גוטס און רעכטס !...

(געשריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאַפּערוואַלן־דונדאגא, מאי 1944)



אַ לאַגער־ייד אין געשטרייפטע אַרעסטאַנטישע קליידער.
(ער איז אַ רב פון ליטע).

„זייט זיך מודה, פאַרפלוכטע יודן־באַנדע"!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער לאַגער אין פּאָפּערוואַלן איז צו ענג, צו־קליין. פרילינג האָט מען גענומען בויען אַ נייעם גאָר גרויסן לאַגער, דריי־פיר קילאָמעטער ווייטער. אַ טייל יידן האָבן דאָרט שטענדיק געאַרבעט, און לעצטנס פלעגן זיי דאָרט בלייבן אויך נעכטיקן. מיטאַמאָל האָט מען זיי אַראָפּגעבראַכט צוריק אין אַלטן לאַגער, מען האָט אָפּגעשטעלט אלע בוי־אַרבעטן, און מיר האָבן דערשפּירט בחוש, אז מיר לעבן דאָ געציילטע טעג, און אפשר געציילטע שעה'ן.

פון אָוונט, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון דער ארבעט, האָב איך שוין פונווייטן דערזען צעשראָקענע פּנימער און צעטומלטקייט פון מערערע יידן. וואָס איז געשען, וואָס איז מען אַזוי צעטראָגען? ווייזט זיך ארויס, אין לאַגער איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע פון הויכע עסעס־לייט פון שטאָב און פון אנדערש־וואו, מען מאַכט אַ רעוויזיע, מען זוכט אין די צעלטן, מען ציילט און . . . ווער ווייס וואָס נאָך?

ווען אלע זיינען געקומען פון די אַרבעטס־פּלעצער, האָט מען אונדז אויסגע־שטעלט אויפן אַפּעל, און פאַר אונדז האָבן זיך באַוויזן בלאַנקעדיקע אָפיצערן און אונטעראָפיצערן פן עס־עס, די העכערע שעפן פון דער בוי־לייטונג און דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט. מען האָט אונדז עטלעכע מאָל געציילט און איבער־געציילט, איבערגערופן מיט די נעמען, און . . . ניט געגלויבט זיך אליין, אַז אלע זיינען דאָ. מיר האָבן בכלל ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, וואָס און וועמען זוכט מען אזוי, ביז פון דער „קאָמיסיע" האָט זיך ארויסגערוקט אַן אָפיצער און זיך געווענדעט צו אונדז בזה הלשון:

— . . . מיר ווייסן גאַנץ גוט, אז איר האָט אין לאַגער אַ באַהאַלטענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, מיט וועלכן איר נעמט אויף און גיט איבער ידיעות די רוסן. מיר ווייסן עס . . . מיר ווייסן אויך, אז די הויפּט־פאַרברעכער האָבן געפּרואווט אנטלויפן פון לאַגער, נאָר, ווי איך זע, איז זיי דאָס ניט געלונגען. זייט זיך בעסער מודה מיט גוטן, וואו ליגט דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט באַהאַלטן . . . ווען מיר וועלן עס אליין געפינען, וועט זיין ערגער . . . זייט זיך בעסער מודה! . . . איך גיב אייך פינף מינוט צייט זיך צו באַראַטן און אויסזאָגן, אין וועלכן צעלט איז דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט פאַרשטעקט . . .

מיר זיינען אלע געשטאַנען פאַרחידושט און מיט אָפענע מיילער זיך צוגע־הערט צו די רייד פון דעם שיינעם עלטערן אָפיצער מיט אן אינטעליגענטן פּנים פון אַ לערער אָדער גלח. ער האָט גערעדט רואיק און איבערצייגנדיק, און אַלע זיינע באַגלייטער זיינען אויך געשטאַנען מיט ערנסטע פּנימער און, ווייזט אויס, געגלויבט באמונה שלימה אין דעם אמת פון זיינע באַהויפּטונגען.

— שיינבערגער, — האָט זיך דער אָפיצער צולעצט געווענדעט צו אונדזער לאַגער־עלטסטן — איר ווייסט זיכער אויך וועגן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און וועגן אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. בלייבט אויף אַ ווײַלע מיט אייערע ברידער, באַטראַכט זיך און זייט זיך אין אַלצדינג מודה . . . איך ראָט אײַך אַזוי צו טאָן, ווײַל דאָס וועט זיין בעסער פאַר אײַך, שיינבערגער, און פאַר אײַך אַלעמען . . . ווען ניט וועט זיין שלעכט, זייער שלעכט פאַר אײַך אַלעמען... פאָלגט מיר, זאָגט אויס דעם אמת און גיט אונדז אָפּ דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

ווי טראַגיש און פאַרצווייפלט אונדזער אַלעמענס לאַגע איז ניט געווען אין דעם מאָמענט, האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון אַ שטילן געלעכטער, זעענדיק שיינבערגערס צעשראָקענעם פּנים און זיין פאַרוואונדערונג, אַז אויך אויף אים, אויף דעם טרייען און איבערגעגעבענעם לאַגער־עלטסטן, קאָן פאַלן אַזאַ חשד און אומצוטרוי. ווי אַ מויז אין פאַסטקע האָט זיך געוואָרפן שיינבערגער הין־און־הער, זיך געשושקעט מיט זיינע פאָליציאַנטן און מקורבים, געקוקט אויף יעדערן פון אונדז מיט אויגן, וואָס האָבן זיך געבעטן רחמים: . . . גוואַלט, זייט זיך מודה, גזלנים! זאָגט אויס און ... מאַכט מיך ניט אומגליקלעך! איר הערט דאָך, וואָס זיי טראַכטן וועגן מיר, און . . . איך קאָן ניט צושטעלן קיין שולדיקע . . .

נאָר ניט געקוקט אויף די דראָאונגען און אויף די שיינע רייד, האָבן מיר „באַשלאָסן" זיך ניט מודה צו זיין. מיר האָבן אַזוי געטאָן דערפאַר, ווייל גאַנץ פּשוט — מיר האָבן ניט געהאַט און ניט געוואוסט אין וואָס זיך מודה צו זיין... ווייל דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט מיטן גאַנצן טאַראַראַם איז געווען אַן אויסגעטראַכטע באָבע־מעשה פון איינעם אַ שיכורן עסעס־שאַרפירער, וואָס האָט געהערט אין זיין ראַדיאָ עפּעס „געהיימניספולע" קלאַנגען, וואָס זיינען געקומען פון דעם „יודען־לאַגער" . . . און אויף די „פאַרפלוכטע יודען" איז אַלץ צו גלויבן, — זיי האָבן זיכער אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין לאַגער און שטייען אין פאַרבינדונג מיט די רוסן . . . ווער דען איז שולדיק אין די אַלע דייטשע צרות, אויב ניט די יידן? און ווער דען איז נאָך מער שולדיק אין די לעצטע גרויסע קלעפּ, וואָס די דייטשן קריגן אויפן רוסישן פראָנט, אויב ניט די עטלעכע הונדערט „פאַר־פלוכטע יודען", וואָס זיינען איינגעשפּאַרט אין פאָפּערוואַלענער לאַגער? . . . עס איז דאָך אַ כלל גמור, אַז יידן זיינען אַלעמאָל, אומעטום און אין יעדער זאַך שולדיק, — און אויף דעם גרונט האָט זיך איצט געבויט די ראַדיאָ־באַשולדיקונג און די „אויספאָרשונג" אין אונדזער לאַגער.

אַ שוידערהאַפטע בלוטיקע נאַכט האָבן מיר דורכגעלעבט, — די לעצטע נאַכט אין פאָפּערוואַלן. צענדליקער עסעס־לייט האָבן די גאַנצע נאַכט געזוכט און גענישטערט אין די צעלטן, זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצע נאַכט אין לאַגער, טעראָריזירט, געשלאָגן, אַרומגעיאָגט. שיינבערגערן און אַ פּאָר לאַגער־פּאָ־

ליציאַנטן האָט מען צוערשט גוט צעשלאָגן און „צורעכטגעמאַכט" אין זייער צעלט, וואו מען האָט זיי אויסגעפאַרשט און פאַרלאַנגט, אז זיי זאָלן זיך מודה־זיין, און דערנאָך האָט מען זיי אַרעסטירט און איינגעשפּאַרט אין אַ קאַמערל אין קאָמענדאַנטס באַראַק. דער „קיכן־שעף" רודי און נאָך אַ פּאָר לאַגער־אָרדנער זיינען די נאַכט עפּעס ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן געוואָרן, — מיר האָבן ניט געוואוסט, צי זיי זענען אַנטלאָפן, צי מ'האָט זיי אַוועקגעפּטרט . . . גאַנץ אינדערפרי, נאָך פּאַר זון־אויפגאַנג, האָט זיך דערהערט אַ באַפעל — אלע אָן אויסנאַם, מענער און פרויען, געזונטע און קראַנקע, זאָלן זיך אויסשטעלן אויפן פּלאַץ צום אַפּעל.

עס האט זיך באַוויזן די זעלבע נעכטיקע „אויספאַרשונגס־קאָמיסיע", נאָר איצט, נאָך אַ נאַכטיקן הוליענען, זיינען זיי געווען גרעסטנטייל האַלב־שיכור. בראש איז געגאַנגען מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט דער דערפינדערישער שאַרפירער, וואָס האָט געהערט אין זיין ראַדיאָ די סודות'פולע קלאַנגען פון אונדזער לאַגער, און נאָך אייניקע עס־עס־לייט. הינטער זיי זיינען געגאַנגען די אינזשיניערן און אָנפירער פון דער בוי־אונטערנעמונג, אויך מיט רעוואָלווערן אין די הענט. איך האָב געקוקט אויף זיי, אויף די ציווילע און האַלב־ציווילע לייט, וואָס אַמאָל, דאַכט זיך, האָבן זיי געשיינט צו זיין רואיקע, נאָרמאַלע, ציוויליזירטע מענטשן, נאר איצט, געגן אונדז, זיינען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די זעלביקע מערדער און חיות, ווי זייערע עס־עס־חברים. ווי גיך אַ מענטש, אָדער בעסער געזאָגט, אַ דייטש, קאָן זיך עס איבערבייטן און בין־לילה ווערן אַן אומ־מענטש, אַ בעסטיע!... נעכטן זיינען מיר נאָך געווען זייערע אַרבעטער, זיי האָבן אונדז געגעבן רואיקע באַפעלן און אויפקלערונגען, מיר האָבן עס אויסגעפירט, און היינט — די זעלביקע „ציוויליזירטע" מענטשן און בוי־פאַכלייט גייען אונדז שיסן... ווי מאָדנע דעם מענטשנס נאַטור איז, ווי קאָן מען עס פאַרשטייען?... וואו איז דער גרעניץ צווישן ציוויליזירטן מענטשן און בלינדער בלוט־דורשטיקער חיה?...

דער שאַרפירער מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט האט אַרויסגענומען אַ זייגער פון קעשענע און זיך געווענדעט צו אונדז, אויסגעשטעלטע אין צוויי רייען:

— איר, פאַרפלוכטע צרות־מאַכער, וואָס ווילט אונדז אונטערגראָבן! . . . איר גייט נאָך האָבן אַ ראַדיאָ אין אייער פאַרפלוכטן יודן־לאַגער! . . . איר שיקט ידיעות צו די רוסן! . . . איך גיב אייך צוויי מינוט צייט: זאָגט אויס, וואו דער ראַדיאָ איז באַהאַלטן! ווען ניט, שיסן מיר אייך אַלעמען אויס, אָט אַזוי פון ערשטן, נאָך דער ריי . . . זאָגט אויס, וואו דער ראַדיאָ איז! איר ווייסט ניט? איך הויב אָן . . . איינס, צוויי, דריי . . .

און אזוי ריידנדיק, האָט ער צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צום נאַקן פון

דעם ערשטן אין דער פאָדערשטער ריי, עס האָט געהילכט אַ שאָס, און אַ מענטש, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים, האָט אַ פאַל געגעבן מיטן פּנים צו דער ערד, ניט ארויסלאָזנדיק אפילו קיין געשריי. אינסטינקטיוו האָט דער עולם זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף צוריק, און מאָמענטאַל האָבן געקנאַלט נאָך שאָסן, און נאָך עטלעכע מענטשן זיינען געפאַלן צו דער ערד.

— שטיין בלייבן, אַ ניט שיסן מיר אייך אַלעמען אויס! — האָט געדונערט דעם קאָמענדאַנטס שטים, און אין אַ מאָמענט זיינען אויסגעוואַקסען אין דעם פאָדערגרונט עטלעכע צענדליק עסעס־לייט מיט אויסגעשטעלטע ביקסן און אויטאָמאַטן.

מ'האָט אונדז ווידער אויסגעשטעלט אין רייען, נאָר דער ערשטער קרבן, קאַראַטקין (אַ ריגער ייד, געאַרבעט אין אַ וואַלד־פירמע), און נאָך איינציקע האָבן דאָס שוין פאַרשפּאַרט צו טאָן: זיי זיינען געלעגן אויף דער ערד טויטע, אָדער געצאַפּלט אין דער לעצטער אַגאָניע, באַגאָסענע מיט בלוט.

די מערדער־גרופּע האָט זיך געשטעלט אָן אַ זייט און לעבהאַפט גערעדט און זשעסטיקולירט. זיי האָבן זיך באַראָטן, ווייזט אויס, וואָס ווייטער צו טאָן מיט אונדז, און האָבן שוין ניט געהאַפּט מסתמא, אַרויסצוקריגן פון אונדז דעם „סוד", וואו דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט ליגט באַהאַלטן. מיטאַמאָל איז אין לאַגער אריינגעפּאָרן אַ עסעס־מאַן אויף אַ מאָטאָציקל און האָט איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט אַ שריפט אין אַ פאַרקלעפּטען קאָנווערט. דער קאָמענדאַנט האָט עס שנעל איבערגעלייענט און גלייך געוויזן די אַנדערע. מיר האָבן געזען פונוויטז, ווי מערערע פון זיי האָבן באַקומען לאַנגע, אויסגעצויגענע פּנימער. זיי זיינען זיך גיך פונאַנדערגעגאַנגען. מיר האָבן געפילט, אז דאָס האָט אַ שייכות אויך צו אונדז.

דער קאָמענדאַנט מיט נאָך איינציקע זיינען ווידער צוגעגאַנגען צו אונדז, און עס האָט געקלונגען אַ באַפעל:

— אַלע זיך אויסלייגן, אָט דאָ, וואו איר שטייט! מיטן פּנים צו דער ערד! ניט אויפהויבן זיך און זיך ניט באַוועגן! שנעל זיך אויסלייגן!

מיר האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט, און אונטער די אויסגעשטעלטע ביקסן פון די עסעס־לייט זיינען מיר אָפּגעלעגן אויף דער ערד אַ פּאָר שעה און אפשר מערער.

דעם זעלבן טאָג, אין יוני־חודש, איז ליקווידירט געוואָרן פּאָפּערוואַלענער לאַגער. מיר האָבן אַרויפגעפּאַקט אויף איינציקע לאַסט־אויטאָס דאָס געבליבענע ביסל עסנוואַרג, קליידונג, כלים און אנדערע שמאָכטעס, נאָכמיטאָג האָט מען אונדז ווידער געציילט, אויסגעשטעלט אין אַ קאָלאָנע, און אונטער אַ שטאַרקער שמירה פון עסעס־לייט און לאַטווישער פּאָליציי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

קאַפּיטל 8.

מיר ווילן לעבן, נקמה נעמען, — מיר אַנטלויפן ווידער

אונטערוועגס, פון לאַגער צו לאַגער

אַ זוניקער, הייס־ברענענדיקער יוני־טאָג. אַרום ציען זיך גרינע זאַפטיקע פעלדער, גערטנער און וועלדער, און אינמיטן, אויפן וועג, שלעפן זיך צוויי לאַנגע, אויסגעצייגענע קאָלאָנעס פון עטלעכע הונדערט מענער און פרויען אין געשטרייפטע אַרעסטאַנטישע קליידער. באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ שלענגלען זיך די לאַנגע אויסגעצויגענע קאָלאָנעס, די מענטשן זיינען מיד, הונגעריק און דורשטיק, און קוים זיי שלעפן די פיס. זיי ווילן קריגן אַ טרונק וואַסער פון די פויערשע ברינימער ביים וועג, זיי ווילן זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע, נאָר די שמירה־לייט, וואָס טרייבן זיי, דערלויבן עס ניט. שנעל־שנעל, גיין פאָרויס! עס איז דאָ אַ באַפעל, אַז נאָך היינט, ביז פאַרנאַכט, מוז מען אָנקומען אויפן באַשטימטן אָרט.

די געטריבענע, — דאָס זיינען מיר, די יידן פון פאַפּערוואַלענער שקלאַפן־לאַגער. מען טרייבט אונדז, ווייזט אויס, צו איינעם פון די לאַגערס אַרום דונדאַגאַ, אויך אין קורלאַנד. מיט שטוינענדיקע אויגן קוקן אויף אונדז די דאָרפסלייט פון זייערע שטיבלעך און פעלדער און שאָקלען מיט די קעפּ. איך קוק אויף די מענטשן מיט זייערע הייזער, גערטנער, קינדער, בלומען, און איך טראַכט . . . יאָ, איך טראַכט . . . עס איז נאָך דאָ אַ נאָרמאַל לעבן אויף דער וועלט . . . מענטשן לעבן רואיק אין זייערע הייזער, מיט זייערע משפחות, מיט זייער טאָג־טעגלעכער זאָרג און אַרבעט . . . אָך, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז, ווי שיין און גליקלעך דאָס מוז זיין! . . . האָב איך אויך געלעבט אַזוי אַמאָל, אַמאָל, אָדער דאָס איז אַ ווייטער, פאַרשוואונדענער חלום? . . . איך שלעפּ מיינע פיס איבער דעם זאַמדיקן, שטויביקן וועג, ווי אַ געטריבענע בהמה אין דער גרויסער בהמות־סטאַדע, און איך טראַכט, און טראַכט, און טראַכט ניט וועגן דעם בהמהשן, נאָר דווקאָ וועגן דעם מענטשלעכן לעבן . . . געווען אַמאָל אַ מענטש, מיט געדאַנקען, מיט געפילן, מיט טרוימען, פאַרלאַנגען, שטרעבונגען, מיט אַ ווילן, מיט אַ היים און מיט נאָענטע, און — איצט?! און דאָ?! . . .

אַרום שטעטל דונדאַגאַ, אין דעם קורלאַנדישן טייל פון לאַטוויאַ, זיינען געווען אויפגעבויט דריי גרויסע אַרבעטס־לאַגערן פאַר יידן, און זיי האָבן גע־

הייסן: דונדאגא איינס, דונדאגא צוויי און דונדאגא דריי. דאָס איז געווען אַ וואַלדיקע געגנט ביים ברעג פון באַלטישן ים, אַן אַ זייט פון הויפּט־וועגן און פראָנט־ליניעס. דאָ, אזוי ווי אין פּאַפּערוואַלן, האָבן די דײַטשן געהאָפט אויף אַ לאַנגן לעבן, האָבן געבויט באַראַקעס פאַר זייערע רעזערוון און קאָנצענטרירט אייניקע טויזנט יידן דורכצופירן די דאָזיקע ארבעט. דער רעזשים און לעבנס־באַדינגונגען אין די לאַגערן זיינען געווען די זעלביקע, ווי אין פּאַפּערוואַלן.

צוערשט האָט מען אונדז געבראַכט אין לאַגער דונדאגאַ איינס, און דאָ זיינען מיר געווען אַ פּאָר טעג אין רשות פון דעם „באַרימטן" לאַגער־קאָמענדאַנט זאָרגע און פון דעם נאָך מער באַרימטן מיט זיינע אַכזריותדיקע שלאָגערייען, דעם לאַגער־עלטסטן, — אַ יונגער דייטשער ייד, אַ געוועזענער פּראָפעסיאָנעלער באָקסער, וועמענס נאָמען (ימח שמו, זאָל ער ווערן!) איך געדענק ניט. אונדזער שיינבערג איז לגבי אים געווען אַ הונט, אַ הינטל, אַ מפיל'ע . . . האָבן מיר טאַקע פאַרזוכט אין די פּאָר טעג זאָרגעס און זיין יידישן געהילפס אַפּעלן, מושטירונגען און מתנת־יד, און דאַן האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אז אין מענטשלעכער אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אין אוממענטשלעכער רשעות, געפאַלנקייט און נידערטרעכטיקייט איז קיין שיעור, קיין מאָס און קיין וואָג ניטאָ.

און שטעלט זיך פאָר, וועמען נאָך טרעפן מיר אין דונדאגאַ איינס? אָט טאַקע אונדזער געוועזענעם לאַגער־עלטסטן שיינבערגערן, דעם זעלבן שיינבערגערן, וועמען דער קאָמענדאַנט האָט די לעצטע נאַכט אין פּאַפּערוואַלן אַרעסטירט און איינגעשפּאַרט אין זיין באַראַק, אין אַ קאַמערל. אָבער אָך־און־וויי, ווי שיינבערגער האָט שוין איצט אויסגעזען, — אויף אַלע שונאים געזאָגט! . . . אָנגעטאָן, ווי אַלע, אין אַ געשטרייפטן אַרעסטאַנטישן רעקל און הייזן, און דערצו אין אַזוינע ברייטע און לאַנגע, אַז צוויי שיינבערגערס וואָלטן דאָרט געקאָנט אַריינקריכן. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר, נאָר זיין פּנים. גיט אַ קוק אויף זיין פּנים — אַ שרעק! איין אויג איז אונטערגעהאַקט, אָדער אפשר איינגאַנצן אויסגעהאַקט, די צווייטע אויג קאָן ער קוים עפענען, דאָס גאַנצע געזיכט איז צעפּאַסעוועט, אָנגעשוואָלן, די נאָז און אונטערשטע ליפּ צעשפּאָלטן, דער קאָפּ פאַרבאַנדאַזשירט, און ער הינקט אויף ביידע פיס — ער קאָן כמעט ניט גיין . . . ניטאָ דער „אַמאָליקער" שיינבערגער, דער פּאַפּערוואַלענער לאַגער־עלטסטער אין זיין „עלעגאַנטן" רעקל מיט די פראַנטאָוואַסקע שטיוועלעך, מיט זיינע האַווקעדיק־בילנדיקע קאָמאַנדע־געשרייען, מוסר־דרשות און קלעפּ, מיט זיין גאַנצער הערשאַפט און מיט זיין איבערגעבנקייט און טרייקייט צו די נאַצי־מערדער . . . אַ פּשוטער, צעשלאָגענער און צעטראָטענער ייד, ווי אַלע יידן, איז געוואָרן „דער גרויסער" שיינבערגער, און — איז ער לעבן־געבליבן? לעבט ער נאָך? און אויב יאָ, האָט ער רעכט צו לעבן, צו געניסן פון לעבן, פון פרייהייט?

פון דונדאַגאַ איינס האָט מען אונדז אַריבערגעטריבן אין לאַגער דונדאַגאַ דריי און איינקוואַרטירט אין גרויסע ליכטיקע באַראַקעס, נאָר וואָס פאַרלאָזענע פון די אָפּמאַרשירטע דייטשע סאָלדאַטן. נאָך די נידעריקע, טונקעלע און שמוציקע צעלטן האָבן מיר זיך אין די נייע באַקוועמע באַראַקן געפילט ווי אין פּראַכטפולע פּאַלאַצן. אויך צו אַרבעט האָט מען די ערשטע טעג ניט געטריבן, מ'האָט אונדז ניט געמאַטערט מיט איבעריקע אַפּעלן און מושטירונגען, און ווען ניט די פאַרקלענערטע ביז צו אַ דריטל שפּייז־פּאַרציעס (הונדערט גראַם ברויט, אַ טעלער וואַסערדיקע זופּ, אַ לעפעלע מאַרמעלאַד און צוויי גלעזער קאַווע אַ טאָג) און דער נאַגענדיקער הונגער און שוואַכקייט אין האַרצן, — ווען ניט דאָס, וואָלטן מיר זיך אפשר געפילט דאָ, „ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן".

מיר פינף, די געוועזענע אַנטלאָפענע און געכאַפּטע, האָבן זיך דאָ אַ ביסל אויסגערוט און עטוואָס פאַרהיילט די וואונדן אויף די קערפּערס. דאָ האָט מען ביסלעכווייז פאַרגעסן וועגן אונדזער גרויסן פאַרברעכן, מיר האָבן ביס־לעכווייז אָפּגעריבן און פאַרשמירט די ספּעציעלע בונטע קרייזן אויף אונדזערע רעקלעך, און אַזוי אַרום זיינען מיר לאַנגזאַם ווידער געוואָרן גלייך צו אַלעמען. מיר פינף פלעגן זיך אָפּטיילן אין אַ שטילן ווינקל וואו־ניט־איז אויפן לאַגער־הויף, ליגן אויפן גראָז, היילן אויף דער זון אונדזערע צעביילטע רוקנס און זייטן, אוןריידן און חלומען ווידער וועגן וועלדער, וועגן און שטעגן, ברייטע שטרעקעס און . . . פרייהייט. מיר האָבן געבויט ווידער פּלענער, ווי צו אַנטלויפן פון לאַגער אָדער פון אונטערוועגס.

נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט אונדזער „רואיק לעבן" אין דונדאַגאַ דריי, — בלויז עטלעכע טעג. מיר זעען אָפט די דייטשן אומרואיקע, פאַרחושכטע, נערוועזע, אויפגערעגטע. דאָס פרייט אונדז און, פון דער אַנדער זייט, שרעקט אונדז. מיר זעען אָפט, ווי אויף די וועגן ציען זיך לאַנגע רייען פון אויטאָס, לאַסט־אויטאָס און פורן, אָנגעפּאַקטע מיט פאַרשיידענע מיליטערישע און ניט־מיליטערישע זאַכן, מיט מעבל, געפּעק, וואַליזעס, און מיט דייטשע ציווילע לייט, מיט פרויען און קינדער. אויף זייערע פּנימער איז אויסגעגאָסן די צעטומלטקייט, שרעק און בהלה פון לויפן און ניט וויסן וואוהין מען לויפט און צי מען וועט באַוויזן צו אַנטלויפן, — דאָס אַלץ, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט . . . איצט זעען מיר דאָס אויף זיי, אויף זייערע פּנימער און לייבער, און דאָס וועקט אין אונדזערע הערצער אַ באַזונדערע פרייד און הנאה. אָך, נאָר דערלעבן צו זען דעם מאָמענט פון זייער ענדגילטיקער מפּלה, דעם מאָמענט פון פרייהייט, און דאַן . . . זאָל זיין, וואָס ס'וועט זיין!

אין די לעצטע טעג זיינען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טראַג־בהמות. מיר האָבן געמוזט אַריבערטראָגן אויף זיך, אין די הענט, צענדליקער טויזנטער שווערע גראַנאַטן, קאַנאָן־קוילן און אַנדערע אַמוניציע פון די באַהאַלטענע מילי־

טערישע לאַגערן אין די וועלדער צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע. פון פרימאָרגן ביז שפּעט באַנאַכט פלעגן זיך ציען אויף די וועגן לאַנגע קאַלאָנעס פון מענער און פרויען, שלעפּנדיק די שווערע אַמוניציע־רעזערוון, פאַלנדיק, אויפשטייענדיק און ווידער גייענדיק אונטער די געשרייען און קלעפּ פון די צעגערווירטע פאַר־חיהשטע עסעס־לייט.

איך זע, ווי עס גייט אַ גרופּע פון עטלעכע שיינע יונגע מיידלעך און ווערן אויסגעריסן אונטער דער שווערער לאַסט, וואָס זיי מוזן שלעפּן אויף זיך. הינטער זיי גייען דריי זיבעצן־אַכטצן־יאָריקע שקצים, עסעס־לייט, און מיט דינע בויגעווודיקע שטעקלעך (וויצקעס) האַלטן זיי אין איין שמייסן איבער די נאַקעטע פיס און נאַקנס פון די מיידלעך. די מיידלעך פאַלן, וויינען, בעטן זיך, אַז זיי זאָלן אויפהערן זיי צו מאַטערן, נאָר ניין — די יונגע דייטשלעך הירזשן ווי פערד און טוען עס ווייטער. עס איז פאַר זיי אַ פאַרגעניגן צו מאַטערן די מיידלעך, צו צעשמייסן זייערע פיס ביז בלוט.

און געטראַכט האָב איך דאַן: פונוואַנען נעמט זיך ביי די יונגען אַזאַ פאַרקריפּלטע אומנאַטירלעכע נייגונג צו פּייניקן יונגע שיינע מיידלעך, אין זייער אייגענעם עלטער? וואָס איז געוואָרן פון דער יוגנטלעכער צאַרטקייט, ליבע, ריטערלעכקייט, און וואו, און ווי, און אונטער וועלכע אומענטשלעכע אומשטאַנדן זיינען אַזוינע ברואים אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן, כדי פון דער יוגנט אָן צו ווערן חיות מיט אַזוינע סאַדיסטישע בלוטדורשטיקע ניי־גונגען? און זיי זיינען דאָך ניט די איינציקע, — כמעט אַלע זיינען דאָך אַזוי!...

און ווידער ווענדע איך זיך צו געטען, שילערן, ניצשען און זייער גאַנצער נאָבעלער חברותא:

— זעט איר עס פון אייער אָלימפּישער הויך? ווי געפעלט עס אייך? און וואָס זאָגט איר וועגן דעם? מישט־אויף אייער דיכטונג און פילאָזאָפיע וועגן דער שיינקייט און דערהויבנקייט פון אייערע ריין־בלוטיקע מענטשן און אויבער־מענטשן, און לאָמיר אַ קוק־טאָן, — וואָס זאָגט איר דאָרטן?! און טאַקע, אויף צעקאָוועס, וואָס וואָלט איר איצט, איר נאָבעלע לייט, זאָגן? . . .

דעם זעלבן אָוונט האָב איך געזען איינע פון די דערמאָנטע מיידלעך, זיצנ־דיק אין לאַגער אויפן גראָז צווישן דעם איבעריקן עולם. דאָס איז געווען כמעט נאָך אַ קינד פון אַ יאָר זעכצן, אַ ווילנערקע, און גערופן האָט מען זי אַסנע. זי האָט אַלעמען פון איר משפחה פאַרלאָרן, געבליבן אַליין. זי האָט געוויזן אירע צעשמיסענע, צעבלוטיקטע פיס און ביטער געוויינט. מיטאַמאָל האָט זי דערזען אין גראָז עטלעכע בלימעלעך מיט שמאָלע ווייסע בלעטעלעך (מיר רופן זיי ראָמאַשקעס אָדער ראָמונקעס), זי האָט זיי אָפּגעריסן, גענומען ציען איינציק־ווייז די בלעטעלעך און „טרעפן", צי מיר וועלן יאָ בלייבן לעבן, אָדער ניט.

זי האָט זיך אַזוי ערנסט פאַרטיפט אין איר טרעפעניש, אַז זי האָט פאַרגעסן אויף אַ ווילע וועגן אירע צעבלוטיקטע פיס און ווייטיק.

אָט די סצענקע האָט דאַן געמאַכט אויף מיר אַ מאָדנעם טיפן און אויפמונטערנדיקן איינדרוק. נאָך אַן איבערייס, האָב איך זיך ווידער גענומען צו מיין פיטשינקען בלייערל און צעקנייטשטע שטיקלעך פּאַפּיר. איך האָב ווידער געפירט מיין נעבעכדיקן „טאָג־בוך". די דאָזיקע סצענע מיט די בלימעלעך איז ביי מיר געוואָרן איינגעקריצט טיף אין זכרון, און איך האָב עס דאַן פאַרצייכנט. אָט־וואָס עס האָט זיך דערפון באַקומען:

יאָ לעבן — ניט לעבן?

1.

ביים טייכל שפּאַצירט זיך די יונגינקע אסנאַלע
און שפּילט מיט די בלומען אַ שפּיל:
זי רייסט פון זיי בלעטעלעך איינציקווייז, פאַרזיכטיק
און מורמלט דערביי צאַרט און שטיל:
צי יאָ ליבט ער, ניט ליבט ער, יאָ ליבט ער, ניט ליבט ער?
אָך יאָ, ס'איז געפאַלן — ער ליבט!
און אסנאַלעס פּנים'ל לויכט און צעשמייכלט זיך
יונג־שטיפעריש, קינדיש באַגליקט.

געקומען איז פיינט, ער האָט קינדער און עלטערן
פון היים ווייט פאַרטריבן, צעשטויבט.
עס האָבן די געטאָס און קאָנצלאַגערס פינסטערע
די פרייהייט פון מענטשן גערויבט.
אָך, אסנאַלע לעבט! נאָר ס'איז ניט די אַמאָליקע,
כאָטש אַלט איז זי קוים זיבצען יאָר.
זי טראָגט דאָך איצט קליידער געשטרייפטע - אַרעסטאַנטישע,
געשניטן איז גלאַט אירע האָר.

ניטאָ שוין קיין יוגנט, קיין פרייד און קיין טרוימען מער,
מען קוקט דאָך אין פּנים דעם טויט!
עס איז דאָך אַ צייט איצט אַ הינטישע, ביטערע,

מען יאָגט זיך נאָך שטיקעלע ברויט.
ס׳האָט אסנאלע אָנגעזען, מיטגעמאַכט שחיטות פיל
און „אַקציעס״ אין בלוטיקן גאַנג.
זי לעבט נאָך בלויז צופעליק, קוים זיך געראַטעוועט...
ווי לאַנג אָבער, גאָט, נאָך ווי לאַנג ? !

2.

אַ וואַלד־פּלאַץ אַרומגעצוימט פעסט איז מיט שטעכלדראָט
און פול איז מיט מענטשן געפילט.
באַראַקעס, געצעלטן, באַוואַכונג און אָנפירער...
ס׳איז דייטלעך — אַ קאָנצלאַגער־בילד.
פון קלענערע לאַגערס, פון נאָענטע און ווייטערע
אונדז האָט מען אַהער אָנגעפירט.
וואָס קאָן עס באַדייטן, וואָס פלוצלונג אונדז אַלעמען
מען האָט אין איין אָרט קאָנצענטרירט ?

פאַרשטאַרקט איז באַוואַכונג, אויף אַרבעט איצט טרייבט מען ניט,
די לאַגע איז אומקלאָר און ניי.
מען ציילט אונדז, מען סודותט זיך, ס׳מאַטערט דער הונגער שטאַרק,
דאָס ברויט קלעקט נאָר קוים אויף אַ קיי.
עס קליגן זיך מוחות און נאָך מער די צינגעלעך,
מען יאָגט זיך נאָך נייעס, — אַ שרעק !
עס רייסן זיך בליקן צו יענזייט פון שטעכלדראָט, —
מען ליגט דאָך פאַרשטעקט אין אַ העק !

וואָס קומט אויף דער וועלט פאָר ? וואָס וועט מיט אונדז דאָ געשען ?
— מען האַלט אונדז צום אויסטויש, צום בייט !
— ניין, אונדז דאָ האַלט מען צום שיסן, צום אויסראָטן !
— ניין, צום פאַרשיקן גאָר ווייט !
— אין וואַלד דאַרט די טאַנקען, צי זעסטו ? זיי ציען שוין !
— ניין, ס׳איז מאַנעווערס, ניט מער !
— דו ווייסט ניט ! דער „יעקע״, ער לויפט, ער ויברח׳ט שוין !
— עס רוקן די „רויטע״ אַהער !...

3.

אין קאַנצלאַגער צווישן דעם עולם פּיל-קעפּיקן
זיצט אסנאלע אויך אויפן גראָז.
זי שפּיצט אירע אויערלעך, הערט זיך איין אַלע רייד...
— וואָס וועט מיט אונדז זיין, גאָט, אוי, וואָס?
און אסנאלע טרוימט און פאַרקוקט זיך אַ ווייליקנקע
אויף בלימלעך, וואָס וואַקסן דאָרט, צוויי.
זי נעמט די ראָמאַשקאַלעך, פליקט פון זיי בלעטאַלעך,
און טרעפן פּרובירט זי אויף זיי:

צי יאָ לעבן — ניט לעבן, יאָ לעבן, ניט לעבן?
מורמעלט זי פאַרזיכטיק, שטיל.
צי יאָ לעבן — ניט לעבן, יאָ לעבן — ניט לעבן?
אַך, בלימאַלעך, האָט מיטגעפיל!
צי יאָ לעבן — ניט לעבן? ס'לעבן איז קורץ געווען...
עס ווילט זיך נאָך לעבן — נאָך ווי!
צי יאָ לעבן — ניט לעבן? ס'לעבן איז גוט געווען...
אַך, ווי מיינט איר, בלימעלעך, ווי?

צי יאָ לעבן — ניט לעבן? ס'לעבן איז שיין געווען...
צי קומט נאָך אַ לעבן אַזאַ?
צי יאָ לעבן — ניט לעבן? ס'ווילט זיך, אוי, יאָ לעבן!
טאַ זאָגט'זשע, איר בלימאַלעך, יאָ!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

...נאָר פּלוצלונג דערהערט זיך אַ פייף און קאָמאַנדע-רוף:
— צום אָפּמאַרש זיך קלייבן!... שנעל! שנעל!...
צי יאָ לעבן — ניט לעבן, יאָ לעבן — ניט לעבן,
מיינט מערדערשער לעצטער באַפעל???

(געשריבן אין קאָנצענטראַציע-לאַגער דונדאַגאַ, 1944).

ווי נאַכטיקע שדים אין לבנה־שיין

עס האָט געקלונגען דער באַפעל:

— זיך קלייבן אין וועג אַריין, צום אָפּמאַרש! שנעל, שנעל, שנעלער! אין דריי מינוט זיך אויסשטעלן אויפן פּלאַץ! שנעלער, שנעלער! . . .

דאָס מאָל האָט מען אונדז ניט סאָרטירט, נאָר אויף שנעל איבערגעציילט, און דערפאַר לאַנג און גרינטלעך קאָנטראָלירט און געזוכט אין אונדזערע פּעקלעך און טאָרבעס, צי מיר טראָגן ניט מיט זיך קיין „טרייפע" זאַכן . . . הייסט עס, מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אונדזער לעצטן קורלאַנדישן לאַגער דונדאַגאַ דריי, און געלאָזט זיך ווידער, אין לאַנגע אויסגעצויגענע קאָלאָנעס, אין וועג אַריין.

וואוהין האָט מען אונדז איצט געטריבן? גענוי האָט קיינער ניט געוואוסט, נאָר לויט דער ריכטונג, וואוהין מיר זיינען געגאַנגען, און לויט די פאַרשיידענע קלאַנגען, האָט מען אונדז געטריבן צום ליבאַווער (ליבאוער) האַפן, כדי פון דאָרט אָפּטראַנספּאָרטירט צו ווערן מיט שיפן קיין דייטשלאַנד. עס רעדט זיך אַזוי לייכט, „אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן קיין דייטשלאַנד"! און וואָס דערוואַרט אונדז דאָרטן? און דאָ וויס מען נאָך צו דערציילן, אַז די יידן ווערן אויפגעלאָדן אויף אַלטע צעבראָכענע שיפן און באַרזשעס, מען פירט זיי אַרויס אויפן אָפענעם ים און דאָרט דערטרינקט מען זיי צוזאַמען מיט די אַלטע נוצלאָזע שיפן, אָדער מען לאָזט זיי אויף הפקר, ביז זיי קומען אום. פיינע אויסזיכטן האָבן אונדז דערוואַרט, און ווען? — ווען עס שיינט, אַז די באַפרייער, די רוסישע אַרמייען, זיינען שוין אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט, ווען פונדערווייטן דערטראָגט זיך אַ טויבער קאַנאָנען־גערויש פון די קאַמפּס־פראָנטן, ווען אַלץ ציטערט און לויפט, און אַ טייל פון אונדזערע לאַטווישע באַוואַכער זיינען אַליין גרייט, דאַכט זיך, צו לויפן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

נאָר דערווייליע איז ניט גוט. אוי, ניט פריילעך, ווייט ניט פריילעך איז אונדז דאַן געווען אויפן האַרצן! . . . נאָר וואָס זאָל איך אָנהויבן מיט נייע דערציילונגען, ווי שרעקלעך הונגעריק און דורשטיק מען איז געווען, ווי אויסגעמאַטערטע פרויען און מענער האָבן זיך קוים געשלעפּט אונטער דער ברענענדיקער זון, געגאַנגען און געפאַלן, געגאַנגען און געפאַלן, ווי צענדליקער געפאַלענע און צוריקגעבליבענע זיינען דערשאָסן געוואָרן אויף די וועגן, ווי אייניקע האָבן פּרובירט אַנטלויפן און זיינען גלייך אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן, און ווי די דייטשן האָבן אַלץ געיאָגט פאָרויס, פאָרויס, עטלעכע טעג אָן אָפּהאַלט!... איך וועל אייך פאַרשפּאָרן אויסצוהערן די אַלע שווידערלעכע אַלט־נייע מעשיות, און וועל אייך בעסער מיטנעמען מיט אונדז, מיט מיר און מיינע פיר חברים, אין וואַלד אַריין, וואוהין מיר זיינען איצט צום צווייטן מאָל אַנטלאָפן.

דאָס איז פאָרגעקומען שפּעט פאַרנאַכט, אָנהויב יולי. מען האָט אונדז אַריבערגעטריבן בראָדזשענענדיק איבערן טייך וועַנטאַ (קיין בריק איז אין דעם אָרט ניט געווען, אָדער ער איז שוין געווען צעבראָכן), און איצט ליגן מיר אויף אַ נאַכט־לאַגער ניט ווייט פון ברעג. מיר ווערן שטרענג באַוואַכט פון דייטשע און לאַטווישע עסעס־לייט. מענטשן ליגן אויסגעלייגט אויף דער ערד, פאַרגליווערטע פון מידקייט, הונגער און פייכטקייט, און קאָנען קיין גליד ניט באַוועגן. נאָר מיר פינף —ביידע יאַקאָבסאָנס, וואָספּי, באַבראָוו און איך — מיר זיינען וואַך. מיר וואַרטן פיבערדיק־געשפּאַנט, און גרייטן זיך . . . אָט רופט מען אויס, אַז עטלעכע מענטשן זאָלן גיין ברענגען וואַסער פון טייך, צום טרינקען. מיר שפּרינגען אויף, כאַפּן אונדזערע פעקלעך, נעמען עמערס (די עמערס האָט מען מיטגענומען פון לאַגער), און אונטער באַוואַכונג פון צוויי לאַטווישע עסעס גייען מיר צום טייך נאָך וואַסער. מיר גייען לאַנגזאַם, ניט געאיילט,ריידן שטילערהייט און באַטראַכטן דעם פּלאַן, ווי צו אַנטלויפן איצט, אין דעם מאָמענט; דאָס איז אַ גינסטיקער מאָמענט, און מען טאָר אים ניט דורכלאָזן... דער פּלאַן איז פאַרטיק... מיר זיינען אַנטשלאָסן אים דורכצופירן, מעג עס קאָסטן בלוט און לעבנס .

מיר שעפּן אָן פולע עמערס וואַסער און גייען צוריק. מיר פאָרויס און די שומרים הינטער אונדז. עס איז שוין גוט פינצטערלעך. מיטאַמאָל גיט באַבראָוו אַ פאַל אויף אַ שטיין, ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג, כאַפּט זיך פאַר זיין פוס און צעשרייט זיך אויף קולי־קולות:

— אוי, מיין פוס! איך האָב צעבראָכן אַ פוס. העלפט מיר! איך קאָן זיך ניט אויפהויבן . . . אוי־אוי, העלפט מיר, העלפט מיר! . . .

מיר וואַרפן זיך אַלע צו אים זען, וואָס האָט פּאַסירט, און בייגן זיך איין איבער אים. אויך די עסעס־לייט טוען דאָס זעלבע אינסטינקטיוו אָדער צוליב נייגעריקייט. אויף דעם האָבן מיר נאָר געוואַרט. ווי חיות, גיבן מיר זיך אַ וואָרף אויף זיי. אויך באַבראָוו ווערט פּלוצלונג געזונט און שפּרינגט אויף. עס הויבט זיך אָן אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט. מיר אַפּערירן מיט די פויסטן, מיט שטיינער, מיט די עמערס, זיי — מיט די ביקסן־קאָלבעס. זיי ווילן אָנווענדן די ביקסן צום שיסן, נאָר מיר דערלאָזן ניט, מיר רייסן פון זיי די ביקסן.

צום סוף קריגט איינער פון זיי אַ גוטן זעץ מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ און פאַלט. לייבל יאַקאָבסאָן רייסט אַרויס פון אים דעם ביקס. אין דעם מאָמענט געלינגט דעם צווייטן צו אַנטלויפן. ער לויפט אָפּ אַ פּאָר הונדערט טריט און הויבט אָן שיסן. יאַקאָבסאָן ענטפערט אים פון „אונדזער" ביקס, ביז אַלע קוילן ווערן אויסגעשאָסן. יענער אַנטלויפט. די שיסעריי הילכט אָפּ אין דער שטילקייט און אין די אַרומיקע וועלדער, ווי אַ דונער. דער טומל טויג ניט פאַר

אונדז, — צו נאָענט איז דער נאַכט־לאַגער און די איבעריקע וועכטער. ניט פיל געטראַכט, גיט יאַקאָבסאָן אַ פּאָר לעצטע זעצן מיט דער ביקס־קאָלבע דער עס־עס־מאַן איבערן קאָפּ, און ניט פאַרגעסנדיק צו כאַפּן אונדזערע פּעקלעך, לאָזן מיר זיך גאַלאָפּ צו דעם נאָענטסטן וואַלד.

פונוואַנען האָבן זיך גענומען ביי אונדז פרישע כוחות? ווי אויף פליגלען האָבן מיר זיך געטראָגן צום וואַלד, שפּרינגנדיק און פאַלנדיק איבער גראָבנס, שטיינער און אויסגעלייגטע ביימער. אין וואַלד איז שוין גאָר פינסטער, און מען זעט קיין טריט ניט צו שטעלן. מיר פאַרלירן איינע די אַנדערע, און קוים־קוים מיר טרעפן זיך ווידער צוזאַמען. עס האָט פיל ניט געפעלט, אַז מיר זאָלן פאַרלירן אונדזער „העלד" פון דעם אָוונט, דעם שיסער לייבל יאַקאָבסאָן, אין דער פינצטערניש און געדיכטעניש פון וואַלד. צום סוף קומען מיר זיך אַלע צוזאַמען, און מיר זעצן זיך צו אויף אַ באַראַטונג. אין וואַלד און אין דער פינצטערניש האָבן מיר זיך געפילט פיל־וויניק זיכער.

לויט גערשן יאַקאָבסאָנס מיינונג, וואָס האָט געקענט די געגנט, איז דער בעסטער וועג געווען אַריבערצוגיין צוריק די ווענטאַ, ווייל אויף יענער זייט זיינען דאָ גרויסע וועלדער, און ער קען דאָרט די געגנט אויך בעסער. און אויב אַריבערגיין דעם טייך, דאַרף מען עס טאָן די נאַכט, ווייל דאַן וועלן מיר פאַרווישן בעסער דעם שפּור הינטער אונדז און זיך פאַרהיטן פון נאָכיאָגן.

גערעדט און געטאָן! מיר האָבן זיך שנעל אויפגעהויבן און, טאַפּנדיק אין דער פינצטער די געדיכטעניש פון וואַלד, האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער ריכטונג פון דער ווענטאַ. ביז האַלבער נאַכט האָבן מיר אָבער אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז מיר האָבן דערגרייכט דעם טייך. און ווי אויף צו להכעיס איז איצט אויפגעגאַנגען די לבנה און געגאָסן איר שרעקעדיק זילבער־שיין אויפן ברעג, אויפן וואַסער און אויף אונדזערע געשטרייפטע אַרעסטאַנטישע קליידער.

אין יענער וואַלדיקער געגנט איז די ווענטאַ גאַנץ ברייט און שטראָמיק, נאָר ערטערווייז פלאַך, אַזוי אַז מען קען אַריבערבראָדזשן. מיר האָבן זיך אַ גוטע פּאָר שעה געמאַטערט, ביז מיר האָבן דערטאַפּט אַזאַ פלאַכע שטעלע. ווי ווילדע נאַכט־שדים האָבן מיר אויסגעזעען, זיך אַרומדרייענדיק אין דער לבנה־שיין אויפן וויסטן ברעג און אין טייך, מיט די פּעקלעך זאַכן אויף די קעפּ און בראָדזשענדיק ביזן האַלדז אין וואַסער. פאָרויס איז געגאַנגען גרשון, דער העכסטער אין וואוקס, מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט, געטאַפּט דעם גרונט און אָפּגעגעבן קאָמאַנדעס:

— רעכטס גיין! גייט לינקס! גייט גראָד אויף מיר! דאָ גיט אַ שווים אַ ביסל! נו, האָט איר דערטאַפּט דעם גרונט? איצט גייט גלייך, גראָד צום ברעג! . . . נו, אַלע אַריבער?

כאָטש עס איז געווען אַ יולי־נאַכט, נאָר נאָך אַ פּאָר־שעהדיקן שפּאַציר אין וואַסער, האָט אונדז געטרייסלט אין קעלט. כדי זיך צו דערוואַרעמען, האָבן מיר

געגומען שפרינגען, מאַכן גימנאַסטיק, ראַנגלען צווישן זיך, און מיר האָבן אויף אַ ווײַלע גאָר פֿאַרגעסן, ווער מיר זײַנען און וואו מיר האַלטן אין דער וועלט. מיר גיבן אַ קוק — דער נאַכטיקער הימל ווערט בלאַסער, און עס איז שוין ניט ווייט דער פרימאָרגן. ווי רוחות האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן צום גרויסן וואַלד און אַ פּאָר שעה געגאַנגען טיפער און טיפער אין זײַן געדיכטעניש אַרײַן.

ווען די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך אויפן הימל, זײַנען מיר פאַר־קראָכן טיף צווישן געדיכטע יונגע ביימלעך, אַרויסגענומען פון אונדזערע טאָר־בעס ברויט מיט פוטער און קעז, אײַנגעטיילט גלײַכע פינף פּאָרציעס און אָפּגע־געסן אונדזער פאַרשפּעטיקטן אָוונט־ברויט. מיר האָבן אַרויסגענומען פון די פּעקלעך אונדזערע דריי דעקעס, זיך אײַנגעדעקט און שוין געוועזן האַלב אײַנ־געדרעמלט, ווי מיר דערהערן לייבל יאַקאָבסאָנס אַ רוסישע „פּאַ־מאַטערע" (אַ רוסיש זידל־וואָרט):

— וואָס שלעפּ איך דעם לײַדיקן ביקס, צום טיוול! ס'איז דאָך מער קיין קוילן ניטאָ אין אים! וואָס טויג ער מיר איצט?!

מיט די ווערטער גיט ער א וואָרף דעם לײַדיקן ביקס צווישן די ביימלעך, און אײַנקורצן שלאָפן מיר שוין אַלע ווי געהרג'עטע, אָטעמענדיק מיט פרישער, פרייער וואַלד־לופט.

צוויי פאַרברעכנס אין איין נאַכט

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער וואַלד־לעבן, צום צווייטן מאָל איצט. צום עסן האָבן מיר געהאַט גענוג פאַר אַ פּאָר וואָכן, — פינף גרויסע לאַבנס ברויט, עטוואָס פוטער און געריכערטע פלייש, — דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אונטערוועגס, ווען מען האָט אונדז געטריבן, געקראָגן שטילערהייט פון פּויערים, מערסטנס געראַשנס באַקאַנטע. מיר האָבן עס באַהאַלטן און געטראָגן אין אונדזערע טאָרבעס, ווי דעם טייערסטן פאַרמעגן, און איצט האָבן מיר עס געגעסן ראַציאָ־נירט, שפּאָרעוודיק און אויסגערעכנט, — דריי מאָל אַטאָג צו שטיקלעך ברויט מיט עפּעס פוטער אָדער פלייש און פאַרטרוקען מיט טײַך־וואַסער, וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. נאָר דאָס הייסט ניט, אַז מיר האָבן קיין אַפּעטיט ניט געהאַט און וואָלטן ניט געקאָנט מיט איין רייב און איין שלונג אויפעסן דאָס גאַנצע ברויט און פוטער און נאָך עטוואָס דערצו. גלויבט מיר, מיר וואָלטן עס געקאָנט . . .

אונדזערע ערשטע אויסזיכטן זײַנען געווען צו בלײַבן א קורצע צײַט פאַר־שטעקט אין דער געדיכטעניש פון וואַלד און וואַרטן ביז די געפאַר וועט פאַר־בײַגיין, — ביז די דײַטשן וועלן אָפּציען און די רוסן וועלן אַרײַנקומען. נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַנדערש, — די רוסישע אַרמיי האָט זיך ניט געאײַלט

צו קומען אַהער, און דערווייל האָבן דאָס דייטשע מיליטער, פּאָליציי און זייערע לאַטווישע געהילפן ברייט געבאַלעבאַטעוועט און געווילדעוועט איבערן לאַנד.

מיר ליגן אין דער ווילדערניש פון וואַלד טעג און נעכט, מיט אָפענע אויגן און אויערן, און הערן זיך צו צום ווייטן גערויש און אָפּקלאַנג פון פראָנט, צו די בוכ.זשעס פון די קאַנאָנען, צום געזשום פון די אַעראָפּלאַנען. דאָ דער־נענטערט זיך, דאָ דערווייטערט זיך, דאָ הערט אויף אינגאַנצן, — און האָפנונג, צווייפל און יאוש מישן זיך דורך אין אונדזערע הערצער . . . דאָס ביסל עסנ־וואַרג ענדיקט זיך. מיר עסן שוין נאָר צוויי מאָל אַ טאָג און צו פּאַרקלענערטע ברויט־שטיקלעך, א.ז. בכלל — ווי לאַנג קאָן מען עס ליגן אין וואַלד, גאָרנישט ניט טאָן, ניט זוכן, ניט אונטערנעמען וואָס ניט איז?

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז בגבראָוו און איך זאָלן גיין צום גרויסן וועג און זיך צוקוקן, זען, וואָס דאָרט קומט פאָר. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ צוועלף־פופצן קילאָמעטער פון אונדזער אָרט. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין פאַרנאַכט, ווען ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, ווייל בייטאָג, אין אונדזערע געשטרייפטע, קענטיקע קליידער, האָבן מיר קיין טריט ניט געוואָגט צו שטעלן. מיר האָבן אָפּגערעדט צו קומען אין צוויי טעג אַרום און, לויט געוויסע סימנים אויף דיביימער, וואָס מיר האָבן געמאַכט, האָבן מיר זיך געדאַרפט טרעפן אויפן זעלביקן אָרט. ביים צוריקקערן זיך צום אָרט האָבן מיר געדאַרפט געבן דריי קורצע בילן, ווי אַ הונט, און קריגן אַן ענלעכן ענטפער.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין וואַלד אָן וועגן און שטעגן געפירטע נאָר פון חוש, און נאָר אינדערפרי, אויסגעמאַטערטע און דורכגעי־נעצטע פון די זומפּיקע גריבער, וואוהין מיר זיינען געווען פאַרקראָכן, האָבן מיר זיך דערשלעפּט צום וועג. דאָ, גאָר נאָענט ביים וועג, זיינען מיר אַריינגע־קראָכן אין געדיכטן געפלעכט, פאַרמאַסקירט זיך מיט גרינע צווייגלעך און גענומען באַטראַכטן, וואָס אויף דער „ברייטער וועלט" טוט זיך. נאָר גאָר אינ־גיכן, ווייזט אויס, זיינען מיר איינגעשלאָפן, אַז פון האַרמאַטן־שאָסן וואָלט מען אונדז ניט געקאָנט אויפוועקן.

אויפגעכאַפּט זיך האָבן מיר, ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך איבער אונדזערע קעפּ און האָט מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן אונדז דערטאַפּט דורך די ביימלעך. מיר קוקן ווידער, וואָס אויפן וועג טוט זיך, — און דאָרט גייט איצט אַן אַ לעבעדיקע באַוועגונג. עס טראָגן זיך דייטשע מיליטערישע אויטאָמאָבילן, לאַסט־אויטאָס, מאָטאָציקלען, פורן. מיר זעען אויך פנימער — עס מערקט זיך ניט איצט די נערוועזקייט און צעטומלטקייט, וואָס מיר האָבן געזען ביי די דייטשן מיט אַ פּאָר וואָכן פריער. אויך קיין דייטשע פרויען זעט מען ניט פאָרנדיק, — מען האָט זיי שוין אָפּגעשיקט, ווייזט אויס, צוריק קיין דייטשלאַנד.

עס איז ניט קענטיק, אז די דײַטשן זאָלן לויפן, אָפּטרעטן, און . . . עס וועט אונדז טרויעריק אויפן האַרצן.

אַזוי זײַנען מיר געלעגן אַ גאַנצן טאָג ביים גרויסן וועג, עטוואָס צוגעביסן, און שטילערהייט גערעדט און געטראַכט.

— ווייסט וואָס, — זאָג איך צו באַבראָוון, — עס וואָלט זיין גוט אויסצו־נוצן היינטיקן טאָג און קריגן עפּעס געווער. מיט געווער אין האַנט וואָלטן מיר זיך גאָר אַנדערש פילן, און מיר וואָלטן קאָנען וואָס אויפטאָן אויך . . . זעסט, ווי די הינט לויפן אַרום אויפן וועג . . . עך, אָפּקנאַלן כאָטש אַ פּאָר פון זיי! . . .

— זיי מיר אַ חכם און קריג געווער! — ענטפערט באַבראָוו. — ווי קאָנסטו עס קריגן מיט ליידיקע הענט און אין אונדזערע בגדים, אז דו קאָנסט די נאָז ניט ארויסשטעקן? פּרוביר, גיי אַרויס צווישן מענטשן, דו וועסט פיין אויסזען! . . .

— איך האָב עפּעס אַמאָל געלייענט, צי געהערט דערציילנדיק, אַז מ׳קאָן אָן געווער אויך עטוואָס אויפטאָן . . . אי דו קאָנסט אים אַוועקפטרן, אי דו קאָנסט לייכט צונעמען זיין געווער . . . הער זיך איין, וועגן וואָס עס רעדט זיך!

און איך דערצייל אים דעם עפּיזאָד, וועגן וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט, צי געהערט. איך גיב אַ קוק אויף באַבראָוון און דערקען אים ניט, — זיינע אויגן ברענען, ער איז צעהיצט און שפּרינגט פון אָרט, ווי אַ באַנומענער. קוים איך באַרואיק אים און דערמאָן אים, אַז ניט דאָ איז דער אָרט זיך צום קאָכן.

— אַך, דו באַנדיט, — שרייט ער צו מיר מיט אַן איינגעהאַלטענעם קול, — פאַרוואָס האָסטו פריער וועגן דעם ניט דערציילט? דאָס איז דאָך אַ געניאַלער איינפאַל .. . איך האָב אויך געהערט אַמאָל וועגן אַזוינע זאַכן, נאָר איך האָב אינגאַנצען פאַרגעסן. זע, אויך דראָט האָבן מיר אונטער דער האַנט — געדענקסט דאָרט די דראָט־פאַרצוימונג אַרום יונגן וועלדל, וואָס מיר האָבן געזען ניט ווייט פוונדאַנען?

באַבראָוו האָט געברענט און זיך געריסן צו דער „אַרבעט". איך האָב אים קוים איינגעהאַלטן, און מיר האָבן באַשלאָסן געדולדיק צו וואַרטן, ביז עס וועט ווערן פאַרנאַכטלעך. דאַן האָבן מיר זיך ביידע פּאַרזיכטיק אויפגעהויבן פון אונדזער פאַרשטעק און האָבן אָנגעהויבן דורכצופירן אונדזער נייעם פּלאַן.

מיר האָבן פּאַרזיכטיק אַראָפּגענומען פון די קלעצלעך אַ לאַנגע שטיק דראָט פון אַ פּאָר צענדליק מעטער, צוזאַמענגעראָלט, צוגעטראָגן נאָענט צום וועג, און דאָ, אין אַ פּאַסיקן אָרט, פעסט צוגעבונדן צו אַ בוים איין עק פון דראָט. איצט איז געבליבן צו טאָן דאָס שווערסטע. מיר האָבן געוואַרט נאָך אַ ווײַלע, ביז ס׳איז געוואָרן נאָך טונקעלער, און דאַן, אין אַ מאָמענט, ווען דער

וועג איז געווען ליידיק, זיינען מיר אַריבערגעלאָפן, צוזאַמען מיטן פונאַנדער־געראַלטן דראָט, אויף דער צווייטער זייט וועג, ווידער אין וואַלד אַריין. דאָ האָבן מיר דעם צווייטן דראָט־עק לייכט אַרומגענומען אַרום אַ בוים, אָבער ניט צוגעבונדן, און עטלעכע מאָל אויספּרובירט, ווי עס וועט אַרבעטן. דער דראָט איז געלעגן לויז איבערן וועג. צוליב זיכערקייט בין איך אַרויף נאָך אַמאָל אויפן וועג, פאַרשאַרט דעם דראָט מיט עטוואָס זאַמד, און מיר האָבן זיךביידע געזעצט לויערן אין אונדזער באַהעלטעניש, האַלטענדיק פעסט אין די הענט דעם לויזן ברעג פון דראָט. מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער קרבן, — אויף אַ דייטשן מאָטאָציקל־פאָרער.

ווי אויף צו להכעיס זיינען פאַרבייגעלאָפן אַ פּאָר אויטאָמאָבילן, אַ גאַנצע ריי לאַסט־אויטאָס, אַריבערגעפאָרן דעם דראָט און אים ניט באַמערקט, נאָר קיין מאָטאָציקל באַווייזט זיך ניט. מיר הויבן שוין אָן צו פאַרלירן די געדולד און מיינען, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן אונדזער גאַנצע טירחה. עס לויפן דורך נאָך אייניקע אויטאָס, מיר קוקן אויס די אויגן, נאָר קיין מאָטאָציקל הערט זיך ניט און זעט זיך ניט. איך ליג ביים סאַמע ראַנד פון וועג מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, און מיטאַמאָל דערהער איך אַ שוואַכן גערויש. דאָס איז ניט קיין אויטאָמאָביל, נאָר אַ מאָטאָציקל. איך לויף צו באַבראָוון און שריי צו אים:

—ציי אָן דעם דראָט! אַרום בוים! שטאַרקער!

מיר כאַפּן ביידע דעם דראָט־ברעג, ציען אָן, וויקלען אַרום אַ פּאָר מאָל אַרום בוים און האַלטן צו מיט אַלע כוחות. עס דויערט אַ רגע, און — טראַך! . . . אַ שטראַקער זעץ אין דראָט, אַ בראַזגעריי און, דאַכט זיך, אויך אַ געשריי (זיכער בין איך ניט) . . . דאָס האַרץ ווערט צעפּויקט קלאַפּנדיק. מיר ווילן לויפן שנעל אויפן וועג, נאָר מיר קריכן לאַנגזאַם און קוקן זיך אַרום. מיר זעען קלאָר דעם וועג. קיין לעבעדיקער נפש איז דאָרט איצט ניטאָ, חוץ . . . אונדזער קרבן. מיר שפּרינגען שנעל־צו צו אים. דאָס איז אַ דייטשער עסעס־מאַן, אַן אָבערשאַרפירער. ער ליגט אַ טויטער מיט אַ צעשמעטערטן און צעבלוטיקטן קאָפּ, און דער מאָטאָציקל ליגט ווייט פון אים, אַ צעשמעטערטער. מיר כאַפּן אַראָפּ פון דייטש זיין אויטאָמאַטישן ביקס, קוילן, אַ זייגער, וואָס הענגט אַרויס פון קעשענע. מיר ווילן נעמען נאָך וואָס, נאָר מיטאַמאָל באַווייזט זיך גאָר נאָענט אַן אויטאָמאָביל. מיט אַ מאָדנער חיהשער פלינקייט גיבן מיר אַ שפּרונג איבערן וועג, אַ שפּרונג איבערן גראָבן, און פאַרשווינדן אין וואַלד. עס דויערט ניט לאַנג, און מיר הערן אַ שיסעריי פון וועג און אויך אַן אויפרייס פון אַ גראַנאַטע. נאָר מיר לאַכן איצט פון זיי, — מיר זיינען שוין אין וואַלד, אונטער שוץ פון זיין פינצטערניש און געדיכטעניש.

צום סוף שטעלן מיר זיך אָפּ אָפּכאַפּן דעם אָטעם. מיר זעצן זיך צו אויף דער ערד, מיר זיינען איצט שוין אויסער געפאַר. אונדזער שמחה איז איינ־

לשער, — מיר האָבן איצט געוועך, און נאָך וואָס פּאָר אַ געוועך — אַן אויטאָ־מאָט מיט אַ היפּש ביסל קוילן צו אים! מיר גייען ארויס אויף אַ ליכטיקן פּלאַץ, און איך באַקוק און טאַפּ ארום דעם אויטאָמאָט פון אלע זייטן. איך באַמערק, אז ער איז צעבויגן, און דער אָרט פון צינגל איז צעבראָכן. אָך, אַ פּאַרדרוס! מיר טאַפּן אים אַרום נאָך אַמאָל פון אלע זייטן, איך פּרוביר ארייגלייגן אָדער ארויסנעמען די קוילן, אויססיסן, — ס'איז קלאָר, דער אויטאָמאַטישער ביקס איז ניט צום געברויכן מער: אַ צו שטאַרקן זעץ אָן אַ שטיין און בויג האָט ער באַקומען, קראַכנדיק צוזאמען מיט זיין דייטשן בעל־הבית און מאַטאָציקל.

דער אויטאָמאַט קאָן אונדז ניט נוצן, מען מוז אים ערגעץ־וואו פאַרשטעקן. אין אונדזער נייעם האַרץ־ווייטיק געפינען מיר אַ טרייסט, — אוועקגעפּטרט אַן עס־עס־שאַרפירער מיט זיין מאָטאָציקל. דאָס איז נקמה, נקמה!... כאָטש אַ טראָפּן נקמה פאַר טייכן און ימים פאַרגאָסענע בלוט!

נאָר מיר זיינען ביידע ניט צופרידן, מיר זיינען אין כעס. עס ווילט זיך שטאַרק עסן; מיר זיינען הונגעריק, ווי די וועלף. און דאָ ווערט געבאָרן אַ נייער פּלאַן, און מיר פירן אים דורך גלייך די זעלבע נאַכט. מיר דערנענטערן זיך צום טייך, זוכן אויס אַ פויערשן הויפל, קומען צו גאָר נאָענט, און ניט הערנדיק קיין הונט, ברעכן מיר אויף שטילערהייט די טיר פון שפּייכלער און גייען אַריין אינווייניק.

עס האָט אונדז געלוינט די מי, — די נאַכט זיינען מיר רייך געוואָרן מיט זעקס לאַבנס ברויט, אַ פּאָר שטיקער גערויכערטע פלייש, און אויפן אָרט גופא האבן מיר זיך אָנגעטרונקען מיט סמעטענע און זויער־מילך, אַז מיר האָבן זיך קוים געקאָנט רירן. מיר האָבן געטאָן די מלאכה רואיק און געמיטלעך, ווי ביי זיך אינדערהיים. באַבראַוון האָט נאָך מער אָפּגעגליקט: אַן אוצר פון היימישן בלעטער־טאַבאַק האָט ער דאָרט געפונען! ער האט רואיק צעריבן דעם טאַבאַק, און נאָכן גוטן צובייסן האָט ער פאַררויכערט אַ לאַנגע שטינקעדיקע „באַנק־רוטקע" און האָט הנאה געהאַט. די שטימונג ביי אונדז ביידן איז געוואָרן בעסער, געהויבענער, און אָנגעלאָדענע מיט שווערע טאָרבעס אכילה האָבן מיר זיך גע־לאָזט צו אונדזערע חברים אין וואַלד אַריין, צום אָפּגערעדטן אָרט.

מיינט איר, מיר האָבן זיי אַזוי לייכט געפונען? מיר האָבן געגנוג גע־שוויצט און געבלאָנדזשעט די נאַכט און נאָך אַ נאַכט מיט אַ פרימאָרגן, ביז מיר האָבן צום סוף באַמערקט די אָנגעצייכנטע ביימער און ביז נאָך אַ לאַנגער דריי־קלאַנגיקער בילעניש, ווי אַ הונט, האָבן מיר דערהערט פון זיי דעם זעלבן „הינטישן" ענטפער פון דער נאָענטער געדיכטעניש.

באַבראַוו דערציילט אַ געשיכטע

אונדזער בשלום'דיק צוריקומען, די מיטגעבראַכטע טייערע אכילה און דערציילונג, ווי ס'איז אונדז געלונגען צו „באַארבעטן" אַ דייטשן אָבערשאַר־פירער מיט זיין מאַטאַציקל, האָט שטאַרק דערפרייט אונדזערע חברים און צו־געגעבן חשק צו ענלעכע „פּאַרטיזאַנישע" אונטערנעמונגען, ווי מיר האָבן עס דאָן צום ערשטן מאָל אָנגערופן. נאָר מיט דעם, ווי באַבראַוו און איך זיינען ניט געבעטענערהייט אריינגעקראָכן אין שפּייז־קאַמער פון אַ רייכן פּויער און האָבן אים אַזוי „בדלות־געשטעלט", — מיט דעם איז גערשן יאַקאַבסאָן ניט געווען צופרידן. דאָס איז אים ניט געפעלן געוואָרן.

— איר שטעלט זיך ניט פאָר, וואָס פון דעם קאָן ארויסקומען, — האָט ער געטענהט, — עס וועט זיך אויפהויבן אין געגנט אַ גאַנצער טומל, אַז דאָ האָבן זיך באַוויזן גנבים, אויפברעכער, רויבער... עס וועט פאַלן אַ חשד, אַז דאָס זיינען אנטלאָפענע יידן אָדער אַנדערע אַרומשלעפּער אין די וועלדער, מען וועט נעמען זוכן, נאָכשפּיאָנירן, און דאָס קאָן פאַר אונדז ניט טויגן. פאַר אונדז איז בעסער צו זיצן רואיק, שטיל, אַז מען זאָל דערוויילע פון אונדז קיין פּיפּס ניט הערן.

— נו, גערשן, דו ביסט שוין צו פאַרזיכטיק, — האָט אים געענטפערט זיין שוועסטערקינד, לייבל — און וואָס זאָלן מיר דערווילע טאָן? וואָס זאָלן מיר עסן? זאָלן מיר אויסגיין פון הונגער? איז דען בעסער צו גיין בעטן ביי די פּויערים אַ שטיקל ברויט, בעטלען ביי זיי, און זיי זאָלן אונדז מסרן?! דו געדענקסט דאָך, וואָס ניט לאַנג איז דערפון אַרויסגעקומען... ס'איז שוין בעסער צו גיין באַנאַכט און נעמען אַליין, ניט בעטן, נאָר נעמען...

— דאָס בויטיקסטע, וואָס מיר דאַרפן איצט האָבן, איז געווער, — האָב איך אַריינגעשטעלט מיין וואָרט, — מיר דאַרפן אָנווענדן אַלע מיטלען צו קריגן געווער. דאָרט, אויפן וועג... און דאַן, מיט געווער אין די הענט, וועלן מיר לעבן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע גרופּע, אויפן אייגענעם חשבון.

— זיכער מוזן מיר זען צו קריגן אַ פּאָר ביקסלעך און אפשר אויך האַנט־גראַנאַטעס, — האָבן מיך אונטערגעהאַלטן וואַספּי און לייבל. — מיר דריי זיינען געוועזענע סאָלדאַטן און ווייסן, ווי עס צו באַנוצן... איר וועט זיך אויך גאָר גיך אויסלערנען. מ'דאַרף זען אָפּטער צו מאַכן אַ שפּאַציר צום וועג און...

— איילט זיך ניט אַזוי, איילט זיך ניט! — האָט זיי באַרואיקט גערשן, — דערווילע האָבן מיר אויף אַ פּאָר וואָכן צום עסן, לאָמיר זיצן רואיק. לאָמיר צו־וואַרטן... מיר'ן זען, וואָס ווייטער וועט זיין. איך האָב דאָ ניט ווייט פיל באַ־קאַנטע פּויערים, מיר'ן זען, אפשר וועלן מיר קאָנען זיך צוכאַפּן צו זיי... לאָמיר נאָך וואַרטן אַ ביסל, מיר'ן זען, וואָס ווייטער צו טאָן...

באַבראַוו האָט זיך ניט באַטייליקט אין אונדזער דיסקוסיע. ער איז געלעגן אויפן רוקן, פאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס, געקוקט אויף די לייכטע שוועבנ־דיקע וואָלקנדלעך אויפן הימל און... הנאה־געהאַט פון לעבן: ער האָט גערויכערט אַ לאַנגע און דיקע „באַנקרוטקע" פון היימישן טאַבאַק, פאַרדרייטן אין אַ שטיק צייטונג־פּאַפּיר, און האָט פאַרשטונקען די ביימלעך מיט אַ געמישטן רויך פון שלעכטן טאַבאַק און פּאַפּיר.

נאָך אַ גוטן זאַטן מיטאָג פון ברויט מיט גערויכערטן פלייש און וואַרעמען טייך־וואַסער, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין פלעשער, האָבן מיר זיך אַלע צו־געלייגט אָפּרוען. יעדערער האָט זיך געטראַכט זיינע געדאַנקען און געטרוימט זיינע טרוימען. איך האָב זיך דערמאָנט אָן באַבראַוווס דערציילונגען פון זיין אַמאָליקן לעבן, פון זיינע באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע מענטשן און סיטו־אַציעס. ער פלעגט האָלט האָבן צו דערציילן, און אין משך פון די דריי יאָר, וואָס איך האָב געלעבט מיט אים צוזאַמען, האָב איך זיך אָנגעהערט און שוין געקענט אויף אויסווייניק אַלע זיינע געשיכטעס. נאָר יעדן מאָל פלעג איך הערן מיט אַ נייעם אינטערעס זיינע אויסאויסשעפּלעכע דערציילונגען, — אַזוי אינטערעסאַנט און פּשוט פלעגט ער קאָנען דערציילן, מיט אַזאַ וואַרעמקייט, טיפקייט און פאַרשטענדעניש פון מענטשלעכן לעבן, פון דער מענטשלעכער נשמה און מענטשלעכע צוזאַמענשטויסן. און ער אליין, באַבראַוו, האָט פאַרמאָגט אַזאַ פיינע, טיפע נשמה, און אַזוי קלוג און דורכגעטראַכט באַנומען דאָס לעבן אין אַלע זיינע באַפאַרבונגען און דערשיינונגען.

— באַבראַוו, דערצייל גאָר אַ געשיכטע! — האָב איך זיך געווענדעט צו אים, — שוין לאַנג עפּעס קיין וואָרט ניט געהערט פון דיר... אָט איצט האָבן מיר אַלע גענוג צייט. דערצייל וואָס!...

דאָס מאָל האָט ער זיך געלאָזט לאַנג בעטן. נאָר מיר זיינען אַלע צוגע־שטאַנען צו אים.

— ע, וואָס ווילט איר פון מיר? שוין אַלץ אייך אויסדערציילט. איך האָב ניט קיין נייע. — ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דאַן געזאָגט: — ווייסט איר וואָס, איך וועל אייך גאָר דערציילן וועגן מיינע יונגע יאָרן... ווי איך האָב שיעור ניט חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע... ערן־וואָרט, מיט אַ יונגער שיינער שיקסע, אַ בילד־שיינהייט... הערט אויס, ווי איך בין געווען פאַרליבט אין איר, צום שטאַרבן, און פאַרוואָס מיר האָבן דאָך ניט חתונה געהאַט...

— „דאָס איז געווען דאַן, איר ווייסט דאָך, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד. מיר האָבן זיך באַזעצט ווידער אין אונדזער היים־שטעטל באַלטינאָווע, ניט ווייט פון רעזשיצע. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ גרויסע הויז, אַ גאַרבאַרניע, אַ גאַנצן פאַרמעגן, און מ'האָט ווידער געלעבט ווי אַמאָל, אינדערהיים. דער טאַטע האָט געפירט די גאַבאַרניע, און

מיר, די ברידער, האָבן זיך פאַרנומען מיט וואַלד־מסחר. מ׳האָט געלעבט גוט, אפילו רייך, מ׳קאָן ניט זאָגן, נאָר ס׳איז שוין ניט געווען, ווי אַמאָל... מיר, די ברידער און שוועסטער, זיינען שוין געווען גרויסע, אויסגעוואַקסענע, מ׳האָט שוין פאַרזוכט פון אַן אַנדער סאָרט לעבן, ווי דאָס קליין־שטעטלשע, און ס׳האָט געצויגן צו דער גרויסער שטאָט, צו דער וועלט, צו ברייטערע אונטערנעמונגען, צו אַ ברייטערן לעבן... וואָס זאָל איך אייך פיל ברייען, — די צוויי עלטערע ברידער האָבן זיך באַזעצט אין ריגע און געעפנט דאָרט אַ זעג־מיל מיט אַ גרויסן לאַגער פון האָלץ־מאַטעריאַלן, און גאָר אינגיכן האָב איך אויך פאַרלאָזן דעם טאַטעס הויז און גענומען אַרבעטן מיט די ברידער צוזאַמען, אין ריגע. און דאָ הויבט זיך אָן דאָס, וועגן וואָס כ׳וויל אייך דערציילן.

...„איך בין געווען דאַן אַ לעב־יונג, ווי מ׳זאָגט, האָלט געהאַט אַ לעב צו טאָן, טאַנצן, פאַרברענגען מיט מיידלעך... כ׳בין געווען דאַן יונג, איר ווייסט דאָך, אויך ניט מיאוס, ווייזט אויס; קיין געלט און גלאַנץ האָט אויך ניט אויסגעפעלט, מיט איין וואָרט — אַ יונג מיט ביינער. נו, דאַרף זיך מאַכן, אַז איך טרעף זיך מיט אַ שיקסע, אַ לאַטווישע מיידל, אַ בילד־שיינהייט...„פיסאַננאַיאַ קראַסאוויצאַ״ (אַ געמאָלטע שיינהייט), זאָג איך אייך — יונג, בלאָנד, שלאַנק, אַ געזיכט פון אַ געטין, געטאָקטע גלידער, דערצו נאָך קלוג, צאַרט און... וואָס רעדט איר! מיינע יידישע באַקאַנטע מיידלעך האָבן זיך ניט געקאָנט גלייכן צו איר. ווי פאַרליבט מען זיך עס ניט אין איר, זייענדיק אַכצן־ניינצן יאָר אַלט? איר ווייסט דאָך, די בעסטע יאָרן... בקיצור הדבר, מיר האָבן זיך ביידע פאַרליבט ביז איבער די אויערן, איבערן קאָפּ, ניט אָפּצורייסן... פאַרפאַלן... וואָס זאָל מען טאָן? האָבן מיר געטראַכט און גערעדט וועגן חתונה האָבן. מיר׳ן מאַכן אַ לעבן... איך פאַרדין, זי פאַרדינט אויך, — זי איז אַ קאַסירערין אין אַ מלוכהשן אַנשטאַלט. מיר׳ן מאַכן אַ לעבן...

...„אזוי האָט זיך געצויגן אונדזער הייסע ליבע אַ יאָר, און אפשר לענגער, באַקאַנטע האָבן גערעדט, אַז מיר גייען חתונה האָבן, און אפשר האָבן מיר שוין חתונה געהאַט געהיים... די ריגער ברידער האָבן אויך געוואוסט וועגן דעם און, מסתמא, האָבן שוין אויך געוואוסט דער טאַטע און מאַמע אינדערהיים, אין באַלטינאַווע. איין טאָג קריג איך אַ בריוו פון טאַטן, אַז איך זאָל קומען צופאָרן אַהיים אויף עטלעכע טעג; ער האָלט ביים קויפן אַ „דעליאַנקע״ (אַ שטח) וואַלד, ס׳איז אַ גרויסע מציאה, זאָל איך קומען און אָנקוקן; ער, דער טאַטע, איז שוין אַלט און שוואַך, זאָל איך פאַרענדיקן די קנייה און טאָן אַלץ, וואָס מ׳דאַרף... אויף מאָרגן בין איך שוין געווען אינדערהיים ביי טאַטע־מאַמען, איבערגעגעבעכטיקט, און דעם קומענדיקן פרימאָרגן האָב איך איינגעשפּאַנט אונדזער „ריסאַק״ (לויף־פערד) אין אַ לייכטן שליטל און געלאָזט זיך אין וועג אַריין צו איינעם אַ פּויער גאַראַלסקי, דעם טאַטנס אַן אַלטער באַקאַנטער. דאָס האָט

געמוזט זיין אַ דרייסיק־פערציק קילאָמעטער פון אונדז. גאַראַלסקי האָט מיר געדאַרפט ווייזן די „דעליאַנקע" און געבן אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס. דאָרט איז געווען אַ געגנט פון רוסן־סטאַראָווערן, איר ווייסט דאָך, די לאַטגאַלישע רוסן, — שיכורים און גנבים איינער גרעסער פון אַנדערן.

...„אַ שליטוועג, וואָס הייסט ס'אַראַ שליטוועג ס'איז געווען! דער וואַלד־וועג איז גלאַט, ווי דער טיש, דער פראָסט קנאַקט, דיביימער קנאַקן, און דער „ריסאַק" פליט ווי פייל פון בויגן, וואַרפט די דינע פיס לאַנג און הויך, אַז נאָר די פּאַדקאָוועס גלאַנצן און שפּריצן אויף דיר מיט שנייאיקן שטויב. אָך, וואָס פאַר אַ לויפער דאָס איז געווען! אַ ווינט, אַ שטורעם, אַן עכטער רייך־בלוטיקער „אָרלאָווסקי ריסאַק"... ס'איז ניט געווען צו אים קיין גלייכער אין דער גאַנצער געגנט. און דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט אים פון אונדז אַרויס־געגנבעט; עך, וואָס פאַר אַ פאַרדרוס ס'איז געווען!... נאָר... דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין... יאָ, וואו האַלט איך? כ'בין געפאָרן צו גאַראַלסקין. ס'האָט אפשר קיין שעה ניט געדויערט, און איך בין אָנגעקומען אין דאָרף, וואו ער האָט געוואוינט.

...„גאַראַלסקין האָב איך אין שטוב ניט געפונען, ער איז געווען אַוועקגע־פאָרן. אַ ברירה האָב איך געהאַט — בין איך געבליבן וואַרטן. זיין ווייב, — אַ הויכע בלאָנדע גויע שוין איבער די פערציקער, אַ קלוגע, ענערגישע, און ווייזט אויס, געווען זייער אַ שיינע אַמאָל, אין דער יוגנט. און קינדערלעך, — אַ פולע שטוב מיט קינדער, גרויסע, קלענערע, קליינינקע און אַ ברוסט־קינד. אַ גרויסער אויפטוער, טראַכט איך זיך, איז גאַראַלסקי. נאָר איך קוק זיך צו און איין זאַך קאָן איך ניט פאַרשטיין: פונוואַנען נעמען זיך צווישן די בלאָנדע, העל־קעפּיקע קינדער אויך טונקעלע, מיט פעך־שוואַרצע האָר און מיט עפּעס אַזוינע מערקווירדיקע, כ'וואָלט זאָגן, יידישלעכע אָדער ציגיינערשע גע־זיכטער! האַ? עפּעס מאָדנע... ווי קומען אַהער אַזוינע שוואַרצע ברואים צווישן די העל־פלאַקסענע אין אַ לאַטגאַלישער פאַמיליע?

...„פון אָוונט איז געקומען צו פאָרן דער בעל־הבית. מיר האָבן זיך ביז דאַן ניט געקענט, איך זע אים דאָס ערשטע מאָל. מיר זעצן זיך צום טיש עסן „וועטשערע" (אָוונט־ברויט), מיר ריידן וועגן געשעפט, וועגן וואַלד, וועגן תבואה, וועגן די איצטיקע שווערע צייטן, וועגן פערד, וועגן גרויסן פראָסט, מיר מאַכן אויך אַ שנעפּסל, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט, און איך זע, אַז עפּעס מאָדנע איז דער בעל־הבית, עפּעס אַזוי ניט־דרייסט, צוריקגעהאַלטן, ווי ניט ביי זיך אינדערהיים. וואָס איז מיט אים, טראַכט איך זיך, איז ער קראַנק, אָדער איז ער פון נאַטור אַזאַ? ער זיצט אַזאַ מרה־שחורה'דיקער, שווייגע־דיקער, מיט פאַרלאָשענע אויגן, און ווי נאָר איך גיב אַ קוק אויף אים, לאָזט ער זיי גלייך אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיך עפּעס שעמען. עפּעס אַן אָנגעצויגענע

שוויגעדיקייט הערשט אין שטוב צווישן מאַן, ווייב און קינדער. די קליינינקע קינדערלעך טוליען זיך צו אים, ער גלעט זיי, שמייכלט אַפילו צו זיי, נאָר די גרעסערע האַלטן זיך עפּעס אַזוי מאָדנע פרעמד פון אים. זיי גייען גאָרניט צו צו אים, ריידן ניט און מיידן אויס אַפילו צו קוקן אויף אים. איך זע, גאַראַלסקי איז אַ פּויער שוין נאָענט צו די פופציקער, אַ ברונעטער, מיט שוואַרץ־גרוילעכע האָר אין באָרד, און איצט פאַרשטיי איך, אַז די שוואַרץ־קעפּיקע קינדער זעען אויס פּונקט ווי ער, ווי דער טאַטע זייערער.

...„אַ פּאָר טעג בין איך געווען מיט זיי, געפּאָרן, באַקוקט די „דעליאַנקע", געמאָסטן, זיך נאָכגעפרעגט, און צום סוף האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים, צום טאַטן. איך דערצייל דעם טאַטן וועגן דעם וואַלד דאָרטן, וועגן דער געגנט, וועגן דעם גאַנצן ענין, און עס קומט צו רייד אויך וועגן דעם פּויער גאַראַלסקי. דער טאַטע פרעגט זיך נאָך וועגן אים גענוי, ער וויל וויסן אַלע איינצלהייטן, און איך דערצייל אים אַלץ, וואָס כ'האָב געזען און געטראַכט וועגן אים. נאָר דער טאַטע פרעגט זיך נאָך וועגן אים אַלץ מערער און מערער, ער וויל אַרויס־פּרעסן פון מיר נאָך רייד, נאָך באַמערקונגען און מיינונגען וועגן גאַראַלסקין גופא, וועגן זיין משפּחה, זיין אַרט לעבן. איך פאַרליר שוין די געדולד, און זאָג צום טאַטן:

— וואָס אינטערעסירסטו זיך אַזוי פיל מיט דיין באַקאַנטן פּויער גאַראַלסקי? וויניק באַקאַנטע פּויערים האָסטו? אַ פּויער, ווי אַלע פּויערים, נאָר מ'זעט, אַז ער איז עפּעס ניט גאַנץ מיט זיך, עפּעס צעטראָגן, פאַרלאָרן, ווי עס וואָלט אים שוין לאַנג עפּעס־וואָס דריקן, נו, מיט איין וואָרט, ער זעט ניט אויס צו זיין גליקלעך אָדער צופרידן, און זיין גאַנצע משפּחה איז אויך אַזאַ, — אַ צעטראָגענע, אומצופרידענע, עפּעס ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע, וואָלט איך זאָגן...

— יאָ, ביסט גערעכט, — זאָגט דער טאַטע, — אַזאַ, ווי ער און ווי זיין משפּחה, קאָן ניט זיין גליקלעך און צופרידן... נאָר וואָס קאָנסטו אים טאָן, ער איז אַליין שולדיק...

— וואָס איז דען מיט אים געשען? — פרעג איך, — וואָס האָט ער דען געטאָן, און אין וואָס איז ער שולדיק?

— צי דען פאַרשטייסטו אַליין ניט? מ'דאַרף דיר אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל? — מאַכט צו מיר דער טאַטע.

— איך פאַרשטיי ניט, וועגן וואָס דו רעדסט, — ענטפער איך.

— אויב דו פאַרשטייסט ניט, וועל איך דיר דערקלערן — זעצט פאָר דער טאַטע און הויבט אָן אַרומצוגיין איבערן צימער הין און צוריק, — אויב דו פאַרשטייסט ניט, וועל איך דיר זאָגן, אַז גאַראַלסקי איז אַ ייד, אַ געשמדטער ייד, און זיין ווייב און קינדער זיינען גויים... נו, פאַרט זיך דאָס? און גויים האָבן פיינט אַ יידן, אַפילו ווען ער, דער ייד, איז זייער מאַן און טאַטע... נו,

פאַרשטייסטו שוין איצט, פאַרוואָס גאַראַלסקי איז אַזאַ אומגליקלעכער, ווי דו האָסט אים געזען, און פאַרוואָס ער קאָן קיינמאָל ניט זיין גליקלעך און צופרידן? איך פאַרשטיי עס זייער גוט. זיין ווייב, און דער עיקר, די קינדער, שעמען זיך פשוט מיט אים, וואַרפן אים אויף אַ היפּש ביסל פון זיינע „יידישע חטאים". און עס העלפט ניט, צי ער איז געשמדט, צי ניט. נו, קאָן אַזאַ מענטש און אַזאַ משפחה זיין גליקלעך? זיי זיינען דאָך אַלע ווי פאַרבלאָנדזשעטע, ווי דו האָסט פריער געזאָגט... איך קען אים זייער גוט, גאַראַלסקין, פון יוגנט אָן; מיר זיינען געווען חברים, זיך געלערנט צוזאַמען אין איין חדר, און ער האָט זיך פאַרליבט דערנאָך אין אַ שיינער שיקסע און חתונה געהאַט מיט איר. אַט זעסטו, וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען, אַט האָסטו אַליין געזען, און... וואָס זאָל איך נאָך ריידן?!... געגוג וועגן דעם...

...„מיט די ווערטער איז דער טאַטע אַרויס פון צימער. ער איז געווען אויפגערעגט, צאַרנדיק, נאָר געגוג איינגעהאַלטן, און קיין איבעריקן וואָרט מער ניט אויסגערעדט. און איך בין געבליבן ווי אַן אָפּגעשמיסענער, מיט אויס־געשטעלטע אויגן און אָפענער מויל, און האָב אויך קיין וואָרט ניט גערעדט. נאָר באַגריפן האָב איך דאַן פיל, זייער פיל, און פיל מערער, ווי איך האָב זיך אַליין פאַרגעשטעלט.

...„מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך גאַראַלסקין געטראָפן אין רעזשיצע, אויפן מאַרק, וואו ער האָט געבראַכט צום פאַרקויפן זעקס געגנדז און אַ פולן קאַרב הזרימלעך. איך האָב מיט אים גערעדט, זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין ווייב און קינדער, מיט וועלכע איך האָב זיך געפילט ווי גוט באַקאַנט, באַ־פריינדעט, און ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן און עפּעס וואָס גע־ענטפערט שטילערהייט. און נאָך אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך געהערט, אַז זיין עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָרטיקן יונגן פויער, און אַז אויפן חתונה־באַל האָט דער איידעם, בגילופנדיק, זיך צעווערטלט מיטן שווער, גאַראַלסקין, האָט אים באַשאַנקען מיט אַ פּאָר „פּאַמאַטערעס" (רוסישע גראָבע זידל־ווערטער), אים אויסגערעכנט זיין „יידישן יחוס" און צום סוף אים גוט אָנגעשלאָגן.

...„און נאָך שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער „דעליאַנקע" וואַלד, מיטן אַרויסרופן מיך אַהיים און מיטן שיקן מיך צו גאַראַלסקין איז געווען ניט מער ווי א גוט צוגעטראַכט „שפּיצל" פון מיין טאַטן. אַ, מיין טאַטע, פּנחס באַבראָוו, ער האָט שוין איינמאָל געהאַט אַ קאָפּ, אַן אָפענעם מוח!... און ניט אומזיסט פלעגן סיי יידן, סיי גויים פון גאַנצן אַרום קומען צו אים זיך מיישב זיין, אויסהערן זיין מיינונג, זיין עצה. און אַט, זעט איר, אויך פאַר מיר האָט ער געפונען אַן עצה... דאָס איז געווען די בעסטע רפואה, ווי ער

האָט נאָכדעם געזאָגט, מיך אויסצוהיילן פֿון מיין קראַנקייט, פֿון חתונה האָבן מיט אַ שיקסע.

...„וואָס זאָל איך אייך פֿיל ריידן!... אזוי צי אזוי, צי דאָס איז געווען דער ריכטיקער הייל־מיטל, צי ניט, נאָר דאָס בילד פֿון גאַראַלסקי מיט זיין הויז־געזינט איז מיר נאָך לאַנג געשטאַנען פֿאַר די אויגן. איז עס אַ לעבן?... אָט זע איך אים אַ פֿאַרלאָרענעם, אַ פֿרעמדן אין זיין אייגענעם הויז און הויזגעזינט, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, ווי ער וואָלט זיך פֿילן פֿאַר אַלעמען שולדיק און איבעריק... אָט זע איך אים מיט זיין טאָכטער און איידעם, די גוים, וואָס וואַרפֿן אים אויף זיין ייִדישקייט און פֿאַרגינען זיך אים אָנצושלאָגן שיכורערהייט... אָט זע איך אים, ווי ער פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק חזרימלעך, אַ פֿולע קאָרב מיט חזרימלעך... און דאָ איז ער אויך פֿרעמד, ווי פֿאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן... נו, זאָגט אַליין, איז עס אַ לעבן? ניין, ס'איז עפּעס ניט אַזוי, ווי ס'דאַרף זיין, ניין, ס'איז עפּעס פֿאַלש!...

...„אזוי צי אזוי, נאָר איך האָב זיך שוין ניט געאיילט חתונה האָבן מיט איר. עפּעס ווי גאַראַלסקיס שאָטן וואָלט זיך געשטעלט צווישן מיר און מיין שיקסע, קריסטינע, ווי זי האָט געהייסן. און זי האָט אויך פֿאַרשטאַנען, וואָס אין מיר קומט פֿאָר, זי האָט מיך ניט געצוואונגען, ניט געמאַכט קיין פֿאַרוואורפֿן, ניט געאיילט, כאָטש איך ווייס, זי איז געווען אין מיר „שרעקלעך" פֿאַרליבט, זי וואָלט געגאַנגען פֿאַר מיר אין פֿייער און וואַסער... נאָר זי איז געווען צו־ערלעך און ערנסט צו נעמען די זאַך אזוי לייכטזיניק, קעגן דעם ווילן פֿון מיינע עלטערן און ברידער. פֿאַרקערט, זי האָט מיך דאַן אָפּגעהאַלטן פֿון אַ סך נאַרישקייטן, וואָס איך בין געווען גרייט אָפּצוטאָן... איר ווייסט דאָך, ווען מען איז אַכצן־ניינצן יאָר, איז „מאָרע פּאָ קאָלענאָ" (אַ רוסישער שפּרוך: „דער ים ביז די קני), אַלץ, דאַכט זיך, איז לייכט, פּשוט, אפֿילו דעם ים אַריבערצו־בראָדזשען... נאָר שפּעטער לאָזט זיך אויס אַנדערש, איר ווייסט דאָך... נו, לאָמיר פֿאַררויכערן!..."

לייב באַבראָוו, דער דערציילער, האָט פֿאַרדרייט אַ נייע „באַנקרוטקע", האָט זיך פֿאַרצויגן מיטן רויך פֿון שטינקעדיקן טאַבאַק און ציימונג־פּאַפּיר און איז געבליבן ליגן צווישן די ביימלעך שטיל, אַ פֿאַרטראַכטער, אַ פֿאַרזונקענער אין זיין פֿאַרגאַנגענהייט. מיר האָבן געוואַרט, ער זאָל ווייטער דערציילן.

— נו, און וואָס איז געווען ווייטער? האָסטו זיך נאָך מיט איר געטראָפֿן?

— האָבן מיר געפֿרעגט, נייגעריקע און פֿאַראינטערעסירטע.

— וואָס איז געווען ווייטער? — האָט באַבראָוו פֿאַרגעזעצט, — יאָ, מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן ווען־ניט־ווען, זעלטן, נאָר... איך האָב שוין ניט געטראַכט וועגן חתונה האָבן. אינגיכן בין איך פֿון דאָרטן אַוועקגעפֿאָרן, ניט געזען זיך אַ פּאָר יאָר, געווען פֿאַרטאָן אין געשעפֿטן, אין אַרומפֿאָרעניש, און נאָך אין

אַ פּאָר יאָר אַרום האָב איך זיך פאַרליבט אין אַ ייִדישע מיידל, אַ לערערקע, פון די דווינסקער אַסינס, און מיר האָבן חתונה געהאַט. דאָס האָט מיך אויסגעהיילט פון אַלע יוגנטלעכע „קראַנקייטן". מיר האָבן געלעבט גליקלעך, נאָך ווי גליקלעך... זי האָט געוואוסט וועגן אַלץ, איך האָב איר דערציילט. נאָר... וואָס איז דאָ צו ריידן! אַ זעלטענע פרוי געווען, אַן איבערגעבענער, טרייער פריינט, אַ מוטער, אַ... עך, וואָס איז דאָ איצט צו דערמאָנען! ס'איז שוין קיין זאַך ניטאָ, — ניט פרוי, ניט קינדער, ניט טאַטע־מאַמע און שוועסטער דאָרט אין שטעטל, ניט ברידער, קיינער ניט. וואָס איז דאָ פיל צו ריידן! מיר ווייסן דאָך אַלע...

— נו, און וואָס איז געוואָרן מיט קריסטינען, מיט דער שיקסע? זי איז דאָך געבליבן לעבן, מסתמא? — האָט געפרעגט לייבל יאַקאָבסאָן אין אַן אירישן, אַ מין אַפּלאַכערישן טאָן.

— זיכער לעבט זי, אין ריגע, זי האָט ניט חתונה געהאַט. און ווייסט איר, וואָס דאָס מערקווירדיקסטע איז, — אַז... אַז איך האָב זי פאַראיאָרן געטראָפן, אין דווינסק, ווען כ'בין נאָך געווען דאָרט אין געטאָ. זי איז געקומען מיך אויפזוכן. זי האָט געוואוסט וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען, האָט געהערט, אַז איך לעב נאָך, אַז איך בין געבליבן אליין, און זי איז געקומען מיט אַ פּלאַן מיך צו ראַטעווען, אוועקפירן פון דאָרט אויף פאַלשע „אַרישע" פּאַפּירן. זי האָט זיך געבעטן, פשוט געוויינט, איך זאָל איר פאָלגן און „זיך לאָזן ראַטעווען". זי וועט מיך אויסבאַהאַלטן, טאָן אַלץ, ס'איז איר קיין זאַך ניט שווער, נאָר... איך האָב ניט געוואָלט. איך האָב ניט געוואָלט... פאַרוואָס?... איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס. און אפשר ווייס איך, נאָר איך קאָן עס ניט איבערגעבן, איך ווייס ניט, ווי עס צו זאָגן... איך האָב ניט געוואָלט אַוועקגיין פון אַלע יידן, פון דעם אַלגעמיינעם יידישן גורל, און, דער עיקר, ווי איך פאַרשטיי איצט, איך האָב ניט געוואָלט און ניט געקאָנט פּריוויליק אַוועקגיין פון דעם אָרט, וואו זיי, וואו מיינע און אַלע זיינען אומגעקומען... אַזאַ מאָדנער געפיל איז אין מיר דאַן געווען, איך האָב ניט געוואָלט און ניט געקאָנט גיין מיט איר, מיט דער לעבעדיקער פרעמדער, ראַטעווען זיך אליין און איבערלאָזן די אייגענע, די טויטע. איך פאַרשטיי איצט אַליין ניט, ס'איז עפּעס מאָדנע... נאָר איך בין ניט געגאַנגען, און... ס'פאַרדריסט מיר ניט. ניין, ס'פאַרדריסט מיר אַבסאָלוט ניט. אַזוי, מסתמא, האָט עס געדאַרפט זיין... אויב ס'איז מיר באַשערט צו בלייבן לעבן, וועל איך שוין אליין זיך ראַטעווען, אָן איר הילף, אָן איר הילף און רחמנות... און — בין איך גערעכט, צי ניט?... איך ווייס ניט... איך ווייס ניט... נאָר אַזוי דאַרף זיין, אַזוי וויל איך.. און קאָן ניט אַנדערש...

באַבראָוו האָט שנעל און נערוועז געצויגן דעם רויך פון זיין „באַנקרוטקע" און האָט אויפגעהערט צו ריידן. מיר זיינען געבליבן זיצן אַרום אים פאַר־

טראַכטע און שווייגנדיקע, און מער שוין ניט געשטעלט קיין פראַגעס און ניט געבעטן דערציילן.

פּאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן פאַרצויגן דעם וואַלד, אויפן גאַנצן ארום האָט זיך צעגאָסן אַן אומעטיקע שטילקייט, ווי אַ שווערע און נאָגנדיקע משא, און נאָר דער פליגל־געפּאָך פון אַ פאַרשפּעטיקטן פויגל און זיין אומרואיקער גע־שוויטשער האָבן צערודערט די שטילקייט, צעריסן די משא. אַ נאַכט־ווינטל האָט באַרירט די ביימער־שפּיצן, און די ביימער האָבן זיך לייכט געשאָקלט, געמורמעלט, ווי געשעפּטשעט נאַכטיקע סודות.

די לופט איז געוואָרן פייכט און קיל, און נאָכן באַטאָגיקן זון־ברען האָט אונדז געכאַפּט אַ טרייסל אין אונדזער אומבאַוועגלעכקייט און אין די דינע קאַצעטישע קליידער. מיר האָבן זיך איינגעוויקלט אין אונדזערע דעקעס, איינ־גענורעט צווישן די ביימלעך, און — מיטאַמאָל: אַ־או־או! אַ־או־או!... מיר האָבן אויפגעציטערט פון אַ לאַנגן צעצויגענעם געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן וואַלד, איבער די ביימער־שפּיצן, איבער אונדזערע קעפּ, — פון אַ גרויסן נאַכט־פויגלס משונהדיקן געשריי, ווי בילן און הירזשן פון חיות וואָלטן זיך דורכגעמישט מיט קינדערשן געוויין...

לאַנג האָבן מיר ניט געקאָנט איינשלאָפן די נאַכט, אומרואיק האָבן מיר זיך געדרייט און געקאָרטשעט אויף אונדזערע ערד־געלעגערס אין דער גע־דיכטעניש פון וואַלד־געפלעכט, און די אומרו האָט געשטראָמט פון אונדז גופא, — פון אינעווייניק, פון אונדזערע צעוויטיקטע נשמות.

דער וועג צום סוף

עס זיינען אַוועק נאָך אַ פּאָר וואָכן אין אונדזער וואַלד־לעבן...

מיר זיצן ניט אויף איין אָרט, דאָס איז צו ריזיקאַליש; מען קאָן אונדז „אויסשמעקן", אויסשפּיאָנירן און פלוצלונג באַפאַלן... מאָלע ווער עס קאָן זיך אָנשטויסן אין וואַלד אויף אונדזער שפּור... מיר בייטן אָפּט אונדזער פאַרשטעק, מיר וואַנדערן אין די וועלדער פון אָרט צו אָרט. אויך אונדזער צווייטער שפּייז־רעזערוו גייט צום סוף, — מיר האַלטן שוין ווידער ביי אַ פּאָר שטיקלעך ברויט אַ טאָג מיט וואַרעמע טייך־וואַסער. מיר ווילן אויסמיידן, ווי לאַנג מ'קאָן נאָר, צו גיין צו די פּויערים בעטן עסן, — מיר זיינען שוין גוט אָנגעלערנט פון דעם ערשטן מאָל... און די דייטשן, ווייזט אויס, קליבן זיך גאָרניט אָפּצוטרעטן פון דאַנען, און דער נאָענטער פראָנט־געריש און קאַנאָנאַדע האָבן אויך אויפגע־הערט, שטיל געוואָרן.

נאָר וואָס טוט מען? מען קאָן דאָך ניט ליגן אין וואַלד און אויסגיין פון הונגער... מען מוז דאָך וואָס אונטערנעמען...

מיר האָבן באַשלאָסן ווידער צו גיין קיין אוגאַלע. דאָס דאַרף זיין אַ דרייסיק־פערציק קילאָמעטער פונדאַנען. דאָרט האָט גערשן יאַקאָבסאָן פיל גוטע פריינט צווישן די פויערים, זיי וועלן אונדז זיכער באַזאָרגן מיט עסן און, מעגלעך, אויך העלפן זיך אויסבאַהאַלטן. און דאָרט וועלן מיר זען. מעגלעך, מיר וועלן זיך דאָרט צעטיילן אויף צוויי קלענערע גרופּקעס, — גערשן, באַבראָוו און איך אין איינער, און וואַספּי מיט לייבלען אין אַ צווייטער. אַזוי קאָן זיין לייכטער צו קריגן עסן און זיך אויסצובאַהאַלטן... נאָר ווער ווייס, ווי לאַנג ס'קאָן זיך נאָך פאַרציען? זאָל אַקאָרשט ניט אריין אין ווינטער, — דאָס וואָלט פאַר אונדז שוין גאָר ניט טויגן...

פאַרנאַכטלעך האָבן מיר צוזאַמענגעפּאַקט אונדזערע מאַגערע פּעקלעך און זיך געלאָזט אין וועג אריין. מיר גייען איינער הינטער אַנדערן אויף אַ שמאָלן וואַלד־וועגל. סטאָפּ! גערשן הייסט אונדז זיך אָפּשטעלן. דאָ ווייס ער נאָך ניט דעם וואַלד, נאָר ווייטער, הינטער זלעקאָס, קען ער שוין יעדן שטעגל. ווייזט אויס מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט. מיר דאַרפן זיך אומקערן אַ פּאָר קילאָמעטער און דאַן פאַרדרייען אויף לינקס. דאָס וועט זיין ריכטיקער, נאָר אויף זיכער ווייס ער ניט. און מיר, די איבעריקע פיר, ווייסן דאָך אַוודאי ניט. נאָר מען מוז גיין, מיר'ן זען...

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר אַרומגעבלאָנדזשעט איבער וועלדער און זומפּן, און אינדערפרי האָבן מיר זיך צוגעלייגט אָפּרוען. מיר'ן וואַרטן ביז נאַכט און דאַן גיין ווייטער. מיר עסן אויף די לעצטע שטיקלעך ברויט. גיין אויפזוכן אַ פויער־שטוב און בעטן עסן? זאָלן מיר ריזיקירן און זיך באַווייזן אין אונדזערע אַרעסטאַנטן־קליידער?... ניין! מיר באַשליסן איבערהונגערן דעם טאָג און די קומענדיקע נאַכט, ביז מיר'ן קומען נענטער צו אוגאַלע. דאָרט וועלן מיר שוין קריגן עסן... מיר'ן הערן, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז...

עס הויבט אָן טונקלען, און מיר שפּרייזן שוין ווידער איבער קוים אויסגעטראָטענע וואַלד־שטעגלעך. מיר דערנענטערן זיך צום גרויסן דאָרף זלעקאָס. דאָ שטייען זיכער לאַטווישע פּאָליציי און דייטשע סאָלדאַטן. נאָר גערשן ווייס שוין דאָ אַלע וועגעלעך. מיר מאַכן אַ גרויסן קרייז אַרום־אַרום און מיידן אויס דאָס דאָרף און די גרויסע געבידעס פון אַמאָליקן באַראָנישן הויף. איצט האָבן מיר ניט מער ווי פופצן קילאָמעטער צו אוגאַלע. מיר גייען פּאָרויס, פּאָרויס, כאָטש די מידע פיס און הונגעריקער מאָגן בעטן זיך רחמים — אַ ביסל אָפּרו, זיך צולייגן, אָנשפּאָרן!...

כדי איינצושפּאָרן וועג, גייען מיר אַרויס אויף אַ ברייטערן וואַלד־וועגל. דאָ, ווייזט אויס, זיינען געפאָרן אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען, — עס זיינען קענטיק די רעדער־שפּורן אויף דער ווייכער ערד. פון הינטער דיביימער־שפּיצן באַווייזט זיך די שפּעטיקע לבנה און צעגיסט אויף אונדז און אויפן וועג

איר שרעקנדיקע נאַכט־ליכט. מיר האָבן אַ צען קילאָמעטער ביז אַ געוויסן פֿויער, גערשנס אַ גוטער פֿריינט, און מיר ווילן נאָך די נאַכט דאָרט אָנקומען. עס שיינט, ס'איז שוין נאָענט צום פֿרימאָרגן. מידע און הונגעריקע, גייען מיר פֿאָרויס אויטאָמאַטיש, אָן געדאַנקען, ווי פֿאַרכישופֿטע, און... מיטאַמאָל — אַ דונערײַ, אַ קנאַלערײַ...

אויף אַ רגע בלײַבן מיר שטיין, ווי אײַנגעוואָקסענע אין דער ערד, און מיר באַווײַזן ניט זיך אַרומצוקוקן און אַ שפּרונג צו געבן אָן אַ זײַט, ווי מיר זײַנען שוין אײַנגעשלאָסן אין אַ קרײַז פֿון אויטאָמאַטישע ביקסן און אויסגעשרייען אין לאַטוויש:

— הענט אינדערהויך! תיכּף זיך זעצן אויף דר'ערד, אַניט שיסן מיר!... איינס, צוויי... זעצט זיך אויף דער ערד! מיר שיסן!...

און מען האָט תּיכּף גענומען שיסן, ניט דירעקט אין אונדז, נאָר עטוואָס אָן אַ זײַט, פֿאַרבײַ און איבער אונדזערע קעפּ.

איבערראַשטע און צעטומלטע פֿון אַזאַ פּלוצלעכקייט, געשרייען און נאָענטער שיסערײַ איבער די קעפּ, האָבן מיר אינסטינקטיוו זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד. דאַן האָט מען צו יעדערן פֿון אונדז נאָענט אויסגעשטעלט אַ צוויי־דרײַ ביקסן, און באַפֿעלן ניט צו רירן זיך פֿון אָרט. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? — מיר האָבן געמוזט פֿאָלגן. און מיר האָבן געמוזט אָפּגעבן דאָס „געווער", וואָס מיר האָבן געטראָגן אין די הענט, — די דיקע, סוקעוואַטע שטעקנס, וואָס מיר האָבן געהאַט עקסטראַ צוגעגרייט...

איך קאָן זיך איצט ניט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון, וואָס איך האָב דאַן גע־טראַכט אין דעם גורלדיקן מאָמענט. נאָר איך געדענק קלאָר, אַז איין געדאַנק האָט דאַן, אין דעם ערשטן מאָמענט, דורכגעשטאָכן מײַן מוח: — עך, געווער!... ווען מיר האָבן איצט ריכטיקע געווער... אָן אויטאָמאַט...

און נאָך איינס געדענק איך קלאָר: שוין אַ ביסל שפּעטער, ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן, און מען האָט אונדז אַרויפֿגעטריבן אויפֿן גרויסן וועג, וואָס פֿירט צו זלעקאַס, האָט זיך גערשן יאַקאָבסאָן טיף אָפּגעזיפֿצעט און, פּונקט ווי דאָס ערשטע מאָל נאָכן אַרײַנפֿאַלן, האָט ער אויך איצט געזאָגט:

— ניטאָ קיין מזל... דער אָנהויב איז געווען אַזוי גוט... שוין געווען אַזוי נאָענט... און נאָ דיר מיטאַמאָל!..

הערנדיק זײַנע שטילע ווערטער, איז מיר אויסגעקומען, אַז דאָס, וואָס קומט פֿאָר איצטער, איז שוין געווען דאָן, אַז צווישן „דאַן" און „איצט" איז קיין איבערײַס ניט געווען, אַז איך האָב שוין ערגעץ־וואו געזען זיך אליין און די איבעריקע, גייענדיק אויף דעם זעלבן וועג... עפּעס ווי האַלוצינאַציעס וואָלטן אויף אַ ווײַלע באַהערשט און פֿאַרכישופֿט דעם מידן מוח...

נאָר דיווירקלעכקייט איז געווען ביטער, פיל ביטערער, ווי מיר האָבן זיך פונאָנהויב פאָרגעשטעלט. מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער לאַט־ווישער פּאָליציי, די פאַשיסטישע באַנדיטן. זיי זיינען געווען ניט בעסער פון די דייטשן, אפשר נאָך ערגער... און אַריינגעפאַלן זיינען מיר צופעליק, גאָר אומ־דערוואַרט פאַר זיי אַליין, ווייל געזוכט אין די וועלדער האָבן זיי אַנטלאָפענע און באַוואָפנטע לאַטווישע סאָלדאַטן, — און צופעליק זיך אַנגעשטויסן אויף אונדז, אויף אַנטלאָפענע יידן... ווי האָט דאַן געזאָגט מיין חבר באַבראָוו?:

— דאָס איז דער גורל, דעם מענטשנס גורל... און פון דיין גורל וועסטו ניט אַוועקגיין און ניט אַנטלויפן...

ווען מען האָט אונדז געבראַכט צעטריבן אין זלעקאָס און איבערגעגעבן צו דער דאָרטיקער פּאָליציי, זיינען מיר געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, הונגעריק און צעבראָכן, אַז מיר זיינען קוים געשטאַנען אויף די פיס. דער פּאָליציי־שעף האָט ערגעץ־וואו אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן און דערנאָך שטילערהייט געזאָגט עפּעס־וואָס צו די פּאָליציאַנטן. מ׳האָט אונדז איינגעשפּאַרט אין אַ קאַמער מיט אייזערנע גראַטעס אויף די פענצטער און געהאַלטן דאָרט עטלעכע שעה.

צווישן די פּאָליציאַנטן האָבן זיך איינגעפונען אַ פּאָר אַמאָליקע גערשנס באַקאַנטע. זיי האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ניט געקאָנט קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין.

— זאָרגט ניט, — האָבן זיי צו אונדז געזאָגט, — מ׳וועט אייך טרייבן קיין ווינדאַווע, אין טורמע, און דאָרט וועט מען אייך אַנשליסן צו אַ גרעסערער פּאַרטיע יידן, וואָס מ׳האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצושיקן קיין דייטשלאַנד. שרעקט אייך ניט, ס׳וועט אייך דאָ גאָרנישט ניט געשען.

נאָר די אויגן האָבן זיי ניט אויפגעהויבן און ניט געקאָנט אונדז קוקן גראַד אין פּנים. דאָס האָב איך דאַן קלאָר געזען.

די פּאָליציאַנטן זיינען אַוועק, פאַרשוואונדן געוואָרן, און ס׳איז געקומען אַ גרופּע אַנדערע. זיי זיינען געווען אַכט מאַן, אין ציווילע קליידער, באַוואָפנטע מיט ביקסן. צוויי פון זיי זיינען אַוועק פאַרויס און עפּעס־וואָס מיטגענומען אין די הענט. מ׳האָט געהייסן נעמען די פּעקלעך און גיין. די איבעריקע זעקס האָבן אונדז געטריבן און ווידער אַרויסגעפירט אויפן גרויסן וועג. מיר פאַרויס, און זיי גלייך הינטער אונדז, מיט ביקסן אָנגעלאָדענע און אויסגעשטעלטע צום שיסן.

מיר גייען אויפן ברייטן זאַמדיקן וועג און זעען, אַז מען טרייבט אונדז ניט קיין ווינדאַווע, נאָר פאַרקערט, אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג. וואָס זאָל עס באַדייטן?... וואוהין פירט מען אונדז?...

אָפּגעגאַנגען וואָס פּאַר אַ קילאָמעטער מיטן גרויסן וועג, הייסט מען אונדז אַריינדרייען אין וואַלד, לינקס, אויף אַ שמאָלן וועגל. דאָ איז אונדז מיטאַמאָל

אַלץ קלאָר געוואָרן... דער סוף!... און מאָמענטאַל דערמאָנען מיר זיך אַלע וועגן די צוויי, וואָס זיינען אַוועק פאָרויס און מיטגענומען רידלען (לאָפּעטעס) אין די הענט. הייסט עס, ס'וואָרט שוין אַ גרוב... ס'איז קלאָר — דאָ איז דער סוף... דער טויט.

— לאָמיר לויפן! — זאָג איך שטיל צו די איבעריקע — לאָמיר זיך אַלע אַ וואָרף־טאָן מיטאַמאָל, אין פאַרשיידענע זייטן, אין וואַלד!... אפשר וועט זיך ווער ראַטעווען... לאָמיר לויפן!...

— יאָ מ'דאַרף לויפן... — שעפּטשעט גערשן — צוויי מאָל געלאָפן און ביידע מאָל אַריינגעפאַלן... ניטאָ קיין מזל... ניטאָ קיין מזל... אַנדערע אַנטלויפן אפשר... יאָ, מ'דאַרף לויפן...

איך הער קלאָר זיינע ווערטער. עפּעס אַזוי מאָדנע רעדט ער, מיט אַ גע־ענדערטער שטים. איך גיב שנעל אַ קוק אויף אים און פיל, אַז זיינע גע־דאַנקען זיינען ווייט־ווייט...

— יאַקאָב, — כאַפּט מיך אָן באַבראָוו פאַר אַ האַנט, — לאָמיר גיין צוזאַמען!... צו אונדזערע פרויען און קינדער... אין איין גרוב... מיר גייען צוזאַמען...

איך רייס אַרויס מיין האַנט פון זיינער און שריי אויס צו אים מיט כעס:

— איך וויל ניט שטאַרבן!... מיר מוזן נאָך לעבן... לאָמיר לויפן!.. לויפן!... איצט איז נאָך צייט... באַבראָוו, וואָס איז מיט דיר?! וואָס זאָגסטו?... וואָס רעדסטו דאָרט?...

— וואוהין וועסט שוין אַנטלויפן! — רופט זיך אָפּ לייבל יאַקאָבסאָן, — די פיס ביי מיר זיינען אָנגעריבן, איך קאָן קיין טריט ניט שטעלן. איך קאָן שוין ניט גיין. לויף אַליין, פּרוביר! אפשר...

— דריי טעג ניט געגעסן... שוין בעסער דער טויט, איידער אַזאַ לעבן... איך שטאַרב פון הונגער... ע, אַלצאיינס דער טויט... — אַזוי האָט גערעדט וואַספּי, דער געזונטער קרייצבורגער קצב. איך האָב אַ מאָמענט אַ קוק געטאָן אויף זיין איינגעפאַלענעם פּנים, און ווי היינט וואָלט עס געשען, געדענק איך נאָך קלאָר און בולט זיין אויסזען און זיינע לעצטע ווערטער.

מ'האָט אונדז צוגעטריבן צו אַ פרישער, נאָר וואָס אויסגעגראָבענער גרוב אין דעם זאַמדיקן באָדן. דאָ וואָרטן שוין די איבעריקע צוויי, אויך מיט אויס־געשטעלטע ביקסן. באַבראָוו בעט אַ פּאַפּיראָס, ער וויל דאָס לעצטע מאָל פאַר־רויכערן. איינער נעמט אַרויס אַ ציגאַרעט, צינדט אָן און וואַרפט אים צו. באַבראָוו כאַפּט די ציגאַרעט און פאַרציט דעם רויך אין לאַנגע, האַסטיקע אָטעם־צוגן.

— איר האָט פאַרזינדיקט קעגן געזעץ, איר זייט אַנטלאָפן פון יידן־לאַגער, און דערפאַר קומט טויט־שטראָף, — ווענדעט זיך צו אונדז איינער פון דער גרופּע. — נו, זעצט זיך ביים ראַנד פון גרוב, ביים ראַנד, ביים ראַנד!...

איך געדענק ניט קלאָר, וואָס איך האָב אין דעם מאָמענט געטראַכט און געפילט, און וואָס מיט אונדז איז פאָרגעקומען. איך געדענק נאָר, אז אין איין מאָמענט האָב איך געזען מיין גאַנץ פאַרגאַנגענעם לעבן, מיין יוגנט, מיין היים, מיינע אלע נאָענטע און טייערע... און איך האָב מיטאַמאָל דערפילט אזוי שאַרף־ווייטעקדיק, אז איך וועל שוין דאָ אויף אייביק בלייבן ליגן, דאָ, אין זאַמד צווישן דיביימער, אָן שום זכר, אָן דעם מינדעסטן פּיפּס וועגן מיין טויט... אָט אַזאַ זכר־לאָזן קבר האָבן מיר מיט אַ פּאָר טעג צוריק געטראָפן אין וואַלד, — ווער ליגט דאָרטן?... און אזוי וועט זיין מיט מיר... קיינער וועט שוין וועגן מיר ניט וויסן און ניט הערן, און... אפילו מיין געשריבן טאָג־בוך וועט פאַרפוילט ווערן אין דער ערד, און ס'וועט אפילו קיין שטיקל פּאַפּיר, קיין שטומער עדות ניט בלייבן... ווי קאָן מען אזוי פאַרשווינדן פון דער וועלט? און וואָס וועט זיין מיט אלע געפילן און געדאַנקען און... אָך, גאָט אין הימל, וואָס וועט זיין מיט דער נקמה?...

איך געדענק קלאָר, איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל — נקמה!... דאָס איז דאָך דער עיקר, דער הויפּט־געדאַנק, וואָס איך זוך איצט! עס האָט מיך אַ ברי געטאָן אין מוח, עס האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין פאַרשטאַרטקייט. ווער וועט נקמה נעמען? פאַרוואָס זאָל איך אומקומען? ניין! איך וויל ניט, איך וויל ניט, איך וויל ניט!...

איך האָב פּלוצלונג דערפילט אַ שטראָם פון נייע כוחות. מיין האַרץ האָט בוכשטעבלעך אַ שפּרונג געטאָן. עס האָט מיך געגעבן אַ ריס, אַ הויב פון אָרט.

— חברים! — זאָג איך שטיל און אַנטשלאָסן צו די איבעריקע, — איך לויף... תיכף... טוט אויך דאָס זעלבע, — לויפט... זאָלן זיי אונדז שיסן פון הינטן, לויפנדיקע, אָבער ניט ביי דער גרוב. איך לויף... אַלע מיטאַמאָל... גערשן, אין וועלכער זייט איז דער וואַלד בעסער, לינקס אָדער רעכטס? גיב אַ קוק.

— אין דער רעכטער זייט, — זאָגט גערשן, — לינקס טויג ניט. דאָרט איז גלייך אַ דאָרף... מ'דאַרף לויפן, מ' דאַרף לויפן... איך מיין...

— איך לויף... קוקט אויף מיר... מיטאַמאָל, אַ שפּרונג... אלע... אפשר וועט דאָך ווער...

און אזוי ריידנדיק, נעם איך לאַנגזאַם אַראָפּ מיין פּעקל פון רוקן און קוק זיך ארום אין אלע זייטן, בויג זיך לאַנגזאַם צו דער ערד אַוועקצולייגן דאָס פּעקל און מיטאַמאָל, מיט די הענט און פיס, גיב איך זיך אַ שטויס־אָפּ און אַ ריס פון אָרט, אַ שפּרונג אין וואַלד אריין, און ווי אַ חיה, אַ שפּרונג, אַ שפּרונג צווישן די ביימער... אין לעצטן אויגן־בליק זע איך נאָך מיט אַ ווינקל פון אויג, ווי גערשן גיט זיך אַ וואַקל (אָדער האָט זיך מיר עס אויסגעדאַכט?), און — דזזין... קוילן פייפן פאַרביי מיינע אויערן מיט אַ געזשום פון האַסטיקע

רוישיקע בינען, האַקן אַראָפּ צווייגלעך פון די ביימער אַרום מיין קאָפּ, לעכערן דורך מיין היטל... איך קוק אויף קיין זאַך ניט, איך לויף פאָרויס, פאָרויס פאָרויס...

...מער האָב איך שוין מיינע חברים ניט געטראָפן. זיי זיינען אַלע פיר דערשאָסן געוואָרן. דאָרט, די וואַלד־גרוב, איז געווען זייער קבר.



יידישע קרבנות... הילפלאָזיקייט... די לעצטע סעקונדעס אויפן ראַנד פון גרוב (איינע פון די פיל־צאָליקע פאָטאָס, וואָס די מערדער גופא פלעגן מאַכן, כדי צו שיקן אַהיים, צו זייעריקע).

קאַפּיטל 9.

אין די וועלדער און זומפּן, ווי חיות געיאָגטע

דער טויט יאָגט זיך נאָך מיר

איך בין געלאָפן פון טויט, פון איינזאַמען, פאַרוואָרפענעם קבר אין וואַלד...

איך האָב מער קיין זאַך ניט געזען, ניט געטראַכט. איך האָב נאָר געהערט פון הינטן אַן אָפּטע שיסעריי און, דאַכט זיך, דאָ פון איין זייט, דאָ פון דער אַנדערער. איך בין געלאָפן, געשפּרונגען פאָרויס, ניט געקוקט און ניט געזען, וואוהין איך לויף און וואו איך שטעל מיין נאָענטן טריט... אזוי איז מסתמא, אויך מיט אַ חיה, מיט אַ פאַרפאָלגטער, געיאָגטער חיה, אין מאָמענט פון גרעסטער געפאַר און צערודערונג.

איך געדענק ניט, ווי לאַנג איך בין אזוי געלאָפן־געפלויגן, — צי מינוטן, צי... שעה'ן. עס רעדט זיך נאָר אזוי „שעה'ן", ווייל דאָס קאָן ניט זיין, דאָס איז אוממעגלעך... איך געדענק נאָר, אַז איך האָב געגעבן מיטאַמאָל אַ פאַל אויף אַ פּניאַק פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים. פאַרטשעפּעט אַ פוס, ווייזט אויס, און גוט צעקלאַפּט. ס'האָט שטאַרק וויי־געטאָן... אָן כוחות און באַגאָסן מיט שוויס בין איך געבליבן ליגן אויפן פּניאַק. דאָס הארץ האָט געהאַמערט־געפּויקט, אָט־אָט, דאַכט זיך, גיט עס אַ קלאַפּ און שטעלט זיך אָפּ... ס'פאַרפעלט אָטעם, און אפשר איז עס געווען אַ מאָמענט פון חלשות, פון באַוואוסטלאָזיקייט?...

די זון האָט מיך שרעקלעך געברענט פון אויבן, און אינסטינקטיוו האָב איך זיך אַ דריי געגעבן, אָפּגעשאַרט זיך אָן אַ זייט און עטוואָס זיך איינגעגראָבן אין דעם געדיכטן מאָך. און איך ווייס אויך ניט, ווי לאַנג איך בין אזוי געלעגן. מיטאַמאָל האָבן זיך ווידער דערהערט נאָענטע שאָסן. דאָס האָט מיך אַ וואָרף־געטאָן פון אָרט, און איך האָב זיך ווידער געלאָזט לויפן. דאָס מאָל שוין פאַר־זיכטיקער און אַרומקוקנדיק זיך, וואו איך בין און וואוהין איך לויף.

דער וואַלד ווערט שיטערער. איך זע פון וויטן אַ זאַמדיקן וועג, עטלעכע דאָרף־שטיבלעך און, דאַכט זיך, אויך אַ קלויסטער. איך טו אויס און נעם אין האַנט מיין געשטרייפטן אַרעסטאַנטן־רעקל, לויף אריבער אַ ברייטן וואַלד־פּליין פון אויסגעהאַקטעביימער און פאַרדריי אַן אַ זייט. איך קאָן שוין ניט לויפן. איצט גיי איך און שפּרינג־אונטער מיט לאַנגע, האַסטיקע טריט. די צעקלאַפּטע פוס טוט שרעקלעך וויי, דאַכט זיך, ס'איז אינגאַנצן אויפגעשוואָלן... נאָר איך גיי אַלץ פאָרויס, פאָרויס, שפּרינג־אונטער, און מיטאַמאָל דערזע איך זיך אויפן

ראַנד פון וואַלד, לעבן אַ גרויסער וואַסער־גרוב. פּאַרויס ציט זיך אַ גרויסער ברייטער וועג און גריגע פּעלדער, פּאַרגאָסענע מיט העלער זון־ליכט (אוי, דאָס טויג ניט פאַר מיר!) און גלייך אַנטקעגן, איבערן וועג, שטייט אַ לאַנגער ברע־טערנער שייער. קיין נאָענטע וואוין־הייזער זעען זיך ניט.

וואוהין ווייטער לויפן? וואו טוט מען זיך אַהין? ניט לאַנג געטראַכט, גיב איך זיך אַ וואָרף צו דער וואַסער־גרוב, שפּרינג אריין אין וואַסער און פריש זיך אָפּ אַ ביסל, לויף אַריבער דעם וועג און פאַל־צו צו איינעם פון די ברייטע שייער־טויערן. שלעכט, דער שייער איז פעסט פאַרמאַכט! איך פּרוביר רייסן איין טויער, אַ צווייטן, זיי גיבן זיך ניט אונטער. איך גיי אַרום דעם לאַנגן שייער, קום צו דער צווייטער זייט, טו ווידער דאָס זעלבע, און אָ, אַ גליק!... אין איין טויער איז דאָ אַ שפּאַלט צווישן זיינע צוויי טירן־העלפטן. און... פונוואַנען האָבן זיך אין דעם מאָמענט געגומען ביי מיר „שמשון הגבורס כוחות"? און ווי אַזוי בין איך געוואָרן אַזוי דין און קליין, ווי אַ מייזל? מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און לעצטע כוחות ציי איך עטוואָס פונאַנדער די טירן־העלפטן, ברייטער עטוואָס אויס דעם שפּאַלט צווישן זיי, שפּאַר זיך דורך אָט טאַקע ווי אַ מייזל, און איך בין שוין אינווייניק. איך קוק זיך שנעל ארום, און ניט לאַנג געטראַכט, קריך איך אַרונטער און גראָב זיך איין אין אַ גרויסער קופּע אַלטע, שטויביקע שטרוי.

איך ליג ניט לאַנג און פיל, איך ווער דערשטיקט. די שטויב, די היץ, דער מאַנגל אין לופט אונטער דער איינגעפּרעסטער אַלטער שטרוי־קופּע! און דער צעפּאַרעטער, נאַסער קערפּער ברענט, ווי אויף פייער... איך קלייב ווידער צו־זאַמען די לעצטע כוחות, דראַפּע זיך טיף אונטער די שטרוי און שאַר זיך צו צו דער וואַנט. איך רוק אריין די נאָז אין אַ שפּאַלט צווישן צוויי ברעטער, איך אָטעם אַריין פרישערע לופט, און דערזע דעם ברייטן וועג, דעם וואַלד אַנט־קעגן, און... אָ, גאָט! ביים ראַנד וואַלד שטייען צוויי פון די שיסער, מיט ביקסן אין די הענט, קוקן אַרום אין אַלע זייטן, ריידן צווישן זיך. איך הער אפילו דעם קלאַנג פון זייערע שטימען.

אַ היפּשע ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען און אַרומגעגאַנגען ביים ראַנד פון וואַלד און אויפן וועג, צוגעגאַנגען צום שייער, געפּרואווט עפענען איין טויער, אַ צווייטן, זיך צוגעהערט. צום סוף האָב איך געזען, ווי זיי זיינען ווידער אריין אין וואַלד און פאַרשוואונדן געוואָרן.

און אַזאַ מאָדנע באַשעפעניש איז דער מענטש... ער קאָן לעבן ניט נאָר אין הייזער מיט קאָמפאָרט, ליכט, לופט און פיל צימערן, נאָר אויך אַריינגע־פּרעסט אונטער אַ קופּע אַלטע, פול מיט שטויב, און פאַרשימלטע שטרוי. כמעט אַ פולן חודש צייט האָב איך געלעבט אונטער מיין שטרוי־קופּע, — גאַנצע נייך־און־צוואַנציג טעג און נייך־און־צוואַנציג נעכט. און... כ'האָב געלעבט, כאָטש

אזאַ לעבן וואָלט איר זיכער ניט מקנא זיין. נאָר דריי זאַכן האָבן מיך געמאַטערט און דאָס זיינען געווען: מיינע געדאַנקען, דער הונגער און, צולעצט, די לייז.

איז איך באַקאַנט אַזאַ אויסדרוק: דאָס האַרץ האָט געוויינט?... בוך־שטעבלעך, דאָס האַרץ אין מיר האָט געוויינט, געקלאָגט, געיאָמערט און גע־וואָרפן זיך אין ווייטיקדיקע קאָנוואולסיעס. ניטאָ ניט באַבראָוו, ניט גערשן, ניט די איבעריקע, — אָט די לעצטע טרייע און נאָענטע פריינט, וועלכע איך האָב נאָך אָט־אָקערשט געזען, גערעדט מיט זיי... מיר זיינען דאָך געגאַנגען איין וועג, איין ציל געהאַט, איין געדאַנק, איין לעבן, — און מיטאַמאָל איז איבער־געהאַקט דער וועג, צוגענומען דאָס לעבן!... און זיי ליגן שוין איצט אין אַ גרוב, אין וואַלד, אָט אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם און שפּורלאָזן קבר, וואָס מיר האָבן נאָך אַלע צוזאַמען געזען און באַדויערט דאָרט וואו־ניט־איז אין די וועלדער... איך זיי האָבן דאָך געוואָלט לעבן, גיין, דערגיין, דערגרייכן... און איך בין אַליין געבליבן, איינזאַם־עלנט, אָן אויסצורײדן אַ וואָרט צו עמיצן, אָן אַ וואָרט צו הערן...

אָ, ווי שרעקלעך עס איז מיר געווען דאַן די איינזאַמקייט, די שטילקייט און די שרייענדיקע מחשבות אין קאָפּ! איך פלעג טעג און נעכט ריידן מיט באַבראָוון, מיט גערשנען און מיט די איבעריקע, ריידן אינדערשטיל און אויך הויך, אויפן קול. איך פלעג זיך אַליין איינהערן צו מיינע רייד, און אַ גרויליקער שרעק פלעגט מיך באַפאַלן. צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אז איך בין אַראָפּ פון זינען...

אין איינזאַמקייט און יאוש־קלעם

צוויי מעת־לעת בין איך אַזוי געלעגן אונטער דער שטרוי־קופּע, אָן עסן, אָן טרינקען, אָן באַוועגונג. אויפן דריטן טאָג, שוין נאָענט צו נאַכט, בין איך אַרויסגעקראָכן, געעפּנט פונאינעווייניק איינעם פון די טויערן פון שייער, אַרויס אויפן וועג און געלאָזט זיך צום נאָענטסטן דאָרף, וואָס איך האָב מיט אַ פּאָר טעג צוריק, לויפנדיק, געזען. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין איין הויז, אין אַ צווייטן, און געבעטן אַ שטיקל ברויט, נאָר ווי מ'האָט נאָר דערזען מיין קליידונג און מיין אויסזען, האָט מען מיט שרעק און כעס פאַרקלאַפּט טיר און פענצטער און מיך אָוועקגעטריבן. פון אַ דריטן הויז, וואו איך האָב אָנגעקלאַפּט, זיינען אַרויסגעלאָפן צוויי מענער מיט שטעקנס אין די הענט און געשריען, אַז איך זאָל תיכף אַוועק און פאַרשווינדן פון זייער דאָרף, ווען ניט שלעפּן זיי מיך גלייך צו דער פּאָליציי. אַ ברירה האָב איך געהאַט? איך בין אַוועק און פאַרשוואונדן אין שייער אונטער מיין שטרוי־קופּע.

אויף מאָרגן בייגאַכט בין איך ווידער אַרויסגעקראָכן, אָבער דאָס מאָל זיך געלאָזט ניט צו די הייזער, נאָר צו די גערטנער. אין דער פינצטערניש האָב איך אויפגעזוכט אַ גאָרטן, דערטאַפּט מיט די הענט אוגערקעס און טאָמאַטן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אכילה. איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געגעסן אַזוינע זאַפטיקע, געשמאַקע און דערפרישנדיקע מאכלים, ווי די האַלב־רייפע טאָמאַטן און אוגערקעס האָבן מיר דאַן אויסגעזען. איך האָב זיך אויס־געצויגן אין גאָרטן צווישן די בייטן און געגעסן, געגעסן אָן אויפהער. מיר דאַכט זיך, דערפון בין איך עפּעס אַזוי מאָדנע שוואַך און אַפּהענטיק געוואָרן, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט אויפהייבן. צי בין איך קראַנק געוואָרן? ניין, דאָס קאָן ניט זיין! אַזוי בין איך געלעגן אין גאָרטן אַ גאַנצע נאַכט. ווען עס האָט גענומען טאָגן, האָב איך זיך אויפגעהויבן און דערזען אַ נאָך בעסערע אכילה — באָב. איך האָב אָנגעשטאָפּט מיין העמד אַרום מיין לייב פול מיט באָב און אוגערקעס (קיין גייע טאָרבע האָב איך נאָך ניט געהאַט) און אַ שווער באַלאָדענער האָב איך זיך אומגעקערט צו מיין פאַרשטעק אין שייער.

אַזוי האָב איך געלעבט אין שייער ניין־און־צוואַנציק מעת־לעת. אַלע נאַכט פלעג איך אַרויסגיין צו דער וואַסער־גרוב אָנטקעגן שייער זיך אַרומצוואַשן און אָנטרינקען זיך, און יעדע דריטע נאַכט פלעג איך זיך לאָזן צום גאָרטן און מיטברענגען באָב, אוגערקעס און טאָמאַטן. אינגיכן איז מיין שפּייז־טיש רייכער געוואָרן מיט נאָך אַן אכילה, — מיט קערנער פון ווייץ און קאָרן. עס איז געקומען די צייט פון תבואה־שניט, און בײַטאָג פלעגט דער פּויער אַריינפירן אין שייער און צוזאַמענלייגן גאַרבן פון ווייץ און קאָרן. ער, מיט זיין ווייב, צוויי קינדער, און אַ רוסישער קריגס־געפאַנגענער, זיין אַרבעטער, פלעגן זיך גאַנצע טעג אַרומדרייען אין און אַרום שייער, און איך ליג זיך רואיק אין דעם שטרוי, אונטער זייער נאָז, און קערנדל נאָך קערנדל עס איך פון דעם בינטל ווייץ אָדער קאָרן, וואָס איך פלעג בײַנאַכט אַריינשלעפּן אין מיין פאַרשטעק.

איך ליג ביי דער וואַנט פון שייער און זע דורכן שפּאַלט און הער, וואָס עס טוט זיך אַרום. איך זע, עס גייען אויפן וועג צענדליקער און הונדערטער מענטשן, מענער און פרויען, מיט רידלען, העק און זעגן. איך הער, ווי ניט ווייט פונדאַנען האַקט מען ביימער, מ׳ רייסט אויף די ערד, און איך פאַרשטיי, אַז די דייטשן טרייבן די ציווילע באַפעלקערונג און אויך רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס אַרבעטן ביי די פּויערים, צום גראָבן טראַנשייען, פאַרפעסטונגען, אַז זיי גרייטן זיך, ווייזט אויס, צו אַ שטאַרקן און לאַנגן ווידערשטאַנד. אַרום „טוט זיך מעשים״, און איך צי פון די זאַנגען און עס קערנדל נאָך קערנדל, פאַרבייס מיט אוגערקעס, טאָמאַטן און באָב (איינגעטיילט צו פינף־און־פערציק באָב־שייטן אַ טאָג), און לעב גאָר אַ גוטן טאָג אונטער דער שטרוי־קופּע.

אַ „מחיה" אזא לעבן, נאָר גאָר אינגיכן האָב איך דערשפּירט, אז איך גיי אונטער, אז עס וועט לאַנג ניט דויערן, און איך וועל שוין דאָ בלייבן ליגן, אונטער די שטרוי. עס איז מיר באַפאַלן אַ שרעקלעכע שוואכקייט און קאָפּ־שווינדלעניש; פון שטענדיקן קייען די האַרטע טרוקענע קערנער איז מיר געוואָרן אָנגעשוואָלן און ווייטעקדיק אין מויל, און באַנאַכט, ארומגייענדיק אין שייער האָב איך זיך געמוזט אָנהאַלטן און אָנשפּאַרן, כדי ניט אנידערצופאַלן. און דערצו נאָך זיינען מיר באַפאַלן לייז און געגעסן אַ לעבעדיקן סיי באַטאָג, סיי באַנאכט, אָן אויפהער, אָן אָפּרו... וואָס טוט מען, וואו טוט מען זיך אַהין אין מיינע קענטיקע אַרעסטאַנטן־קליידער, איינער אַליין, אין אזא שרעקלעכער איינזאַמקייט, ניט קענענדיק די היגע געגנט און אַרומגערינגלט אַרום און אַרום פון בלוטיקע שונאים און מערדער?

אָדער שוין בלייבן ליגן אזוי אינעם שטרוי אין שייער און אויסגיין מיט אַ לאַנגזאַמען אומפאַרמיידלעכן טויט, ווי אַ מויז אין איר לאָך?... אָ, ניין! דער ברענענדיקער, פיבערדיקער געדאַנק דערלאָזט עס ניט. מען מוז בייקומען די קערפּערלעכע שוואכקייט... מען מוז געפינען אַן אויסוועג... און ווי אַ ריזיקער בלוטיקער פראַגע־צייכן שטייט פאַר די אויגן — און נקמה?... ניט דערלעבן ביז דעם מאָמענט פון נקמה? ניט דערציען ביז דעם מאָמענט פון זייער מפּלה? ווי קאָן מען עס דערלאָזן אזא געדאַנק? ניין, מען מוז געפינען אַן אויסוועג, מען מוז נאָך קעמפן!...

און ווידער, ווי דורך אַ נס, האָבן זיך אין מיר איינגעפונען נייע כוחות און אַרויסגעשלעפּט פון דעם פאַרכישופטן קרייז פון איינזאַמקייט, פאַרגליווערטקייט און אָפּהענטיקייט. איך בין געקומען צו אַ פעסטן באַשלוס. צוויי נעכט האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין שייער און אַרום, געזוכט־געאַקערט, ביז איך האָב געפונען אַ פּאָר אַלטע צעריסענע זעק און דינעם דראָט אויף לײדיקע קעסטלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעוואַלגערט. איך האָב עס אריינגעשלעפּט צו מיר אין פאַרשטעק, אין לאָך אונטער דער שטרוי־קופּע, און פאַר דער ליכט, וואָס איז דאָרט אריינגעדרונגען דורך די שפּאַלטן אין וואַנט, האָב איך „אויפגענייט" פון די זעק אַ פּאָר הויזן. דער דינער דראָט האָט מיר געדינט אַנשטאָט באַוול.

פון אָוונט בין איך אַרויסגעקראָכן, אַרויפגעצויגן די „נייע הויזן" אויף די אַלטע אַרעסטאַנטישע, און די געוועזענע העל־בלויע העמד (איצט איז שוין געווען שוואַרץ) — אויפן רעקל און איבער די הויזן, ארומגעגאַרטלט זיך מיט אַ שטריקל, וואו נויטיק צוגעשפּילעט מיט דראָטן, און אויף אַזאַ אופן האָב איך פאַרמאַסקירט מיין קענטיקע אַרעסטאַנטישע קליידונג. דאַן האָב איך גענומען אין שייער אַ רידל, פאַרזיכטיק געעפנט אַ טויער, אַריבערגעשפּרייזט דעם וועג און אריין אין וואַלד. עס איז נאָך געווען גענוג ליכטיק. איך האָב זיך אַ ביסל צוגעזעצט (ס'האָט שרעקלעך געשווינדעלט פאַר די אויגן און דער קאָפּ האָט זיך

געדרייט...), זיך אָפּגעוואַשן אין וואַסער־גרוב, און דאַן גענומען דעם רידל אויף דער פּלייצע און געלאָזט זיך גיין מיטן גרויסן ברייטן וועג. איך האָב געטראָפן מענטשן, און אויך דייטשן, גייענדיק און פאַרבייפאָרנדיק, נאָר איך בין געגאַנגען דרייסט, פאָרויס, ווי צו מענטשן גלייך... אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר קילאָמעטער, האָב איך אָפּגעדרייט אויף אַ זייטיקן וועגל, נענטער צום וואַלד, בין דאַן אַריין צו אַ פּויער אין הויז, און ריידנדיק רוסיש, האָב איך געבעטן עסן.

אַ מעשה מיט אַ פּאָר פאַרלאַטעטע הויזן

די פּויער־פאַמיליע איז געזעסן אַרום טיש, ביים אָוונט־ברויט. מיט שטוינונג האָט מען געקוקט אויף מיר, אויף דעם אַריינגעקומענעם, אין עפּעס אַזאַ מאָדנעם הילוך. ווער בין איך ?... וואוהין גיי איך ?... וואָס וויל איך ?...

איך האָב זיי אַלץ דערציילט... איך בין אַ רוסישער קריגס־געפאַנגענער, איך אַרבעט ביי אַ בעל־הבית, ס'איז פינף־און־צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון דאַנען... מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען מיך געשיקט אויף אַרבעט אַהער, צו גראָבן טראַנשייען... דער בעל־הבית האָט מיר מיטגעגעבן עסן אויף צוויי וואָכן... נאָר, איר ווייסט דאָך, נעכטן איז געווען אַ גרויסער רעגן... איך בין אויס־געדרעגנט געוואָרן ביז די ביינער... איך האָב אויפגעהאַנגען אויסצוטריקענען מיינע זאַכן אין אַ שייער, וואו מיר האָבן אַלע גענעכטיקט, אַ מאַן פּופציק צו־זאַמען... און, איר ווייסט דאָך היינטיקע צייטן, מ'האָט אַלץ צוגעגנבעט... אפילו מיין זעקל עסנוואַרג... בין איך געבליבן אָן עסן און אָן הייזן... איר זעט דאָך, ווי איך גיי — אין זאַקענע הייזן... וואָס וויל איך ? — איך וויל עסן און... אויב מעגלעך, אַ פּאָר הייזן, אַלטע, צעריסענע..

עסן האָט מען מיר געגעבן, וויפל איך האָב נאָר געקאָנט אויפעסן: איין טעלער מילכיקע לאָקשן־זופּ, אַ צווייטן, אַ דריטן, און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט, ווי איך האַלט שוין ביים פערטן און פינפטן... איך בין זיך איצט מודה, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געגעסן אַזוינע געשמאַקע לאָקשן־זופּ ווי דאַן ביים פּויער און האָב בכלל ניט געוואוסט, אַז לאָקשן־זופּ קאָן האָבן אַזאַ גן־עדן־טעם. מען זעט, אַז אַ מענטש איז אַזוי הונגעריק, האָט מען מיר מיטגעגעבן אויפן וועג אַ האַלבן לעבל ברויט מיט אַ שטיקל קעז און אַ טאָרבע דערצו. נאָר ווען ס'איז געקומען צו די הייזן, זאָגט מען מיר, אַז קיין הייזן קאָנען זיי מיר ניט געבן, ס'איז ניטאָ אפילו קיין אַלטע, צעריסענע... און איך זע, אַז אין קיך אויף דער וואַנט הענגט אַ פּאָר טייערע צעריסענע, אַלטע הייזן מיט גרויסע בייע לאַטעס, און טראַכט זיך: אַך, ווי דאָס וואָלט זיין גוט פאַר מיר.. איך האָב זיך געזעגנט מיט דער פּויער־פאַמיליע און בין אַוועק, אָבער ניט ווייט, — נאָר ביז צום נאָענטסטן גראָבן.

אין גראָבן בין איך אָפּגעלעגן אַ גוטע פּאָר שעה, ביז האַלבער נאַכט מסתמא, און געכאַפּט אַ געשמאַקן דרעמל נאָך אַזאַ אויסערגעוויינלעכן אָונט־ברויט. דאַן בין איך ווידער צוגעקומען צום הויז, גאַנץ פּשוט אַרויסגענומען אַ שייבל פון קיך־פענצטער, געעפנט דעם פענצטער, אַריינגעקראָכן אין קיך, און אַרויס־קריכנדיק צוריק, בין איך שוין געווען, אויב ניט דער יורידישער, איז דער פּאַקטישער באַלעבאָס פון אַ פּאָר אַלטע פאַרלאַטעטע הויזן. אָ, ווי גליקלעך איך בין דאַן געווען! עס פעלט מיר נאָר אַ רעקל, און דאַן... דאַן איז אָפן פאַר מיר די גאַנצע ארומיקע וועלט מיט אירע ברייטע וועלדער, זומפּן און לעכער..

ווי איך זע, האַלט איר דאָך, אַז איך האָב באַוואוּהט דעם גוטן פּויער, — שטאָקמאַנס האָט ער געהייסן. איך אויף אייער אָרט וואָלט אפשר אויך אַזוי געטראַכט. נאָר כדי אייך צו באַרואיקן, וועל איך פאַרלויפן אַ ביסל דעם וועג פאַרויס און דערציילן בקיצור, ווי איך בין געווען ביי אים נאָך אַ מאָל, ווינטער, אין פיר חדשים אַרום. אונדזער פּאַרטיזאַנען־גרופּע האָט דאַן אָפּע־רירט אין די וועלדער, ניט ווייט פון זיין וואוין־אָרט, אַ צען־פופצן קילאָמעטער. איך האָב זיך דאַן ניט געפוילט, און צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים האָב איך אים באַזוכט, אין מיטן דער נאַכט. ער האָט מיך, פאַרשטייט זיך, ניט דערקענט, און זיין שרעק איז געווען גענוג גרויס, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך דריי באַוואָפנטע „באַנדיטן" (אַזוי איז געווען אונדזער אָפיציעלער נאָמען לויטן דייטשן נוסח), נאָר ווען מיר האָבן אַרויסגענומען אַ פלעשל היימישע שנאַפּס, „סאַמאָגאָנקע", און ער האָט אונדז געגעבן אַ גוטן צוביס, האָב איך אים אָנגע־צויגן און דערמאָנט וועגן די אַמאָליקע פינף טעלער לאָקשן־זופּ און די פאַר־שוואונדענע הייזן... דאַן האָט די גאַנצע משפּחה מיך דערקענט, און שטאָקמאַנס אַליין האָט צוגעגעבן:

— איך האָב דאַן געטראַכט, אַז דו ביסט אַן אַנטלאָפענער ייד, און ווען דו ביסט אַוועק, האָט מיר זייער פאַרדראָסן, וואָס איך האָב דיר ניט געגעבן קיין הויזן. נאָר אויף מאָרגן האָט מיר געפרייט, וואָס דו האָסט אַליין שכל געהאַט צו נעמען באַנאַכט די הייזן, און... אַז דו האָסט מער קיין אַנדער זאַך ניט גע־נומען. אָ, איך בין פאַר די הייזן ניט אין כעס אויף דיר. פאַרקערט. עס פרייט מיר.

דער פּויער האָט גוט געקענט גערשן יאַקאָבסאָן און האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אַלע אין געגנט, זאָגט ער, ווייסן וועגן דעם און באַדויערן שטאַרק. נאָר וואָס קאָן מען טאָן, ס'איז אַזאַ ווילדע, בלוטיקע צייט. מענטשן זיינען ניט מענטשן, נאָר חיות, ערגער פון חיות...

ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין דער איינער פון די פינף יידן, פון יאַקאָבסאָנס גרופּע, וועלכער איז דאַן אַנטלאָפן, איז דער פּויער אויפגע־שפּרונגען און זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן: הייסט עס, מיך האָט מען דאַן

אזוי אַרומגעזוכט אין דער גאַנצער אומגעגנט און צוגעזאָגט צען פונט צוקער און אַ פונט טאַבאַק פאַרן העלפן אויסגעפינען ?!... ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ בייזן וואונדער, און איך האָב דאַן געטראַכט: ווער ווייס, וואָס פאַר רעיונות אין פינצטערע מענטשלעכע קעפּ שוועבן אַרום, און אפילו אין דיין קאָפּ, מיין ליבער שטאָקמאַנס? ווער ווייס, צי דו וואָלסט בייגעשטאַנען דעם נסיון, ווען דו וואָלסט געוואוסט דאַן, ווער איך בין, און וואָלסט געקאָנט וואָס טאָן, כדי צו פאַרדינען די צען פונט צוקער מיטן פונט טאַבאַק? ווער ווייס, ווער ווייס ?...

ס'האָט אונדז דאַן גאַנץ גוט געשמעקט די וואַרעמקייט, דער שנאַפּס און דאָס צובייסן אין שטאָקמאַנס הויז. ס'האָט זיך פשוט ניט געוואָלט אינמיטן דער נאַכט אוועקגיין פון אַ וואַרעמער שטוב צוריק אין קאַלטן וואַלד אריין, — כ'דער־מאָן זיך עס איצט אזוי בולט, קלאָר... נאָר מ'האָט געמוזט גיין, פּאַרטיזאַנער האָבן ניט געקאָנט און ניט געטאָרט זיך פאַרזיצן לאַנג אויף איין אָרט. שטאָקמאַנס האָט אונדז דאַן נאָך איבערגעגעבן גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן די „אייזסאָרגס", וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין שיסן מיינע פיר חברים, — אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען מיר דאַן, גאָר אינגיכן, זייער גוט צונוץ־געקומען.

פאַרן אַוועקגיין האָב איך אים געשאָנקען אַ נייעם מיליטערישן מונדיר, וואָס איך האָב געהאַט ניט לאַנג אראָפּגעצויגן פון אַ דייטשן שאַרפירער און געהאַלטן ספּעציעל פאַר אים, פאַר שטאָקמאַנסן. זאָל ער עס איבערפאַרבן, איבערמאַכן, — דאָס איז אַ געשענק פאַר זיינע פאַר הייזן, וואָס זיינען מיר אזוי גוט צונוץ־געקומען. איך מיין, אז דערמיט האָב איך דאַן אָפּגעצאָלט מיין חוב און פאַר־גלעט די עוולה פאַר די „אָרגאַניזירטע" פאַר הייזן.

אין מיין היים, אין די וועלדער

ס'איז נאָר שווער דער אָנהויב, ווייטער גייט שוין לייכטער...

איך מיין דאָס אָנטקעגן דעם, וואָס מיט די הייזן אליין בין איך נאָך ניט געווען געהאָלפן. עס האָט מיר נאָך געפעלט אַ רעקל, כדי צו קאָנען באַוויזן זיך צווישן מענטשן, און אַן אַ רעקל איז שוין בכלל אין וואַלד קאַלט געווען, דער עיקר אין די נעכט. דעם טאָג בין איך געלעגן פאַרשטעקט אין וואַלד, זיך געוואָרעמט אויף דער זון, געגעסן אַזאַ טייערע אכילה, ווי ברויט מיט קעז (מער ניט קיין טרוקענע ווייץ־קערנער !...), פאַרטרונקען וואַסער פון אַ דערבייאיקער לוזשע, און געלעבט, ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן, ווי זומער־צייט „אויף דאַטשע". פאַרנאַכט האָב איך זיך אויפגעהויבן, געמאַכט אַ היפּש ביסל וועג און צוגע־גאַנגען צו אַ גרויסן און רייכן פויער־הויז. אין איין טאָג איז מיין נייע טאָרבע

שוין געווען כמעט אויסגעליידיקט פון דעם האַלבן לעבל ברויט מיטן קעז, און איך האָב דאָ געוואָלט קריגן וואָס ממשותדיקעס אַריינצופּאַקן אין טאָרבע.

אין הויז האָט מען מיך אויפגענומען זייער קאַלט און פאַרדעכטיק. מ׳האָט מיך געגומען צופיל אויספרעגן און קוים געגעבן אָפּצועסן... וועגן מיטגעבן אויפן וועג ברויט און נאָך־וואָס (ווי עס דאַרף זיך פירן אין אָנשטענדיקע פּויערים־הייזער) איז קיין רייד ניט געווען. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, — אומזיסט געמאַכט אזא לאַנגן וועג... איך האָב זיך שנעל אויפגעהויבן, אַוועקגעגאַנגען, און — קורץ גערעדט, — אינמיטן דער נאַכט בין איך צוריקגעקומען, מיט פיל מאַטערניש געעפנט עפּעס אַ קליין פענצטערל אין דער קיך־וואַנט און אַריין אינעווייניק. קיין גרויסע גליקן האָב איך ניט געזוכט און ניט געפונען, — נאָר אַ פּאָר גרויסע לאַבנס ברויט מיט אַ שטיקל אַלטע גערויכערטע פליישפּוטער, קעז און אַ פּאָר צענדליק עפּעס אזוינע גערויכערטע פישלעך, — אַ מין „שטרימלעך", וואָס מען פלעגט אַמאָל ברענגען אויף די מערק צום פאַרקויפן. איך האָב געזוכט נאָך־וואָס אין דער פינצטער, — אַ רעקל, אַן אויבער־בגד, — און כ׳האָב טאַקע דערטאַפּט אַזאַ.

איך האָב קוים באַוויזן דורכקריכן צוריק דורכן פענצטערל און אַ נעם־טאָן מיין שווערע טאָרבע, ווי אין אַ פּאָר פענצטער פון הויז האָט זיך באַוויזן ליכט, און אַ שטובּיקער הינטל האָט זיך צעבילט. מיט שנעלע טריט האָב איך זיך אָפּגעטראָגן פון הויף, הערנדיק ווי עס עפנט זיך מיט גערויש אַ טיר אָדער אַ פענצטער, און עס קלינגט אָפּ אַ צוויי־אַיקער שאָס פון אַ יעגער־ביקס. איך בין גיך פאַרשוואונדן אין וואַלד, און די גאַנצע נאַכט און פרימאָרגן געשפּאַנט אָן אָפּרו, ביז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קליינעם איינזאַמען וואַלד־שייער, אָנגעפּאַקט מיט פרישן היי. דאָס איז געווען איינער פון די וואַלד־שייערס, וואָס איך האָב דערנאָך גאַנץ אָפט געטראָפן אין די וועלדער; דאָ פלעגן די פּויערים האַלטן זייער פריש־אָפּגעשניטן היי פון די וואַלד־לאָנקעס, ווייט פון די הייזער, און נאָר אין דער פרייער ווינטער־צייט פלעגן זיי דאָס היי אַריבערפירן אויף זייערע הויפן. אָט די איינזאַמע וואַלד־שייערס האָבן פון אָנהויב געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין מיין איינזאַמען וואַלד־לעבן, — איך פלעג זיך אין זיי פון־צייט־צו־צייט באַזעצן און אָפּליגן טעג און נעכט אין איינזאַמקייט.

דער שייער איז ניט געווען פאַרשלאָסן, אָבער צוליב פאָרזיכטיקייט בין איך אַריינגעקראָכן אין אים ניט דורכן טויער, נאָר פון אויבן, וואו ס׳איז געווען אַן אָפּגעריסענע ברעט. דאָ האָב איך זיך באַזעצט און געלעבט „ווי אַ פּריץ" אזוי לאַנג, ווי לאַנג דאָס עסן האָט געקלעקט. איך האָב מיר אויסגעגראָבן טיף אין דעם היי, ביי דער וואַנט. אַ מין נעסט און אַהין אריינגעשלעפּט זיך אליין, מיין רידל, די טאָרבע מיט דער אכילה און דעם „אָרגאַניזירטן" אויבער־בגד. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט און נויטיק געהאַט. און דאָ בין

איך געלעגן טאָג און נאַכט אין צער און איינזאַמקייט, און זיך אָפּגעגעבן מיינע טרויעריקע געדאַנקען און ליכטיקערע טרוימען און האָפנונגען. איך האָב גע־טרוימט וועגן לעבן און דערלעבן דעם מאָמענט פון נקמה און פרייהייט...

נאָר וואָס איז דער תכלית פון ליגן פאַרשטעקט אין שייער? מען דאַרף זיך אָ דריי־געבן צווישן מענטשן, אָ שמעק־טאָן, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט... איך נעם ווידער מיין רידל אויף דער פּלייצע, מיין מאָגער־געוואָרענע טאָרבע, מיין נייעם אויבער־בגד, און... ווייסט איר, וואָס פאַר אַן אויבער־בגד דאָס איז געווען? אין שיין פון ליכטיקן טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען ניט קיין מענערש רעקל, נאָר אַן אַלטער ווייבערש יאַקל, אויף וואַטע, און מיט קונציקע גרויסע קנעפּ. מילא, האָב איך זיך געטראַכט, זאָל זיין אַ ווייבערש יאַקל... באַנאַכט און אינדערפרי איז שוין גענוג קאַלט, און אין וואַלד קוקט מען ניט אויף מאָדעס און פאַסאָנען. דאָך האָב איך די גרויסע קונציקע קנעפּ אויסגעריסן און פאַרביטן זיי אויף שטיקלעך דראָט; און אויסגעדאַרט בין איך שוין געווען גענוג, אַזוי, אַז דאָס יאַקל איז אויף מיר אַרויפגעקראָכן. און נאָך אַ ריוח האָב איך געהאַט פון אים, — נייע, דאַרפישע לייז...

איצט, אין מיינע נייע קליידער, האָב איך זיך געפילט דרייסטער. איך האָב באַשלאָסן צו קומען צווישן מענטשן. איך בין ארויס אויפן גרויסן וועג. איך זע, עס גייט אַ גרויסע גרופּע אַרבעטער, — אַרטיקע מענער און פרויען, רוסישע קריגס־געפאַנגענע און פאַרשלעפּטע ציוויל־געפאַנגענע, — אַלע מיט רידלען און העק. ניט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך זיך דורכגעמישט צווישן עולם און... זיך גענומען צו דער אַרבעט; מ'האָט געגראָבן טראַנשייען. כ'האָב אויך כלומרשט געפּורקעט מיטן רידל די ערד, נאָר געמיינט האָב איך גאַנץ וואָס אַנדערש...

איך האָב פאַרזיכטיק פאַרפירט געשפּרעכן מיט די רוסישע געפאַנגענע, זיך נאָכגעפרעגט, און זיך דערוואוסט פיל נייעס. .נאָר דער עיקר האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ס'איז ניט גוט... דער דייטש טראַכט גאָר ניט אָוועקצוגיין פון דאַנען... אַט זעט מען דאָך, ער גראָבט אומעטום נייע טראַנשייען און מאַכט פאַרטיפיקאַציעס אין דריי ליניעס אין דער טיף... און די רויטע אַרמיי האָט זיך אָפּגעשטעלט; אַרומגערינגלט און איינגעשלאָסן דאָ, אין קורלאַנד, אַ גרויסע דייטשע אַרמיי, ווי אין אַ קעסל, צוגעדריקט דעם דייטש צום ים, און ווייטער גייען זיי ניט, די רוסן... ווער ווייס אויף וואָס זיי וואַרטן און לאָזן דעם דייטש זיך פאַרפעסטיקן אַזוי שטאַרק!... און דערווייל באַלעבאַטעווען דאָ די דייטשן און זייערע לאַטווישע געהילפן, די פּאָליציי און „אייזסאַרגס", און טוען וואָס זיי ווילן... איצט יאָגן זיי זיך אין די וועלדער נאָך אַנטלאָפענע לאַטווישע סאָלדאַטן און נאָך אַנטלאָפענע יידן... זיי האָבן אויך שפּיר־הינט... די, וועמען זיי כאַפּן, ווערן גלייך דערשאָסן... נאָר מ'זאָגט, אַז אויך רוסישע פּאַרטיזאַנער

האָבן זיך באַוויזן, אַט דאָרט ווייט, אין די זשורער וועלדער. זיי קערן דאָרט וועלטן... ווער ווייס, צי זיי וועלן זיך ניט אַריבערוואַרפן אויך אַהער...

די לעצטע אומקלאָרע ידיעה איז געווען פאַר מיר די ברענענדיקסטע און וויכטיקסטע. פּאַרטיזאַנען!... ווי קומט מען צו זיי? ווי דערגייט מען וועגן זייערע מקומות?

די נאַכט האָב איך צוזאַמען מיט די איבעריקע מענטשן איבערגע־נעכטיקט אין אַ גרויסן שייער, און ווייסט איר אין וועלכן? אין דעם זעלביקן, וואו איך בין ניט לאַנג געלעגן פאַרשטעקט אונטער דער קופּע שטרוי. איך האָב דעם שייער גוט געקענט...

אויף מאָרגן האָב איך דערזען, אַז פאַר מיר איז קיין תכלית ניט זיך דאָ אַרומצודרייען מיט די איבעריקע. מען נעמט מיר שטעלן צו פיל פראַגעס, מען וויל וויסן גענוי, פונוואַנען איך שטאַם, אין וועלכן מיליטערישן טייל איך האָב געדינט, וואו בין איך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, און... קיין עסן האָב איך אויך ניט. אין מיטן העלן טאָג האָב איך זיך גענומען שאַרן, שאַרן אַן אַ זייט, און זיך אַוועקגעשאַרט ווידער אין די וועלדער. איך בין אַוועק אַהיים, אין די וועלדער אַריין, איך, די פאַרפאָלגטע, געיאָגטע וואַלד־חיה, וואָס האָט קיין אָרט ניט צווישן מענטשן...

און אַזוי האָט זיך געצויגן מיין וואַלד־לעבן צוויי־און־אַ־האַלב חדשים אין שטענדיקער איינזאַמקייט און געפאַר, אין אַרומשלעפּעניש איבער די וועלדער, אין אויסבאַהאַלטן זיך אין גריבער און וואַלד־שייערן, אין האַלב־הונגער און אין ניט־וויסן, וואָס דער מאָרגן, וואָס די נאָענטסטע מינוט וועט דיר ברענגען.

עס איז שוין האַרבסט. עס דערנענטערט זיך דער ווינטער, און עס ווערט נאָך מער איינזאַם און עלנט. יאָ, די איינזאַמקייט איז געווען שרעקלעכער פון אַלץ. כאָטש נאָך אַ מענטש, כאָטש אַבי־ווער, מיט וועמען מיט אַ וואָרט זיך צו טיילן, כאָטש אַ הונט, אַ חיה!... נאָר ס'איז קיינער ניט געווען; כ'האָב זיך אַרומגעטריבן איינזאַם, עלנט־אַליין, ווי אַ פאַרשאָלטענער וואַלד־רוח.

נאָר איך וועל ניט גיין אייך אויסדערציילן אַלע פּרטים, ווי אַזוי און וואו איך האָב געלעבט די צוויי־אַ־האַלב חדשים, ווי איך האָב זיך איינגעשאַפט אכילה, ווי איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט און וואָס איך האָב געטראַכט און געטאָן. איך וועל אייך דערפאַר געבן אַ מין „ליד", וואָס איך האָב דאַן אָנגעשריבן, ליגנדיק אין אַ וואַלד־שייער. קיין פּאַפּיר האָב איך דאַן ניט געהאַט, האָב איך עס אָנ־געשריבן אויף אַ שינדל־ברעטל, וואָס איך האָב געפונען אין שייער, און דער־נאָך, מיט איניקע חדשים שפּעטער, האָב איך דאָס ברעטל ווידער אויפגעזוכט.

אַט־וואָס איך האָב דאַן געפילט און פאַרשריבן:

איך בין אַ חיה...

איך בין אַ חיה אַ געיאָגטע...
אַ וואָלף, אַ פוקס און מויז צוגלייך.
איך ליג פאַרשטעקט אין וועלדער, לעכער,
דאָ ביים בערגל, דאָ ביים טייך,
דאָ ביי פויער־הויז אַ נאָענטן
אין אַ שייער אונטער היי,
דאָ אין שטאַל אַ ווארעם ווינקל
זוך איך צווישן מיסט און שטרוי.

וואו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט...
עס יאָגט געפאַר, ווער ווייס וואוהין
איבער וועלדער, זומפּן, גריבער
אָן אַן אויסזיכט ,אָן אַ זין.
אויג און אויער שאַרף־געשפּיצטע,
אָנגעשטרענגט צו יעדן רויש...
שאַ !... וואָס הילכט דאָרט ? אפשר מענטשן ?
בלייבן ליגן ?... גיין פאָרויס ?...

פון דערווייטנס הערט זיך שיסן
פון אַ ביקס, מאַשין־געווער...
אָך, דער שונא נישטערט ווידער
אין די וועלדער לענג און קווער !...
און אַ הונט בילט... אפשר שפּיר־הינט
זוכן, שמעקן מענטשן־שפּור ?...
איך קוק פון ווייטן — אויפן וואַלד־וועג,
דאַכט זיך, פאָרט אַ פויער־פור.

זאָל איך פרעגן ביי דעם פויער,
האָט ער וואָס געזען, געהערט ?
אָדער ניין... וואָס קאָן ער העלפן ?
ער קאָן נאָר מסור׳ן, פאַרקערט.

עס איז אַ מצווה דאָך צו כאַפּן
און מיך יאָגן טריט אויף טריט,
עס דראָט מיט טויט-שטראָף מיר צו העלפֿן, —
איך היים דאָך „יודע" און „באַנדיט".

עס גייען וואָכן און חדשים,
זומער און דער האַרבסט אַוועק.
גרויזאַם קוקט דער בייזער ווינטער
אין מיין היימלאָזן פאַרשטעק.
עס ציט זיך וואַלד-נאַכט, קאַלט און שלאָפֿלאָז,
עס קומט אַן אומרו-טאָג, ס׳פאַרגייט...
עס וויינט דאָס האַרץ אין שטומען עלנט:
ראַטעווע מיך, גאָט, פון טויט!

גיב מיר, גאָט, איצט שאַרפע נעגל,
הירשן-פיס און וואָלפן-ציין!...
גיב מיר רויבער-האַרץ אַ שטייפע!
איך בין דאָך חיה!... כ׳בין אַליין!...
איך לויף ווי חיה פון פאַרפאָלגער,
איך רויב און בייס, ווי חיה בייסט.
גיב מיר שויץ, דו וואַלד געדיכטער!
שטאַרק אין מיר דעם חיה-גייסט!

* *
*

... און דערווייל אויף נאָענטן קריגס-פראָנט
גייט דער קאַמף ביי נאָענטע שטעט.
— וועל איך גאולה נאָך דערלעבן
אָדער... ס׳וועט שוין זיין צו שפּעט?

(געשריבן אין די וועלדער פון קורלאַנד, ביי אוגאלע,
סעפּטעמבער 1944).

אַ טראָפּן מענטשלעכע וואַרעמקייט.

ניט אין אַ העלן פרימאָרגן, ווי עס רעדט זיך, נאָר אין אַ פינצטערע האַרבסט־נאַכט האָב איך זיך אויפגעהויבן פון מיין וואַלד־שייער און זיך געלאָזט גיין איבער די וועלדער. איך האָב באַשלאָסן צו גיין קיין אוגאַלע און קומען צו דעם פויער, דעם פריינט פון יאַקאָבסאָן, צו וועלכן ער האָט אונדז געהאַט געפירט. איך האָב שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן די וואַלד־איינזאַמקייט, עס האָט געצויגן צו מענטשן, צו אַבי־וועלכע מענטשן. ביים פויער, געדענקס פריינט, האָב איך געטראַכט, וועל איך זיך אפשר דערוויסן גענויערס וועגן גורל פון מיינע חברים, און מעגלעך, אויך וועגן פאַרטיזאַנער, אויב אַזוינע געפינען זיך אין די אַרומיקע וועלדער.

אַ האַלבע נאַכט האָב איך זיך ארומגעדרייט אויף קליינע, קוים מערקבאַרע וועגעלעך און שטעגעלעך, און צום סוף בין איך ארויס אויף אַ ברייטן וואַלד־וועג. איך האָב ניט געוואוסט גענוי, וואו איך געפין זיך. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ גערויש און טראַסקעריי צווישן די צווייגן, און עטלעכע טונקעלע געשטאַלטן זיינען, ווי וואַלד־שדים, פאַרבייגעלאָפן און פאַרבייגעשפרונגען פאַר־ביי מיין נאָז און פארשוואונדן אין וואַלד. אינסטינקטיוו האָב איך זיך מאַמענ־טאַל אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, און קוים באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, אז דאָס איז געווען אַ סטאַדע איבערגעשראָקענע סטירנעס (ווילדע וואַלד־ציגן), און אומ־זיסט איז געווען מיין שרעק, ווי פאַרביי מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן אויף וועלאָ־סיפעדן (בייסיקלען) פיר פאָליציאַנטן, אַזוי נאָענט, אז איך האָב געהערט זייערע שטימען און געזען די פנימער, באַלויכטענע פון אָנגעצונדענע ציגאַרעטן.

— נו, — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין און גערעדט אויפן קול, ווי צו אַ זייטיקן מענטשן, — דאָס מאָל האָבן דיך די סטירנעס געראַטעוועט. זיי האָבן, ווייזט אויס, פריער פון דיר דערשפירט די דערנענטערונג פון געפאַר און מיט זייער רוישיקן שפרינגען האָבן זיי דיר געגעבן אַ רעכטצייטיקע וואָרנונג. דאָס איז אצבע אלוהים, גאָטס אָנווייז . . . ווען ניט זיי, די סטירנעס, וואָלסטו זיכער זיך אָנגעשטויסן אויף די מערדער פנים אל פנים, אָט אזוי ווי דאַן... געדענקסט דאָך, מסתמא ?... זיי פאַרזיכטיק, און... ווער טרייבט דיך צו גיין אפילו באַנאַכט אויף גרעסערע וועגן? וואוהין איילסטו זיך ? האָסט קיין צייט ניט ? און וואָס לויפסטו קיין אוגאַלע ? ווער וואַרט דאָרט אויף דיר, — אַ טאַטע, אַ ברודער, א קרוב ? אומעטום די זעלבע פויערים, אומעטום די זעלבע נאַצישע פאַר־שקלאַפטקייט און פאַרפוילטקייט, וואו דו, דער „יודע", ביסט טרייף, און וואו מען וועט דיך פאַרקויפן פאַר אַ פלאַש שנאַפּס, אָדער פאַר אַ ביסל צוקער און טאַבאַק... דו ווייסט דען ניט אליין ? זיך ווייניק אָנגעזען און אָנגעהערט ? וואוהין לויפסטו ? בלייב אינדערהיים, אין די וועלדער...

אַזוי, איך געדענק עס קלאָר, האָב איך גערעדט צו זיך אַליין, אויפן קול. ווייזט אויס, די איינזאַמקייט, דאָס ניט האָבן צו וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן, האָט מיך צו דעם געבראַכט. דאָך האָב איך געוואָלט וויסן, וואו איך געפין זיך, און געלאָזט זיך ווייטער גיין מיטן וועג.

פרי־באַגינען, ווען עס האָט גענומען קוים־קוים ווערן ליכטיקער, בין איך געקומען אויף אַ קרייצוועג, און דאָ, פון אויפשריפט אויף אַ וועגווייזער, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך גיי גאָר ניט קיין אוגאַלע, נאָר קיין פילטינע, אַ קליין שטעטל אַזא. פאַרבלאָנדזשעט, הייסט עס... מילא, טראַכט איך זיך, זאָל זיין פילטינע, אַ נפקא מינה מיר איז, וואו איך געפין זיך... אומעטום וואַרט אויף מיר דאָס זעלבע, אומעטום די זעלבע אויסזיכטן. לאָמיר גיין, וואוהין דער גורל פירט...

איך האָב פאַרבייגעלאָזן איניקע הייזער ביים וועג, און אויפן ערשטן זייטיקן שטעגל בין איך ווידער אַריין אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. דער וואַלד האָט גענומען ווערן שיטערער, עס האָבן זיך באַוויזן פעלדער, וואַלד־לאָנקעס, אַרומגעצוימטע וואַלד־פיטערנישן און פון ווייטן — אַן אָרעמע פויער־שטוב ביים ראַנד פון אַ צווייטן וואַלד, וואָס שיינט צו זיין זייער גרויס און געדיכט. עס האָט מיך געצויגן אַהין. איך בין צוגעקומען נענטער, זיך געשטעלט הינטער אַ דיקן בוים און א גוטע שעה זיך צוגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אַרום, ווער עס גייט אַריין אין שטוב, ווער אַרויס.

פון קוימען שלענגלט זיך אַ רויך, און דאָס דערמאָנט מיר, אַז איך בין נאָס און הונגעריק, אַז אין שטוב הייצט זיך אַן אויוון, ס'איז וואַרעם, און עס קאָכט זיך אַ זאַטער פויערשער פרישטיק. עס דאַכט זיך מיר אפילו, אַז איך פיל דעם גערוך און טעם פון געקאָכטע פלייש און קאַרטאָפל, פון וואַרעמקייט, פון אַ פאַררויכערטער פויערשער קיך. און ווידער קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז מענטשן לעבן נאָך גליקלעך, זאַט, וואַרעם, אונטער אַ דאַך... איך טרייב פון זיך די אומנויטיקע געדאַנקען, איך וויל וועגן דעם ניט טראַכטן. מיט פעסטע טריט לאָז איך זיך צו דער שטוב, קום אַריין אינעווייניק און בעט, מ'זאָל מיר געבן עסן. איך בין געקומען אַקוראַט צום פרישטיק.

און ס'איז באַשערט געווען, אַז די משפחה דוקס, ווי זיי האָבן געהייסן, זאָל שפילן אַ גורלדיקע ראָלע אין מיין איינזאַמען חיה'שן וואַלד־לעבן. די באַלעבאָסטע, שוין נאָענט צו די פופציקער, האָט גלייך פון מיינע ערשטע רייד פאַרשטאַנען, ווער איך בין און ווי איך קום דאָ. זי האָט עס ניט אַרויסגעוויזן, נאָר נאָך פרישטיק, ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט און דערציילט, אַז אין שטעטל פילטינע, וואָס איז אַ זיבן־אַכט קילאָמעטער פונדאַנען, האָט זי געהאַט פיל גוטע יידישע פריינט, איר זון און טאָכטער האָבן דאָרט אויך געהאַט פיל יידישע פריינט און שול־חברים, נאָר איצט זיינען זיי שוין קיינער

ניטאָ. מ'האָט זיי אַלעמען אויסגעהרגעט. זי קאָן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן און האַלט אין איין וויינען אויף זייער ביטערן גורל... יאָ, זי וויס, אַז איך בין אויך אַ ייד, נאָר איך דאַרף זיך ניט שרעקן... זי וועט קיינעם ניט דערציילן, פאַרשטייט זיך, אפילו ניט די אייגענע. מאַלע וואָס מ'קאָן זיך אַרויספּלאַפּלען...

קורץ געזעדט, די פויערטע קלאַראַ דוקס, אַ פרוי מיט אַן אויסערגעוויינלעך גוטער, מיטפילנדיקער נשמה, האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם, ווי אַן אַלטן גוטן פריינט. ס'האָט זיך מיר פּשוט ניט געגלויבט, אַז עס קאָנען נאָך זיין אויף דער וועלט אַזוינע גוטע און איבערגעבענע מענטשן, ווי זי און די גאַנצע משפחה. די ערשטע זאַך האָט זי פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיך מאַכן אין אָרדנונג. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט. דאַן האָט זי מיר דערלאַנגט אַ שטיקל שפּיגל, איך האָב אַ קוק געגעבן, און — געבליבן אַ דער־שטוינטער: פון שפּיגל האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט אַ מאַן מיט אַן איינ־געפאַלענעם פּנים, מיט אַ פּאָר איינגעזונקענע פרעמדע, משונהדיק־ווילדע אויגן, און באַוואָקסן מיט אַ געדיכטער שוואַרץ־גרויער באָרד. איך האָב זיך אַליין ניט דערקענט.

די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך באַטייליקט אין ברענגען מיך צו אַ „מענטשלעכן אויסזען". איך האָב אָפּגעראַזירט מיין דריי־ אָדער פיר־חדשים'דיקע באָרד. דער בעל־הבית, קרישיאַן דוקס, האָט מיך אָפּגעשאָרן. מ'האָט אויסגעהייצט דאָס בעדל, און באַנאַכט, אַן אויסגעבאָדענער און אויסגעפּאַרעטער, אין פרישע ריינע וועש און אין אויסגעפּאַרעטע קליידער, בין איך געזעסן ביים טיש מיט דער גאַנצער פאַמיליע און געגעסן אָוונט־ברויט.

דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּעלע האָט קוים באַלויכטן די קיך, פון אויוון איז געגאַנגען אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט, די אַרבעסענע בלינעס מיט פּוטער און סעמעטענע זיינען צעגאַנגען אין אַלע גלידער, אַלע האָבן גערעדט צו מיר שטיל און פריינטלעך, און מערקווירדיק — ווי אַ פאַרכישופטער האָב איך קלאָר געזען און געפילט, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַמאָל־אַמאָל פאָרגעקומען, אַז איך בין שוין דאָ אַמאָל געזעסן צווישן אָט־די מענטשן, אַז איך האָב דאָס גאַנצע איצטיקע בילד אַרום מיר און מיינע אייגענע איצטיקע געדאַנקען שוין אַמאָל, לאַנג צוריק דורכגעלעבט; עפּעס מאָדנע דמיונות האָבן געשוועבט אין מוח...

אַ לייכטער קלאַפּ אין פענצטער־לאָדן האָט מיך אויפגעריסן פון די דמיונות. איך בין אויפגעשפּרונגען און האָב זיך אַ ריס־געטאָן צו דער הינטער־טיר אינעם פינצטערן קאַמער, נאָר די שטוביקע האָבן מיך באַרואיקט:

— ס'איז גאָרנישט... דאָס איז אַרווידס. ער כאַפּט זיך אריין אַמאָל אין שטוב, באַנאַכט...

מ'האָט געעפנט די טיר, און אין שטוב איז אַריין אַ געזונטער הויכער יונג פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ שמייכלדיקן אָפענעם פּנים. דאָס איז געווען דער

זון, אַרווידס. ער איז געווען מאָביליזירט אין דעם לאָטווישן לעגיאָן צום קעמפן צוזאַמען מיט די דייטשן, נאָר איז גלייך אַנטלאָפן, און באַהאַלט זיך איצט אין וואַלד. די דייטשע און לאָטווישע פּאָליציי איז שוין געווען דאָ אַ פּאָר מאָל אים זוכן, איבערגעקערט די גאַנצע שטוב און הויף, נאָר צום גליק, אים ניט געפונען. איצט לעבט ער אין וואַלד, דרייט זיך אַרום ניט ווייט פון דאַנען צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים, אַזוינע ווי ער.

אַ פּאָר וואָכן צייט האָב איך פאַרבראַכט אין דער נאָענטשאַפט פון די דוקסעס. אין זייער שטוב האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט בלייבן, ווייל דאָס וואָלט געווען צו ריזיקאַליש סיי פאַר מיר און סיי פאַר זיי. נאָר אַרווידס איז איצט געוואָרן מיין בעסטער פריינט, און איך בין אַוועק צוזאַמען מיט אים אין וואַלד. שפּעט באַנאַכט פלעגן מיר זיך אַריינכאַפּן אין שטוב אָפּצועסן וואָס וואַרעמס, און גלייך ווידער פאַרשווינדן. פון צייט־צו־צייט פלעגן מיר זיך לאָזן אויך וואַוילגיין, — זיך פאַרענען אינמיטן דער נאַכט אין אָנגעהייצטן בעדל און שטאַרק הנאה־האָבן דערפון. אַרווידס איז געווען אַ געבאָרענער וואַלד־מענטש, האָט געקענט יעדע שטעגעלע און וועגעלע אַרום און אַרום, און פון אים האָב איך זיך אויסגעלערנט אַ היפּש ביסל פראַקטישע „וואַלד־קענטשאַפט", וואָס איז מיר גאָר אינגיכן זייער גוט צונוץ־געקומען.

אַ פּאָר מאָל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין וואַלד אויף קריגס־געפאַנגענע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. ווי פאַרדעכטיקע וועלף, אָן צוטרוי איינע צו די אַנדערע, פלעגן מיר זיך צוערשט פאַרזיכטיק דערנענטערן און אויסשמעקן, ווער די צופעליק־געטראָפענע זיינען און מיט וואָס זיי אָטעמען. דערנאָך, אַז מ'האָט זיך שוין דערשמעקט, פלעגט ווערן גוט־ברודערשאַפט, און מען פלעגט זיך טיילן מיטן עסן און מיטן רוכערן. אויך פון זיי האָב איך זיך אָנגעהערט וועגן אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער, וואָס זאָלן אפּערירן ערגעץ־וואו אין די גרויסע זשורער וועלדער. אָ, מ'קאָן זיי געפינען, אויב מען וויל . . .

נאָר ניט אַרווידס און ניט די אַנטלאָפענע רוסן האָבן חשק געהאַט צו גיין זוכן די פּאַרטיזאַנער. דאַן האָב איך באַשלאָסן צו גיין אַליין. באַנאַכט האָב איך זיך געזעגנט מיט דער גאַסט־פריינטלעכער משפחה, און די באַלעבאָסטע, קלאַראַ דוקס, האָט מיר מיטגעגעבן אַ פולע טאָרבע עסנוואַרג און אַ היימישע, אויסגענייטע דעקע, וואָס איז געלעגן אין נדן־קאַסטן פאַר איר טאָכטער. איך האָב ניט געוואָלט נעמען אַזאַ גרויסע האַרציקע מתנה, נאָר די באַלעבאָסטע האָט ניט נאָכגעלאָזן. מיט טרערן אין די אויגן האָבן מיר זיך געזעגנט און געוואונטשן זיך צו טרעפן ווידער, אינגיכן, אין בעסערע צייטן...

אַרווידס האָט מיך באַגלייט איבער אַ צענדליק קילאָמעטער, ביז נאָכן אי־בערקרייצן אַ ברייטן שליאַך, האָט ער מיך ארויפגעפירט אויף אַ שמאָלן וואַלד־שטעגל און געגעבן די לעצטע אינסטרוקציעס:

— גיי מיטן שטעגל גראַד, גראַד און גראַד. ניט אָפּדרייען לינקס און ניט רעכטס. לינקס איז אַ גרויסער פּריצישער הויף, וואו עס שטייען־איין דייטשן, און רעכטס וועסטו פאַרקריכן אין אַ זומפּ... גיי גראַד, אַ צענדליק קילאָמעטער... דאַן הויבט זיך אָן די געדיכטעניש פון די זשורער וועלדער, דאָרט וועסטו אויף צענדליקער קילאָמעטערס קיין הויז ניט טרעפן, און דאָרט, מסתמא, איז דער פּאַרטיזאַנער־לאַגער. דו וועסט שוין געפינען, דערשמעקן... איצט דרייען זיך אַרום פיל מענטשן אין די וועלדער... נאָר זיי פּאַרזיכטיק... אַ מענטשן־לעבן שפּילט איצט קיין ראָלע ניט... איינס־צוויי, און דערשאָסן, פּאַרטיק... ניט פאַר־פירן קיין איבעריקע באַקאַנטשאַפט... געדענק, — די זייט איז דרום, דאָ איז מזרח, דאָרט איז מערב... דאָס מוז מען וויסן, ווען ניט קאָן מען פאַרפאַלן ווערן אין די גרויסע וועלדער... און האַלט זיך נאָענט ביי־אָט דעם וועגל, עס גייט דורך די אַלע וועלדער... דו וועסט שוין טרעפן, ווען דו זוכסט... אין וואַלד טרעפט מען זיך... נו, זיי געזונט!...

באַוואָפנט מיט אַזוינע „קלאָרע און גענויע" אָנוויזונגען, האָב איך זיך גע־לאָזט אויף גאָטס באַראָט איבער די גרויסע זשורער וועלדער.

נקמה־נעמער . . .

אייניקע פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די דייטשן אין די וועלדער פון ליטע.

קאַפּיטל 10.

מיט רוסישע און יידישע פּאַרטיזאַנער אין נקמה־פייער

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין פּאַרטיזאַנער־לעבן

און ווידער, — זאָל איך עס האַלטן פאַר באַשערטקייט, מזל, גליק, גאָטס השגחה, אָדער צופעליקייט, — איך ווייס ניט, איך פאַרשטיי ניט אין די זאַכן... אין יעדן פאַל, ניט מיינע חשבונות, ניט מיין חכמה און גבורה, און ניט מיין ווילן האָבן דאָ געשפּילט די הויפּט־ראָלע. דאָס רייד איך וועגן דעם, וואָס אויפן פינפטן אָדער זעקסטן טאָג נאָך מיין האַפּנונגסלאָזן אַרומשלעפּן זיך אין די גרויסע זשורער וועלדער, האָב איך זיך טאָקע צוזאַמענגעטראָפן מיט פּאַרטיזאַנער, מיט אמתע רוסישע פּאַרטיזאַנער, און — ווי אַזוי? אויף אַן אויסטערלישן אופן און סיטואַציע, וואו איך האָב שוין געהאַלטן ביים געזעגענען זיך מיטן געבליבענעם שטיקל לעבן...

איך גיי אַזוי אַ פאַרנאַכט פאַרטראַכטערהייט אויפן „צענטראַלן" שטעגל, וואָס אַרווידס האָט מיר אָנגעוויזן, אין די זשורער וועלדער, און מיטאַמאָל דער־הער איך פון ווייטן אַ לייכטן גערויש און אַן אָפּקלאַנג פון שטימען. אין איין אויגנבליק ליג איך שוין אויסגעצויגן אויף דער ערד, גאָר נאָענט צום שטעגל, איך קוק פון צווישן דער געדיכטעניש און זע, עס גייען פאַרביי פינף מענער, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, און הער קלאָר, אַז זיי רײדן רוסיש. דאָס האַרץ האָט אַ שפּרונג געטאָן — פּאַרטיזאַנער!... איך וויל שוין אַרויסשפּרינגען צו זיי, נאָר מאָמענטאַל האַלט איך זיך אָפּ:... ווער ווייס, ווער זיי זיינען? אפשר רוסישע „שמעקער", שפּיאָנען, בוגדים, וואָס דינען ביי די דייטשן? עס שלעפּן זיך דאָך אַרום אין די וועלדער ניט ווייניק אַזוינע פאַרקויפטע נפשות... און האָב איך בכלל זיכער געהערט, אַז זיי רײדן רוסיש? אפשר האָט זיך מיר אויס־געדאַכט? ניין, עס קאָן ניט זיין!

איך לעב איבער אַ פיבערדיקן אינערלעכן קאַמף: באַוויזן זיך פאַר זיי אָדער ניט? אַרויסגיין אויפן וועגל, אָפּשטעלן זיי? י אַ— ניין? יאַ—ניין? צי לויף איך ניט אַליין צו דער חיה אין די ציין און נעגל אַריין? ניין, דאָס קאָן ניט זיין, דאָס זיינען זיכער רוסישע פּאַרטיזאַנער! עס דויערט בלויז מאָמענטן, איך שטיי שוין אויפן וועגל און שריי צו זיי פונווייטן:

— עי, חברים, האַלט! שטעלט זיך אָפּ!

אין איין אויגנבליק זיינען אויסגעשטעלט קעגן מיר פינף רוסישע ביקסן־אויטאָמאַטן. איך דערנענטער זיך מיט האַלב־אויפגעהויבענע הענט.

— ווער ביסטו? שטיי! גיי ניט נענטער! — שרייען צו מיר עטלעכע שטימען.

— אַן אייגענער... איר זעט דאָך... לאָזט אַראָפּ די אויטאָמאַטן... איך וועל אייך אַלץ דערציילן. איר זעט דאָך, איך האָב ניט קיין געווער, און כ'בין אַליין צו אייך געקומען...

זיי האָבן די אויטאָמאַטן האַלב אַראָפּגעלאָזן, און צוויי האָבן מיך באַטאַפּט און אונטערזוכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— ווער ביסטו אַזוינער און וואָס טוסטו דאָ אין וואַלד? שוין לאַנג, ווי דו גייסט הינטער אונדז? — האָט מיך געפרעגט איינער פון דער גרופּע, ווייזט אויס, דער עלטסטער.

איצט האָב איך שוין ניט געצווייפלט, אַז דאָס זיינען עכטע רוסן און פּאַר־טיזאַנער. איך האָב זיך אַנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, זיי אַלע אַרום מיר, און האָב אָנגעהויבן זיי אינקורצען צו דערציילן דעם אמת, דעם ריינעם אמת. איך זע, זיי האָבן קיין געדולד ניט אויסצוהערן, און איך מאַך עס נאָך קירצער.

— אַזוי, אַזוי, — זאָגט דער עלטסטער, — און דו מיינסט, אַז מיר דאַרפן דיר גלויבן און אַז מיר גלויבן דיר טאַקע... אַזוי מיינסטו? ריכטיק? איך מיין אָבער, אַז דו ביסט אַ שפּיאָן, אַ „שמעקער" פאַר די דייטשן, אַט ווער דו ביסט!... ריכטיק?

אויף וואָס־ניט־וואָס, נאָר אויף אַזאַ „ברוך־הבא" האָב איך זיך זיכער ניט געריכט. ס'האָט מיר צוערשט אָפּגענומען דער לשון פון אַזאַ איבערראַשונג, נאָר דערנאָך האָב איך זיך גענומען פּאַרטיידיקן, אונטערגעשטראָכן, אַז איך בין דאָך אַ ייד, זיך געמאַטערט דריי יאָר אין דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַלץ פאַרלאָרן, געלאָפן פון די דייטשן צוזאַמען מיט נאָך פיר חברים, זיי האָט מען דערשאָסן, איך האָב זיך צופעליק געראַטעוועט, וויל זיך דאָך אָנשליסן אָן אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וויל קעמפן, נקמה־נעמען און...

— וואַרט, וואַרט! — רייסט מיך איבער איינער פון דער גרופּע, אַ קורצער און אַ דיקער אַזאַ, — וואַרט! ווי האָסטו געזאָגט? דיינע חברים האָט מען דערשאָסן און דיך ניט, דיך האָט מען געלאָזט לעבן... הייסט עס, האָסטו שוין דאָן פאַרקויפט דיינע חברים, אַרויסגעגעבן זיי צו די דייטשן... ריכטיק? זאָג אויס, דו ביסט אַ דייטשער שפּיאָן, אַ מסור... וואָס קריגסטו דערפאַר?

— ווי קאָנט איר אַזוי ריידן! — האָב איך פּראָטעסטירט מיטן גאַנצן פייער און פּיין פון מיין נשמה, — איך האָב אַרויסגעגעבן מיינע חברים?! איך בין אַ דייטשער שפּיאָן?! איך, וואָס האָס די דייטשן, ווי דעם טויט, און וואָלט יעדערן פון זיי דערשטיקן מיט מיינע אייגענע הענט!... פאַרוואָס פאַרשטייט איר ניט? מ'האָט אונדז אַלע פינף געכאַפּט אין וואַלד און געפירט צום שיסן... צוגעפירט צו דער גרוב, און דאָ האָט זיך מיר איינגעגעבן צו אַנטלויפן... צי

דאָס איז געווען אַ נס, צי אַ גאָט־זאַך, צי צופעליק, נאָר איך בין ניט אַנטלאָפן פון די מערדער, אין סאַמע לעצטן מאָמענט... קאָן איך זיין אַ מסור, אַ דייטשער שפּיאָן?! איך בין דאָך אַ ייד, וואָס האָט זיך אַזויפיל אָנגעליטן פון די דייטשן, וואָס איז פון זיי אַנטלאָפן און וואָס...

— ע, מיר ווייסן די מעשות... אַ ייד, געווען אין דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער, מ'האָט אויסגעהרגעט אַלע יידן, און... דו ביסט געבליבן לעבן! ניט אומזיסט ביסטו געבליבן לעבן, מיר ווייסן עס, מיר ווייסן...

וואָס ווייטער, האָב איך זיך אַלץ מער געהיצט און פּרובירט באַווייזן דעם אמת, נאָר אויף אַלץ האָב איך באַקומען איין און דעם זעלבן ענטפער:

— ע, מיר ווייסן, מיר ווייסן... מאָסקווע גלויבט ניט קיין ווערטער און אפילו קיין טרערן אויך ניט. מיר ווייסן, מיר ווייסן...

איינער איז געבליבן מיך היטן, און פיר זיינען אַוועק אָן אַ זייט זיך מיישב זיין, וואָס מיט מיר צו טאָן. ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט, האָב איך דער־פילט, אַז עס האָלט שלעכט, זייער שלעכט. מ'הייסט מיר גיין פאָרויס, מיטן וועגל, און זיי וועלן גיין הינטער מיר. איך פאַרשטיי, וואָס דאָס מיינט, — דאָס מיינט אַ קויל אָדער אַ סעריע קוילן, פון הינטן, אין נאַקן, אין רוקן...

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן... צי דען דער סוף איצט, דאָ אין וואַלד, און פון וועמען?! פון אייגענע, קאָן מען זאָגן, פון פריינט, פון באַשיצער.. און אַזאַ מיאוסער סוף, — איך בין אַ דייטשער שפּיאָן, אַ פאַררעטער!... אַ שרעק־לעכע, אומפאַרדינטע באַליידיקונג און ווייטיק האָב איך געפילט אין האַרצן. נאָר איך האָב זיך גיך באַהערשט, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַן איינגעפאַלענעם בוים און געזאָגט רואיק:

— הערט זיך איין, חברים! איך זע, וואָס איר טראַכט וועגן מיר, און זע, וואָס איר גייט טאָן מיט מיר. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, איך האָב זיך שויף אַ ביסל אָנגעזען און אָנגעלערנט אין די לעצטע יאָרן... עס שרעקט מיך ניט דער טויט, ניט דער פאַקט פון דערשאָסן צו ווערן, נאָר דער פאַקט פון אַזאַ מיאוסן, אומפאַרדינטן און אומגערעכטן טויט פון אייערע הענט, פון אייך, פון פריינט און נקמה־נעמער, ווען עמען איך זוך שוין אַרום אין די וועלדער חדשים־לאַנג.... איך בין געגרייט צום טויט, טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט, נאָר וויסן זאָלט איר און געדענקט, אַז איך בין ניט קיין שפּיאָן, ניט קיין מסור, און ניט קיין פאַררעטער פון מיינע חברים... איך האָב זיך צו די דייטשן ניט פאַרקויפט, טו עס ניט איצט, און וועל עס קיינמאָל ניט טאָן. פאַרקערט, איך האָס זיי, די דייטשן, ברען מיט נקמה קעגן זיי ,פּונקט אַזוי ווי איר און אפשר נאָך מערער... יאָ, נאָך מערער ווי איר... פאַרגעסט ניט, זיי האָבן אַלץ און אַלץ פון מיר צוגענומען, אפילו דאָס לעבן פון מיין מאַמען און פרוי, ברידער, שוועסטער און קינדער, פון אַלע מיינע אייגענע, און — מיין נקמה־געפיל איז נאָך גרעסער,

שטאַרקער און טיפער פון אייערער. נאָר מיר האָבן איין ציל איצט, איר און איך, — נקמה!... און דאָ ווילט איר גאָר מיך דערשיסן... עד, דאָס איז צו פאַרדריסלעך, אַ צו גרויסע עוולה!... און איך זוך דאָך שוין לאַנג אַרום פּאַר־טיזאַנער אין די וועלדער, וויל דאָך גיין און קעמפן צוזאַמען, נקמה נעמען פון די רוצחים, פון די בלוטיקע הינט... הערט אויס!...

איך זע, זיי הערן זיך צו אויפמערקזאַם צו מיינע רייד. איך האָב זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, באַטראַכט זיך און דאַן ווייטער גערעדט:

— הערט אויס, וואָס איך וועל אייך זאָגן! איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, ווער איר זייט און וואָס איר טוט דאָ. איך זוך אויך צו גיין אויפן זעלבן וועג, ווי איר, און קאָן אייך פיל מיטהעלפן. הערט זיך איין: אויב איר ווילט אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די וועלדער צווישן דער ווענטאַ, אוגאַלע און פּיל־טינע, קאָן איך אייך זייער און זייער צונוץ־קומען. איך קען דאָרט די וועלדער, ווי מיינע פינף פינגער, געוויס דאָרט אַרומגעשלעפּט זיך און געבלאָנדזשעט. איך קען דאָרט אויך עטלעכע אָרטיקע איינוואוינער און פאַרשלעפּטע רוסישע מענטשן, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן. יאָ, איך קען איינעם אַ היגן מענטשן, דוקס, אַרווידס דוקס. ער מיט זיינע חברים שלעפּן זיך אויך אַרום אין די וועלדער, ווי איך, און ער האָט עס מיר אָנגעוויזן אַהער צו קומען. אָ, אים דאַרפן מיר זיכער אויפזוכן דעם ערשטן. דאָס איז אונדזערער אַ מענטש, און דערצו נאָך אַ געבאָרענער וואַלד־מענטש. איך ווייס, וואו ער געפינט זיך, איך קאָן אייך פירן גראַד צו אים. אויך אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע טרייבן זיך דאָרט אַרום אין די וועלדער, מען קאָן לייכט אָרגאַניזירן אַ קאַמפס־גרופּע פון עטלעכע צענדליק מאַן. איר וועט שוין אליין זען. איך...

— ווי האָסטו געזאָגט? פּילטינע? — האָט מיך איבערגעריסן דער עלטסטער, — ריכטיק? קענסטו דאָרט איינעם סטעפּקאַ, אָדער סטעפּאַן גאָריאַטשאָוו? ער איז אַ ציוויל־געפאַנגענער רוס, וואוינט אויף אַ כוטאָר (אָן איינצל־הויף) ביי אַ לעט אין דאָרף ראַבאַטצעמס. דאָס מוז זיין ניט ווייט פון פּילטינע, אַ צען קילאָמעטער מסתמא...

— איך קען ניט סטעפּקאַן, נאָר דעם דאָרף ווייס איך זייער גוט. דאָס איז אַ גרויסער דאָרף, ציט זיך אויף אייניקע קילאָמעטער צווישן די וועלדער. זאָגט מיר דעם נאָמען פון בעל־הבית פון כוטאָר, און איך וועל אייך אָוועקפירן גראַד אַהין. אָ, איך קען גוט יענע ערטער... אויך מיין וואַלד־פריינט דוקס איז פון דעם זעלבן דאָרף. אויב איר ווילט, קאָנען מיר גיין אַהין, נאָך די נאַכט... איך וועל שוין טרעפן דעם וועג...

איינער איז געבליבן מיט מיר, און פיר זיינען אַוועק אָן אַ זייט זיך באַראַטן. איך הער, זיי ריידן היציק צווישן זיך, און צום סוף רופט דער עלטסטער אויס:

— דער טייוול ווייס אים, אפשר רעדט ער דעם אמת! מ׳דאַרף זיין פאַר־זיכטיק מיט אים, נאָר לאָמיר פּרובירן! מיר׳ן זען... ריכטיק? עי, ווי רופט מען דיך?

— מיך רופט מען יאַשקאַ. יאַקאָוו, דאָס איז מיין נאָמען, — האָב איך גע־ענטפערט און דאַן צוגעגעבן: — חברים, פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איך בין ניט אַזוינער, פאַר וועמען איר האָט מיך צוערשט אָנגענומען. איר וועט זען, און... ס׳וועט אייך ניט פאַרדריסן. מ׳קאָן אַלעמאָל באַוויזן צו דערשיסן. איך קלייב זיך ניט צו אַנטלויפן פון אייך. פאַרקערט, מיר׳ן נאָך וואָס אויפטאָן... אָ, ווילט זיך מיר רייסן זייערע קערפּערס, גיסן זייער מערדערשע בלוט!... קומט, לאָמיר גיין. ס׳איז שוין גענוג טונקל.

מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אריין, זאַלבע־זעקסט. מיינע פינף נייע חברים זיינען געווען „אַראָפּגעוואָרפענע" פאַראַשוטיסטן, באַוואָפנטע חוץ מיט אויטאָמאַטן, האַנט־גראַנאַטעס און פּיסטאָלעטן, אויך מיט צוויי טראָגבאַרע „ראַדיאָ־סטאַנציעס" אויף די רוקנס, מיט לאַנד־קאַרטעס ,קאָמפּאַסן, בינאָקלען, מיט ווייסע מאַסקיר־כאַלאַטן פאַר ווינטער און ווער ווייס מיט וואָס נאָך אין זייערע ספּעציעלע פאַראַשוטיסטישע רוקן־זעק.

זיי, — קאַלקאַ דער גרויסער, קאַלקאַ דער קליינער, מיטקאַ, סאַשקאַ און וואַניאַ, — האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם שטאַב, די אָנפירערשאַפט, וואָס איז געקומען פון דער גרויסער פאַרטיזאַנער־באַזע צום אָרגאַניזירן אַ פּאַרטי־זאַנער בריגאַדע אויך אין „מיינע" וועלדער. דאָס זיינען געווען ביטערע יונגען, שוין אמתע ביטערע יונגען און טייערע לערערס, מיט אַ לאַנגען און האַרטן פאַר־טיזאַנער־סטאַזש. און איך, — „יאשקאַ ליטאָוועץ" (יאַשקאַ דער ליטווישער), ווי איך האָבן דאַן געהייסן, — בין צוערשט געווען דער וועג־וויזער, באַגלייטער, פאַרבינדונגס־מענטש און רוסיש־לאַטוויש־דייטשער איבערזעצער פון דער נייער פאַרטיזאַנער־גרופּע, און דערנאָך... דערנאָך בין איך געוואָרן אַ נקמה־נעמער און בלוט־פאַרגיסער, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך אָנגעהויבן מיין עכט פאַרטי־זאַנער־לעבן, — אַ לעבן פון בלוטיקן קאַמף, נקמה, אָפּרעכענונג.

בלוטיקער קאַמף, נקמה און אָפּרעכנונג.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין פאַרטיזאַנער־לעבן, — אַ לעבן פון בלוטיקן קאַמף, פון נקמה, פון אָפּרעכענונג.

דאָס איז געווען אין דעם אַזוי־גערופענעם „טויט־קעסל" פון קורלאַנד, אויף אַ פאַרהאַלטנמעסיק קליינעם שטח פון פיר־פינף קרייזן, וואו עס איז געווען אַרומגערינגלט, פעסט איינגעשלאָסן און צוגעדריקט צום באַלטישן ים אַן איבער

אַ מיליאָניקע דייטשע אַרמיי, און וואו מיר, פּאַרטיזאַנער, האָבן זיך געדרייט די דייטשן אונטער די פיס אין דעם ענגן רינג, און געטאָן אונדזער אַרבעט.

דער אַרומגערינגלטער טויט־קעסל פון קורלאַנד האָט זיך אַזוי געהאַלטן ביז צום סוף פון דער מלחמה, ביז די אַלע איינגעשלאָסענע דייטשע אַרמייען, קאָלאָסאַל־רייכע אַמוניציע־לאַגערן און די גאַנצע מאַשינעריע זיינען געבליבן אין דער רוסישער געפאַנגענשאַפט. נאָר ביז די דאָזיקע צייט איז געקומען, האָבן מיר, די אָרגאַניזירטע און גוט־באַוואָפנטע גרעסערע און קלענערע פּאַר־טיזאַנער־מחנות, געביסן דעם שונא אין רוקן אָן אויפהער, אָן אָפּרו.

נאָר אויך דער שונא האָט אונדז ניט געשאָנעוועט, — מיר זיינען שטענדיק געווען פאַרפאָלגט און געיאָגט פון טויזנט־קעפּיקע מחנות פון דייטשן מיט זייערע מיטהעלפער, — לעטן, ליטווינער און עסטאָניער, און דערצו נאָך „וולאַסאָווצעס", וואָס איז געווען אַ געמיש פון פאַררעטערישע אוקראַאינער, רוסן, אוזבעקן, קאַזאַכן און אַנדערע רוסיש־אַזיאַטישע קריגס־געפאַנגענע. גאַנצע אַרמייען פון דייטשן מיט די אַלע אַנדערע אויסוואורפן האָבן אונדז פאַרפאָלגט אין די וועלדער.

מיר זיינען געווען אייניקע מאָל אַרומגערינגלט, מיר האָבן דורכגעריסן בלאָקאַדעס, געהאַט פיל קרבנות, געווען נאָענט צו ענדגילטיקער פאַרניכטונג, נאָר ווי נאָר מיר פלעגן האָבן די לייכטסטע אָטעם־פויזע, פלעגן מיר דורכפירן אונדזערע אויפגאַבעס, — צעשטערן, אויפרייסן, ברענען, פאַרניכטן, הרגענען, פאַרגיסן דעם שונאס בלוט.

מיר האָבן געפירט אַ פאַרביסענעם און גערעכטן קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. אַ קאַמף, אין וועלכן מיר האָבן געהאַט אַלע שאַנסן אומצוקומען, אָבער אומקומען מיט אַ ווערטיקן, טייער באַצאָלטן טויט.

איך קלייב זיך ניט צו דערציילן איצט וועגן אונדזערן און מיין פאַרטיזאַנער־לעבן. דאָס איז אַ צו־גרויס און דערהויבן קאַפּיטל. דאָס איז אַ באַזונדערס גרויס און הייליק בוך פון גערעכטער נקמה און אָפּרעכענונג, וואָס מען קאָן ניט אַרויס־זאָגן בנשימה אחת און צוזאַמענגיסן אינאיינעם מיט די פינצטערע יאָרן פון געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, מיט די יאָרן פון פאַרשקלאַפונג, געפאַלנ־קייט, פּיין און זינלאָזן טויט. פּאַרטיזאַנער־לעבן, דערהויבענער בלוטיקער קאַמף און נקמה, — דאָס איז אַ זאַך פאַר זיך, צו וואָס מיר וועלן נאָך קומען, אָן אַנ־דערש מאָל, אין אַן אַנדער בוך.

איך וועל זיך איצט באַגנוגענען מיט עטלעכע דאַמאָלסטיקע פאַרצייכנונגען פון פּאַרטיזאַנער־לעבן. צווישן די פיל־פיל הונדערטער פּאַרטיזאַנער אין קור־לאַנד און מערב־ליטע זיינען געווען עטלעכע צענדליק, און אפשר ביז אַ פּאָר הונדערט, אויך יידישע פּאַרטיזאַנער. דאָס „נקמה־ליד" איז געווען זייער פּאָ־פּולער צווישן זיי, עס פלעגט ווערן איבערגעגעבן פון מויל צו מויל און גע־זונגען. אָט איז עס:

נקמה־ליד

אונדזער לעבן האָט קיין ווערט ניט
און אונדזער מאָרגן איז — דאָס „איצט"...
מיר לעבן רעגעס נאָר באַשערטע,
מיט בלוט און פייער אויסגעקריצט.

אונדזער לעבן האָט קיין ווערט ניט,
נאָר טייער גיבן מיר עס אָפּ:
מיט זיינע לעבנס איצט צעשטערטע
צאָלט פיינט פאַר אונדזערן אַ קאָפּ.

אין הארצן ברענט נקמה־פייער,
און איצטער איז נקמה־צייט...
אויך דו געווער נעם, חבר טרייער,
און קעמף מיט אונדז דאָ, זייט ביי זייט!

מיר זיינען איצט נקמה־נעמער.
מיר שניידן מיט נקמה־שווערד
פאַר בלוט פון קינדער, פרויען, מענער,
מיט וואָס פאַרגאָסן איז די ערד.

אויך דו אַ חשבון האָסט אַ לאַנגן...
און איצט איז דיין נקמה־טאָג! —
טאָ קום אין וואַלד! צום טויט־געראַנגל!
די מערדער... חיות — טויט זיי! שלאָג!

אַ זין און ווערט האָט איצט דיין לעבן
אָט דאָ, אין בלוטיקן געשלעג:
אומיזסט וועסטו עס ניט אָפּגעבן, —
דו גייסט דאָ ניט דיין לעצטן וועג!...

(געשריבן אין די וועלדער פון ליטע און לעטלאַנד, ווינטער, 1944־5.
יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן עס געזונגען אין די וועלדער פון
לעטלאַנד און מערב־ליטע).

רוט אייך אין פרידן...

לזכרון עולם מיינע פיר חברים, — **לייב באַבראָוו, גערשן יאַקאָבסאָן, לייב יאַקאָבסאָן און בנימין וואָספּי,** — וואָס זיינען נאָכן אַנטלויפן מיט מיר צוזאַמען פון לאַגער, אומגעקומען פון מערדערשע הענט דעם 12טן אויגוסט 1944, אין וואַלד ביי זלעקאַס (ווינדאַווער קרייז, לעטלאַנד).

מיר לויפן פון קנעכט־לאַגער... פינצטער איז נאַכט...
מיר זיינען אין וועלדער פאַרשוואונדן.
מיר האָבן אַ שפּרונג צו דער פרייהייט געמאַכט,
און ס'איז אונדז דער שפּרונג דאַן געלונגען.
געבלאָנדזשעט אין וועלדער... געהאָפט און געוואַרט,
באַפרייאונג זאָל יעדן טאָג קומען.
עס האָט אונדז דער גאַנג פון מלחמה גענאַרט, —
דאָס לאַנד בלייבט פון פיינט אַלץ פאַרנומען.

פיל וואָכן געהונגערט... געיאָגטע, געפּלאָגט,
ווי חיות פון יעגער געלאָפן.
געוועזן איז באַגינען... ס'האָט קוים דאַן געטאָגט,
ווען ס'האָט אונדז דער שונא געטראָפן.
עס האָבן דאַן ביקסן געפייערט, געקנאַלט
און אייך, אַ, חברים, דערשאָסן.
ווען ליכטיקע זון האָט באַלויכטן דעם וואַלד,
ז'געווען אייער לעבן פאַרלאָשן.

איר'ט יאָרן, ווי שקלאַפן, אין לאַגערס געלעבט,
דאָך דרייסט און אַנטשלאָסן געבליבן.
איר'ט שטענדיק און מוטיק צו פרייהייט געשטרעבט, —
ס'האָט פרייהייט־געדאַנק אייך געטריבן.
איר'ט יאָרן געבלוטיקט, געקריצט מיט די ציין
און הילפלאָז און מאַכטלאָז געליטן.
קוים מערקט זיך אַ ליכט־שטראַל... און — זאָגט איר דאַן: „ניין!
ניט גיין, ווי די שעפּסן צו שחיטה!"

איר האָט דאַן געהאַפּט מיט געווער אין די הענט
דעם בלוטיקן שונא צו שלאָגן.
נקמה־געפיל האָט אין הארצן געברענט
פאַר אַלע יסורים און פּלאָגן...
צעריסן דעם שקלאַפן־צוים, שטעכיקן דראָט
האָט איר, ניט געקוקט אויף סכנות.
איר׳ט אייערס געטאָן... ס׳איז דער ווילן פון גאָט,
וואָס איר זייט געפאַלן קרבנות.

מיר קענען, חברים, די מערדער גאַנץ גוט, —
ס׳איז נאָענט שוין דער טאָג פון נקמה!
מיר וועלן זיך רעכנען מיט זיי פאַר דאָס בלוט
פון פיל און פון אייערע נשמות!
איר רוט אייך אין פרידן נאָך שטורמישן גאַנג,
חברים פון ליידן און פרייהייט!
עס איז ניט אומזיסט אייער בלוט, אייער דראַנג, —
דער שפרונג צו דערגרייכן די פרייהייט!

(געשריבן אין פּאַרטיזאַנער־באַזע אין די זשורער וועלדער,
קורלאַנד, אָקטאָבער 1944).

דער קרבן . . .
אַן אומגעקומענער ייד אונטער די צעבראָכענע חורבות פון קאָוונער געטאָ.
(פאָטאָ ג. קאַדיש, קאָוונע, 1945).

אונדזער פּאַרטיזאַנען־בריגאַדע, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט מייסטנס פון אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע, האָט אָפּערירט אין די וואַלדיקע געגנטן פון שפּאַרע, אוסמאַ, אוגאַלע, פּילטינע און צולעצט אין די וועלדער ארום די טייכן ווענטאַ און אַבאַוואַ, אין קורלאַנד.

אָט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דאַמאָלסטיקן טויט־קעסל אין קורלאַנד און פון אונדזער פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין רוקן פון פיינט, אונטער זיינע פיס:

אין טויט־קעסל

ס'ליגט פיינט פאַרפעסטיקט, איינגעגראָבן
אין קורלאַנדס ענגן קעסל־רינג.
טראַנשייען, בונקערס, צוימען, גראָבנס
איז אָנגעבויט אויף רעכטס און לינקס.
פאַרזייטע ליגן מינעס־פעלדער,
פאַרפעסטונגען גייט ריי נאָך ריי.
עס ווערן רויש געהאַקט די וועלדער, —
געגרייט צום קאַמף איז פיינטס אַרמיי.

און איינגערינגלט פון יבשה,
און צוגעדריקט צום ראַנד פון ים,
ליגט פיינט אין קעסל־רינג געשלאָסן
און שפּייט פון דאָרט זיין שלאַנגען־סם.
באַפרייט איז באַלטיקום פאַריאָרן,
בלויז דאָ דער שונא האַלט זיך לאַנג...
— דו בייסט נאָך גיפטיק, כאָטש פאַרלאָרן
דיין קאַמף איז, מענטשן־פיינט, דו שלאַנג!

און מיינסטו, פיינט, דיר וועלן העלפן
דיין קראַפט, אַרמיי און האַס דערצו?
די רויט־אַרמיי, די פרייהייט־קעמפער,
דערוייל נאָך לאָזן דיך צורו.
ווען צייט וועט קומען און באַפרייער
אין גאַנג וועט לאָזן קריגס־מאַשין,
וועט אַלץ דאַן קראַכן. שטאָל און פייער
וועט דיך פאַרניכטן, ווי אין קרים!

דערווייל, אין טויט-קעסל, אינמיטן,
אויך זיינען מיר ארייננעדריקט.
פאַרפאָלגט ווי חיות, מיר „באַנדיטן”
אין רינג שיער ווערן ניט דערשטיקט.
ס׳איז גרויזאַם אונדז געווען דער ווינטער
אין וואַלד, אין הונגער, אָן אַ דאַך.
מיר, הילפלאָזע ווי קליינע קינדער,
דאַן זיינען נאָך געווען שוואַך.

נאָר איצט, אין טויט-קעסל גאָר אונטן,
געהיים, באַוואָפנט, פאַרמאַסקירט,
מיר, פּאַרטיזאַנער, דרייסט און מונטער,
צום קאַמף געגרייט, אָרגאַניזירט, —
פון יענזייט פראָנט דעם רוף בלויז וואַרטן
צום אויפברויז, לויט באַשטימטן פּלאַן...
דאַן, שונא, אויך אין קורלאַנד האַרטן
דערפילן וועסט דעם פּאַרטיזאַן!

און אָט!... דערלעבט שוין אויך נחמה!
מיר בייסן איצט מיט שאַרפע ציין
דעם פיינט אין רוקן. ס׳איז זים נקמה,
ווען דו צעשמעטערסט פיינטס געביין,
ווען ליגסט ביים ראַנד פון וואַלד און לויערסט,
ביסט גרייט צום חיה-שפרונג, צום רוף,
ווען ס׳קנאַלט דיין ביקס, גראַנאַטע פייערט
און לעכערט דורך דעם שונאס גוף!

ס׳איז אונדזער שוץ דער וואַלד געדיכטער.
אַ בוים, אַ לאָך איז אונדזער היים.
מיר זיינען נאַכט-חיות, פאַרניכטער, —
צעשמעטערט, געטויט... און — לויפן! גיין!
דער רינג דעם פיינט אַלץ קלעמט און פרעסט מער,
די ערד ברענט אונטער שונאס פיס.
און מיר אין פיינט-רוקן אַלץ פעסטער
אַ קלאַפּ! אַ שטאָך! אַ ריס! אַ ביס!...

אָט־דאָ, אין טויט־קעסל, פאַרניכטעט
ווערסטו, פיינט, שוין בלייבן! ניט אַרויס!
און דאָרט — צו הויפּטשטאָט דיינס געריכטעט,
שפּרייזט רויט־אַרמיי פאַרויס! פאָרויס!
ניט העלפן וועלן העץ און ליגנס,
ניט ניי־געווער צום ווידערשטאַנד!
דעם לעצטן טויט־קלאַפּ וועסטו קריגן
אויף באָדן פון דיין אייג׳נעם לאַנד!

(געשריבן אין די וועלדער פון קורלאַנד,
ווינטער 5־1944).

איינמאָל זיינען מיר זאַלבעצווייט, מיין חבר סיאָמקע און איך, געשיקט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער אויפגאַבע, אַ שליחות אַזאַ, — אויסגעפינען וואו, אין וועלכע כוטאָרן אָדער דערפער עס זיינען געקומען אָדער עס ווערט דערוואַרט דער אָנקום פון די ספּעציעלע דייטשע גרופּעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן רעקווויזירן (צונעמען) תבואה, היי, שטרוי און בהמות פון די פויערים. דאָס איז געווען זייער א דעליקאַטע און ריזיקאַלישע אויפגאַבע, און נור אַ דאַנק מיין קענטשאַפט פון דער אַרטיקער שפּראַך און די אָרטיקע געגנטן, פלעג איך זוכה־זיין צו אַזאַ אויפגאַבע. דערנאָך, ווען מיר פלעגן פאַלן אויפן שפּור פון די דייטשע אָדער לאַטווישע רעקוויזיר־גרופּעס, פלעגן מיר זיי שוין אָפּוואַרטן וואו ניט איז אויפן וועג אין אַ פּאַסיקן אָרט און אויפנעמען, ווי געהעריק — מיט בליי און פייער.

גייענדיק אויף אַזוינע דעליקאַטע אויפגאַבעס, פלעגט אויסקומען צו דרייען זיך אין די דערפער, אַרום די פויערשע שטיבער, פאַרמאַסקירן זיך, באַהאַלטן זיך און פאַרשווינדן פון אונטער דער נאָז פון אָרטיקער פּאָליציי און שמעקערס. איינמאָל, ליגנדיק אזוי אַ נאַכט פאַרשטעקט אין אַ שטאַל, האָט זיך מיר עפּעס געחלום׳ט צי אויסגעדאַכט, און איך האב עס דערנאָך פאַרצייכנט, די נאַכט אין שטאַל. אָט איז עס:

אַ נאַכט אין שטאַל

ס׳האָט האָן אין שטאַל דריי מאָל געקריִיט:
— די נאַכט פאַרגייט, די צייט ניט שטייט!...
איר מוזט וואָס גיכער גיין פון דאַנען,
איר טאָרט ניט זיין מיט אונדז צוזאַמען!

— מיר זיינען שטוב-חיות מיט רעכט,
און ס'לעבט זיך דאָ אונדז גאָרניט שלעכט, —
אונדז עופות, שעפסן, קי, חזרים
און פערד, — אונדז אַלע שטאַל-חברים.

— אכילה קריגן מיר גענוג...
וואָס זאָגט איר, הינער, רייד איך קלוג?
אין שטאַל איז גוט, ס'איז וואַרעם, ליכטיק,
מיר האָבן אַלץ, וואָס ס'איז אונדז וויכטיק.

— און טאָמער פעלט אונדז עפּעס-וואָס
גלייך זאָרגט פאַר אונדז דער באַלעבאָס.
עס צערטלט אונדז די באַלעבאָסטע, —
מיר זיינען, זעט איר, ניט קיין פּראָסטע.

— און ווער זייט איר? אַזש אָך-און-וויי!
באַנדיטן! פּאַרטיזאַנער צוויי!
געיאָגט, פאַרפאָלגט... איך מענטשן כלומרשט!
קאָנט איר זיך גלייכן צו בהמות?!

— איר האָט קיין היים דאָך ניט, קיין אָרט!
איר לעבט אויף הפקר דאָ צי דאָרט:
אָט שלעפט איר זיך אין וואַלד אין קאַלטן,
אָט ליגט איר היינט אין שטאַל באַהאַלטן.

— פּרובירט אַרויסשטעקן די נאָז, —
ס'וועט גלייך דערזען דער באַלעבאָס!
איר קאָנט באַטאָג דאָך דאָ ניט בלייבן, —
די טאָרבעס נעמט! אין וועג זיך קלייבן!

— איר הערט ווי אונדזער הונט דאָרט בילט?
מסתמא האָט ער וואָס דערשפּירט.
נו, טראָגט זיך אָפּ וואָס גיכער, גיכער!
ס'איז אייער לעבן דאָ ניט זיכער.

איך כאַפּ זיך אויף פון האָנ'ס געקריי...
פון שטאַל-טיר בלאָזט אַ ווינט מיט שניי.

..ס'א בייזער חלום איז דאס לעבן!
מ'מוז גיין אין וואלד, דעם טאג אנטקעגן...

איך וועק מיין חבר: אויפשטיין! גיין!
— וואוהין? פארוואס? — ער וויל ניט, ניין!...
..ס'א בייזער חלום אונדזער לעבן
אין קאמף, אין בלוט, אויף חיות-וועגן!

(געשריבן אין די וועלדער פון ליטע און לעטלאנד,
ווינטער 1944).

איינמאל בין איך ווידער צוזאמען מיט מיין חבר סיאמקע (א יונג—בלוט־און־מילך, 20 יאר, א סיביריאק!) געשיקט געווארן אויף אן אויסערארדנטלעכער און ריזיקאלישער אויפגאבע, — אויסשפירן די ערטער, וואו עס ווערן דורכגעפירט די דייטשע פארטיפיקאציעס, די פארפעסטיקונג־ליניעס, טראנשייען, בונקערס, אמוניציע־לאגערן. מיר האבן זיך דערקליבן צו די געהעריקע ערטער, געטאן דאס בעסטע, וואס מיר האבן געקאנט, און אפילו זיך דורכגעמישט מיט ארטיקע הונדערטער מענטשן, וואס האבן געטאן די פארטיפיקאציע־ארבעטן, ביז... ביז מ'האט אונדז דערשמעקט. מיר האבן באמערקט, אז מען שפירט אונדז נאך, מיר האבן געמוזט וואס גיכער זיך אפטראגן, און זיינען געבליבן שטעקן אין א מין פארלאזענעם „בונקער", א פארמאסקירטע גרוב, וואס איך האב דא שוין פון פריער געוואוסט. דאס איז געווען גאר נאענט צו די דייטשן, דירעקט אונטער זייער נאז, און מיר האבן דא געמוזט ליגן א גאנצע וואך און ווארטן אויף א שניי־שטורעם אדער אן „אדליגע", וואס זאל פארדעקן אונדזערע שפורן אויפן גלאטן, ניט באטראטענעם שניי. מיר האבן קיין טריט ניט געטארט שטעלן, ווייל מ'האט אונדז געזוכט, און דאס וואלט געווען דער זיכערער טויט. צום סוף איז געקומען דער שניי־שטורעם, און מיר האבן זיך געלאזט אין א לאנגען נאכט־מארש.

דאס ליגן א לעבעדיקער אין גרוב, אן באוועגונג און אין איינזאמקייט, איז געווען שווערער, ווי דאס גיין אויף דער שווערסטער פארטיזאנישער אויפגאבע. אט וואס איך האב דאן געפילט, געטראכט און פארצייכנט:

ווינטער אין די וועלדער

דו מוזסט א הארץ, ווי שטיין הארט, האבן,
פארגליווערט בלוט אין אומלויף-קרייז,
ווי שטריק און דראטן, שטארקע נערוון
און קאפ, וואס קעלטער איז פון אייז, —

נאָר דאַן אויסהאַלטן וועסטו אפשר
די איינזאַמקייט און יאוש־דרוק,
וואָס נאָגן דיין געמיט אַן אויפהער
אין ערד־לאָך, וואו דו ליגסט פאַררוקט.

צי שניי, צי רעגן, פראָסט, צי זונשיין,
צי שטורעם וועלטן איבערקערט,
צי ס׳גייט אַ מענטש, צי ס׳לויפט אַ חיה, —
דו זעסט ניט, הערסט ניט אין דער ערד,
אין ענגן „בונקער" פאַרמאַסקירטן,
אין וועלדער טיף, פון מענטשן ווייט,
וואו ליגסט באַהאַלטן פון דעם שונא
און ציילסט די אייביקייט, — די צייט...

געדאַנקען קנוילן זיך, ווי ווערעם...
דו זעסט דיין עבר און דיין סוף.
דער מוח שפּינט דמיונות־פעדעם,
דו ליגסט אין יאוש־קלעם און האָפסט.
דו האָפסט, אַז גאולה דאָך מוז קומען.
דו וואַרטסט געשפּאַנט, מיט יעדן גליד.
ס׳ווערט נאַכט... דו קריכסט אַרויס אינדרויסן
און הערסט זיך צו צוםווינטער־ליד.

געדיכטער שניי האָט ערד און טייכל
און גאַנצן וואַלד אין ווייס פאַרהילט.
ווי אין תכריכים שטייעןביימער
און שלאָפן, ווינטערדיק פאַרקילט.
אַ שטילקייט פּראַסטיקע, פאַרגליווערט
אין לופטן הענגט. קיין רויש, קיין פּיפּס.
דער הימל קוקט מיט שטערן־אויגן,
ווי ווייסע ערד איז צאַרט און היפּש.

אַ הערליך בילד, וואָס וואַרפט אַן אימה!...
דו ביזסט געפאַנגען פון דעם שניי:
ווייל גלאַטער שניי פאַרשרייבט די פוסטריט,
אויב גיסט זיך נאָר אַ ריר, אַ דריי.

ס'איז טויט־געפערלעך לאַזן שפּורן,
ווייל שונא נישטערט נאָענט אַרום!
וואָס קאָנסטו טאָן? בלויז מאַכטלאָז וואַרטן,
פאַרשטעקט אין ערד־לאָך טיף און שטום.

• •
•

עס קריכט די צייט, נאָר טעג, — זיי לויפן.
דער שונא רוט ניט טאָג און נאַכט.
אַ ריי פאַרפעסטונגען, טראַנשייען
אין וועלדער ווערן דאָ געמאַכט.
אויף צוואַנגס־אַרבעט געטריבן ווערן
אויך קינדער, פרויען, פור און פערד.
פון צייט־צו־צייט מיט שווערע מינעס
ווערט אויפגעריסן האַרטע ערד.

ס'ווערט וואַלד געהאַקט. אַלץ נענטער, נענטער
דערטראָגט זיך ס'האַקן פון די העק.
דו שטעקסט אַרויס דעם קאָפּ, דאַן הערסטו
אויך מענער־שטימען, נאָענט פון וועג.
עס קומט פאַרנאַכט. ס'איז קלאָר דער הימל.
פון ווייט זיך טראָגט אַ הודזשעריי.
און מיטאַמאָל — בום בום! בום־בום! בום!...
אַ קראַך... גערויש... אַ קנאַלעריי...

געבאָמבט, צעשטערט ווערט פיינטס פּאָזיציע.
מאַשינען פליען נידריק, נאָענט,
עס קראַכן באָמבעס, ערד זיך טרייסלט, —
עס איז אַ גרוס פון יענזייט פראָנט...
פון ווייטן אויך קאַנאָנען בוכטשן,
עס קלינגט ווי הימלשע מוזיק:
— ...ס'איז צייט געקומען!... ס'גייט באַפרייאונג! —
עס שפּרינגט דאָס האַרץ פון פרייד און גליק.

נאָר ווידער שטיל ווערט. ווידער קריכן
די שווערע, טעמפּע נעכט און טעג.

און ווידער יאוש-קלעם און — האָפנונג:
ס׳איז ווייט... ס׳איז נאָענט... דער אויסלייז-ברעג?!

אַ פראָסט-ווינט גלעט די ביימער-שפּיצן
און שיט מיט שנייען-שטויב פון זיי.
און דו?... פון שונא אַ פאַרפאָלגטער,
געפאַנגען ליגסט אין ים פון שניי.
און ווינטער הויכט מיט קעלט און הונגער,
און ס׳מורמלט גלייכגילטיק דער וואַלד:
דו, מענטש! נאָך לאַנג אויסהאַלטן וועסטו,
אויב דיין באַפרייאונג קומט ניט באַלד?

(געשריבן אין די וועלדער פון לעטלאַנד און מערב־ליטע,
ווינטער, 1944־5).

אויף אַ פּאַרטיזאַנישן שטייגער, טיף אין די וואַלד־געדיכטענישן אַרום ריזיקע שייטער־הויפנס, האָבן מיר געפייערט ניי־יאָר 1945. מיר זיינען געווען דאָן צוזאַמענגעקומען אין איין אָרט איבער אַ פּאָר הונדערט מאַן. וואַך־פּאָסטנס זיינען געווען אויסגעשטעלט ווייט און ברייט אַרום, און מיר האָבן זיך די נאַכט ניט געשטערט, — געזונגען, געשריען, געטומלט און געשנעפּסלט, וויפיל מיר האָבן נאָר געקאָנט. מיר האָבן זיך דאָן אויך געהאַט צוזאַמענגעטראָפן קרוב צו אַ פּאָר צענדליק יידישע פּאַרטיזאַנער, וואַלד־מענטשן, גזלנים (נאָר שרעקט זיך ניט, — דאָס זיינען געווען אַמאָליקע היימישע יידן, ריגער, ווילנער, קאָוונער, דווינסקער, ליבאַווער, שאַוולער, פּאָנעוועזשער און אפילו איישישקער, גוטע היימישע יידן, אַזוינע ווי איר און איך), און איך האָב זיי דאָן פאָרגעלייענט עטוואָס פון מיינע פאַרצייכנונגען. צווישן אַנדערע אויך „לכבוד ניי־יאָר״. אָט איז עס:

לכבוד ניי־יאָר

פּראָזיט, ניי־יאָר! עי, לחיים,
ניי־יאָר ניינצן פערציק־פינף!
אַ באַגריסונג אייך, די הערשער,
לכבוד ניי־יאָר שיקן מיר.

איר׳ט מלחמה ברייט צעפלאַקערט,
אָנגעצונדן לאַנד נאָך לאַנד,
איר׳ט פּאַרשפּרייט אויף פעלקער, לענדער
אייער בלוטדורשטיקע האַנט.

איר, די מחנות וועלט־פאַרשקלאַפער,
איר, די קלעפּיק־ברוינע פּעסט,
האַלט אַ וועלט דאָס זעקסטע יאָר שוין
אין מלחמה־קלעם פאַרפּרעסט!

הינטער אייך — נאָר בלוט און קברים...
טויט איז מאַן און פרוי און קינד.
אַלץ איז טויט... בלויז אויף די קברים
וואָיעט איר, בית־עולם־הינט!

איר׳ט געשאַפן מענטשן־חיות,
אַ פאַרטעמפּטן, ווילדן דור.
זיי דערצויגן פאַר מלחמות,
זיי פאַר׳סמ׳ט מיט האַס און מאָרד.

מיטן סם פון האַס און העצע
האָט איר פאָלק און לאַנד פאַרפּלייצט,
ווילדן בלוטדורשט, רויב־געפילן
אין די הערצער אויפגערייצט.

מענטשן־שנאה, גוואַלט, פאַרשקלאַפונג, —
דאָס איז אייער גרונט־נאַטור!
און אויף דעם ווילט איר אויפבויען
נייע וועלטן, ניי־קולטור?!

יידן־פאָלק ווילט איר אויסראָטן,
אויסוואָרצלען דאָס ייד־געשטאַלט...
גרויזאַם האָט איר אויסגעמאָרדעט
קינדער, פרויען, יונג און אַלט.

ס'איז שוין פול די מאָס פוןליידן
אונטער אייער הערשאַפט-בייטש,
עס איז אַ קללה פאַר דער מענטשהייט
בלויז אייער נאָמען „חיה-דייטש"!

אויפגעברויזטע מענטשן-מאַסן
שמידן שוין פאַר אייך דעם סוף.
שרעקלעך זיין וועט די נקמה,
די פאַרדינטע הארבע שטראָף!

פרישע כוחות, די באַפרייער,
רוקן אָן פון מזרח-זייט.
אייך פאַרניכטן, בייזע חיות,
קומט שוין, נענטערט זיך די צייט!...

זיי געגריסט, יאָר פינף-און-פערציק,
יאָר פון גאולה פאַר דער וועלט!
...אויך פאַר אונדז וועט זון נאָך שיינען
אונטער הימלשן געצעלט!

(געשריבן אין די וועלדער פון לעטלאַנד און ליטע,
דעצעמבער 1944).

פאַרטיזאַנער אויף זייער ארבעט... עס ווערט אויפגעריסן אַן אייזנבאַן-ליניע

קאַפּיטל 11.

נאָכן חורבן ווידער אין דער אַלטער היים

איך גיי אַהיים

דערלעבט די פרייהייט!...

איך האָב דערלעבט די פרייהייט, די ענדגילטיקע מפלה און צוזאַמענברוך פון דער בלוטיקער דייטש־נאַצישער מאַכט און די קאַפּיטולאַציע פון זייערע מעכטיקע „ניט־באַזיגבאַרע" אַרמייען. דאָס איז געווען דער 9־טער מאַי 1945, — אַ גליקלעכער, היסטאָרישער טאָג אין לעבן פון דער מענטשהייט. אָבער פאַר מיר און ענלעכע צו מיר — אַ גליקלעכער און צוזאַמען אַ ווייטיקדיקער טאָג, ווען דעם מוח האָבן פונדאַסניי אַנגעהויבן פייניקן נייע און אַלטע, ערגעץ־וואו פאַרשטויסענע, האַלב־פאַרגעסענע פראַגעס:

— וואו האַלט איך איצט אויף דער וועלט? וואָס זאָל איך טאָן איצט, נאָך דער באַפרייאונג, און ווי ווערט מען אויס וואַלד־חיה, ווידער אַ מענטש? ווי קערט מען זיך אום צו אַ נאָרמאַלן לעבן, און ווי קאָן מען אַנקוקן דעם לעבן אין די אויגן אריין? נאָך ניט רואיק איז דאָס האַרץ, עס קאָכט און ברויזט נאָך, און וועט שוין אפשר קיין מאָל ניט זיין רואיק. און וואוהין גייט מען? צו וועמען? ווער וואַרט דען אויף מיר? ס'איז דאָך קיינער ניט געבליבן! זאָל איך גיין אהיים? האָב איך דען אַ היים? איך ווייס דאָך, אַלץ איז טויט, פאַרניכטעט, פאַרזונקען אין בלוט, אין ימים בלוט.

ניין, איך בין אַזוי גיך נאָך ניט געגאַנגען אהיים... איבער דריי חדשים האָב איך נאָך פאַרגעזעצט מיין וואַלד־לעבן, און דאָס מאָל — אין אַ שטאַרקער מיליטערישער קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט גערייניקט די וועלדער פון מערדער, באַנדיטן און רויבער, וואָס האָבן זיך איצט דאָרט אויסבאַהאַלטן. דאָס זיינען געווען מייסטנס רעשטלעך פון פאַרעקשנטע לאַטווישע, ליטווישע און דייטשע קאַמפּס־איינהייטן, וואָס האָבן זיך ניט איבערגעגעבן אין דער געפאַנגענשאַפט, און דער עיקר, פון פאַרבליבענע פּאָליציי־לייט, „אייזסאַרגס", „שאַאוליסן", יידן־מערדער, „וולאַסאָווצעס" (פאַררעטערישע רוסיש־מיליטערישע עלעמענטן) און אַנדערע דייטשע מיטשלעפער און באַנדיטן, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן און פאַרשוואונדן צו ווערן אין דייטשלאַנד.

הונדערטער פון די דאָזיקע באַנדיטן האָבן מיר דאַן פאַרניכטעט אין די וועלדער, און הונדערטער האָבן מיר געכאַפּט לעבעדיקע, פעסטגעשטעלט ווער

זיי זיינען, און דאַן האָבן זיי באַצאָלט לויט זייערע פאַרדינסטן. און מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איך האָב אליין, מיט מיינע אייגענע הענט, דערשאָסן נאָך דריי פון די געכאַפּטע מערדער, וואָס האָבן מיט אַ געגויעם יאָר צוריק, ביי זלעקאָס, דער־מאָרדעט מיינע חברים לייבּ באָבראָוו, גערשן יאַקאָבסאָן, לייבל יאַקאָבסאָן און בנימין וואָספּי! (צוזאַמען פאַרניכטעט פינף פון זיי, ווייל צוויי פון די מערדער האָבן מיר שוין פריער דערשאָסן, אין דער צייט פון פאַרטיזאַנער־קאַמף).

דאָס איז געווען נקמה פאַר איך, פאַר אייער בלוט, „חברים פון ליידן און טרייהייט", — אזוי ווי איך האָב אייך דאַן צוגעזאָגט... נאָר איז דען געווען און איז דען דאָ אזא גרויסע נקמה, וואָס זאָל קאָנען באַצאָלן פאַר דעם ריזיק־גרויסן, שוידערהאַפטן מענטשלעכן פאַרברעכן, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אונדז, די מיליאָנען פאַרפּייניקטע יידישע קינדער, פרויען און מענער! איז דען דאָ אזא גרויסע נקמה, וואָס זאָל כאָטש עטוואָס שטילן דעם ווייטיק פון די אייביקע וואונדן אין די אויסגעפּייניקטע הערצער פון אונדז, די לעבן־געבליבענע?! איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ גרויסע נקמה, אַזאַ גערעכטע אָפּרעכענונג?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אויגוסט בין איך ענדגילטיק פריי געוואָרן פון מיין פאַרטיזאַנישן און מיליטערישן לעבן און פון די וועלדער, און האָב אָנגעהויבן זיך אומצוקערן צו אַ מענטשלעכן לעבן, צו גיין אַהיים. ניט פריילעך איז געווען דער וועג, דער וועג צוריק, וואָס פירט צו קברים, וואָס פירט צום גרויסן „קבר־אבות"... נאָר עס האָט געשלעפּט און געצויגן אַהינצו, און איך בין געגאַנגען, געגאַנגען אויס־טרינקען דעם ביטערן כוס ביז צום דעק.

איך שלעפּ זיך אין מיין סאָלדאַטישן הילוך און מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס איבער וועגן און פעלדער, און — אָט בין איך ווידער אויפן אָרט פון דעם גע־וועזענעם פאַפּערוואלער שקלאַפן־לאַגער, מיין לאַגער. איצט איז שוין דאָ קיין זאַך ניטאָ, — בלויז אַ גלאַטער אויסגעבערענטער פּלאַץ, באַוואקסענער מיט ווילד־גרעזער, און דאָס בערגל מיטן גרויסן קבר פון „אומבאַקאַנטן יידן". איך שטיי אזוי אויפן לאַגער־פּלאַץ פאַרטראַכט אין מיינע געדאַנקען, און מיטאַמאָל וואַקסט אויס פאַר מיר אַ מענטש. איך גיב אַ קוק, — עס איז דאָך דער דיקער פויער, וואָס וואוינט דאָ ניט ווייט, בשכנות מיטן אַמאָליקן לאַגער. אָ, איך קען אים גאַנץ גוט, פון דאַן.

— דו, אָפּגעפרעסענע מאָרדע! — גיב איך אַ געשריי צו אים און פאַר אים אריין אין מאָרדע אויף אַ געהעריקן אופן, איינס און צוויי און דריי, — דו דערקענסט מיך ניט, אָבער איך קען דיך! איך בין אַ היגער, אָט פון דאַנען... פאַרוואָס, פרעגסטו? געדענקסטו, ווי פאַראַיאָרן האָסטו זיך באַקלאָגט פאַר די דייטשן, אז די יידן פון לאַגער לאָזן דיך ניט צורו, בעטנדיק ברויט און קאַר־

טאַפּל? געדענקסטו? זיי זיינען געווען טויט־הונגעריק, דו — אָפּגעפרעסן ווי אַ חזיר, און דאָך האָסטו געזשאַלעוועט זיי צו געבן אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר קאַר־טאָפּל!... ביסט נאָך געגאַנגען זיך באַקלאָגן פאַר די הינט, די דייטשן! נאַ דיר, דו הינטישער זון, נאַ דיר!... אין דיין מאַמען אריין!.. אַוועק פון מיינע אויגן, דו אָפּגעפרעסענער חזיר, איך לאָז דיר די קישקעס ארויס!

דער פויער טראַגט זיך אָפּ וואָס גיכער, אַ פאַרבלוטיקטער, און איך כאַפּ זיך מיטאַמאָל, אז... איך בין ניט אין אָרדענונג. זיך גיין מיטן יעדערן שלאָגן, האָבן טענות און תביעות, — דאַרף איך דאָך זיך אויסשלאָגן מיט אַ האַלבער וועלט! און ווי גיך די הענט הויבן זיך, און ווי פיין איך קאָן זיך זידלען, אויפן עכט רוסישן שטייגער... ניין, מען דאַרף זיך צוימען, גענוג, ס'איז ניט מער אין די וועלדער... גענוג!

איך גיי און פאָר ווייטער איבער איינזאַמע וועגן, און — אָט בין איך ווידער אין זלעקאָס. פון די אַמאָליקע מושלים, פאָליציי און מערדער איז שוין קיין סימן ניטאָ. איך זוך אויף איינעם, דעם אָרטיקן שוסטער אָגינסקי, און ער פירט מיך אין וואַלד אריין, צום קבר פון מיינע פיר אומגעקומענע חברים, וואָס רוען דאָרטן. ער העלפט מיר, און צוזאַמען שיטן מיר אָן אַ בערגל אויפן קבר, לייגן ארויף אַ שטיין, באַפלאַנצן אַרום אים איינפאַכע פעלד־בלומען, און צום סוף גראָב איך איין אַ דיקן קלעצל און שרייב אויף מיט אַ האַלץ־בלייער:

— דאָ רוען זייער אייביקע רו לייב באַבראָוו, גערשן יאַקאָבסאָן, לייבל יאַקאָבסאָן און בנימין וואַספי, קרבנות פון באַציִשע מערדער־הענט, דעם 12טן אויגוסט 1944. כבוד זייער אָנדענקען. —

דאָס איז געווען די מצבה, וואָס איך האָב געשטעלט, און דער לעצטער כבוד וואָס איך האָב אָפּגעגעבן מיינע פיר אומגעקומענע נאָענטסטע חברים. ביז שפּעט באַנאַכט ביז איך געזעסן ביי דעם איינזאַמען ברודער־קבר און געטראַכט — איך, דער לעבן־געבליבענער, וואָס האָט דאָן צופעליק אויסגעמיטן אָט דעם זעלבן קבר אין וואַלד.

איך גיי און פאָר ווייטער, איך קום אין די לאַטווישע שטעט און שטעטלעך סאַסמאַקען (וואַלדעמאַרפּילס), טאַלסען, קאַנדאַווא, טוקום און אַנדערע, איך זוך באַקאַנטע, סתם יידן, כאָטש אַ יידישן פּנים, — ניטאָ, ניטאָ מער קיין יידן! אַלע זיינען טויט, פאַרניכטעט. איך פאָר ווייטער און קום קיין ריגע, די הויפּט־שטאָט פון לאַטוויאַ (לעטלאַנד).

איך זע, די אַמאָל שיינע שטאָט ריגע איז ארויס פון דער מלחמה כמעט אַ גאַנצע, אַ ווייניק באַשעדיקטע. איך גיי איבער די פון אַמאָל באַקאַנטע ברייטע גאַסן און פּאַרקן, איך שלעפּ זיך אַוועק צו די קוואַרטאַלן פון דער מאַסקווער פאָרשטאָט, וואו ניט לאַנג צוריק איז דאָ געווען די געטאָ. איך פרעג זיך נאָך, איך זוך, און — אָ, אַ גליק! איך טרעף איניקע יידן. מיט נייגעריקייט קוק איך

אריין אין זייערע פנימער, איך וויל לייענען אין זייערע נשמות. — דאָס זיינען דאָך די ערשטע געציילטע יידן, וועמען איך טרעף נאָך דעם בלוטיקן חורבן, און וועלכע האָבן זיך, אַזוי ווי איך אַליין, צופעליק געראַטעוועט פון דעם טאָטאַלן אומקום. דאָס זיינען דאָך די ערשטע פון דער „שארית הפליטה" פון דער „שארית ישראל". וועלכע איך זע, און דער באַגריף „שארית הפליטה" ווערט צום ערשטן מאָל געבאָרן אין מיין קאָפּ. הייסט עס, איך בין אויך איינער פון זיי, פון דער „שארית הפליטה". צי זיינען זיי גליקלעך, צופרידן, לעבנסלוסטיק, אָדער, — פאַרקערט? איך קוק אויף די „שארית ישראל" און זע, אַז עס לעבט אין זיי אַ שטאַרקער לעבנס־אינסטינקט, אַז עס שטראָמט און ברויזט אין זיי, ווי אַמאָל, אַ גוואַלטיקער דראַנג און כוח צו לעבן, צו קעמפן... דאָס איז גוט, טראַכט איך זיך, ס'איז נאָך דאָ אַ האָפענונג פאַר דער שארית ישראל.

מען זאָגט מיר, אַז אויף מאַרשאַל גאַס געפינט זיך אַ מין קאָמיטעט פון דער יידישער קהילה אין ריגע. איך גיי אַוועק אַהין און דערוויס זיך, אַז אין ריגע האָבן זיך שוין צונויפגעזאַמלט אַ דריי־פיר טויזנט יידן, סיי אָרטיקע, סיי פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך. איך פרעג זיך נאָך אויף מיינע ריגער באַקאַנטע, פריינט, איך זוך אין די רשימות פון די לעבן־געבליבענע, נאָר איך געפין קיינעם ניט, קיינעם ניט פון זיי. אָבער ס'איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, — זאָגט מען מיר, — לעבן־געבליבענע יידן קערן זיך נאָך אום פון די לאַגערן, פון דייטשלאַנד, פון רוסלאַנד, פון די וועלדער, פון דער רוסישער אַרמיי.

איך פאָר ווייטער, קיין דווינסק. אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי לייכט „איך פאָר קיין דווינסק". קיין פּאַסאַזשיר־צוגן גייען נאָך ניט, נאָר צוגן מיט לאַסט־וואַגאָנעס. פאָרן פריי קאָן מען ניט, מען מוז האָבן ספּעציעלע „פּראָפּוסקן" (פאַר־דערלויבענישן), און אָן דעם גיט מען ניט קיין בילעטן. איך קום אויף ריגער באַן־סטאַנציע, און דאָ איז אַ שרעקלעכע ענגשאַפט און געדראַנג פון טויזנטער־טויזנטער מענטשן. ניט צוצוקומען ניט נאָך אַ בילעט און ניט צו די טירן פון די וואַגאָנעס. איך קוק און שטויך, — פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ גוואַלטיקער שטראָם פון מענטשן?! ע, טראַכט איך זיך, וואַרטנדיק וועל איך גאָרנישט ניט אויפטאָן; מ'דאַרף זיך אַנדערש־ווי אַן עצה געבן.

איך רוק אַרויף מיין אויסגעדינטע סאָלדאַטישע היטל, נעם מיין רוקזאַק אויף די פּלייצעס, און אויפן דאַמאָלסטיקן שטייגער, שטופּנדיק מיט די עלנבויגנס אויף לינקס און אויף רעכטס, שפּאַר איך זיך דורך צווישן געדיכטן עולם, נאָכ־אַנאַנד אויסרופנדיק:

— עי, בירגער, לאָזט דורך! אַ מיליטער־מאַן... איר זעט דאָך, איך איל זיך... לאָזט דורך, לאָזט דורך!

אויפן זעלבן שטייגער פּרעס איך זיך אַריין אין אַ פול־געפּאַקטן פינצטערן לאַסט־וואַגאָן, מאַך זיך אַ פריי ווינקעלע אויפן דיל, שפּרייט אויס מיין „שינעל"

(סאָלדאַטישן מאַנטל) און מאַך זיך באַקוועם, צום שלאָפֿן. אויף מאָרגן אינדער־פרי בין איך אָנגעקומען אין דווינסק.

אויף קבר־אבות אין דווינסק.

איך בין ווידער אין דווינסק, — אין דער שטאָט פון מיין שווידערלעכן געטאָ־לעבן און פּיין.

איך דריי זיך אַרום איבער דווינסקער שטילע, פאַרשלאָפענע גאַסן אַ פּאָר שעה און מערער, און — וואוהין זאָל איך גיין? צו וועמען? איז דען ווער גע־בליבן, און וואו געפינט מען זיי, מיינע היגע פריינט און באַקאַנטע? איך קוק זיך אַרום — אַ האַלבע שטאָט, און אפשר מער ווי אַ האַלבע, איז חרוב, צעבראָכענע און צעשאָסן. גאַנצע גאַסן און פערטלען ליגן אונטער חורבות. אָט זע איך נייע רואינעס, וואָס זיינען דאָ, אין די דייטשע ציטן, נאָך ניט געווען. דאָס, ווייזט אויס, האָבן די דייטשן חרוב געמאַכט די הייזער פאַראיאָרן, ביים אָפּטרעטן, אָדער די רוסישע קאַנאָנאַדע און אַעראָפּלאַנען האָבן אָנגעמאַכט דעם חורבן. נאָר וואָס איז מיר וויכטיק?... איך זוך און וויל געפינען אַ לעבן־געבליבענעם יידן.

איך דריי זיך אַרום אויפן מאַרק צווישן די אָנגעשטעלטע טישלעך און קערבלעך, איך קוק אריין אין די פּנימער, און אָט, דאַכט זיך, איז אַ יידישע פרוי. יאָ, אַ באַקאַנטע פון געטאָ, פרוי עפּשטיין. איך רייד צו איר, נאָר זיך דערקענט מיך ניט. איך זאָג איר, ווער איך בין.

— אָך! — שרייט זי אויס און צעפּאַטשט מי די הענט, — דאָס זייט איר? איך וואָלט אייך אין לעבן ניט דערקענט. זעט, ווי איר קוקט אויס, ס'איז אַ שרעק אַ קוק צו געבן אויף אייך... נו, קומט צו אונדז! מיר וואוינען דאָ ניט וויַט. איר וועט זיך אָפּרוען אַ ביסל, דאַן וועלן מיר רידן, דערציילן... זעט, אַ סאָלדאַט זייט איר גאָר געוועזן!... נו, קומט, לאָמיר גיין!

און אָט, צום ערשטן מאָל צייט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און זיך גע־ענדיקט, בין איך ווידער אין אַ יידישן הויז, אַ משפחה. זי איז אַ „מזלדיקע". די פרוי עפּשטיין, — זי און איר טאָכטער זיינען געבליבן לעבן, זי האָט פאַר־לאָרן „נאָר" איר מאַן און צוויי קינדער, שוועסטער, ברידער און נאָך וועמען. איצט לעבט זי צוזאַמען מיט איר שוואָגער און זיין פאַמיליע און מיט זיין שוועסטערס פאַמיליע, — אלע, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן און זיך ראַטעווען אין רוסלאַנד. זיי, די קרובים, האָבן זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד, פרוי עפּשטיין מיט איר טאָכטער פון באַזונדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און זיי לעבן אלע צו־זאַמען, צען־צוועלף מענטשן, אין דריי צימערן מיט אַ קיך. יאָ, צום עסן פעלט ניט, זאָגן זיי; ברויט האָט מען. ס'איז גוט, פאַרשטייט זיך, נאָר ס'קאָן זיין בעסער... זיכער, ס'איז ווייט צו גוט, נאָר... ס'איז גוט.

איך טרעף זיך אין דווינסק מיט נאָך איניקע פריינט און באַקאַנטע פון די גוטע־יאָרן, — מיטן צאָן־דאָקטאָר מאַגיד, דאָקטאָר בלאַכמאַן, שיינע איכלאַוו, מענדל העלערמאַן, יצחק טרעגער, באַמע זעליקמאַן, דר. לאַנדאַו, די שוועסטער אַסיא ברודנא און מאשא לאַפידוס, מאָטל קראַם און זיין גאַנצע לעבן־געבליבענע משפחה און מיט איניקע צענדליק אַנדערע.

— אָט דאָס איז אַ מזלדיקער און העלדישער ייד, — טראַכט איך וועגן מאָטל קראַם, — צו קאָנען אויסבאַהאַלטן אין דווינסק גופא און ראַטעווען די גאַנצע פאַמיליע, די פרוי און צוויי קינדער! ער איז דער איינציקער אַזא גליקלעכער, נאָר ווער קאָן זיך גלייכן צו אים, — צו זיין הינטישן לעבן און הינטישן מזל?

און איך דערמאָן זיך, ווי געשיקט און חוצפהדיק־דרייסט מאָטל קראַם און זיין פרוי פלעגן מאַנעווורירן און קאָמבינירן אין די געטאָ־צייטן, ארויסגנבענען זיך פון געטאָ, באַהאַלטן די קינדער ביי באַקאַנטע קריסטן, ארומדרייען זיך פאַרשטעלטערהייט אין שטאָט, פאַרשטאָפּן מיט געלט און גאָלד וואו מ׳האָט נאָר געקאָנט און געדאַרפט, און... וואָס ניט?!

אַ צופרידענער, מיט זיין לאַכעדיקן רונדן פּנים און קליינע חוצפהדיקע אויגעלעך, זיצט איצט מאָטל קראַם און דערציילט מיר וועגן זיינע איבערלעבונגען און געפאַרן. איצט וויל ער אָפּקריגן זיין מויער־הויז. עס איז כמעט ווי גאַנץ געבליבן, נאָר עס איז פאַרנומען פון די רוסן. ניין, ער איז מוחל אָפּקריגן דעם מויער, ער וויל בעסער פאַרלאָזן דווינסק און זיך באַזעצן אין ריגע. דאָ קען מען אים צו פיל, ס׳איז צו קליין די שטאָט... יעדער קוקט אים אריין אין מויל, וואָס ער עסט און וואָס ער טוט. יאָ, ער האָט אַ שטעלע, אַ גוטע איינקויף־שטעלע ביי די רוסן, מען מאַכט ניט שלעכט, עס לאָזט זיך וואָס מאַכן, זיכער, נאָר... ס׳איז שוין צו ריזיקאַליש, אַלע קענען אים... יאָ, ער וויל זיך אַריבער־פּעקלען קיין ריגע, נאָר מ׳איז צוגעבונדן, די רוסן לאָזן ניט אָפּ, ס׳איז ניט אַזוי לייכט זיך ארויסצורייסן פון זיי. מ׳מוז זיצן, וואו זיי הייסן, נאָר מ׳וועט זען, דרייסט דאָך, פאַר געלט מאַכט מען אַלץ.

זעט איר, מיט מאָטל קראַם בין איך ניט געפאַלן. ער איז אַ רירעוודיקער, קיילעכדיקער, קלוגענקער און ווייס ווי צו דרייען זיך. איך האָף, ער איז איצט איינער פון די נייע אויפגעקומענע גבירים אין דווינסק, אויב ער געפינט זיך נאָר ניט אין ריגע אָדער... אָדער נאָך ווייטער אַ ביסל, — אין סיביר.

די אַנדערע יידן, וואָס איך האָב געטראָפן אין דווינסק, זיינען עטלעכע צענדליק לעבן־געבליבענע פון געטאָ, לאַגערן און וועלדער, און מערערע הונדערט דווינסקער און ניט־דווינסקער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד און זיך אומגעקערט פון דאָרטן. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז שפּעטער האָבן פיל פון זיי פאַרלאָזן זייער אַמאָליקע היים און געלאָזט זיך אויף נייע אומזיכערע וועגן און וואַנדערונגען, כדי צו קומען צו אַן אַנדער לאַנד, צו אַן אַנדער לעבן. אַ, איך

האָב זיי געטראָפן אויף מיינע שפּעטערדיקע וואַנדער־וועגן, כ'האָב זיי געטראָפן און געהערט וועגן זיי, — זיי זוכן א נייע היים אנשטאָט די אלטע, די פאַר־שוואונדענע.

נאָר מיך האָט געצויגן אַהין, צו דעם דווינסקער „עמק הבכא", — און אָט בין איך ווידער אין דער געוועזענער דווינסקער געטאָ, אין אַלטן „קרעפּאָסט" אויף יענער זייט דווינע. איך זע ווידער די דיקע מרה־שחורהדיקע שטיינער־ווענט, די היגלען, וואַסער־גריבער, קאַזעמאַטן, שטאַלן, און מיר דאַכט זיך, איך זע ווידער פאַרבלוטיקטע געשטאַלטן, מענטשן־שאָטנס פאַרפּייניקטע, יאָמערדיקע, שרייענדיקע און רופנדיקע נאָך הילף... נאָר קיין הילף איז ניטאָ, ניטאָ אפילו קיין אויסזיכט אויף הילף... פאַרשלאָסן זיינען די טויערן פון הימל, און ניטאָ מער קיין הערצער אין די מענטשלעכע גופים... און אָט טרייבט מען זיי ארויף בערגל, צו דער שחיטה... מענער, פרויען און קינדערלעך, קליינענקע, גרעסערע... מאָמעס מיט קינדערלעך...

איך רייב די אויגן, איך טרייסל מיטן קאָפּ, ווי כ'וואָלט וועלן אָפּטרייסלען פון זיך די שאָטנדיקע געשטאַלטן, איך קוק זיך צו נענטער און זע גאָר אַן אַנדער בילד, אַ בילד פון דער איצטיקער ווירקלעכקייט: טויזנטער דייטשע קריגס־געפאַנגענע לעבן דאָ איצט. אין דער געוועזענער געטאָ אין דווינסקער אַלטן „קרעפּאָסט", וואו טויזנטער יידן זיינען געווען ניט לאַנג צוריק פאַרשפּאַרט און פאַרמשפּט צו פּיין און אומקום, זיינען איצט פאַרשפּאַרט געפאַנגענע זין און ברידער פון די מערדער, און אפשר אויך די מערדער גופא. זיי, די געפאַנגענע נעכטיקע בעלי־בתים און מערדער, האַלט מען איצט פאַרשפּאַרט אין דער גע־וועזענער יידן־געטאָ, מען טרייבט זיי אויף אַרבעט, זיי גייען ארום האַלב־הונ־געריקע מיט אָנגעהאַנגענע קאָך־קעסעלעך אויף די אָפּגעטראָגענע גרין־גרויע מונדירן, זיי יאָגן זיך נאָך אַ ביסן ברויט, א קאַרטאָפל, אַ שאָלעכטץ, פּונקט ווי מיר, די יידן, גאָרניט לאַנג צוריק. נאָר זיי פּייניקט מען ניט, זיי שיסט מען ניט.

און זעט, דער דווינסקער געוועזענער געטאָ־תושב, דער ייד העלערמאַן, איז איצט דער געהילף־שעף איבערן לאַגער פון די געפאַנגענע, די דייטשן ציטערן פאַר אים, זיי חנפהנען זיך צו אים, זיי פּוצן זיינע שטיוול, זיי כאַפּן אַן אָוועקגעוואָרפן שטיקל ציגאַרעט פון אים; און — די דווינסקער לעבן־געבלי־בענע געטאָ־יידן פרייען זיך דערמיט און זעען אין דעם אַ גרויסע נקמה, זיי פילן אין דעם אַ באַפרידיקונג, זיי זעען דעם „אצבע אלוהים", אָבער... עס בלייבט אַלץ די זעלבע און די זעלבע קשיא: — איז דען דאָ אויף דער וועלט אזא גרויסע נקמה, אזא גערעכטע אָפּרעכענונג פאַר דעם שוידערהאַפטן פאַרברעכן, וואָס מען איז לגבי אונדז באַגאַנגען?

און עס ציט מיך ווייטער, אַהין, צו די דווינסקער בלוט־גריבער, צו די מאַסן־קברים. איך האָב דאָך דאָ אַ חלק, אַ גאָר גרויסן חלק פון מיין לעבן, פון

מיין בלוט און פלייש... אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין געגנט פון פּאָגוליאַנקע און בשכנות, ארום די פּלעצער פון די ריזיקע ברידער־קברים. אויף דער ערד איז איצט שוין גאָרנישט ניט קענטיק, עס איז פאַרשאָטן, אויס־געגליכן, באַוואַקסן מיט גראָז, נאָך איך הער קלאָר, דאכט זיך מיר, ווי די ערד באַוועגט זיך, ווי דאָס בלוט אין די גריבער שרייט נאָך אלץ און מאָנט, ווי אין דער לופטן פלאַטערן ארום נשמות מיט אַ שטילן יאָמערדיקן קרעכץ, ווי קינ־דערשע נשמות וויינען און טענהנען, און עס קלאָגן די נשמות פון מיינע יונג־פאַרשניטענע צוויי קינדער...

איך האָב שוין לאַנג ניט געוויינט, פאַרשטיינערט און פאַרגליווערט איז געווען דאָס האַרץ, נאָר איצט... איצט האָט דער אָנגעזאַמלטער צער און ווייטיק אויפגעריסן און אויסגעבראָכן אין אַ שטראָם פון יאָמער און טרערן. איך האָב געוויינט, ביטער געוויינט אויפן גורל פון די פאַרפייניקטע און פון די לעבן־געבליבענע, — אויף אונדזער אַלעמענס ביטערן גורל.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך פאַרבראַכט אויף די מאַסן־קברים, אויפן גרויסן, ברייטן און טיפן „קבר אבות". איך האָב געטראַכט און געטראַכט און ניט גע־קאָנט געפינען און דערטראַכטן דעם הויפּט־געדאַנק, וואָס האָט ערגעץ־וואו אָנ־געריירט דעם מוח. פון אָוונט, ווען איך בין שוין געווען מיד און אויסגעשעפּט, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט, עפּעס־וואָס פאַרצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און דערנאָך, שפּעטער, שוין אין ליטע, אין מיין געבורט־שטעטל, האָב איך עס איבערגעשריבן און פאַרענדיקט. אָט איז עס, וואָס איך האָב דאַן אָנגעשריבן, איבערגעשריבן און פאַרענדיקט. אָט איז עס, וואָס איך האָב דאַן אָנגעשריבן, — „קום אַראָפּ אויף קבר־אָבות".

קום אַראָפּ אויף קבר־אבות...

קום אַראָפּ אויף קבר־אבות,
ייִד פון ווייטן היימאַט־לאַנד!
קיין געפאַר מער: מלאך־המות
האָט שוין אָפּגעווישט זיין האַנט...
דו וועסט זען, וואָס איז געוואָרן
פון דיין פאָלק אין אַלטער היים.
מיין ניט, ייִד, דו ביסט געבאָרן
דאָרט ווייט אין אויסלאַנד פון אַ שטיין!

געוועזן שוין זיינען דיינע זיידעס
דאָ פאַרוואָרצלט דורות־לאַנג,

עס זיינען גאָט און מענטש דאָך עדות,
אַז מיט הענט און מיט פאַרשטאַנד
האָבן יידן דאָ געהאָלפן
בויען, לייגן שטיין אויף שטיין...
און איצט, — אָן קבורה, ווילד צעוואָרפן
דאָ וואַלגערט זיך דעם יידס געביין!...

ס'איז אָפּגעווישט איצט יידיש לעבן,
גוף און גייסט, עשירות, נויט.
מען האָט געיאַרשנט יידס פאַרמעגן, —
מאַן און פרוי און קינד איז טויט...
געבליבן נאָר די מאַסן־קברים
פול מיט יידן־לייב אָן צאָל,
אייראָפּע איז פאַר אונדז געוואָרן
אַ בית־עולם מיטאַמאָל!

מען האָט אַ פאָלק דאָך אויסגעקוילעט
אָפן, גרינטלעך, מיט אַ טאָלק!
נאָר... אפשר טראָגט פון שול דאָ חלק
אויך אליין דאָס קרבן־פאָלק?
שארית ישראל — מיר, רעשטלעך —
אָפּגעבלוטיקט, שוואַך און קליין,
גרינטלעך נאָכזען דאַרפן אפשר
אונדזער וועג וואוהין מיר גיין?

אפשר איז דער וועג ניט ריכטיק
און צום תהום האָט אונדז געפירט?
אפשר זיינען מיר קורצזיכטיק
און סכנה ניט געשפירט?
אפשר האַלט מען אונדז פאַר פרעמדע
אויך אפילו אין אַ לאַנד,
וואו מיר אָפט, ווי בלינד, פאַרבלענדעט,
שפירן זיך אויף פעסטן שטאַנד?

אפשר בויען מיר אויף זאַמדן
אונדזער לעבן, צוקונפט, הויז,

ביז עס קומט אין לאַנד אַ וואַנדל,
און דער שטורעם רייסט אַלץ אוים?
שפּירן מיר אַ פעסטקייט, גאַנצקייט,
באַדן זיכערן ביים טראַט?
אָדער איז ביי אונדז אַ קראַנקייט
ניט צו מערקן, וואָס אונדז דראָט?

זיינען מיר אין ערד פאַרוואָרצלט
ווי דער פויער, ווי דער גוי,
וואָס זיין פּנים איז צעקאָרטשעט
פון פרישן פעלד־ווינט, רעגן, טוי,
און וואָס שעפּט מיט הענט געזונטע
זיין חיות, קיום, רו און פרייד
פון דער מוטער־ערד באַזונטער, —
ניט פון שטעקל־דריי און קלייט?

אפשר דאָך... מיר זיינען פרעמדע?
זויגן פרעמדע גייסט און שפּייז?
וואו איז אונדזער היים, צום ענדע,
אַ שטיקל ערד, אַ אייגן קרייז,
וואו מיר זאָלן קאָנען לעבן
און דאָרט פאַלן אויך צו דר'ערד,
נאָר ניט ווי שעפּסן, אָבער געבן
קלאַפּ פאַר קלאַפּ, מיט פויסט און שווערד?!

קום אַראָפּ אויף קבר־אבות,
ייד, פון פאָלק דער לעצטער רעשט!
אפשר דו... לעבסט אויך אין טעות?
ייד! פאַרטראַכט זיך!... טיפער... פעסט!

(געשריבן אויפן גרויסן יידישן קבר־אבות נאָך מיין צוריקקער
פון די וועלדער, אויגוסט־סעפּטעמבער 1945)

איך זוך אַ יידן אין פּאַנעוועזש

דער נעבעכדיקער צוג מיט זיינע לאַסט־וואַגאָנעס. אָנגעפּאַקטע מיט סאָלדאַטן
און פּאַסאַזשירן, שלעפּט זיך און שלעפּט זיך, שטייט לאַנג אויף יעדער סטאַנציע,

נעמט וואַסער און האָלץ, מאַנוועררירט, שטופּט זיך פאָרויס און צוריק, — ס'איז נאָך דער מלחמה, און דער צוג איילט זיך ניט. כאָטש עס ציט מיך אהיים, צו דער אַלטער, נאָך גאָרניט לאַנג ליבער, טייערער אמאָליקער היים, כאָטש עס ווילט זיך אַ קוק געבן, זען, הערן, נאָר... איך איל זיך אויך ניט. איך ווייס דאָך קלאָר, וואָס עס וואַרט דאָרט אויף מיר, וואָס איך קאָן דאָרטן געפינען, זען און הערן. איך איל זיך ניט, איך האָב ניט נאָך וואָס און וואוהין צו איילן.

פארנאכט שטעלט זיך אָפּ דער צוג אויף דער ליטווישער באַן־סטאַנציע פּאָנעוועזש, וואַרפט ארויס עטלעכע צענדליק פּאַסאַזשירן, נעמט אריין הונדערטער נייע, און — איך שלאָג זיך מיט דער דעה: זאָל איך אַראָפּגיין אָדער ניט? אייגנטלעך, דאָ איז דאָך מיין אַלטע, אַמאָליקע היים. דאָ, ניט ווייט אין אַ שטעטל, בין איך געבאָרן געוואָרן; דאָ, פאַר דער מלחמה, האָט נאָך געלעבט מיין מאַמע, מיין ברודער מיט זיין פאמיליע און קרובים, געהאַט הייזער, געשעפטן, פאַרמעגן... אָדער ניין, אפשר פאָרן ווייטער, קיין קאָוונע, — דאָרט וואו איך מיט מיין פאַמיליע האָבן לעצטנס געלעבט? איך שלאָג זיך מיט דער דעה און רייד צו זיך אליין:

— אין קאָוונע... נאָר דאָרט וועסטו דאָך זיכער קיינעם און קיין זאַך ניט געפינען. דאָס ווייסטו דאָך. וואָס, וועסט לויפן אָנקוקן דיין אַמאָליקע וואוינונג? וועסט זיך פרייען, אויב דו וועסט נאָך וואָס געפינען פון דיין אַמאָליקן האָב־און־גוטס? דו דאַרפסט עס נויטיק האָבן? פאָר־צו בעסער צו דער מאַמען, צוגאַסט, ווי אַמאָל אויף יום־טוב, אויף פּסח, אויף סוכות...

אין דער אַלטער פּאָרשוואונדענער היים, אַמאָל אין אַ מאַרק-טאָג (שטעטל פּומפּיאַן, ביי פּאָנעוועזש).

איך שטייג אַראָפּ אין פּאַנעוועזש, פּרעס זיך דורך צווישן געדיכטן עולם אין וואקזאל און בלייב שטיין אין גאַס, אויף דער גוט באַקאַנטער באַן־גאַס. עס איז שוין פּאַרנאַכט. וואָס זאָל איך איצט טאָן, וואוהין גיין? איך קער זיך אום צוריק אויף דער באַן־סטאַנציע, מאַך זיך א באַקוועם ווינקל אויפן שמוציקן דיל, לייג אונטער מיין סאָלדאַטן־מאַנטל, צוקאָפּנס מיין זעקל, און לייג זיך שלאָפן.

— נאָר רואיק, רואיק! — זאָג איך צו זיך אליין — איצט איז נאַכט, די צייט צום שלאָפן. לאָמיר זיך אַקאָרשט אויסשלאָפן, און מאָרגן, אינדערפרי, וועלן מיר ווייטער זען.

עס איז אַ שטראַלנדיקער, ליכטיק־זוניקער אויגוסט־טאָג, און עס דערמאָנט מיר מיטאָמאָל, אז איצט איז געוואָרן אַ יאָר, און פּונקט אזא שטראַלנדיקער זוני־קער טאָג איז געווען דאָן, פאַריאָרן, ווען מ׳האָט אונדז געפירט צום שיסן, און עס זיינען אומגעקומען מיינע פיר נאָענטסטע חברים. און איצט בלאָנדזשע איך ארום איבער די גוט באַקאַנטע פּאַנעוועזשער גאסן און הייזער און ווייס ניט, וואו זיך אַהין צו טאָן... איך האָב פיל יאָרן געלעבט אין פּאַנעוועזש, געהאַט הונ־דערטער פריינט, חברים, באַקאַנטע, און איצט איז קיינעם ניט צו געפינען, קיין יידישן פּנים ניט. איך דערמאָן זיך, אז איך האָב דאָך דאָ געהאַט עטלעכע אָנקלס און טאַנטעס און אפשר אַ פּאָר טוץ שוועסטער־קינדער מיט גרויסע פּאַר־צווייגטע משפּחות, איך פּרוביר זיי אויסזוכן אין זייערע אַמאָליקע הייזער. איך פרעג זיך נאָך ביי די שכנים, נאָר... זיי זיינען ניטאָ, פאַרשוואונדן געוואָרן.

אין אלטן שטאָט־גאָרטן, אויף אַ באַנק, האָב איך אָפּגעגעסן אַ גוטן פליישיקן מיטאָג, מיט וואָס מיין סאָלדאַטישער רוקזאק איז נאָך רייך געווען, און האָב זיך ווידער געלאָזט אין זוכעניש נאָך אַ יידן. כאָטש איינעם געפינען, טראַכט איך זיך, פון דעם צענדליק טויזנט אמאָליקע פּאַנעוועזשער יידן... איך קוק זיך ארום, — די שטאָט איז גאַנץ, עס שטייען די הייזער, די קראָמען, דער מאַרק, עס גייען ארום פיל מענטשן, עס האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט, נאָך דאָך אַ גרויסע ענדערונג, — עס פעלן די יידישע איינוואוינער; ניט צו טרעפן קיין יידן אין דער גאַנצער שטאָט; אנדערע בעלי־בתּים זיצן איצט אין די יידישע הייזער, אין די יידישע קראָמען. און נאָך וואָס זע איך, — די בתּי־מדרשים און שולן אויפן שול־הויף זיינען חרוב ומוחרב, די העברעאישע גימנאַזיע איז האַלב פאַרברענט, די עלעקטרישע סטאַנציע איז צעשטערט, און עס פעלט דער גרויסער מויער מיט זיינע צענדליקער קראָמען אויפן מיטן מאַרק, דער אזוי־גערופענער ראַבינאָוויטשעס מויער. גאָר פּשוט, מ׳האָט אים צעבראָכן, צענומען אויף שטיקלעך און אַראָפּגעפירט.

איך בין שוין מיד פון אַרומגיין איבער די גאַסן און זוכן, איך האָב שוין במעט פאַרלאָרן די האָפענונג צו טרעפן אַ לעבעדיקן יידן אין פּאַנעוועזש. איך גיי אריין אין א פריזירעריי זיך אָפּראַזירן, און עס דאַכט זיך מיר, אז איינער פון די

פריזירער איז א יידישער בחור. איך גיב אים אַ פרעג, — יאָ, ער איז א ייד, ער שטאַמט פון דערבייַאיקן שטעטל ראַמיגאָלע, זיך אויסבאַהאַלטן ביי פויערים און אין די וועלדער, געבליבן איינער אליין און לעבט איצט אין פאַנעוועזש.

— ייד איינער! — שריי איך אויס צו אים, — וואָס שוויגט איר?! ווי מיט ליכט, זוך איך דאָך א יידן אין פאַנעוועזש, כאָטש איינעם אויף א רפואה!.. און אָט האָב איך אייך געפונען, דעם ערשטן... זאָגט מיר, וועלכע נאָך יידן זיינען דאָ אין פאַנעוועזש?

— ניט פיל, אפשר עטלעכע צענדליק, — זאָגט ער, — און אויך זיי זיינען צעוואָרפן, מען טרעפט זיך גאָר ניט. ווייסט איר וואָס, דער סעקרעטאַר פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג איז אַ ייד, ער ווייס בעסער פון מיר, פרעגט אים. ביי אים אין הויז קומט מען זיך אויך צוזאַמען.

— ווער איז ער? ווי רופט מען אים?

— ער וואוינט דאָ ניט ווייט, אויף מאַנאָפּאָל גאַס. ער הייסט דאַווידאָוו, ראובן דאַווידאָוו, דאַכט זיך; אַ יוריסט איז ער.

— ראובן דאַווידאָוו! — שריי איך ווידער אויס, — דאָס איז דאָך מיינער א חבר, אַן אַמאָליקער שול־חבר. עך, ייד־איינער, וואָס שוויגט איר, וואָס'ט איר פריער ניט געזאָגט?! — איך בין אזוי איבערראַשט און דערפרייט, אַז איך קאָן קוים דערוואַרטן ביז דער פריזירער וועט פאַרטיק ווערן מיט מיין באָרד.

עס איז שוין פאַרנאַכטלעך. איך קום אריין אין הויז און טרעף די גאַנצע גרויסע, גוט באַקאַנטע פאַמיליע, — דאַווידאָוו מיט זיין פרוי און קינד, זיין שווער, שוויגער און דריי שוועגערינס יודעלעוויטש און עטלעכע געסט, און נאָך אייניקע איינוואוינער, וואָס וואוינען דאָ גופא, אין אַ פּאָר צימערן. צוערשט דערקענט מען מיך ניט, נאָר עס דויערט ניט לאַנג, און מען האַלט מיך שוין ווי אַן אייגענעם, ווי אַן אַלטן, לאנג ניט־געזעענעם פריינט.

מיר זיצן ארום אַ גרויסן טיש. עס שטייט אַ סאַמאָוואַר, מיר טרינקען טיי גאָר ווי אַמאָל, ווי אין די גוטע צייטן. זיי דערציילן, איך דערצייל, — ס'איז דאָ פיל צו דערציילן. ווייזט זיך ארויס, אז זיי אלע און נאָך אַ פּאָר צענדליק פאַנעוועזשער יידן האָבן אין די ערשטע מלחמה־טעג באַוויזן צו אַנטלויפן, זיי זיינען געווען אָפּטראַנספּאָרטירט וויט־ווייט אין דער רוסישער מיטל־אַזיע, אין קאַזאַכסטאַן, און איצט האָט זיך א טייל פון זיי, מייסטנס פרויען און קינדער, אומגעקערט אהיים.

— און די מענער? — פרעג איך, — וואו זיינען די מענער?

— וואָס פרעגסטו, פאַרשטייסט דען ניט אליין? — דערקלערט מיר דאַווידאָוו, — פון וועמען מיינסטו איז באַשטאַנען די באַרימטע ליטווישע בריגאַדע אין דער רוסישער ארמיי, די בריגאַדע, וואָס איז געגאַנגען אין ערשטן פייער אויף די ליטווישע און אַנדערע פראָנטן? גרעסטן טייל פון יידן, פון ליטווישע יידן,

אזוינע ווי איך און אַנדערע, און דער גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעקומען, דערהרגעט געוואָרן אין די שלאַכטן קעגן די דייטשן. אַנדערע, פאַרוואונדעטע אזוי ווי איך, האָט מען שוין באַפרייט פון דער ארמיי, און די איבעריקע פון די ווייניק לעבן־געבליבענע מענער זיינען נאָך אין דער ארמיי; אין ווילנע געפינען זיי זיך איצט. מיין שוואָגער איז אויך דאָרטן, קענסט אים דאָך, ער האָפט אין גיכן באַפרייט צו ווערן און קומען אַהיים.

— וואָס איז דאָ צו ריידן, — מאַכט דער אַלטער יודעלעוויטש, — אַ גוטן תכלית האָט מען געמאַכט פון אונדז! נאָר דאָרטן האָט מען כאָטש געוואוסט פאַרוואָס מען ווערט געהרגעט, ס'האָט געהאַט אַ זין, ס'איז געווען אַ צוועק פאַר־וואָס געהרגעט צו ווערן. מ'איז געגאַנגען אין שלאַכט, אין קאַמף קעגן דעם מענטש־חיה, דעם דייטש... אָבער דאָ, דאָ האָט מען דאָך אַלעמען אויסגעקוילעט, אויסגעקוילעט פשוט ווי שעפסעלעך. „כצאן לטבח יובל"... ס'איז דאָך קיין לעבעדיקער ייד ניט געבליבן אין פּאָנעוועזש, אין די ארומיקע שטעטלעך, אין גאַנץ ליטע קאָן מען זאָגן. אפשר אייניקע, געציילטע, — „אחד בעיר, ושניים במשפחה", — נאָר איינצלנע, זייער ווייניק, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן ווי ניט איז זיך צו באַהאַלטן ביי פויערים, אין די וועלדער.

און ער זעצט פאָר:

— פופצן־זעכצן טויזנט יידן, פּאָנעוועזשער און פון ארומיקע שטעטלעך, האָט מען דאָך דאָ, אין פּאָנעוועזש, אומגעבראַכט, און איצט האָט גאַנץ פּאָנע־וועזש ניט מער ווי זיבעציק־אַכציק יידן, און זיי זיינען אויך צעוואָרפן אין אַלע עקן פון שטאָט, אז מען קאָן אפילו שבת אָדער פאַר א יאָרצייט קיין מנין ניט צוזאַמענקלייבן. און מיינט איר, אז די זיבעציק־אַכציק זיינען אלע פּאָנעוועזשער? חס וחלילה! אפשר אַ העלפט זיינען אריבערגעקומענע פון די ארומיקע שטעטלעך, זיי ווילן ניט און קאָנען ניט מער בלייבן דאָרטן. אָך און ווי, וואָס פאַר לעבן דאָ איז איצט, אין שטאָט... ניט קיין יידישע קהילה, ניט קיין יידישע שול פאַר די קינדער, ניט קיין שול צום דאַווענען, ניט קיין מנין אפילו. אין די שטעטלעך איז דאָך שוין אָפּגערעדט. מ'זאָגט, אז אין אנדערע שטעטלעך איז פאַר יידן געפערלעך אפילו צו באַווייזן זיך, אַ נאכט איבערצונעכטיקן.

— פאַרוואָס איז געפערלעך? — פרעג איך אים, — אָט גיי איך מאָרגן קיין פּומפּיאַן, ס'איז עטלעכע־און־צוואַנציק קילאָמעטער, כ'וועל צושפּאַצירן... פאַר־וואָס מיינט איר, איז געפערלעך זיך צו באַווייזן אין די שטעטלעך? ווער וועט איצט טשעפּענען אַ יידן?

— וואָס? איר ווילט גיין קיין פּומפּיאַן, איינער אַליין, צופוס? — האָבן אַלע אויסגעשטעלט אויף מיר פאַרוואונדערטע אויגן, — ס'פאַרדריסט אייך, איר זייט לעבן־געבליבן?!

—מ׳זעט גלייך, דו ביסט אַ גרינער, נאָר־וואָס געקומען פון דיינע וועלדער, — דערקלערט מיר דער אַלטער יודעלעוויטש, — און דו ווייסט נאָך ניט, אַז דאָ, אין אונדזערע וועלדער און ווייט אין די דערפער טרייבן זיך אַרום הונ־דערטער און אפשר טויזנטער באַנדיטן און מערדער, וואָס לויערן און וואַרטן נאָר, אז ס׳זאָל ווער אריינפאַלן אין זייערע הענט, — צי פון דער איצטיקער פאָליציי, צי אַ רוסישער סאָלדאַט, צי אַ ייד, וואָס האָט זיך קוים געראַטעוועט, צי נאָך אַנדערע, ווער עס געפעלט זיי ניט. א נדערש־וואו פירן זיי אַן גאַנצע שלאַכטן, זיי באַפאַלן אפילו באַנאַכט פאָליציי און גאַרניזאָנען אין די שטעטלעך און הרגענען מענטשן. און אויך יידן האָבן שוין פאַרלאָרן זייערע לעבנס איצט, נאָך דער מלחמה. אָט, ניט לאַנג האָבן זיי געהרגעט צוויי יידן לעבן קראַקענאָווע, אַ יידן ביי מעזישעק און נאָך אַנדערש־וואו, אזוי דערציילט מען... עך, גרינער! און דו ווילסט גיין פון דאַנען צופוס קיין פומפיאַן, אַ שפּאַציר־טאָן, ווי דו מיינסט!... ניין, ברודער, איך וועל דיך ניט לאָזן! ס׳איז ניט אזוי איינפאַך.

— וואָס הייסט, ניט גיין?! איך מוז דאָך גיין, איר ווייסט דאָך...

— אויב דו ווילסט ניט אַנדערש גיין, אויב דו מוזסט, דאַן מוז מען זען צו פאָרן מיט דער פאָליציי, מיט די סאָלדאַטן, אין זייערן אַן אויטאָ. זיי פאָרן דאָ אָפט אַרום גאַנצע מחנות, זיי מאַכן יעדן טאָג „אַבלאַוועס„ צום זוכן און כאַפּן די באַנדיטן. אָדער ווייסטו וואָס? עס גייט שוין דער קליין־באַן... קאָנסטו פאָרן ביז פושאָלאַט, און פון דאָרט די פינף קילאָמעטער וועסטו זען צו גיין אָדער פאָרן מיט דער פאָליציי, אָדער... וועסט שוין געפינען ווי. נאָר געדענק, וואָס איך זאָג דיר אָן: אליין זאָלסטו ניט גיין, און ניט פאַרנאַכט. און אפילו אין שטעטל זאָלסטו באַנאַכט ניט ארויסגיין פון שטוב! געדענק, וואָס איך זאָג דיר, מער ווי איין לעבן האָט מען ניט!...

די נאַכט בין איך געשלאָפן אין אַ זויבערן צימער ,אויף אַ ווייכער סאָפע מיט ווייסע, זויבערע בעט־וועש, און כ׳האָב ניט געקאָנט איינשלאָפן, — ניט געווען געוואוינט, ווייזט אויס, צו אזא מין קאָמפאָרט. איך האָב זיך געדרייט אויף אלע זייטן און געטראַכט, אז, אייגנטלעך, איז איצט ניטאָ קיין יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן ניט אין פאָנעוועזש, ניט אין אנדערע ענלעכע שטעט פון ליטע צי לעט־לאַנד, און זיכער ניט אין די שטעטלעך. ס׳איז בכלל קיין יידיש לעבן ניטאָ, — ס׳איז פאַרשניטן, פאַרשוואונדן... צי איז עס אויף אייביק? וועט שוין קיין תקומה ניט זיין? און דאָך זיינען געבליבן רעשטלעך, כאָטש איינצלנע מענטשן, איינצלנע משפחות, — וועלן זיי נאָך בויען היימען, לייגן יסודות פאַר אַ נייעם יידישן לעבן, פאַר אַ צוקונפט? ווער ווייס, ווער ווייס...

און כ׳האָב זיך ווידער דערמאָנט מיין געבורטס־שטעטל, מיין מאַמען, ברו־דער, קרובים און אלע אומגעקומענע דאָרט, און אז מאָרגן וועל איך דאָרט זיין און זיך טרעפן פנים־אל־פנים מיט די פּרוכט פון טויט און חורבן. ס׳האָט

מיך געצויגן אַהין, געשלעפּט ווי מיט אומזיכטבאַרע צוואַנגען, און ס'האָט מיר גלייכצייטיק געגרוילט אַריינצוקוקן אין פּנים דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט.

איך זע מיין אַלטע היים — אַ טויטע

עס איז שוין געווען נאָענט צו זון־אונטערגאַנג, ווען איך האָב זיך דער־נענטערט צו מיין אַלטער היים, מיין געבורט־שטעטל. אָט זע איך דעם באַ־קאַנטן טיפּלע־שפּיץ, אָט זע איך שוין די ערשטע הייזער, די הויכעביימער אַרום, און וואָס נענטער איך קום, אַלץ מער פאַרלאַנגזאַמט ווערן מיינע טריט.

— וואוהין, אייגנטלעך, גיי איך? — פרעג איך זיך אַליין — צו וועמען? און נאָך וואָס? איך ווייס דאָך שוין אַלץ.... איך ווייס דאָך, אַז קיינער איז ניטאָ.

אַן אומבאַשרייבלעכער ווייטיק, טרויער און נאָגעניש אין האַרצן נעמען מיך אַרום, ווען איך זע פון דערווייטן מיין שטעטל, און עס ווערט מיר אַזוי בולט־קלאָר, אַז ניט פון טאַטע־מאַמען, ניט פון גאַנצן הויזגעזינט און ניט פון קיינעם פון די יידן איז שוין מער קיין זכר ניטאָ... אַז יעדער טריט איז פאַרגאָסן מיט בלוט, אַלץ איז חרוב, טויט, פאַרשוואונדן. און ווי רעדט מען צו די מענטשן, ווי קוקט מען אויף זיי, ווען יעדער איינער פון זיי קאָן זיין דער מערדער פון מיין מאַמען, מיין ברודער, מיינע קרובים, ווען יעדער איינער איז דער יורש פון זייער האָב־און־גוטס?!

איך קאָן ניט גיין ווייטער. דאָס האַרץ איז פול, אָנגעלאָדן מיט ווייטיק, און עס לאָזט מיך ניט אַריינקומען אין מיין אַלטער טויטער היים.

שוין גאָר נאָענט ביים שטעטל דריי איך אַראָפּ אויף אַ זייטיקן וועגל, זוך אויס אַן אָפּגעזונדערטן שייער, און לויט מיין ניט־לאַנגיקער אַרומשלעפּערישער געוואוינהייט, צעלייג איך זיך דאָ, אויפן היי. און דאָ, אין שייער, האָב איך אויסגעגאָסן אין טרערן דעם ווייטיק און ביטערניש פון מיין נשמה, — אין דער נאַכט און איינזאַמקייט, כדי פיינט און פאַלשע פריינט און גלייכגילטיקע בליקן זאָלן ניט זען און ניט אָנקוועלן פון מיין יידישן צער און ווייטיק. איך בין געבליבן נעכטיקן אין שייער.

אויף מאָרגן האָב איך זיך אַ האַלבן טאָג אַרומגעדרייט אין שטעטל, איבער די גאַסן און געסלעך, איבערן מאַרק־פּלאַץ, שול־הויף, בית־עולם; איך בין געווען אַריין אין „אונדזער" הויז, באַקוקט „אונדזער" גרויסן קאָמערציעלן פּרוכט־סאָד פון עטלעכע הונדערט עפּל־ביימער, וואָס איך מיטן ברודער האָבן דאָ מיט אַ יאָר פריער צוריק פאַרפּלאַנצט. פול מיט פּרוכט שטייט אָנגעלאָדן דער סאָד, און — ווער גייט איצט שניידן די פּרוכט פון אונדזער יאָרנלאַנגער פּראַצע?...

אָנגעזען די הייזער פון די קרובים און אַנדערע ייִדן... יאָ, אַלצדינג שטייט אויפן זעלבן אָרט, — די הייזער, די הויפן, די קראָמען, — נאָר עס פעלן די אַמאָליקע מענטשן, די געוועזענע בעלי־בתים, די ייִדן. נייע, אויפגעקומענע בעלי־בתים זיצן דאָרט איצט, — די שכנים, ליטווינער, וואָס האָבן געיאַרשנט די ייִדישע הייזער, הויפן, קראָמען, גערטנער, סעדער, מעבל, קליידער, הויז־זאַכן, — דאָס גאַנצע ייִדישע פאַרמעגן און... דאָס לעבן.

איך קען אים גוט, דעם היגן רוס פון געגאַבראַסטער דאָרף, דעם שיכור מיט זיין משפחה, וואָס זיצן אין אונדזער הויז. איצט איז ער פון די אויבערשטע פון שטויסל, — ער דינט אין דער מיליציע (אַרטיקע פּאָליציי), ער זאָרגט פאַר דער נייער אָרדנונג, און ווען ער מאַכט אַ שנאַפּס (און ווען מאַכט ער ניט?), קאָן ער האַלטן פייערדיקע דרשות. נו, צו אים קאָן מען קיין טענות ניט האָבן, — אַזאַ מענטש פאַרדינט זיכער צו זיין באַשאָנקען מיט כל־טוב, עס קומט אים זיכער איינע פון די שענסטע ייִדישע הייזער אין שטעטל, מיט אַ גרויסן געהעפט, גאָרטן, שטאַל, שפּייכלער און מיט אַלץ, וואָס אַזאַ מענטש פאַרלאַנגט...

איך קען אויך די נייע בעלי־בתים אַרום, אין אַנדערע ייִדישע הייזער. זיי זיינען כשרע ליטווינער, ניט קיין בורזשועזן און ניט קיין פאַשיסטן, און כאָטש דאַן, אין „יענע צייטן", האָבן זיי אַ ביסל געזינדיקט, זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט די דייטשן, זיי האָבן אויך צוגעלייגט אַ האַנט צו דאַמאָלסטיקער רציחה און גזילה און האָבן אויך ניט פאַרשטאָכן זייערע פינגער אָן ייִדישן האָב־און־גוטס, — נאָר איצט זיינען זיי בעלי־תשובה, זיין זיינען ריין געוואַשן און גע־זויבערט, זייערע קינדער טראָגן אפילו ביקסן קעגן די באַנדיטן אין די וועלדער, און, פאַרשטייט זיך, זיי קומט אויך צו זיין באַשאָנקען מיט ייִדישע הייזער און ייִדישן האָב־און־גוטס. און וועמען דען זאָל מען דערמיט באַשענקען, אויב ניט זיי?

און אָט זע איך נאָך אַ נייעם בעל־הבית און בעל־הביתטע אין אַ שכנות־דיקן ייִדישן הויז. שעשקאַיטיס, הייסט ער, דער באַקאַנטער פּוילער, ליידיק־גייער און שיכור פון אַ דערבייאיקן דאָרף, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק פאַר־טרונקען און פאַרטאַכטלעוועט זיין רייכע פּויערשע באַלעבאַטישקייט און איז גע־וואָרן דערנאָך אַ שטעטלשער פורמאַן, ליידיקגייער און גנב. און איצט זע איך, אַז שעשקאַיטיס איז עולה־לגדולה געוואָרן, און טאַקע צוליב זיין ווייב און די צען קינדער, וואָס זיי האָבן אָנגעפּלאָדעט: זי, זיין ווייב, איז באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ געוויסן מעדאַל פאַר איר העלדישקייט צו האָבן צען קינדער, זי הייסט איצט „העלדינע אויפן קינדער־פראָנט", און פאַר דעם קומט זיי זיכער אַ ייִדיש הויז און אַ גרויסן טייל פון אונדזער פּרוכט־סאָד.

אָט דאָס זײַנען זיי, די נייע בעלי־בתים, די צופֿרידענע אויפֿגעריכטעטע גבירים, וואָס זײַנען אויפֿגעקומען אויף די חורבות פֿון פֿאַרשוואונדענעם יידישן לעבן!

איך דריי זיך איבערן שטעטל, איך זע די מענטשן, די נייע בעלי־בתים, איך קען זיי, נאָר מיך, אין מײַן סאָלדאַטישן הילוך, דערקענט נאָך קיינער ניט. דאָס פֿרייט מיך, איך פֿיל זיך פֿרייער, באַקוועמער, מען קוקט מיך ניט נאָך אַזוי, — מאַלע וואָס פֿאַר אַ סאָלדאַט עס דרייט זיך דאָרט ארום. נאָר אָט קומט אָן אויף מיר די אַלטע ראַזינסקיכע, די זעלבע, וואָס רעדט יידיש ווי אַ יידיש־קינד, און וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אַ דינסט אַמאָל אין מײַן זיידע־באָבעס הויז, דערנאָך אין מײַן טאַטע־מאַמעס הויז, און האָט געהאָדעוועט מיך און מײַנע ברידער. זי קוקט שאַרף אויף מיר, איך מאַך זיך ניט־וויסנדיק, נאָר זי דערקענט מיך.

— גיב נאָר אַ קוק! — שרייט זי אויס, — איך וואָלט שווערן, דאָס איז רחל־זלמנ׳ס זון, דער מיטעלער, וואָס׳ט געלעבט אין קאָוונע! אמת, דו ביסט עס? וואָס שווײַגסטו? ע, דו ווייסט גאָר!... דאָס פּאַסט גאָרניט פֿאַר אַ סאָלדאַט!

זי פֿאַלט מיר ארויף האַלדזן און קושן, אונדזער אַמאָליקע הויז־דינסט, די איינציקע, וואָס האָט מיך געטראָפֿן אין מײַן געבורט־שטעטל, אין מײַן אַלטער פֿאַרשוואונדענער היים. עס ווערט ארום אונדז אַ געזעמל, עס קומען צו נאָך באַקאַנטע, אַלע דערקענען מיך און פֿרייען זיך כלומרשט, און אין אַ ווײַל ארום ווייס שוין גאַנץ שטעטל, אַז עס איז אַראָפּגעקומען אַ שטעטלשער ייד, אַ סאָלדאַט, — דער ערשטער און איינציקער ייד נאָך די פֿיר יאָר, צײַט אַלע יידן זײַנען אַוועקגעטריבן געוואָרן צו דער שחיטה און זײַנען טאָטאַל פֿאַרניכטעט געוואָרן. אַ סענסאַציע אין שטעטל! מ׳קוקט מיך נאָך פֿון טיר און פֿענצטער, — דער ערשטער און איינציקער ייד האָט זיך דאָ באַוויזן!

— דו ביסט דאָך זיכער הונגעריק, — זאָגט צו מיר ראַזינסקעכע, — קום צו אונדז, וועסט צובײַסן און זיך אויסרוען. זעסט, ווי זיי קוקן אַלע אויף דיר? עס ציטערט זיי דער פּופּיק... זיי האָבן אַלע זיך גענוג אָנגעראַבירט און אָנגע־גנבעט, און איצט האָבן זיי זיכער וואָס מורא צו האָבן. קום, קוק גאָרניט אויף זיי, די פּאַסקודסטוועס, די מנובלים!

אַן אומבאַקוועמער „גאַסט" האָט זיך באַוויזן אין שטעטל, — טראַכט איך זיך, — אַ לעבן־געבליבענער ייד... בלויז זײַן אָנוועזנהייט אליין שטעכט די אויגן. ער דערמאָנט כמעט יעדן פֿון זיי, אַז זיי האָבן געגעסן פֿון טויט און חורבן פֿון זייערע נאָענטע מיטוואוינער און שכנים, אַז זייערע אייגענע הענט זײַנען ניט ריין פֿון יידישן בלוטיקן האָב־און־גוטס. און זיכער שרעקן זיך פֿיל פֿון זיי, טאָמער גייט ער וואָס זוכן, דער „גאַסט", טאָמער געפֿינט ער וואָס. איך זע דאָך עס קלאָר פֿון זייערע אויגן, פֿון זייער פֿאַלשן שמייכל. יאָ, און אומאָנגענעמער גאַסט האָט זיך באַוויזן אין שטעטל, — אַ לעבעדיקער ייד.

פאַרשוואונדענע לעבנס, פאַרלאָרענע היים

איך זיץ אין ראַזינסקיס אָרעמען שטיבל אויפן ברעג פון שטעטל, און זי מיט איר מאַן, דער שוסטער ראַזינסקי, האַלטן אין איין דערציילן:

— ...מ'האָט זיי אַפריער געגנוג אָנגעמאַטערט מיט הונגער, שמיץ, קלעפּ... צוערשט האָט מען אַלעמען צוזאַמענגעטריבן אין עטלעכע הייזער אויף טיפלע־גאַס... ווייסט דאָך, אין די הייזער פון שאַלעמקע דעם קצב, משה דעם מייערער, דעם רב'ס הויז, מענדע דעם שמידס הויז, אברהם דעם שוחטס הויז און נאָך אַ פּאָר הייזער. מ'האָט אַ האַלבע גאַס אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקן דראָט, און דאָ האָט מען זיי געהאַלטן עטלעכע וואָכן, ניט ארויסגעלאָזן. די ייִנגערע האָט מען געטריבן אויף ארבעט, געשלאָגן. איך האָב ניט געקאָנט צוגיין נאָענט, ניט געקאָנט צוזען זייער פּנים, נאָר אַ פּאָר מאָל האָב איך צוגעטראָגן ברויט, פּוטער און נאָך־וואָס פאַר דיין מאמען, דעם ברודער און די קינדערלעך. איין מאָל האָב איך געכאַפּט אַ קלאַפּ פאַרן צוגיין נאָענט, און מער בין איך שוין ניט געגאַנגען. ווייסט דאָך, יעדערער איז איינגעשראָקן און האָט מורא פאַר א קלאַפּ. נו, און דערווײַלע האָבן זיי באַלעבאַטעוועט אין די ייִדישע הייזער, גענומען, געשלעפּט, פאַרטיילט און פאַרקויפט, וואָס נאָר זיי האָבן האָבן געוואָלט.

— ווער — זיי? — רייס איך איבער, — זיינען געווען אויך דייטשן אין שטעטל? האָבן זיי באַלעבאַטעוועט?

— וואו דאָרט דייטשן! אַמאָל פלעגן דורכפאָרן עטלעכע, זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע... זיי — דאָס זיינען אונדזערע, היגע, שטעטלשע און דאָרפישע. די געמיינדע־פאַרוואַלטונג, די פּאָליציי, די „שאַאוליסן"*), — אַלע מערדער, כוליגאַנעס און באַנדיטן פון ערשטן סאָרט. זיי האָבן עס אַלץ געטאָן, — געהיט די ייִדן, געטריבן, געראַבירט, געשאָסן... פאַרשטייט זיך, די דייטשן האָבן זיי, מסתמא, געלערנט ווי און וואָס צו טאָן, קאָמאַנדעוועט, נאָר געבאַלעבאַטעוועט און אַלץ געטאָן האָבן זיי... — און ראַזינסקי מיט זיין ווייב רופן אָן צענדליקער נעמען, באַקאַנטע נעמען פון שטעטלשע און דאָרפישע ליטווינער, נעכטיקע נאָענטע מיטוואוינער און שכנים.

— נו, און וואָס איז ווײַטער געווען מיט די ייִדן?

— וואָס איז ווײַטער געווען? ווער קאָן עס דערציילן? ווער האָט עס אַ האַרץ צו דערציילן?!... איין טאָג זיינען אַראָפּגעקומען נאָך צענדליקער פּאָליציאַנטן און „שאַאוליסן" פון פּאָנעוועזש, צי טייוול ווייס זיי פון וואַנען, מ'האָט צוזאַמענגענומען אַלעמען, — די טאַטעס, מאַמעס און קינדער, אַלטע און יונגע, — מ'האָט זיי אַרומגערינגלט מיט געווער און שטעקנס פון אַלע זייטן און גע־

*) מיטגלידער פון דער ליטוויש־פאַשיסטישער שיסער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן, אַזוי ווי די „אייזסאַרגס" אין לעטלאַנד, געשפּילט די אַקטיווסטע ראָלע אין דער ייִדן־פאַרניכטונג.

נומען טרייבן... וואהין? קיין פאָנעוועזש, אויף ארבעט, — אזוי האָט מען זיי געזאָגט. נאָר אלע האָבן געפילט, אז ס'איז שלעכט: אז מען טרייבט ארויס פון דער היים, וועט מען זיך שוין ניט אומקערן... ווען איך האָב דערהערט וועגן דעם, האָב איך געכאַפּט אַ לעבל ברויט און געלאָפן מיטגעבן דיין מאַמען... נאָענט האָט מען ניט צוגעלאָזן, נאָר איך האָב זיי נאָך געזען, — דיין מאַמען, דעם ברודער, זיין פרוי, די צוויי קינדער... די מאַמע האָט געוויינט, אַלע האָבן שרעקלעך געוויינט, געשריען, ניט געוואָלט גיין... מ'האָט זיי געשלאָגן מיט שטעקנס און נאַגאַיקעס, געקלאַפּט מיט די ביקסן־קאָלבעס און געשטויסן, גע־וואָרפן... אלטע און שוואַכע האָט מען ארויפגעזעצט אויף פורן — און מ'האָט זיי אַלעמען אַוועקגעטריבן... קיין פאָנעוועזש... צוריק איז שוין קיינער ניט געקומען...

— ווען איז דאָס געווען? וועלכער טאָג?

— איך געדענק ניט גענוי... דאָס איז געווען אין אויגוסט פון ערשטן מלחמה־יאָר, פון 1941, שוין צום סוף פון אויגוסט... דאָס האָט געמוזט זיין דעם 25טן אָדער 26טן אויגוסט. דאָן האָט מען זיי געבראַכט אין פּאַיאָסט, וויסט דאָך, לעבן פאָנעוועזש, און דאָרט... דאָרט האָט מען אַלעמען אויסגעשאָסן... אַ סך יידן האָט מען אין דעם אָרט דערשאָסן, — אויך די יידן פון פאָנעוועזש און פון פיל אַרומיקע שטעטלעך. אלע וויסן עס, פיל אַרומיקע מענטשן האָבן עס אליין געזען, און די שיסער גופא האָבן עס דערנאָך דערציילט און זיך באַרימט מיט זייער שיינער אַרבעט... אָט לעליס פון פאָסוואָלער גאַס, דער יונגער, קענסט אים דאָך, האָט דערנאָך געוויזן דאָס גאָלדענע רינג און האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט עס אַראָפּגעהאַקט פון דער אַפּטייקערקעס האַנט צוזאַמען מיטן פינגער... אָט דאָס זיינען מערדער! אייגענע, שטעטלשע... מ'האָט זיי גאָרניט געקענט אויף אזוי פיל, און מ'האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן, אז אייגענע מענטשן וועלן קאָנען אָפּטאָן אַזעלכע זאַכן... און איצט ליגן זיי אין די וועלדער, די מערדער, זיי האָפן נאָך, אַז ס'וועט אין גיכן ווידער זיין אַ מלחמה, און זיי וועלן זיך ווידער קאָנען באַוויזן... נאָר ניין... אָט קומט באַלד ווינטער, און דאַן איז אַ סוף צו זיי... מ'וועט זיי שוין אויסראַמען. נאָר די, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד, זיי וועסטו שוין ניט כאַפּן.. ווער קען זיי דאָרט, ווער וויס זיי דאָרט? זיי גייען זיך ארום, מסתמא, פריי ווי אלע מענטשן, און — טו זיי וואָס!... דאָרטן וויס מען ניט ווער זיי זיינען, און...

— זאָגט מיר, — רייס איך זיי איבער, — צי דען האָט קיינער ניט גע־פּרוּווט אַנטלויפן? צי דען האָט זיך קיינער ניט געראַטעוועט? דאָך, אפשר ווער...

— יאָ, זיכער האָבן אַנדערע געפּרוּווט אַנטלויפן. אָט דיין ברודער גופא. גלייך פון אַנהויב מלחמה, איידער די דייטשן זיינען נאָך דאָ געווען, האָט ער

געקויפט אַ פערד מיט אַ וואָגן, און צוזאַמען מיט דער מאַמען און גאַנצער פאַמיליע האָט ער זיך געלאָזט אויף אהין, צו רוסלאַנד. אויך אַנדערע האָבן אזוי געטאָן. נאָר די „שאַוליסטן" האָבן זיי אָפּגעשטעלט שוין דאָרט ווייט, ביי קופּישאָק, צי פּאָנעדעל, אַלצדינג צוגענומען פון זיי, אויסגעטאָן באָרוועס־נאַקעט... קוים מיטן לעבן האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק, און, זעסט דאָך, מיט וואָס דאָ האָט זיך געענדיקט... מ'האָט ניט געקאָנט אַנטלויפן, די „שאַוליסטן" האָבן שוין אומעטום געהיט... אויך שפּעטער האָבן אַנדערע געפּרוואווט אַנטלויפן, נאָר מ'האָט זיי געכאַפּט און גלייך דערשאָסן.. ניין, קיינער האָט זיך ניט גע־ראַטעוועט, כ'האָב ניט געהערט, אַז ס'איז ווער לעבן־געבליבן... כ'ווייס ניט, ניט געהערט פון דעם... דו ביסט דער ערשטער פון די יידן, וועמען איך זע דאָ נאָך דער מלחמה... נו, דערצייל וואָס איז מיט דיר געוועז, פון וואַנען קומסטו?

אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך גענומען אָפּשייד פון מיין געבורט־שטעטל, פון מיין אַמאָליקער היים, מיטן געדאַנק שוין מער ניט צוריקצוקומען. געווען דאָ, אַמאָל, אין די יוגנט־יאָרן, אַ נאָענטע וואַרעמע היים, געווען אויך שפּעטער אַ מאַמע, א ברודער מיט א משפחה און קרובים, אלע פון יאָרן לאַנג דאָ איינ־געוואָרצלטע, איינגעזעסענע. און איך פלעג פאָרן אַהיים צוגאַסט אויף אַ פסח, אויף סוכות. נאָר איצט... איצט איז שוין אויס מיט דער אַלטער היים, מיטן פאָרן „אַהיים" צו דער מאַמען, צום ברודער... איצט איז אַלץ פאַרזונקען אין בלוט, אָפּגעווישט, פאַרשוואונדן אויף אייביק...

אפילו דער בית־עולם איז פאַרשוואונדן... דער דיקער שטיינערנער צוים ארום, דער גדר, אויף וואָס יידן האָבן יאָרן לאַנג געקליבן געלט און צום סוף אויסגעבויט, איז שוין ניטאָ. מ'האָט עס צענומען שטיין פאַר שטיין, ציגל פאַר ציגל, און אַראָפּגעפירט. און קיין „מייערלעך" און מצבה־שטיינער זיינען שוין אויפן בית־עולם אויך ניטאָ, — דאָס האָבן די אַרומיקע שכנים צעשלעפּט און צעגנבעט. און אויפן אָפּענעם, הפקרדיקן בית־עולם־פּלאַץ פּיטערן זיך פראַנק און פריי קי, שעפּסן און חזירים, — ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל פראָטעסטירן, ווער ס'זאָל אַראָפּטרייבן.

אויך דער מאַסיווער, שטיינערנער בית־מדרש, אַ געבויטער אין די אַלטע צייטן און איבערגעבויטער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויך ער איז פאַר־שוואונדן געוואָרן. ער האָט ניט אָפּגעברענט, ניין... אזוי ווי דעם גדר ארום בית־עולם, האָט מען אויך דעם בית־מדרש צעברעקלט שטיין פאַר שטיין, ציגל פאַר ציגל, און דעם מאַטעריאַל פאַרטיילט פאר אייגענע מענטשן צום בויען הייזער, שטאַלן, שפּייכלערס. און ס'איז דאָך לאָגיש און אויסגעהאַלטן, — צו וואָס נאָך לאָזן דעם טויטן בית־מדרש און יידישן בית־עולם, אז ס'איז ניטאָ

פאַר ווען?! נאָר די נייע, שטיינערנע קהילהשע באָד איז געבליבן, — אַ טורמע איז דאָרט איצט.



פאַרשוואונדן די יידן, פאַרשוואונדן אויך דער בית־המדרש... דער בית־המדרש פון פומפּיאַן, ליטע, וואָס איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער און אַראָפּגעפירט געוואָרן.

און אויך פאַרשוואונדן זיינען די צוויי רייען יידישע קראָמען אין מיטן מאַרק. זייער גורל איז דער זעלביקער: מ'האָט פאַרקויפט, פאַרטיילט, און אַראָפּגעפירט דעם בוי־מאַטעריאַל. גלאַט און גרויס און רחבתדיק איז איצט דער מאַרק־פּלאַץ, שוין אומהיימלעך פוסט, גרויס און רחבתדיק...

ווי פלעגט מען אַמאָל זאָגן ביי אונדז? אז אַן יידן איז קיין מאַרק ניטאָ. ווייזט זיך אָבער ארויס, ס'איז ניט אזוי: יידן זיינען טאַקע ניטאָ, נאָר דער מאַרק איז דאָ ווי פריער, ווי אַמאָל, ווי אין די יידישע צייטן.

שטעטלשע „פריינט" וואַרטן מיך אָפּ, זיי טרעפן מיך, רופן אריינקומען צו זיי אין די שטיבער. ווי גערן אלע דערציילן עס וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, ווי פלייסיק זיי שילדערן עס מיט אַלע פּרטים! ווי גערן יעדער דערציילער האָט געוואָלט זיי העלפן, די אומגליקלעכע, צוטראָגן אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל מילך פאַר די קינדער!... יאָ, מ'האָט געוואָלט, נאָר... מ'האָט ניט געקאָנט, מ'האָט ניט צוגעלאָזן, — און דאָ, נעבעך, ענדיקט זיך די גוטסקייט פון די, וואָס האָבן געוואָלט העלפן, נאָר ניט געקאָנט...

און ווי גערן און פלייסיק יעדער איינער שושקעט מיר אריין אין אויער וועגן אַנדערע, וועגן שלעכטע און אומערלעכע, וואָס האָבן ראַבירט, געקויפט און

אַנגעזאַמלט יידיש האָב־און־גוטס! אלע זיינען שלעכט און אומערלעך, אלע זיינען רייך געוואָרן פון יידישן בלוט, נאָר ניט ער, נאָר ניט זי, — די דערציילער. זיי, די דערציילער, האָבן אפילו קיין ברעקל, קיין פאָדעם אפילו ניט גענומען פון יידישן האָב־און־גוטס...

מיט עקל הער איך אויס די אלע מעשיות פון די „פריינט". איך וויל אין זייערע שטיבער ניט אריינקומען, איך וויל ניט זען און ניט הערן פון זיי, פון זייער גוטסקייט, פון זייער ערלעכקייט און פריינטשאַפט. נאָר פאַר מיין פאַר־לאָזן דאָס שטעטל גיי איך אוועק צום שעף פון דער אָרטיקער מיליציע, — דאָס איז אַ רוסישער אָפיצער, דער קאָמאנדאנט פון שטעטל און אומגעגנט, — שטעל זיך פאָר פאַר אים, ווער איך בין און זאָג צו אים:

— איך בין געוועזן אויפן יידישן בית־עולם... אלץ איז צעבראָכן און צע־שטאָכן, און קי און חזירים און שעפּסן פּיטערן זיך דאָרטן... דער בית־עולם איז דאָך אַ הייליקייט, אַ יידישע און אלגעמיינע הייליקייט!... צי דען קאָן די איצטיקע מאַכט ניט פאַרווערן, אז מ'זאָל דאָרט קיין בהמות ניט פּיטערן? מען מוז דאָך פאַרבאָטן אזא הפקרות, אזא פאַרשוועכונג פון די געשטאָרבענע אין זייערע קברים! פאַרוואָס דערלאָזט איר אזאַ שאַנד־זאַך?!

— יאָ, איר זייט גערעכט, חבר, ריכטיק, — ענטפערט ער מיר, — עס איז אַ הייליקייט... נאָר וואָס קאָן איך טאָן און וואָס קאָן די מאַכט טאָן? עס ליגט אַ גרויסער ליידיקער פּלאַץ מיט גוטן גראָז, קיינעם געהערט עס ניט, קיין יידן, וואָס זאָלן אויף דעם אויפּקוקן, זיינען ניטאָ, — פּיטערט מען דאָרט בהמות... ריכטיק?... איך וועל פּרובירן אָראָפּטרייבן, נאָר.. כ'ווייס ניט, כ'וועל זען. די מיליציאָנערן גופא און זייעריקע האלטן דאָרטן זייערע קי... כ'וועל זען, כ'וועל זען... אָט, זעט איר, ווען איר וואָלט דאָ בלייבן, וואָלטן מיר שוין גיך מאַכן אַ טאָלק... האָ, וואָס מיינט איר, אפשר בלייבט איר דאָ? מיר וועלן אייך געבן אַ גוטע שטעלע. מיר'ן שוין געפינען פאַר אייך אַ שטעלע, א גוטע שטעלע... וואו ט'איר שוין גיין אַנדערש־וואו, באַזעצט זיך גאָר דאָ! איר האָט דאָך דאָ אַן אייגענע שטוב, אַ גרויסן פּרוכט־סאָד, האָב איך געהערט, און מיר דאַרפן טאַקע אַן אגראָנאָם... אָ, איר וועט אונדז זייער צונוץ־קומען, בלייבט שוין טאַקע דאָ, אין אייער היים... וואָס דאַרפט איר נאָך בעסער?... ריכטיק, חבר?

איך האָב אויסגעהערט זיינע וואַרעמע רייד און געטראַכט זיך:

—... ניין, דאָ וועל איך ניט בלייבן!... איך האָב דאָ מער קיין היים ניט, קיין אָרט ניט, קיין רו ניט, דאָ, וואו פון יעדן ערד־שפּאַן, פון יעדן שטיין, שרייט צו מיר דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט... ניין, אפילו קיין טאָג, קיין שעה קאָן איך דאָ ניט בלייבן; דאָ, וואו מיין מאַמע, ברודער, קרובים זיינען געפּייניקט און דערמאָרדעט געוואָרן; דאָ, וואו אַלץ דערמאָנט אַן זייער לעבן און אַן זייער שוידערלעכן אומקום... ניין, דאָ וועל איך שוין מער קיים היים, קיין רו ניט

האָבן... פאַרניכטעט איז דאָ געוואָרן דאָס לעבן פון מיין מאַמען, מיין ברודער, מיין פאָלק, און דערמיט צוזאַמען איז פאַרניכטעט אויך מיין אַמאָליקע אַלטע היים, מיין געפיל, מיין ליבע און געבונדנקייט צו דער אַמאָליקער היים, — ס'איז אַלץ פאַרניכטעט, אָפּגעווישט, פאַרלאָרן אויף אייביק!...

מיט דער שארית־הפליטה אין קאָוונע

איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאָוונע.

אונטערוועגס האָב איך זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין פּאָנעוועזש און דער־ציילט דעם אַלטען יודעלעוויטשן, וואָס איך האָב געזען און געהערט אין מיין אַמאָליקער היים, אין מיין געבורט־שטעטל.

— נו, און וואָס איז מיט דיין הויז, מיטן פּרוכט־סאָד און מיטן גאַנצן מאַיאָנ־טעק דאָרטן? — פרעגט ער מיך, —זאָגסט דאָך, אַ גרויסער סאָד פון פיל הונדערטביימער, — ווי זעט עס אויס? איז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו געבן?

— יאָ. אַלץ שטייט אויף אָן אָרט... דאָס הויז, דער סאָד, די ביימער. אַן אויסערגעוויינלעך גוטע געראָטעניש איז היי־יאָר; די ביימער זיינען אָנגעלאָדן מיט פּרוכט, אַזש די צווייגן ברעכן. דער סאָד איז איצט אין די בעסטע יאָרן, נאָך ניט געווען אין אים אַזאַ גרויסע געראָטעניש, ווי איצט. אָ, זיי וועלן דאָרטן גוט הנאה האָבן, די נייע בעלי־בתים...

— נו, און וואָס רעכנסטו צו טאָן?

— וואָס רעכן איך צו טאָן?... גאָרנישט... איך פאָר באַלד קיין קאָוונע. דער צוג גייט אָפּ פאַרנאַכט. איך וויל זיך אויסרוען אַ ביסל... מיר'ן זען...

— און דאָס הויז, מיטן סאָד, מיט די פּרוכט וועסטו לאָזן אַזוי, אויף הפקר? דו קאָנסט דאָך עס צונעמען, ס'איז דאָך דיינע!

— וואָס זאָל איך טאָן דערמיט? מיטנעמען מיט זיך? בלייבן דאָרטן און באַלעבאָטעווען? איך קאָן דאָרט אפילו קיין איבעריקע שעה ניט בלייבן, וואו די ערד איז בלוטיק און ברענט אונטער די פיס... נעמט זיי דער טייוול, און וועלן זיי דערוואָרגן מיטן הויז, מיטן סאָד און מיט די פּרוכט! איך דאַרף עס ניט.

— דו ביסט אַ משוגענער, אַ חסר־דעה, אַ... אַ... כ'ווייס ניט, וואָס נאָך דו ביסט! — איז דער אלטער יודעלעוויטש אויף מיר אָנגעפאַלן, — וואָס הייסט, דו דאַרפסט עס ניט?! ווער דען, — זיי דאַרפן עס יאָ?! איבערלאָזן פאַר זיי, פאַר די רוצחים?! און דו דאַרפסט גאָרניט לעבן, עסן, טרינקען, אַ בגד? זע, ווי דו זעסט אויס אין דיינע גרינע שמאַטקעס, — דו דאַרפסט גאָרניט קיין מענטשישע העמד, קיין הויזן, קיין רעקל, קיין מאַנטל? אומזיסט וועט עס דיר קיינער ניט געבן, כאָטש דו ביסט אַ יחסן, אַ סערזשאַנט... און עפּל, פּרוכט, איז איצט גאָלד־צוגלייך, מ'רייסט עס פון די הענט, מ'צאָלט די העכסטע פּרייזן.

קאָנסט דאָך אַראָפּנעמען די עפּל פון די ביימער, ברענגען אין פּאַנעוועזש און פאַרקויפן. קאָנסט מאַכן אַ היפּשע פּאָר רובל. ס'וועט דיר צונוץ־קומען, נישקשה, וועסט עס ניט אַרויסוואַרפן. דאַרפסט דאָך איצט אַנהויבן לעבן פונדאָסניי, פון אָנהויב.

— קאָן זיין, איר זייט גערעכט, מיין ליבער פריינט, — ענטפער איך אים, נאָר... איך קאָן עס ניט, איך קאָן דאָרט קיין מינוט מער ניט זיין, און... איך דאַרף עס ניט... מיר'ן שוין זען, מיר'ן זיך שוין ווי ניט איז איינאָרדענען... זייט געזונט! איך גיי צום באַן.

— דער מענטש איז משוגע, ניט אַנדערש, ווי משוגע, — קוועטשט יודע־לעוויטש מיט די פּלייצעס, — ניט וועלן אַרויסצורייסן פון זיי דאָס, וואָס איז זיינע, אייגענע, וואָס עס קומט אים...

איך פאָר ווידער מיטן באַן, און מיין אָפּגעטראָגענע סאָלדאַטישע קליידונג העלפט מיך ווידער אַרויס פון אַלע צרות אין דער שטופּעניש און ענגשאַפט אויף די וואָקזאַלן און באַנען. איך דאַרף ניט קיין בילעטן און קיין „פּראָפּוסקען" (פּאָר־שיינען), נאָר אַ פּאָר געזונטע עלנבויגנס זיך דורכצושפּאַרן צווישן געדיכטן עולם. און אָט, אינדערפרי בין איך אויף קאָוונער סטאַנציע.

ניטאָ דער קאָוונער גרויסער, גוט באַקאַנטער וואָקזאַל; ער איז חרוב, אַ באָמבע האָט אים געטראָפן, און דייטשע קריגס־געפאַנגענע קלייבן איצט אויף די שיריים פון די חורבות. איך פּרעס זיך דורך אין דער ענגשאַפט דורך אַ פּאָר הילצערנע באַראַקעס, וואָס פאַרבייטן דעם וואָקזאַל, און אָט בין איך אויף קאָוונער גאַסן.

אויף דעם ברייטן פּלאַץ אַרום דער סטאַנציע שטייען אַ פּאָר האַלב־חרובע מויערן, — אויך זיי זיינען, ווייזט אויס, געטראָפן געוואָרן פון אויבן. איך גיי ווייטער, איך בין שוין אין צענטער שטאָט, און זע אַלץ דאָס זעלבע: די שטאָט איז גאַנץ, לעבעדיק, באַוועגלעך, באַגאַסן מיט זונשיין, די געשעפטן און אַנשטאַלטן זיינען אָפן, — אַלץ ווי געווען, — פיל מיליטער לייט דרייען זיך אַרום אין די גאַסן, פיל ציווילע מענטשן אין מיליטערישע אָדער האַלב־מיליטערישע קליידער, פיל האַלב־יום־טובדיקע ליידיקגייער שפּאַצירן אויף דער לייסוועס־אַלייע אָדער זיצן אויף די בענק, און דאָ און דאָרט ליגט אין חורבות אַ הויז, אַ וואַנט, אַ רעגירונגס־געביידע, און דייטשע געפאַנגענע פּורקענען זיך אַרום, אַפּראַמענדיק די ברוכוואַרג.

און פאַר מיר הויבט זיך אָן ווידער דאָס זעלבע, — איך גיי מיט מיין סאָלדאַטישן רוקזאַק איבער די קאָוונער גאַסן און זוך אַן אַמאָליקן פריינט, אַ באַקאַנטן, אַ באַקאַנטע הויז, וואוהין אַריינצוגיין, זיך נאָכפרעגן. איך גיי אַזוי פאַרטראַכט און קוק אויף די נומערן פון די הייזער, און מיטאַמאָל:

— שטיי! פאַרוואָס גריסטו זיך ניט? ווייסטו דען ניט, אַז מיליטערלייט אין שטאָט דאַרפן זיין העפלעך און זיך גריסן אויפן מיליטערישן אופן? פאַר־וואָס טוסטו עס ניט?

איך גיב אַ קוק, — אויפן ווינקל לייסוועס־אַלעיע און מאַראַניאַ־גאַס שטייט אַ לייטענאַנט מיט איניקע סאָלדאַטן, וויזט אויס אַ פאַטרול־גרופּע פון דעם שטאָטישן קאָמאַנדאַנט, און זיי האָבן עס צו מיר די טענה. איך דערקלער זיי, אַז איך קום נאָר־וואָס אהיים, אויף מיין אַלטן וואוין־אָרט, און בין געווען, וויזט אויס, פאַרטראַכט, זוכנדיק אַ באַקאַנטע הויז; דערפאַר, מסתמא, האָב איך זיי ניט באַמערקט.

— פאַרטראַכט... אַ מיליטערמאַן טאָר ניט זיין פאַרטראַכט! — זאָגט צו מיר איינער פון דער גרופּע, — נו, גיב דיינע פּאַפּירן און קום מיט מיר אין קאָמאַנדאַנטור.

איך ווייז אים מיינע דאָקומענטן, נאָר צו גיין אין קאָמאַנדאַנטור האָב איך קיין חשק ניט. איך ווענדע זיך צום לייטענאַנט און רייד מיט דעם ארץ:

— געווען אין אַלע דר׳ערדן און קאַצעטן, אין וועלדער, אין „פּאַרטיזאַנש־טשינע״. אויף די פראָנטן, איך קום אין מיין שטאָט, איך זוך וואו ניט איז אַן אָרט, אַ ווינקעלע, און, — אַ שיינעם „שלום־עליכם״ טרעף איך דאָ פון אייך... איז עס ריכטיק, חבר לייטענאַנט? ניין, ס׳איז ניט ריכטיק!

דער לייטענאַנט שמייכלט, קוקט דורך מיינע פּאַפּירן און גיט מיר זיי אָפּ צוריק.

— גייט אהיים, — זאָגט ער, — און שלאָפט זיך גוט אויס אַ פּאָר וואָכן. נאָר געדענקט, איר זייט נאָך אַ סאָלדאַט, ווי לאַנג איר האָט נאָך ניט קיין ציווילע דאָקומענטן.

איך שלעפּ זיך ווייטער איבער די גאַסן, איך קוק, איך זוך, און — וואָס איז דאָ פיל צו ריידן? — איך האָב געטראָפן אַ באַקאַנטע פאַמיליע, דושניצקי, ניט לאַנג צוריקגעקערטע פון רוסלאַנד, און ביי זיי האָב איך געפונען אַן אָרט, אַ ווינקל צום שלאָפן. אויף אַ נייער וועלט בין איך אַראָפּגעקומען, איך, דער גרינער פון די וועלדער.

אויף מאָרגן האָב איך שפּאַצירט איבער דער אַלייע פון לייסוועס, און דאָ, אין דעם אייגנאַרטיקן טרעף־פּונקט אויף די בענק און אין דער אַלייע, האָב איך פאַרנאַכט געטראָפן מערערע יידישע מענער און פרויען, מייסטנס איינצלנע פון משפּחות, איניקע געציילטע באַקאַנטע, נאָר גרעסטנטייל אומבאַקאַנטע און ניט־געזעענע און ניט־געהערטע, צוריקגעקערטע ווער פון רוסלאַנד, ווער פון דייטשלאַנד, ווער פון אַ געטאָ, ווער פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווער פון די

וועלדער, ווער פון מיליטער, ווער פון אַ שטעטל, ווער דירעקט פון די נעגל פון טויט...

אַן אייגנאַרטיקער און פיל־פאַרביקער געפלעכט פון מענטשלעכע איבער־לעבונגען, געפילן, געדאַנקען, פסיכאָלאָגיעס, שטרעבונגען, באַגערן, לופטיקייט, באַדנלאָזיקייט, בראשית׳דיקייט און.... וואָס ניט ? — אזא מין פלאַטערנדיקער געמיש פון נשמות און קאָלירן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די ערשטע גרעסערע גרופּע פון דער „שארית הפליטה", וואָס איך האָב געטראָפן אין קאָוונע.

פאַרשיידען און אַנדערש־טראַכטנדיק זיינען די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד, אנדערש זיינען די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די קאַצעטן, און פאַרשיידן זיינען די יעניקע, וואס זיינען לעבן־געבליבן אין די וועלדער, אין מיליטער, אין אַ באַהעלטעניש. נאָר איך מערק, אַז איין זאַך איז ביי אַלעמען גלייך און דאָס זעלבע און עס שפּאַרט אַרויס פון יעדערנס נשמה, — אַלע, מיט אַלע חושים און אברים, ווילן לעבן, ווילן געניסן פון לעבן, ווילן בויען אַ לעבן, אַ היים, פונדאַסניי, פון אָנהויב... נאָר ווי אַזוי, וואו, אויף וואָס, אויף וועלכע יסודות, ווי אָנהויבן אַ לעבן פונדאַסניי, — אויף דעם איז ניטאָ קיין ענטפער; דאָס ווייס מען ניט, דאָס זוכט מען, דאָס טאַפּט מען פארזיכטיק און שטיל אין דער ארומיקער נאָך־מלחמהדיקער באַדנלאָזיקייט, אין די אַרומיקע בלוטיקע חורבות פון צעבראָכענעם אייגענעם און יידיש־אַלגעמיינעם לעבן.

און אויך איך, — איך ווער אַלץ מער באַהערשט פון נייע געדאַנקען און געפילן, פון אזוינע, וואָס פלעגן מיר נאָך גאָרניט לאַנג צוריק אַרויפקומען אויפן זינען ווי אַ חלום, אַ פאַנטאַזיע, אַן אוממעגלעכקייט...

מענטשן שושקענען זיך שטיל און באַהאלטן, באקאַנטע פאַרטרויען איינע די אַנדערע, מ׳רעדט זיך ארויס, און — איך ווייס שוין אזוי ווי אנדערע... ווי איבער־ראַשנדיק־ניי און אפילו אומגלויבלעך עס קלינגט מיר צוערשט, נאָר — שאַ, שטיל, מ׳רעדט ניט וועגן דעם אין דער הויך, מ׳דערציילט ניט.

און איך דערוויס זיך, אז ס׳איז ניט קיין פאַנטאַזיע : — מענטשן האָבן שוין ריזיקירט, געפאָרן, געפלויגן אויף אַעראָפּלאַנען און... זיינען אריינגעפאַלן אין די תפיסות אָדער קיין סיביר ; און — מענטשן האָבן שוין ריזיקירט, געפאָרן, זיך געגנבעט דורך גרענעצן און לענדער און... זיינען שוין אויפן וועג צו אַ נייעם לאַנד, צו אַ נייעם לעבן. ווי איינעם עס גליקט אָפּ, ווי דער מזל איז...

און ס׳זיינען שוין דאָ אַזוינע אויסגעאַרבעטע וועגן, — ווי זיך צו „רע־פּאַטריאירן", פאָרן, „גנבענען" גרענעצן, דורכפאָרן לענדער און זאָנעס, וואָס מיטצונעמען... מ׳דאַרף האָבן געלט, און ניט ווייניק געלט, נאָר ס׳ווערט שוין רעכט, מ׳האָט שוין... ס׳איז ניט אזוי לייכט, פאַרקערט, ס׳איז שווער, זייער שווער, ריזיקאַליש, און אפילו לעבנס־געפערלעך, נאָר — מ׳רעדט זיך אָפּ שטילערהייט מיט פריינט, מען גרייט זיך, מ׳פאַרקויפט זיך אויס שטילערהייט און מ׳קויפט

זיך איין, און: ...נעכטן האָט מען זיי נאָך געזען, און היינט זיינען שוין פון קאָוונער און ווילנער האַריזאָנט פאַרשוואונדן געוואָרן חיים, איציק, ברוך, יאַנקל און צענדליקער און הונדערטער אַנדערע. ס'איז אַ שטימונג אזא ביי יידן, ביי דער שארית הפליטה, — לויפן, פאָרן, זיך גנבענען גרענעצן און שלעפן זיך אויף אומזיכערע וועגן צו אַ נייעם לעבן אין דער פאַרבאָרגענער ווייטקייט.

עס ציט מיך צו זען די געוועזענע קאָוונער געטאָ, דאָרט אין סלאָבאָדקע, אויף יענער זייט ווילִיע. דער גרויסער בריק איבערן טייך איז חרוב, דאַרף מען אַריבערפאָרן מיט אַ פאַראָם, אַ שיפל, אָדער גיין ווייט-ווייט אַרום איבער אַ הילצערנעם בריק. איך שיף זיך אריבער דעם טייך, און אָט גיי איך איבערן לאַבירינט פון סלאָבאָדקער גאָסן און געסלעך.

פון פאָרנט זיינען נאָך די גאָסן און הייזער גאַנץ, כמעט ניט אָנגערירט, נאָר ווייטער, טיפער, דאָרט וואו עס האָבן ביז צולעצט נאָך געלעבט עטלעכע טויזנט יידן, — דאָרט איז קיין גאַנצע הויז, קיין גאַנצע וואַנט ניט געבליבן. אַלץ, הויז פאַר הויז, האָבן דאָרט די דייטשן צוזאַמען מיט זייערע מיטהעלפער ליטווינער און לעטן אויפגעריסן מיט דינאַמיט, פאַרברענט און חרוב געמאַכט פאַר זייער אָפּטרעטן פון קאָוונע (יולי 1944), און דאָרט זיינען איבער דריי-אַ-האַלב טויזנט פון די לעצטע געטאָ-יידן דערשאָסן געוואָרן, פאַרברענט געוואָרן, דער־שטיקט געוואָרן פון רויך און פאַרשאָטן געוואָרן אונטער די חורבות, — די אלע יידן, גאַנצע משפחות, מענער און פרויען און קינדער, וואָס האָבן אין משך פון לאַנגע חדשים געבויט און אויסגעבויט טיפע און „זיכערע" באַהעלטענישן, „מאַלינעס" (בונקערס) אונטער די הייזער און אונטער די קעלערן, און האָבן געהאָפט אזוי ארום ניצול צו ווערן.

די בלוט-דורשטיקע חיה רעה האָט זיך דערוואוסט וועגן די פאַרשטעקטע יידן, האָט אָבער ניט געקאָנט זיי ארויסקריגן פון די טיפע „מאַלינעס". האָבן זיי אָפּגעטאָן, די רוצחים, די בלוטיקע ארבעט אין זייערע לעצטע גסיסה-טעג, — פאַרברענט און אויפגעריסן די הייזער צוזאַמען מיט די „מאַלינעס" און די מענטשן.

און אָט, — סטאַרטשענדיקע קוימענס, שטיקלעך ווענט און אויוונס, פאַר־ברענטע און דעפאָרמירטע אייזערנע בעטלעך און אַנדער ברוכוואַרג, — דאָס זיינען שטומע, אָבער שרייענדיקע עדות אין דער אַרומיקער טויטער שטילקייט.

— נאָר אויך אַ לעבעדיקן עדות דערהער איך אין דער טויטער שטילקייט, דאָס איז אַ וויינענדיקער און כליפּנדיקער קול, וואָס דערטראָגט זיך צו מיר פון צווישן די אָפּגעברענטע חורבות. איך קוק זיך ארום און דערזע אַן עלטערע פרוי, וואָס זיצט דאָ דערביי, אויף אַ חורבה-שטיין, און וויינט שטיל, און ביטער, און טרייסטלאָז. איך רייד צו איר, איך פרעג זיך נאָך, איך וויל איר זאָגן אַ טרייסט-וואָרט, און אָט, — די פרוי רעדט און רעדט זיך אויס איר ביטערע האַרץ.

— ... אָט דאָ — זאָגט זי, — האָבן מיינע לעצטע צוויי פייגעלעך געפונען זייער טויט. אָט־דאָ, אונטער דעם הויז, זיינען מיינע קינדער פאַרברענט געוואָרן, דערשטיקט געוואָרן... וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר! ווי אַזוי קאָן נאָך זיין אַ האָפנונג, ווי אַזוי קאָנען זיי זיך נאָך אויסגעפינען און זיך אָפּרופן, אַז איך ווייס אויף זיכער, זיי זיינען דאָ געבליבן באַהאַלטן אין אַ „מאַלינע" צו־זאַמען מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק יידן, און קיינער איז קיין לעבעדיקער ניט אַרויס!... אַלע זיינען דערשטיקט געוואָרן, און אויך זיי, מיינע פייגעלעך... אוי, ווי איך ווייס דאָס גוט, וואָלט איך אַזוי ניט געוואוסט... איך בין דאָך אויך דאָרט געווען פאַרשטעקט, איך בין געווען אַרויס נאָך וואַסער, און אָט, — מיך האָט מען געכאַפּט, אוועקגעשלעפּט אין דייטשלאַנד, געהאַלטן אין שטוטהאָף און אין אַלדע שוואַרץ־יאָרן, כ'האָב דורכגעקרענקט טיפוס, כ'בין אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט און ווייטיק, און אָט ווי איר זעט, — כ'בין לעבן געבליבן... אויף צרות און אויף נייע פּיין בין איך לעבן געבליבן... וואָס טויג מיר מיין לעבן? וואָס דאַרף איך מיין לעבן? כ'בין דאָך אַליין, עלנט, אָט ווי דער שטיין... קיינער שוין ניטאָ, קיינער ניט געבליבן... איז מיין עלטערער זון גלייך פון אָנהויב דער־שאָסן געוואָרן אָט דאָרט, אויפן זיבעטן פאָרט, מיין מאַן מיט צוויי יינגסטע קינ־דערלעך אויפן ניינטן פאָרט, אָט־דאַן, אין דער „קינדער־אַקציע", און די לעצטע זיינען אָט־דאָ דערשטיקט און פאַרברענט געוואָרן... מיטן רויך און פייער איז זייער לעבן אַוועק און פאַרשוואונדן געוואָרן, קיין אַש פון זיי איז אפילו ניט גע־בליבן, און... איך, איך... די אַלטע צעבראָכענע כלי, איך לעב נאָך... איך מוז נאָך לעבן און אַרומגיין דאָ אויף דער בלוטיקער ערד, איך מוז נאָך רייסן מיינע וואונדן און זיך מאַטערן, אַן אַ סוף זיך מאַטערן... אוי, מיין לעבן!... וואָס טויג מיר, וואָס דאַרף איך מיין לעבן?! איך בין דאָך אַן איבעריקע אויף דער גאַנצער וועלט, אַן איבעריקע פּאַר גאָט און פּאַר לייטן! וואָס טויג מיר מיין לעבן, אַז דאָס האַרץ איז פול מיט וואונדן און ווייטיק, און ניט אויסצוהיילן... ניט אויסצוהיילן...

אַזוי האָט געטענהט די לעבן־געבליבענע מאַמע. איך האָב מיט איר גע־רעדט, געפּרובירט טרייסטן... און דאַן, דערנאָך, האָב איך עטוואָס פאַרצייכנט. אָט איז עס:

געוויינט האָט אַ יידישע מאַמע...

איך האָב היינט אַ מאַמע געטראָפן...
זי ז'לעבן דורך צופאַל געבליבן.
ס'האָט נאַצישע חיה צעבראָכן
איר היים־נעסט און קינדער פאַרטריבן.

געוויינט האָט די יידישע מאַמע:
— מיין לעבן איז איבריק געוואָרן,
צייט כ׳האָב אין די בלוטיקע פלאַמען
די ליבסטע און בעסטע פאַרלאָרן.

— „מיין מאַן, מיינע קינדער טויט ליגן,
צעשליידערט אין קאָנצלאַגער־קברים.
קיין גואל, קיין פריינט ניט געבליבן,
כ׳בין איינזאַם ווי מדבר׳שער דאָרן". —

געוויינט האָט די יידישע מאַמע
און מיר אויך צערייצט פרישע וואונדן.
מיין האַרץ האָט מיט איר שטיל צוזאַמען
געוויינט און די טרערן געשלונגען.

דו, האַרציקע יידישע מוטער,
איך האָב דיינע טרערן פאַרשטאַנען,
ניטאָ גאָר קיין ווערטער קיין גוטע
צום טרייסטן דיך, יידישע מאַמע!...

(געשריבן אויף די חורבות פון קאָוונער געטאָ, סעפּטעמבער 1945).



חורבות און אונטער די חורבות... די פאַרברענטע קאָוונער געטאָ־הייזער, וואו אונטער די חורבות זיינען געבליבן טויזנטער קרבנות (פאָטאָ: ג. קאַדיש, קאָוונע, 1944).

ווי לעבט מען אויף בית־עולם'ס ?!

שוין איבער אַ פּאָר וואָכן, ווי איך דריי זיך אַרום פּוסט־און־פּאַס, אַ ליידיק־גייער (און נאָר איך איינער ?!), אָן אַרבעט, אָן אַ ציל און אָן אַ ווילן וואָס אָנ־הויבן צו טאָן. יאָ, אמת, איך האָב פּרובירט וואָס אָנהויבן צו טאָן, — גלייך די ערשטע טעג נאָך מיין קומען אין קאָוונע האָב איך פּרובירט זיך איינשאַפן אַ ציווילן אָנצוג, אַ מאַנטל און אַ פּאָר שיך. אין מיינע פּאַפּירן שטייט בפירוש גע־שריבן, שוואַרץ אויף ווייס, אַז איך מוז באַזאָרגט ווערן אין דער ערשטער ריי מיט ציווילע קליידער און מיט אַלץ, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש באַדאַרף, און אפילו מיט אַ צימער. איך גיי אַוועק וואוהין מ'דאַרף, איך ווענדע זיך צום העכסטן שעף, ווייז אים מיינע פּאַפּירן און דעם גאַנצן יחוס און פאַרלאַנג דאָס, וואָס עס קומט מיר. דער שעף הערט מיך אויס זייער אויפמערקזאַם און גע־דולדיק און צום סוף זאָגט ער צו מיר:

— יאָ, מיין טייערער, איר מוזט דאָס אַלץ קריגן און, פאַרשטייט זיך, אין דער ערשטער ריי. ס'איז ריכטיק, איר מוזט עס גלייך האָבן, ווייל, איך ווייס דאָך, קיין אַנדערע ווי אייערע אויסגעדינטע סאָלדאַטישע קליידער האָט איר ניט. יאָ, ס'איז אַלץ ריכטיק, נאָר... נאָר, זעט איר, עס וואַרטן שוין פיל אויף דעם, נאָך פריער פון אייך געקומענע... ניין, וואָס רעדט איר, עס וועט ניט אויספעלן, ס'וועט זיין איבערגענוג פאַר אַלעמען, מיר האָבן דאָך אַלצדינג, — קליידער און שיך און אויבערהעמדער און אפילו האַנט־זייגערס און וואָס ניט... נאָר וואָס דען? די פאַבריקן וועלן אויסאַרבעטן מער שטאָפן, עס וועט זיך הויבן די פּראָדוקציע, און דאַן וועט זיין פאַר אַלעמען און, פאַרשטייט זיך, אין דער ערשטער ריי פאַר אַזוינע, ווי איר. נאָר ס'וועט שוין קלעקן פאַר אַלעמען.. ווי לאַנג דאַרף עס נאָך דויערן? ווער קאָן עס וויסן! ס'איז דאָך ניט לאַנג נאָך דער מלחמה!... מעגלעך, עטלעכע חדשים, מעגלעך אויך לענגער... נאָר זאָגרט ניט... אָט פאַרשרייבט און לאָזט איבער אייער נאָמען, און מיר'ן אייך שוין מודיע זיין. איר קענט זיין רואיק, מיר'ן אייך ניט פאַרגעסן...

איך פּראָטעסטיר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער קעגן אַזאַ „באַזאָרגונג"; איך מוז דאָך תיכף האָבן כאָטש אַ רעקל מיט אַ פּאָר הויזן, איך האָב דאָך ניט וואָס אָנצוטאָן... איך זע, דער שעף ווערט „ווייכער", ער שרייבט מיר אָן אַ אַדרעס אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און זאָגט:

— ווייסט איר וואָס, אָט איז דער אַדרעס, און גייט צו צום דירעקטאָר פון דער באַזאָרגונג־באַזע... מעגלעך, זיי האָבן דאָרט וואָס פאַר אייך... יאָ, יאָ, איר קאָנט אים זאָגן אין מיין נאָמען. צו־וואָס דאַרפט איר פון מיר אַ צעטל? זאָגט אים אין מיין נאָמען, ס'וועט זיין גענוג.

איך גיי גלייך צום דירעקטאָר פון דער באַזאָרגונג־באַזע, הויב אָן ווידער פונדאָסניי און פאַרענדיק מיטן זעלבן פזמון: — איך דאַרף און איך מוז האָבן ציווילע קליידונג... די סאָלדאַטישע קליידונג ווערט שוין צעריסן, מ׳קאָן דאָך ניט ארומגיין נאַקעט...

יענער קוקט מיך אָן מיט גלייכגילטיקע אויגן, און צום סוף צעפּאַטשט ער מיט די הענט:

— אַך, וואָס וויל ער האָבן פון מיר, דער... דער...?! ער ווייס דאָך גאַנץ גוט, אַז איך האָב ניט און קאָן קיין זאַך ניט אַרויסגעבן! וואָס שיקט ער צו מיר? כדי פון אייך פּטור צו ווערן, האָט ער געשיקט צו מיר... אָט וואָס, מיין טייערער פריינט, איך האָב ניט און קאָן אייך מיט קיין זאַך ניט באַזאָרגן. ווען זיי וואָלטן צו מיר אַריינשיקן, וואָלט איך האָבן, נאָר זיי שיקן ניט. זיי שיקן ניט, און דערפאַר האָב איך ניט. נאָר אַ גוטע עצה האָב איך יאָ פאַר אייך: איר גייט אַוועק אין געשעפטס־לאַגער נומער 10, אָדער נומער 6, אָדער נומער 12, און דאָרט וועט איר שוין קריגן. זיי האָבן דאָרט מסתמא... איר ווילט, איך זאָל אייך געבן אַ צעטל, — ביטע, אָט שרייב איך אייך אָן...

אָן אויפגערעגטער און אַנגעלאָדענער, שיס איך אויס מיין גאַנצן כעס אין די קראָמען נומער 10, 6 און 12. נאָר וואָס העלפט מיין כעס, און געשרייען, און דראָ־אונגען, ווען די געשעפטן־פירער שמייכלען און קוועטשן מיט די פּלייצעס.

— פאַר אונדז איז עס קיין נייעס ניט, — זאָגן זיי, — אַז עס קומען אַזעלכע ווי איר, וואָס האָבן טאַקע יחוסדיקע פּאַפּירן און די פולע רעכט צו קריגן וואָס זיי פאָדערט, און זיי שרייען ,נעבעך, און דראָען אונדז... נאָר מיר מאַכן דען די קליידער, אָדער די שיך, די שטיוול, צי אפילו אויבערהעמדער? אַלץ, וואָס מיר האָבן, קריגן מיר אריינגעשיקט פון דאָרט, פון דער באַזע, נאָר זיי איילן זיך ניט אריינצושיקן... דאָס ביסל, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר שוין פאַרטיילט, און קיין נייע סחורה קומט ניט אריין. וואָס העלפט אונדז דעם דירעקטאָרס צעטל! ער מאַכט נאָר מענטשן צום לאַכן, צעטלען גיט ער... קאָן מען פון די צעטלען מאַכן אַן אַנצוג, צי אַ מאַנטל? וואָס קאָנט איר יאָ קריגן ביי אונדז? אָט, קוקט זיך איין אויף דער פּאָליצע, דאָס איז אַלץ סחורה, וואָס איר האָט רעכט צו באַ־קומען אויף מלוכהשע פרייזן, צו איינציקע שטיקלעך...

קיין קליידער אויף מלוכהשע פרייזן האָב איך זיך ניט איינגעשאַפט, נאָר דאָך בין איך געווען צופרידן, אַז מיין טירחה האָט זיך אויסגעלאָזן ניט אומזיסט; איך האָב דאָך אַ ביסל אויפגעטאָן. דעם טאָג בין איך רייכער געוואָרן מיט צוויי שטיקלעך שמעקעדיקע זייף, מיט אַ שפּולקע שוואַרצע באַוול און דריי נאָדלען אין מיט פינף ראַזיר־מעסערלעך, — אַלץ אויף ביליקע מלוכה׳שע פרייזן. און איך האָב זיך געטרייסט און געפרייט, אַז, אייגנטלעך, קאָן מען דאָך ניט פאַרלאַנגען צו ווערן מיטאַמאָל אַ גביר, מיטאַמאָל אריינשפּרינגען אין אַן אַנצוג, אַ מאַנטל,

שטיוול... ס'איז אויך גוט, אז מען הויבט אָן צוערשט מיט אַ פּאָר שטיקלעך שמעקע־דיקע ראָזע זייף און אַ נאָדל מיט באַוול, און דערנאָך, ביסלעכווייז, ארבעט מען זיך ארויף ווייטער, העכער, — ביז אַ מאנטל מיט שטיוול און אפילו נאָך וואָס אויך. אלץ מוז קומען מיט דער צייט, מ'קאָן ניט רייך ווערן מיטאַמאָל.

אויב איך האָב נאָך געהאָפט צו געפינען אין מיין אַמאָליקער קאָוונער וואוינונג עפּעס־וואָס פון שטוב־זאַכן, קליידונג, האָב איך זיך לגמרי אָפּגעגאַרט. איך האָב באַזוכט מיין אמאָליקע וואוינונג, דאָס הויז, וואו איך האָב אַמאָל געלעבט, ווי אַ מענטש צווישן מענטשן, מיט אַ פאַמיליע, מיט ווארעמקייט און צאַרטקייט... קיין זאַך איז שוין איצט ניטאָ... פרעמדע מענטשן לעבן דאָ איצט, און אַלץ ,וואָס דאָ איז געווען אמאָל, איז טויט, איז צעשלעפּט, ארויסגעפירט, פאַרשוואונדן.

איך קוק זיך ארום אין מיין אַמאָליקער וואוינונג, און איין זאַך דערקען איך יאָ, — דאָס איז דער גרויסער, ברייט־צעצווייגטער וואַזאָן־פלאַנץ, דער פיקוס, וואָס אַ באָבע האָט דאָ אמאָל געהאָדעוועט מיט ציטערדיקע, זאָרגזאַמע הענט און עס איבערגעלאָזן בירושה צו אַ טאָכטער, צו אייניקלעך... דאָס איז אַלץ; מער איז ניט געבליבן פון אַ הויז, פון א משפחה, — איינע פון די הונדערטער טויזנטער פאַרשוואונדענע יידישע משפחות.

און אויב די ערשטע טעג נאָך מיין צוריקקומען אין קאָוונע האָב איך נאָך געקלערט וועגן נעמען זיך צו מיין פריערדיקער אַרבעט אָדער צו אַ וועלכער ניט איז נייער באַשעפטיקונג, וועגן איינאָרדענען זיך מיט אַן אייגענעם אָרט, אַ צימער, א טישל, א בענקל, — אויב איך האָב נאָך געקלערט אזוי צוערשט, זיינען די געדאַנקען וועגן דעם אויך ביסלעכווייז צערונען און פאַרשוואונדן געוואָרן. ווי קאָן מען זיך „איינאָרדענען" און בויען אַ ניי לעבן אויף בלוטיקע חורבנות, אויף אַן ענדלאָזן בלוטיקן בית־עולם, אויף דער ערד פון די מערדער און פאַר־ניכטער פון דיין פאָלק, פון דיינע טייערסטע, און פון דיין אייגענעם לעבן? וואו נעמט מען אַ ווילן, מוט און כוחות פאַר דעם? ווי קאָן מען עס וועלן? און דאָס ניי לעבן איז דאָך קיין לעבן ניט... דער באָדן איז קיין באָדן ניט, די אַרבעט איז קיין אַרבעט ניט, און דאָס בויען, דאָס בויען אַ ניי לעבן... עפּעס די הענט הויבן זיך ניט צום בויען דאָ אַ ניי לעבן... ס'איז אַ לעבן מיטן קאָפּ אויף אַראָפּ געשטעלט. ס'איז אַ פאַרקריפּלט לעבן, אַן אומגעקערט מיטן אונטערשלאַק אויף אויס־ווייניק... ווי בויט מען אזא ניי לעבן?

און מיט אזוינע נייע געדאַנקען, מיט נייע געפילן, זיינען באַהערשט הונדער־טער און טויזנטער פון די רעשטלעך, פון דער שארית הפליטה. מען וויל פאָרן, לויפן, קומען צו אַ נייעם לעבן, אין א נייעם לאנד... און מען טוט עס טאַקע, מען רייסט זיך דורך פארמאכטע גרענעצן; ניט אלע, פארשטייט זיך, קאָנען עס טאָן, ניט יעדערער, וואָס וויל עס טאָן; בלויז די נאָר, וואָס באַזיצן געניג מוט און אָנטשלאָסנקייט, און אפשר — געניג הפקרות.

איך בין שוין אויך באַהערשט פון די נייע געדאַנקען, באַהערשט פון קאָפּ ביז די פיס. איך האָב שוין אַ ציל פאַר די אויגן, און איך ווייס, אז קיין זאַך וועט מיך שוין ניט אָפּשטעלן. איך האָב זיך ווידער ארויסגעריסן פון דער פאַר־גליווערטקייט און אָפּהענטיקייט, איך האָב שוין נייע כוחות, און — איך גיי צום ציל.

מיר, אַ גרופּע פריינט, קלייבן זיך צו פאַרלאָזן ליטע, זיך דורכגנבענען גרע־נעצן און לענדער און זיך דערשלאָגן צו נייע ברעגעס.

נאָר וואו נעמט מען מיטלען, געלט, פאַר אזא לאַנגער, פאַרשלעפּטער וואַנ־דערונג? אָן דעם, אָן קליידונג, עסנוואַרג און אָן פיל אַנדערע זאַכן קאָן מען זיך פון אָרט ניט רירן. און איך בין נאַקעט, כ'האָב קיין פּרוטה ניט ביי דער נשמה...

זאָל איך גיין אָפּקריגן „מיין ירושה", די הייזער און מאַיאָנטקעס, פאַרקויפן עס און מאַכן געלט? יאָ, מ'קאָן עס טאָן, לויטן געזעץ, דורכן געריכט. מ'דאַרף זיך משפּטן, ברענגען עדות, אז אלץ און אלע זיינען טויט, אז איך בין דער איינ־ציקער לעבן־געבליבענער יורש, מ'דאַרף אַ ביסל אויך „אונטערשמירן", מאַכן פּאַפּירן, דאַן זוכן א קויפער, ווידער „שמירן" און מאַכן נייע פאַרקויף־פּאַפּירן און דאַן — וועקשעגקען פאַר א פינפטל פון ווערט... יאָ, איך ווייס, אייניקע האָבן עס שוין געטאָן אזוי, אנדערע טוען עס, און עס שלעפּט זיך אויף לאַנגע חדשים און — יאָרן...

לאָזט מען עס בעסער אויף הפקר, די הייזער מיט די מאַיאָנטקעס, — מ'טוט עס אזוי, און איך טו עס אויך. ניט פאַר מיינע איצטיקע נערוועז, געדולד און געשפּאַנטקייט איז צו מישפּטן זיך וועגן ירושה־מאַיאָנטקעס און בלייבן ווידער וואַרטן לאַנגע חדשים. זאָל עס גיין מיטן ווינט און רויך, אויף הפקר, ווי אלץ איז אוועק, ווי אלץ איז פאַרשוואונדן!... מ'קאָן ניט בלייבן מער און וואַרטן... איך קאָן ניט, איך וויל ניט!

נאָר דאָך, וואו נעמט מען די נויטיקע מיטלען, די הוצאות הדרך? און איך דערמאָן זיך דעם אלטן יודעלעוויטשעס רייד, זיין איינטענהן מיט מיר, אַז איך קאָן דאָך אַראָפּנעמען די עפּל פון מיין פּרוכט־סאָד, פאַרקויפן און מאַכן אַ היפּשע פּאָר רובל... עפּל — דאָס איז דאָך מיט גאָלד־צוגלייך, — אזוי, דאַכט זיך, האָט ער געזאָגט, דער אַלטער פריינט. יאָ, דאָס איז דער וועג.

אָן לאַנגע ישוב־הדעת גאַרטל איך ווידער אָן מיין אויסגעדינטן סאָלדאַטישן מאַנטל, נעם דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס, גיי ארויס אויפן גרויסן וועג, און אָט, — איך זיץ שוין אויף אַ לאַסט־אויטאָ, אויפן וועג צו פּאָנעוועזש.

ניט יודעלעוויטשן און ניט קיין אַנדערן דערצייל איך וועגן מיינע פּלענער. מ'רעדט ניט וועגן דעם, מ'דערציילט ניט, — דאָס איז אַ זאַך, וועגן וואָס מען שווייגט. איך דערצייל, אז איך האַלט אין „איינאָרדנען זיך" אין קאָוונע, נאָר איך וויל פריער נאָך אַמאָל צופאָרן אין מיין געבורט־שטעטל, וואָס נאָך אויפטאָן דאָרטן.

— זעסטו, — זאָגט צו מיר יודעלעוויטש, — כ'האָב דיר גלייך געזאָגט. נעם אַראָפּ די פּרוכט, ס'איז שוין באַלד די פּאַסיקע צייט, און דו וועסט מאַכן אַ גוטע פּאַר גראָשן. אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר רעקאָמענדירן אַ היגן רוס, אַ „סאַדאָוו־ניק", ער וועט דיר העלפן. אָ, אויף אים קאָנסטו זיך פאַרלאָזן! ער וועט בלייבן היטן, אויב מ'וועט דאַרפן. נו, פּאָר מיט גליק און רייס ארויס פון זיי, פון די מערדער, וואָס נאָר דו קאָנסט!... קיין פייג זאָלסטו זיי אפילו ניט איבערלאָזן!

איך זע זיי, — די שטעט און שטעטלעך אָן יידן

איך בין ווידער אין מיין געבורט־שטעטל, אין דער פאַרשוואונדענער אַלטער היים, און דאָס מאָל בין איך געקומען ווי אַ מאָנער מיט אַ שטייפן האַרץ און ווי אַ נעמער מיט אַ האַרטן פויסט. איך האָב אריינגעזעצט אין פּרוכט־סאָד דעם מיט־געבראַכטן „סאַדאָווניק" מיט זיין ווייב און צוויי קינדער צום היטן, און האָב גלייך דעם זעלבן טאָג געמעלדעט די „נייע בעלי־בתים", אז זייער פוס זאָל זיך דאָ ניט באַווייזן. מיט אַ זויערער אומצופרידענער מינע האָבן זיי, נעבעך, אויפגע־נומען די טרויעריקע פאַר זיי ידיעה, און כדי עס א ביסל צו פאַרזיסן, האָב איך געמוזט איינעם פון זיי, דעם מער חוצפה'דיקן, אַריינפאָרן מיטן פויסט אין די ציינער אריין. דאָס האָט געהאָלפן, און באַטאָג האָב איך זיי שוין מער אין די אויגן ניט געזען. דערפאַר באַנאַכט האָבן זיי געגנבעט, געבראָכן דיביימער און צוימען. גיי און כאַפּ זיי באַנאַכט!...

און נאָך אַ זאַך האָב איך דאָ איצט געהאַט צו דערליידיקן. מ'האָט מיר אריינגעשושקעט אין אויער אַ צענדליק נעמען פון קרובים פון די מערדער און רויבער. די מערדער זיינען ניטאָ, זיי זיינען דערהרגעט אָדער פאַרשוואונדן גע־וואָרן, נאָר ביי די קרובים ליגט נאָך באַהאַלטן א היפש ביסל יידיש האָב־און־גוטס.

מיט דער דערלויבעניש פון מיליציע־שעף האָב איך גענומען דריי מיליציאָ־נערן, און אלע פיר באַוואָפנטע האָבן מיר זיך געלאָזט זוכן אין די וואַלדיקע דערפער. נאָר וואו וועסטו שוין וואָס געפינען? אלץ, וואָס ווערטפול, איז גוט פאַרשטעקט, אויסגעביטן, אוועקגעשיקט אנדערש־וואו, און נאָר אַ גאַנצע קאָלעק־ציע פון ברודערס און אַנדערע יידישע מעבל האָב איך אָנגעזאַמלט, דעם ברודערס אַ קו, אַ ניי־מאַשין, א פעלץ, א פּאָר קישנס, א וואַנט־זייגער, — און אלץ גע־מוזט מיט גוואַלט ארויסרייסן פון די גייציקע רויבערישע הענט. דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט, הערנדיק זייערע פּראָטעסטן און פאַלשע רייד, און ניט איינעם פון זיי האָב איך צעפּראַסקעט די טריפהנע צורות.

נאָר וואָס? — איז עס דען אָפּרעכנונג, פאַרגיטיקונג?... קאָן עס דען שטילן מיין טיפן ווייטיק? און אויף וואָס דאַרף איך דאָס מעבל, און די קו, און דעם וואַנט־זייגער? איך האָב אינגיכן אויפגעהערט די זוכעניש און נאָכיאָגעניש נאָך

האָב־און־גוטס, און געזעגן וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון דעם דערוואָרבענעם. גרעסטנטייל מעבל האָב איך אַוועקגעשאָנקען מיינע באַקאַנטע אין פּאָנעוועזש, די ניי־מאַשין „אָפּגעשניטן אויף ביליק״ און פאַרקויפט דאָרט צו אַ יידישן שניידער, אויפן מארק אויסגעביטן דעם וואַנט־זייגער אויף אַ האַנט־זייגערל, און דאָס איבעריקע — וואָס פאַרקויפט, וואָס פארטיילט און וואָס אויסגעביטן אויף עסנוואַרג.

אזוי ארום בין איך שוין געוואָרן אַ „שטיקל גביר״, און נאָכן אַראָפּנעמען פון פרוכט־סאָד אַ פינף־זעקס געפּאַקטע פורן מיט עפּל (נאָר אַ פערטל פון דער געוועטעניש, ווייל דאָס איבעריקע האָבן באַנאַכט די שכנים און דורכפאָרנדיקע סאָלדאַטן צעגנבעט) און נאָכן פאַרקויפן עס אין פּאָנעוועזש, בין איך שוין געווען א „גאנצער גביר״... אויב ניט גאַנצע פופציק טויזנט רובל האָב איך דאַן פאַר־מאָגט, — שיינע, פארביקע און קנאַקעדיקע פּאַפּירלעך.

אַ פוטבאָל־קאָמאַנדע פון יידישע יוגנטלעכע אין דער אַמאָליקער אַלטער היים. גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעקומען (שטעטל פּומפּיאַן, ליטע).

און איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין געבורט־שטעטל, מיט מיין אַמאָליקער אַלטער היים, מיט מיין טאַטע־מאַמע־ברודערס הויז און מיטן גאַנצן מאַיאָנטעק אויף אייביק, אויף מער ניט צוריקצוקומען, מער ניט ווידערצוזען. זאָל עס בלייבן אויף הפקר, אין פרעמדע הענט, זאָל עס חרוב ווערן, פאַרברענט ווערן, — איך דאַרף עס ניט!.... פאַר מיר איז עס פאַרלאָרן אויף אייביק צוזאַמען מיט די לעבנס, דאָרט פאַרפייניקטע און פארשוואונדענע. און עס דאַכט זיך מיר,

אַז שאָטנס פון בלוטיקן עבר באַגלייטן מיך פון שטעטל ארויס, באַגלייטן מיך דעם גאַנצן וועג, און אַז זיי וועלן שוין קיין מאָל פון מיר ניט אָפּטרעטן... קיין מאָל ניט... דאָס גאַנצע לעבן אַזוי...

אַ נייער אינטערעס וועקט זיך איצט אויף אין מיר, — איך פאָר ארום איבער מיין אַמאָליקן היימלאַנד, איך באַזוך וואָס מער ערטער, שטעט און שטעטלעך, איך קוק זיך צו צום נייעם „יידנלאַזן" לעבן, איך פרעג זיך נאָך און וויל אַריינ־זאַפּן און פאַרפיקסירן אין מיין נשמה וואָס מער פון דעם פאַרגאַנגענעם אַלט־היימישן און פון דעם איצטיקן אָפּגעשטאָרבענעם לעבן. מיין סאָלדאַטישער הילוך מאכט מיך פריי־באַוועגלעך איבער ליטע און לעטלאַנד, אין די איצטיקע, אַזוי־גערופענע מערב־געביטן פון רוסלאַנד. איך קום נאָך אַמאָל קיין ווילנע, ריגע, שאַוול, קיידאַן, ראַסיין, פּלונגיאַן, טעלזש, קורשאַן, יאַנאַווע, ווילקאָמיר, אוטיאַן, טראַשקון, אַניקשט, קופּישאָק, בירזש, פּאָסוועל, לינקאָווע, שאַדאָווע, מאַריאַמפּאָל, ווילקאָווישק, שאַקי, אָליטע, ווירבאַלן, מערעטש, לאַזדיי, קאַל־וואַריע, ניישטאָט און נאָך אַ פּאָר צענדליק גרעסערע און קלענערע ערטער, וואו אַ יידיש לעבן האָט אַמאָל געבליט.

איך בלייב אייניקע טעג אין אַבעל, וואו איך העלף מיין פריינט אָפּקריגן עטוואָס פון אוועקגערויבטן האָב־און־גוטס; איך האַלט זיך אויף לענגער אין ראַקישאָק, וואו פון דער פאַר־טויזנטיקער יידישער באַפעלקערונג געפין איך קוים צוועלף איינצעלנע צעבראָכענע מענטשן; דאָס זעלבע טרעף איך אין קיידאַן, — אַנדערהאַלבן צענדליק לעבן־געבליבענע יידן. דרך אגב, דערציילט מען מיר דאָ, ווי העלדיש ס'איז אומגעקומען דער גוט־באַקאַנטער קיידאַנער גערטנירער צדוק שלאָפּאָבערסקי, דערוואַרגנדיק צוויי פון די מערדער און מיטשלעפּנדיק זיי אין גרוב אריין; אין טעלזש דערוויס איך זיך וועגן אַ גרופּע געראַטעוועטע יידישע מיידלעך, יתומות, וואָס געפינען זיך דאָרט אונטער דער אויפזיכט פון אַ מאָנאַסטיר און קאָנען זיך ניט אומקערן צו זייער אָפּשטאַם, צום יידישן לעבן. און אומעטום הער איך דאָס זעלבע, — ווי ווילליק, אַקטיוו און אכזריותדיק די ליטווינער האָבן דורכגעפירט די רויבערייען און שחיטות איבער זייערע לאַנג־יאָריקע מיטוואוינער און שכנים, די יידן; זעלטן־וואו ס'האָט זיך געפונען אַ ליטווישער „צדיק", וואָס האָט פאַר גוטער באַלוינונג איינגעשטימט צו העלפן, אויסבאַהאַלטן, ראַטעווען אַ יידיש לעבן; אויך היינט, איצט, זיינען זיי, פאַרסמטע מיטן נאַצישן סם־המות, געבליבן יידישע דם־שונאים, זיי קאָנען אַ יידן אין די אויגן ניט אָנקוקן, ווייל זייער געוויסן איז ניט ריין... און וויפל פון די ליטווישע נעכטיקע נאַציס האָבן איצט „איבערגעדרייט דעם פּעלץ" און זיינען געוואָרן גאַנצע מאַכער און דעה־זאָגער אויך איצט, ביי דער איצטיקער מאַכט!...

האָט דאָך קאָוונער ליטע געהאַט פאַר דער מלחמה 170 טויזנט יידן און צוזאַמען מיט שטאָט ווילנע און ווילנער געגנט — נאָענט צו אַ פערטל

מיליאָן, און איצט, נאָך דעם חורבן — קוים צוואַנציק טויזנט און אפשר נאָך אַ צוויי־דריי טויזנט צוזאַמען מיט די לעצטע צוריקגעקומענע. דערפאַר זיינען אויסגעוואַקסן די גרויסע יידישע מאַסן־קברים, און די גרעסטע פון זיי: פּאָנאַר, זיבן קילאָמעטער פון ווילנע, — דער שחיטה־אָרט און בית־עולם פון הונדערט טויזנט ליטווישע יידן, מייסטנס ווילנער, און אויך געבראַכטע פון אנדערע לענדער; דער נייַנטער פאָרט, ביי קאָוונע, היינטער סלאָבאָדקע, — דער שחיטה־פּלאַץ פון פינף־און־זיבעציק טויזנט יידן, קאָוונער און געבראַכטע פון אַנדערש־וואו; די מאַסן־קברים ארום זיבעטן פאָרט מיט אַ צענדליק טויזנט דערמאָרדעטע; און — וועלכע שטאָט און שטעטל איבערן גאַנצן לאַנד האָט ניט קיין אייגענעם יידישן מאַסן־קבר, וואו צוזאַמען זיינען נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט יידן פאַרפייניקט און דערמאָרדעט געוואָרן?!

און די לעבן־געבליבענע יידן טוליען זיך נענטער איינע צו די אנדערע, ציען זיך צו אַ גרעסערן יידישן צענטער, צו ווילנע, קאָוונע, וואו אַ שטיקל יידיש געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבן האָט נאָך אַ מעגלעכקייט זיך צום אַנטוויקלען. האָט מען דאָך געשאַצט, אז אין ווילנע האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט ארום צען־צוועלף טויזנט יידן, ניט נאָר ווילנער, נאָר אויך פון אנדערש־וואו, און אנדערע האָבן געשאַצט די צאָל ביז פופצן־זעכצן טויזנט — גאַנצע דריי־פערטל פון דער געבליבענער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע. אַרום דער יידישער קהילה מיט די צוויי גאַנץ־געבליבענע שולן, ארום דעם יידישן מוזיי, דער פאָלקס־שול מיטן קינדער־גאַרטן און בית־יתומים און ארום נאָך אייניקע אויפשפּראָצנדיקע קולטורעלע אינסטיטוציעס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן אין ווילנע. אין ווילנע, שטאַרקער ווי אַנדערש־וואו אין ליטע, פולסירט אַ ניי־אויפקומענדיק יידיש לעבן.

פון די קרוב פערציק טויזנט יידן, וואָס קאָוונע האָט פאַרמאָגט ביז דער מלחמה, האָט מען אייניקע טויזנט אויסגעהרגעט גלייך פון אָנהויב אויפן זיבעטן פאָרט און אין די טורמעס, ביי דרייסיק טויזנט זיינען נאָך געווען צוזאַמענגעטריבן אין קאָוונער געטאָ, אין דער פאַרשטאָט סלאָבאָדקע־ווילִיאַמפּאָל (דעם 15טן אויגוסט 1941), וואו זיי זיינען סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט געוואָרן אָדער פאַרשלעפּט געוואָרן אין לעטלאַנד, עסטלאַנד און דייטשלאַנד, אויך צו פאַרפייניקונג און אומקום.

אזוי זיינען אין דער „גרויסער אַקציע" אין קאָוונער געטאָ (28טער אָקטאָבער 1941) אויסגעמאָרדעט געוואָרן עלף ביז צוועלף טויזנט יידן, אין אַ גאַנצער ריי קלענערע שחיטות, אין דער שוידערלעכער גרויסער „קינדער־אַקציע" (27־29 מערץ 1944) און ביים ליקווידירן די געטאָ מיטן אויפרייסן און אונטערצינדן די הייזער מיט די „מאַלינעס" (אונטערערדישע באַהעלטענישן) און מיט די באַהאַלטענע מענטשן (יולי 1944) — נאָך אַ צען־צוועלף טויזנט.

די איבעריקע ווערן פאַרשלעפּט צוערשט קיין טיגענהאָף, און דערנאָך — ווער אין טויט־לאַגער שטוטהאָף, ביי דאַנציק (מייסטנס פרויען און קינדער, אָפּ־געריסענע פון די מענער און טאַטעס), ווער קיין דאַכאַו, בייערן, צו טויטלעכער אויסמאַטערונג פון שקלאַפן־ארבעט, הונגער און קראַנקייטן, און אַ טייל קינדער אונטער זעכצן — דירעקט צו די גאַז־קאַמערס און קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ.

פון די דריי טויזנט מענער, פאַרשלעפּטע קיין דאַכאַו און ארומיקע לאַגערן, זיינען אומגעקומען איבער צוויי טויזנט דריי הונדערט; צווישען זיי איז אומגעקומען אויך דער פינף־און־זעכציק־יאָריקער, דער זייער געאַכטעטער, ערלעכער און מוטיקער דאָקטאָר עלקעס, וואָס איז אויף דער היסטאָרישער לעצטער אסיפה פון קאָוונער וועד הקהל (4טער אויגוסט 1941) אויסגעקליבן געוואָרן אַלס עלטסטער פון געטאָ־ראַט, אָדער לויטן דייטשן נוסח, אַלס „אָבער־יודע". מיט מוט און גרעסטן אחריות, מיט אַ ריינעם געוויסן און ריינע הענט האָט דאָקטאָר עלקעס דערפילט זיין חוב פון ראש־הקהל און שליח־ציבור פון די קאָוונער געטאָ־יידן, נאָר... וואָס האָט שוין געקאָנט אַ מענטש, און דער בעסטער מענטש, אויפטאָן, זייענדיק געטראָטן פון דעם אוממענטש, פון דעם נאַצישן מענטש־חיה?!

און אַט, נאָך דער מלחמה — קוים דריי טויזנט יידן אין קאָוונע, צוזאַמענגעקומענע רעשטלעך פון גאַנץ ליטע. די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה האָט דאַן צוזאַמענגערעכנט אַזויפיל, נאָר די דאָזיקע צאָל איז אַ „לופטיקע" און „פליסיקע". קומען דאָך צו ביסלעכוויז און שיטערלעך יידן פון רוסלאַנד, פון די באַפרייטע לאַגערן, פון קלענערע שטעט און שטעטלעך, און הייפלעך פון די זעלבע יידן פאַרשווינדן איבער די פאַרמאַכטע גרענעצן און ווערן פאַרוואַנדלט אין נייע פּליטים אויף נייע וואַנדער־וועגן. אַ לופטיקער און פליסיקער עלעמענט די לעבן־געבליבענע שארית ישראל אין אייראָפּע איז עס, — ניט איינצוהאַלטן און ניט איבערצוציילן!

דער צענטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין קאָוונע זיינען געוואָרן די יידישע פאָלקס־שול, קינדער־גאָרטן און קינדער־היים, וואו די גוט באַקאַנטע לערערין העלענא כאַצקעלעס איז די נשמה און געטרייע מוטער פון דער גאַנצער אינסטיטוציע, און די צוויי געבליבענע בתי־מדרשים — די כאָר־שול אויף אָזשעשקאָ גאַס און הויזמאַנס קלויז אויף מאַיראָניאָ. אין דער גאַנץ־געבליבענער כאָר־שול האָט זיך לעצטנס איינקוואַרטירט אויך די קהילה־פאַרוואַלטונג, וואו עס זיינען טעטיק געווען איינע נאָך די אַנדערע די רבנים אָשרי, צוקערמאַן, וואַרקול, און חוץ זיי אויך דער אדוואָקאַט נחום לעוויטאַן, פּרוי לעווי, ווינקלשטיין און אַנדערע.

ווי אַ לעגענדאַרע פיגור פאַר קאָוונער יידן איז געבליבן אַ געוויסער פּראָפעסאָר רעבעלסקי, אַ מאָסקווער ייד מיט פול מוט און אַ וואַרעמע יידישע הארץ. ער איז דאַן געווען אַ הויכער אָפיציר אין רוסישן מיליטער אין ליטע, און האָט

זיך אָפּגעגעבן בלב ובנפש צו שטעלן געזעלשאַפטלעך אויף די פיס דעם שוואַכן, קוים־לעבעדיקן יידישן קיבוץ אין קאָוונע: ער האָט באַזאָרגט די ערשטע דער־לויבעניש צום עפענען די יידישע פאָלקס־שול, קינדער־היים און קינדער־גאָרטן, האָט געהאָלפן צוריקקריגן די פאַרלאָזענע כאָר־שול, האָט געהאָלפן אָפּנעמען יידישע קינדער, אויסבאַהאַלטענע און פאַרבליבענע ביי ניט־יידן, האָט באַזאָרגט אַ טייל שול־קינדער מיט קליידונג. איך געדענק אויך ווי ראש־השנה איז ער, צוזאַמען מיט אנדערע יידישע מיליטער־לייט, געקומען אין שול צום דאַוונען און — אַ ביטערע יידישע טרער האָט ער פאַרגאָסן...

און נאָך אַ פּאָר טויזנט יידן זיינען געבליבן צעשפּרייט אין די איבעריקע שטעט און שטעטלעך פון ליטע, — אָנהויבנדיק פון שטעטלעך געבליבענע איינ־גאַנצן אָן יידן, ווי מיין געבורט־שטעטל און פיל אַנדערע, פון עטלעכע איינצלנע מענטשן צי אַ פּאָר משפחות אין אַ שטעטל, ביז אַ פּאָר צי עטלעכע צענדליק און ביז פינף־זעקס הונדערט יידן אין שאַוול.

אוי וויי, אוי וויי! ווי „יידנלאָז” ,ווי אויסגעליידיקט דאָס יידישע שטעטל איז געוואָרן! אומעטום, וואו אַמאָל איז געווען אַ זאַפטיק און קאָכעדיק־ברויזנדיק יידיש לעבן, טרעף איך איצט נאָר בלוטיקע חורבות און בית־עולמס פון אַמאָליקן, פאַרשוואונדענעם לעבן, און אויף די חורבות — נאָר אָרעמע, פאַראיינצלטע רעשטלעך פון דער באַדנלאָזער שארית הפליטה. און אומעטום פּייניקט מיר אַלץ די זעלבע און די זעלבע שאלה, — וואו, און ווי אזוי, און צי וועלן זיי בכלל בויען און אויפשטעלן אַ ניי יידיש לעבן, — אָט די פאַראיינצלטע, שיטערע רעשטלעך?



אין דער אַמאָליקער אַלטער היים: אַלעקסאָט, אַ פאָרשטאָט פון קאָוונע.

דאָרט, אין ליטע

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען רחל בת ר׳ זלמן הירשאָוויטש, און מיין ברודער אַבאַ מיט זיין משפחה וויטל, זאַמעלע און געצאַלע,—פאַרפייניקטע פון די נאַצי־העגט צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן פון מיין געבורט-שטעטל אין ליטע.

מאַרשירט, מאַרשירט האָט מאַרש פון שחיטה
און אויסגעשאָכטן גרויס און קליין...
איז מיר באַשערט צו בלייבן לעבן
און ווידער זען מיין אַלטע היים.

איך גיי אויף פעלדער, וועגן, שטעגן,
איך גיי און זוך אַ שפור, אַ טרייסט.
איך טרעף נאָר קברים, בלוט און קברים, —
אַ לאַנד, דורכאויס מיט בלוט פאַרפלייצט.

ס׳ליגט טויט און וויסט מיין היים, מיין שטעטל,
עס קוקט בית-עולמדיק די גאַס.
דער חיה-מענטש האָט יידיש לעבן
פאַרניכטעט ווילד אין בלינדן האַס.

פאַר׳יתום׳ט שטייען יידן-הייזער,
אַ פרעמדער יורש לעבט אין זיי.
פון טיר און טויער ווייט מיט עלנט,
עס הילכט נאָך אָפּ דער וויי-געשריי.

איך קרייץ די גאַסן, שטעט און שטעטלעך,
איך זוך אַ טרייסט, כאָטש עטוואָס ליכט,
איך טרעף נאָר שפּאָט, איך זע נאָר גזילה,
וואָס לאַכט מיר שטראָפּלאָז אין געזיכט.

אַ „גוטער שכן", וואָס׳ט געיאַרשנט
דעם יידנס בלוטיקן פאַרמעג,
מיט מיטלייד-קרעכץ און טרערן פאַלשע
דערציילט פון גרויל פון יענע טעג.

ס׳דערציילט דער חרובער בית־מדרש,
ווי מ׳האָט אַן עדה יידן דאָרט
פאַרשפּאַרט, געפּייניקט און אין גריבער
ווי מיסט געוואָרפן זיי דערנאָך.

ס׳דערציילן שטיינער, ווי קרבנות
געפאלן זיינען ס׳לעצטע מאָל,
ווי קינדער־בלוט האָט שטיין באַגאָסן,
ווי ס׳האָט געיאָמערט קינדער־קול.

דער היימאַט־וואַלד פאַרבאָרגט די סודות
פון שוידערהאַפטן שחיטה־בילד.
אויך נאָענטער טייך איז שטומער עדות,
אויך וועג, צום שחיטה־טאָל וואָס פירט.

אָט שטייט מיין טאַטעס־הויז אַ טויטע...
ס׳איז אויסגעמאָרדעט קינד־און־קייט.
צי דען האָט קיינער אויסגעמיטן
דעם לעצטן וועג צום שחיטה־טויט?

אָך, טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער,
איר זייט אַוועק אין שטראָמען בלוט!
וואו האָט איר אייער רו געפונען?
וואו ליגט געביין פון אייך, וואו רוט?

ווו זיט איר, היימישע געשטאַלטן?
חברים, יוגנט, אַלטער דור?
איך זע אייך בלויז פאַרטושט אין דמיון, —
וואו זייט איר, האַרציקע, אין וואָר?

איך וויין אַן טרערן, שטום און איינזאַם,
און שאַרפער ווייטיק שניידט דאָס האַרץ:
ניטאָ קיין היים, קיין לייב, קיין לעבן, —
דער תהום פאַרשלונגען האָט דאָס אַלץ.

אַ לאַנד געבליבן — אַ בית־עולם,
אַ פאָלק — מיט בלוט און רויב באַפלעקט.

ווי קאָן איך לעבן אויף בית־עולמס ?
איך קאָן ניט זיין דאָ... כ׳מוז אַוועק !

איך קאָן ניט זען דיך, פּיינער שכן,
וואָס טראָגסט מיין טאַטעס, ברודערס העמד !
איך וואָלט געדאַרפט דיין לייב צערייסן,
דערשטיקן דיך מיט מיינע הענט.

איך קאָן דיין „אומשולד״ ניט פאַרטראָגן,
דיין פאַלשן שמייכל, זיסע רייד.
איך וויים, דיין טאָכטער האָט געיאַרשנט
מיין מאַמעס שוך, מיין שוועסטערס קלייד !

דו, ליטע־לאַנד, וואָס ביסט געוועזן
מיין אַלטע היים פון דורות־לאַנג,
איך קאָן ניט אָנזען מער דיין פּרצוף,
וואָס גיפטיק־פאַלש איז, ווי אַ שלאַנג !

איך וויל דיין זונשיין ניט געניסן,
איך וויל ניט אָטמען מער דיין לופט !
איך וויל די ערד דאָ ניט באַטרעטן,
וואו בלוט צו הימלען שרייט און רופט !

כ׳פאַרלאָז דיך, פאָלק פון מאָרד און גזילה !
כ׳פאַרלאָז דיך, לאַנד פון בלוט און פיין !
ס׳וועט אָפּגעמעקט דיין נאָמען ווערן, —
קיין זכר וועט פון דיר ניט זיין !

ווייל דיך באַגלייטן און פאַרשלינגען
וועט בלוט און אומקום, קייט־נאָך־קייט,
ווייל מערדער־פאָלק מוז שניידן בלוט־שניט, —
די פּרוכט, וואָס איז פון אים פאַרזייט.

(געשריבן אין סעפּטעמבער 1945 אין מיין געבורט־שטעטל
פּומפּיאַן, ליטע, נאָך מיין צוריקקער „אהיים״ אויף די חורבות
און בית־עולמס פון אַמאָליקן יידישן לעבן).

מיר לויפן ווידער, — דאַסמאָל „פּרייוווּליק"

עס דערנענטערט זיך דער ווינטער מיט זיינע קעלטן, שנייען און אומבאַקוועמלעכקייטן, און פאַר אונדז ווערט אלץ אומגעדולדיקער די וואַרטעניש אויפן אָנהויב־טאָג פון דער נייער וואנדערונג. דער טאָג און שעה פון אָפּטראַנספּאָרטירונג זיינען ניט באַוואוסט, נאָר דאָס קאָן אָנקומען פּלוצלונג, דאָס קאָן זיין יעדער נאָענטסטער טאָג, יעדע שעה. מען מוז זיין געגרייט.

מייך פריינט און איך, — מיר פאָרן און גרייטן זיך צוזאַמען, מיר מאַכן די לעצטע הכנות, איינקויפעניש, פּאַרקויפעניש, בייטעניש, און אלץ שטיל, געהיים, פאַרשטעלט. איצט בין איך אַן אָפּטער באַזוכער אויפן קאָוונער מאַרק, אָדער ווי אנדערע רופן עס, אויפן פרייען אָדער שוואַרצן מאַרק. דאָ פאַר גוטע, „ניט־מלוכהשע" פרייזן קריגט מען אָפּן און אומגעשטערט וואָס אַ האַרץ געלוסט, און מייסטנס פון יידישן צעראַבירטן האָב־און־גוטס, וואָס גייט איצט פון האַנט־צו־האַנט. איך בין דאָך איצט אַ „גביר" און קאָן זיך שווין איינשאַפן, וואָס איך באַדאַרף, ניט וואַרטנדיק ביז אלע וועלן באַזאָרגט ווערן מיט כל־טוב...

פאַר א פאַר טויזנט רובל קריג איך אַ גוטן אָנצוג פון פאַר־מלחמהדיקער פאַבריקאַציע; פאַר אַנדערהאַלבן טויזנטער, — אַן אויסגעצייכנטן יידישן מאנטל, וואָס האָט זיך, נאָך א פיר־יאָריקער באהעלטעניש, באוויזן אויף דער ליכטיקער וועלט; פאַר, איך געדענק ניט וויפיל הונדערטער, — אַ פאָר שיך, פאַר א טויזנטער, — א פאָר נייע כראָמענע שטיוול, און פאַר אַ פאָר הונדערטער, — אַן אמעריקאַנישע פיל־פעדער. און ווי איר זעט, איז מסתמא גוט צו זיין א גביר אויך אויף רוסישע רובלס, ווייל ווען ניט טויזנטער רובלס, קאָן אייך העלפן ניט דער פרייער מאַרק מיט זיינע אומאויסשעפּלעכע אוצרות פון סחורה, נאָר די מלוכהשע באַזאָרגונג־באַזע, וואו די סחורה דאַרף נאָך פּראָדוצירט ווערן און אריינקומען.

די אַרומיקע שכנים מערקן ניט, קיינער ווייס ניט, און ביסלעכווייז טראָגן מיר ארויס די פּעקלעך, און שטילערהייט, בגנבה, שאַרן מיר זיך ארויס פון צימער. מיר פאָרן איבער די קאָוונער גאסן דאָס לעצטע מאָל, און דאָס האַרץ איז אומרואיק, — מ'זאָל אונדז ניט אָפּשטעלן, ניט פאַרהאַלטן.

באַנאַכט, אויפן אָפּגערעדטן זאַמל־פּונקט, טרעפן מיר זיך עטלעכע צענדליק מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, און אלע זיינען שטיל, ערנסט און מיט זאָרג פאַר דער געפּאַר און שוועריקייטן, וואָס שטייען פאַרויס. צום סוף קומען אָן דריי גרויסע מיליטערישע לאַסט־אויטאָס מיט „אייגענע" מיליטערישע שאָפערס, מיר ווערן שנעל אויפגעלאָדן, צוזאַמענגעדריקט און צוזאַמענגעפּרעסט, פאַרדעקט פון אויבן און פון אַלע זייטן מיט אַ גרויסן ברעזענטענעם צודעק, און דער טראַנספּאָרט רירט זיך פון אָרט.

אין אַ מזל'דיקער שעה, — מיר רעפּאַטריאירן זיך קיין פּוילן. אונדזערע דאָקומענטן ווייזן קלאָר, אז מיר זיינען געבאָרענע אין די אמאָליקע פּוילישע געביטן, און לויט דעם רוסיש־פּוילישן אָפּמאַך, האָבן מיר זיכער פולע רעכט רעפּאַטריאירט צו ווערן, דאָס הייסט, זיך אומקערן צוריק צו אונדזער „אַמאָליקן פּאַטערלאַנד"...

אונדזער טראַנספּאָרט שניידט דורך די פינצטערניש פון דער נאַכט, מיר ווייסן ניט, וואו מיר זיינען און וואָס פאַר שרעק און געפאַרן עס שטייען אונדז נאָך פאָר די נאַכט. אין לאַסט־אויטאָ איז ענג און אומבאַקוועם צום זיצן, עס וואַרפט אין אלע זייטן, עס „טרייסלט ארויס די געדערים". מיין שכן, אַ ייד ניט קיין יונגער, ווי איך זע אים אין דער פינצטער, זיפצעט זיך שווער אָפּ און זאָגט אַ מין געזעגענונג־וואָרט צו אונדזער אַמאָליקן היימלאַנד:

— און וואָס האָט אונדז געפעלט אַמאָל אין ליטע?! געווען תורה און חכמה, און חיונה האָט אויך ניט אויסגעפעלט. איז געווען ווער אָרעמער, ווער רייכער, נאָר אלע האָבן דאָך געלעבט, מ'האָט געוואוסט פון אַ לעבן. א קליינינקייט, — דער ליטוויש־יידישער קיבוץ! כאָטש ניט אזוי גרויס אין צאָל, נאָר וואָס פאַר אַ וואָג, וואָס פאר א חשיבות, וואָס פאר א גייסטיקע ווירקונג ער האָט געהאַט אין דער גאַנצער יידישער וועלט. נעמט דעם ווילנער גאון, נעמט ר' יצחק אלחנן, נעמט די תלמודיסטישע שיטה, די השכלה־באַוועגונג, דעם יידישן חינוך, די העברעאישע שולן, נעמט די אלע פריערדיקע און די מאָדערנע גייסטיקע פירער, נעמט... און וואָס ניט? און אָט האָבן מיר דערלעבט, אז דאָס אלץ, וואָס איז געווען אזוי טיף, פון דורות־לאַנג איינגעוואָרצלט און איינגעקריצט אין יידישן לעבן, און... וואָס רייד איך? צי דען נאָר דאָס אליין? אפילו דאָס יידישע לעבן, דאָס נאַקעטע יידישע לעבן גופא, און אלץ, און אלץ צוזאמען, סיי גייסט, סיי קערפּער, — אלץ איז איצט אויסגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט די טיפע־טיפסטע וואָרצלען, אלץ איז פאַרניכטעט, פאַרברענט, אויסגעראָט און... וואָס רייד איך? ס'איז דאָך חרוב ומוחרב, און כ'האָב מורא, ס'איז שוין אויף אלע מאָל, ס'איז שוין פאַרלאָרן אויף אייביק. ווייל, מיטן שכל גענומען, ווער וועט דאָרט ווידער אויפשטעלן אלץ פונדאַסניי, לייגן ווידער פונדאַמענטן, בויען ווידער אַ יידיש לעבן? ווער? זיי? די „חברים"? לאָזט זיי צורו!... און די לעצטע געבליבענע „יידישע" יידן אנטלויפן דאָך פון דאָרטן... אָט אַנטלויפט איר דאָך, און איך, און מיר אלע, און נאָך, און נאָך... וועלכע יידן וועלן דאָרט בלייבן, און וואָס וועלן זיי דאָרט טאָן, און וואָס וועט פון זיי ווערן?...

— זאָרגט ניט, זאָרגט ניט, — רופט זיך אָפּ אין דער פינצטער אַ ווייכע פרויען־שטים, — עס וועלן נאָך בלייבן יידן אין ליטע, ניט אלע וועלן אַנטלויפן. און אָט זיי, וואָס וועלן דאָרט בלייבן, זיי וועלן בויען און אויפשטעלן, — אַזוי דאַכט זיך האָט איר געפרעגט? ניט אלע ווילן גאָר אנטלויפן פון דאָרטן, פאַר

אַנדערע איז איצט גוט, נאָך בעסער ווי פריער. אָט האָב איך א באַקאַנטן...

— דאָס זייט איר ניט גערעכט, — מישט זיך אריין אַ שטרענגע מענער־שטים, — אלע ווילן אנטלויפן, נאָר ניט אלע קאָנען אַנטלויפן. ניט אַלע קאָנען עס טאָן.

— שאַ, שאַ! — דערטראָגט זיך פון אַ ווינקל א נייע פרויען־שטים, — וואָס'ט איר זיך צערעדט וועגן אנטלויפן? איר אליין זייט נאָך אויך ניט אַנט־לאָפן, און איר רעדט וועגן לויפן פון אנדערע... איר זייט נאָך די גרענעץ מיט די זוכענישן ניט אַריבער, זייט שטיל, וואַרט נאָך אַ ביסל!

דער ערשטער, דער פילאָסאָפישער ייד, נעמט ווידער ריידן אויף דער זעלבער טעמע, נאָר קיינער הערט אים ניט. יעדערער איז פאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען. עס הויבט שוין אָן טאָגן, עס דערנעענטערט זיך די גרענעץ און קאָנטראָל־פונקט, און דאָס הארץ ווערט אלץ אומרואיקער, אומרואיקער, אומרואיקער...

...וואָס דערוואַרט אונדז איצט, נאָך די פינצטערע יאָרן פון אוממענטשלעכער פיין, נאָך דעם שרעקלעכן בלוטיקן חורבן און נאָכן פאַרלירן אלץ, אלץ, אפילו די אַמאָליקע, פון דורות־לאַנג איינגעזעסענע און איינגעוואָרצלטע אַלטע היים. — וואָס דערוואַרט אונדז איצט?... צי פרייהייט, א ניי לעבן, א ניי לאַנד, אָדער... אָדער...??? — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווידער — וואוהין?

יידן־פּליטים אויף נייע וואַנדערוועגן (פאָטאָ: ג. קאַדיש, 1945).

קאַפּיטל 12.

אויף נייע וואַנדערוועגן, צום נייעם לעבן

איבער פּוילן

און דאָ מוז איך ווידער אָנווענדן דאָס אַלטע געווער מיינע — פּשוט ניט דערציילן דאָס, וואָס איר דאַרפט ניט וויסן. ווען איר וואָלט געגאַנגען, חס וחלילה, רעפּאַטריאירן זיך, ווערן „אויסגעוואָרצלטע פּערזאָנען" אָדער פּליטים, אַזוי ווי מיר, וואָלט איך זיכער געטיילט זיך מיט אייך מיט מיין לאַנגער פּראַקטיק און וואָלט אייך דערציילט, ווי און וואָס מען דאַרף טאָן און וואָס מ'דאַרף ניט טאָן, נאָר איך ווייס דאָך, אַז איר דאַרפט ניט רעפּאַטריאירן זיך, ניט ווערן אַן „אויסגעוואָרצלטע פּערזאָן" און ניט אַ פּליט, — דאַן צו־וואָס זאָל איך אייך מאַטערן מיט די אַלע איינצלהייטן און דערפאַרונגען פון גנבענען זיך איבער גרענעצן און זאָנעס, פון שלעפּן זיך אין געפּאַר איבער פרעמדע אומזיכערע וועגן און לענדער, פון לעבן אין שרעק צו ווערן געכאַפּט און פאַרשלעפּט דער טייוול ווייס וואוהין, פון וואַלגערן זיך אין דורכגאַנגס־פּונקטן און פּליטים־לאַגערן, פון ניט־דערעסן און ניט־דערשלאָפן, פון וואַרטן און קלאַפּן אין פאַרמאַכטע טירן, און בכלל פון דעם נע־ונד־לעבן און די שבעה מדורי גיהנם, וואָס אַן אויסגעוואָרצלטע פּערזאָן, אַ „די. פּי." מוז דורכמאַכן ? !

ניין, איך וועל אייך ניט מאַטערן דערמיט, ניט דערציילן... צו־וואָס ? איר דאַרפט עס ניט...

מיר זיינען שוין אויף דער פינצטערער פּוילישער ערד, וואָס איז, ניט ערגער ווי ליטע, אָנגעזאַפּט מיט יידישן בלוט, מיט ווילדסטער רציחה און גזילה, און דערצו נאָך מיטן אַלט־נייעם אַנטיסעמיטיזם און באַנדיטיזם.

ווי „אָפּגעטראָגן־אַלט", אָפּגעלאָזן און חושכדיק עס זעט אויס די טיילווייז גאַנץ־געבליבענע ביאַליסטאָק ! מיר האַלטן זיך אויף עטלעכע טעג אין אַ יידישער קהלשער געביידע, קויפן זיך איין אויפן מאַרק וואָס ס'איז אונדז נויטיק, פאַרקויפן דאָס אומנויטיקע און שאַפן זיך איין פּוילישע וואַלוטע. אָן דעם גייט פון אָרט ניט — מ'מוז האָבן געלט, פּוילישע געלט. און פאַר גוט געלט, נאָך לאַנגע זוכעניש און דינגעניש, קריגן מיר גרויסע לאַסט־אויטאָס, וואָס נעמען זיך איבער צו פירן אונדזער טראַנספּאָרט ווייטער — קיין וואַרשע און לאָדזש.

מ'דערציילט אונדז, און מיר זיינען איינגעשראָקן, אַז באַנדיטן און רויבער באַפאַלן אויף די וועגן, אַז אָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מען אָפּגעשטעלט

און „אויסגעטאָן נאַקעט“ יידישע דורכפאָרער, אַז מען שיסט און מען הרגעט יידן אין דעם איצטיקן פרייען פּוילן, — נאָר... א ברירה האָבן מיר? מיר זיינען דאָך ארויס אויף נייע אומזיכערע וואַנדער־וועגן, מוזן מיר גיין און פאָרן און וואַנדערן ווייטער, ווייטער, פאָרויס... ניטאָ קיין צוריק!...

אָבער דער וועג גייט דערווייל גלאַט. קיינער טשעפּעט אונדז ניט, קיינער פאַרהאַלט אונדז ניט, און אָט זיינען מיר אין ווארשע. וואַרשע— די שטאָט פון חורבות!... איך האָב געזען אַ סך חורבות און גרויסע חורבות פון דער לעצטער מלחמה, נאָר צו דעם מוראדיקן חורבן פון ווארשע איז קיין פאַרגלייך ניטאָ. פיל שעה'ן נאָכאַנאַנד קאָנסטו גיין איבער גאַסן און פלעצער, און וואו נאָר דו גיסט אַ קוק, פון לינקס און רעכטס, פון פאָרנט און הינטן, זעסטו זיך איינגעטונקט אין אַ ים פון חרובע, צעשמעטערטע, אויסגעברענטע, האַלב־איינגעפאַלענע אָדער אין גאַנצן צעשמעטערטע ריזיקע געביידעס, צווישן וועלכע וואו־ניט־וואו איז גאַנץ געבליבן אַ טייל פון אַ וואַנט, א ווינקל פון א מויער מיט ניי־פּאַרלאַטעטע פענצטער און טירן. דאָס ווייזט, אז דאָ אָרדענען זיך מענטשן איין פונדאַסניי. און נאָך שוידערלעכער זעען מיר אויס די חורבות און ווילדע צעשטערונגען אויפן פלאַץ פון דער געוועזענער וואַרשעווער געטאָ, דאָרט וואו עס האָט אָנגעהאַלטן דער היסטאָרישער אומגלייכער קאַמף פון די געטאָ־העלדן קעגן די צעווילדעוועטע בלוטדורשטיקע מחנות פון די דייטשן. דאָ, אויף דעם בית־עולם פון מענטשן און הייזער, רוט, דאַכט זיך, בכבודו ובעצמו דער גאָט פון פאַר־ווילדערונג, צעשטערונג און אכזריות אליין...

פון וואַרשע פאָרן מיר ווייטער, קיין לאָדזש, און דאָ קומט אונדז אויס זיך אויפהאַלטן עטלעכע וואָכן. נאָך וואַרשעווער חורבות זעט אונדז אויס לאָדזש ווי ניט אָנגערירט פון דער מלחמה, און נאָר איינצלנע צעשטערונגען ווי פון דער היסטאָרישער אלטער שול, פון טעמפּל, פון דער געוועזענער געטאָ אין „באַלוט“, און אַנדערע אזוינע סימנים דערמאָנען אָן דער בלוטיקער נאַצישער הערשאַפט. די שטאָט לעבט און קאָכט, און אין גערויש און טומל טרעפן מיר הונדערטער דורכפאָרנדיקע „רעפּאַטריאַנטן“ און צייטווייליק „איינגעאָרדנטע“ פליטים פון אונדזער ליטווישער שארית הפליטה, צווישן זיי אויך צענדליקער אַלטע און נייע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט קיין ליטע נאָך זייער באַפרייאונג אין דייטשלאַנד צי אין פּוילן.

דאָ האָבן מיר געטראָפן די ערשטע יידישע „הילף־סטאַנציע“, דעם לאָדזשער יידישן קאָמיטעט, וואָס האָט אונדז אונטערגעהאַלטן די ערשטע דריי טעג מיט הערינג און מיט עטוואָס אמעריקאנער שפּייז אין בלעך־פּושקעס, באַזאָרגטע דורך „דזשאָינט“. די קאָוונער פריינט ראובן און אסתר סעגאַל, האָבן אונדז געהאָלפן געפינען אַ צימער. און נייע דאָקומענטן האָבן מיר דאָ געמאַכט, — ס'איז שוין געווען אַן אָרגאַניזיטאָרישע ברודערלעכע האַנט, וואָס האָט זיך גע־

מיט און ארויסגעהאָלפן. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע קאָוונער „רעפּאַטריאַנטן", און צוזאַמען מיט די ניי־געטראָפענע פריינט האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער.

איצט פאָרן מיר מיטן באַן קיין שטעטין, און אין אונדזערע נייע פּוילישע פּאַפּירן שטייט קלאָר געשריבן, אַז מיר פאָרן אהין, אין די ניי־צוגעקומענע פּוילישע געביטן, אָפּגעריסענע פון דייטשלאַנד, כדי דאָרט זיך צו באַזעצן און קריגן ארבעט. נאָר געוואָרנטע פון פריער, האָבן מיר געוואוסט, אַז מיטן דער־נענטערן זיך צום גרענעץ־געביט, קומען מיר אריין אין א געביט פון הפקרות און „לעגאַלער" גזילה, וואו עס איז כמעט קיין גרענעץ ניטאָ צווישן די באַגריפן פּוילישער פּאָליציאַנט און באַנדיט־רויבער. דאָס האָבן מיר טאַקע גלייך דער־שפּירט אין דערווירקלעכקייט.

אונטערוועגס, באַנאַכט אויפן באַן צווישן לאָדזש־שטעטין. אין דער ענג־שאַפט אין קאַלטן, ווינטיקן וואַגאָן מיט אויסגעהאַקטע שויבן זיצן מיר פאַר־שטירעטע און פאַרגליווערטע אויף אונדזערע פּעקלעך. איך הער זיך צו אַ גאַנצע נאַכט, ווי עס רוישן און קלאַפּן די רעדער פון באַן, ווי די רעדער ראָלן, קייקלען זיך און שלינגען די ווייטקייט מיט אַן אומאויפהערלעכן טאַקט און סיס־טעמאַטישקייט, און עס דאַכט זיך מיר, אַז אויך אזוי אָן אויפהער, אָן אָפּשטעל, מיט אַן אייביקן סיסטעמאַטישן טאַקט ראָלן די רעדער פון דער מענטשהייט־געשיכטע, פון דער מענטשהייט־באַוועגונג, און צוזאַמען אויך אונדזערע אייביקע וואַנדערונגען, פּלאָגן און לײדן. מיר ווערן געיאָגט, געשטויסן פון אָרט צו אָרט, מיר וואַנדערן און וואַנדערן טויזנטער יאָרן אָן אַ היים, אָן אַן אייגן לאַנד, אין יעדן ווינקעלע פון דער ערד גיסט זיך אונדזער בלוט, אונדזערע טרערן, און דער־מיט ווערן באַגאָסן און געשמירט די רעדער פון דער מענטשהייטס אייביקער באַוועגונג... עס גיסט זיך אונדזער בלוט, — און עס ראָלן די רעדער... איך האָב עס דאַן פאַרצייכנט.

עס ראָלן די רעדער

עס ראָלן די רעדער
פון מענטשהייט־געשיכטע
אָן אויפהער יאָרטויזנטער־לאַנג.
און אונטער די רעדער
שוין ליגן פיל פעלקער
צעשמעטערט, צעריבן אויף זאַמד.

עס האָבן די רעדער
פון מענטשהייט-באַוועגונג
געטראָטן, געקלאַפּט אונדז פיל מאָל.
מיר האָבן קרבנות
און בלוט פאַר דער מענטשהייט
געגעבן אָן מאָס און אָן צאָל.

מיר זיינען געלעגן
סיי אונטער די רעדער
סיי צווישן די רעדער האַלב-טויט.
דאָך זיינען מיר לעבן
און קראַפטפול געבליבן,
צעזייט איבער וועלט און צעשפּרייט.

מיר האָבן פון אייביק,
צייט מענטשהייט געדענקט זיך,
אַ וועלט-ראָל אַ גרויסע געשפּילט:
מ'האָט שטענדיק די רעדער
פון מענטשהייט-באַוועגונג
מיט אונדזערע בלוטן געשמירט.

ווייל בלוט און יסורים
איז שמיר פאַר די רעדער,
איז טרייבשטאָף פאַר מענטשהייט-פּראָגרעס.
און ס'האָט אונדז דער גורל
צום ליידן און בלוטן
באַשטימט אין דעם וועלטבוי-פּראָצעס.

פאַר וועלט זעקס מיליאָנען
קרבנות פון יידן
איצט האָבן מיר פרישע געבראַכט.
איר, גליקלעכע פעלקער,
צי זייט איר צופרידן?
צי טוט איר פון אונדז אויך אַ טראַכט?

צי ווייסט איר דאָס ליידן,
דעם ביטערן גורל
פון פאָלק וואָס'ט פאַרלאָרן זיין היים?
פון פאָלק, וואָס מוז אויסשטיין
דור־דורות די שחיטות
פון היטלערס, פון חיהשע ציין?

אויך מיר ווילן האָבן,
ווי איר, אַלע פעלקער,
אַ היימלאַנד געטרייע!... איר הערט?
מיר ווילן ניט געסט זיין!
מיר ווילן אהיים גיין, —
דער ייד צו זיין לאַנד און געצעלט!

(געשריבן אונטערוועגס, צווישן לאָדזש־שטעטין,
דעצעמבער, 1945).

„אלי־אלי" און „אַווע מאַריאַ"

נאָר איידער איך שייד זיך מיט לאָדזש וויל איך דערציילן וועגן איינער פון מיינע וואונדערלעכע באַגעגענישן, — וועגן מיין קוזינע חוה יעלין.

דער וואַנדערוועג פון דער שארית הפליטה האָט מיך געפירט איבער שטעט און שטעטלעך פון ליטע, געשלעפּט איבער פאַרמאַכטע גרענעצן און געבראַכט אויף א געוויסער צייט קיין פוילן. אויסגעפאָרן האַלב פוילן און געקומען אויף אַ פּאָר וואָכן קיין לאָדזש.

איך בלאָנדזשע אַרום איבער לאָדזשער גאַסן און שטויס זיך אָן מיטאַמאָל אויף אַ גרויס־ווערטערדיקן פלאַקאַט (מעלדונג), אָנגעקלעפּט אויף אַ וואַנט. איך לייען די אַלטע מעלדונג און פאַרשטיי, אז מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָ פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון „דער בארימטער זינגערין, קאָלאָראַטור־סאָפּראַנאָ עוואַ יעלינאַ... מיט א קלאַסישער געזאַנג־פּראָגראַם אין יידיש, העברעאיש, איטאַליעניש און רוסיש..." וואָס פאַר־אַ ניסים, טראַכט איך זיך, צי דען איז דאָס מיין קוזינע, די קאָוונער זינגערין חוה יעלין?!... לעבט זי? אין לאָדזש? ווי דערוויסט מען זיך? איך מוז עס וואָס גיכער דערגיין!...

איך לויף אוועק אין רעדאַקציע פון דער לאָדזשער יידישער צייטונג „דאָס נייע לעבן" און איך דערגיי, אז... עס פּאַסירן טאַקע ניסים: גראָד היינט אָונט

קומט פאַר אין דער רעדאַקציע אַ פּייערונג, אַ מין באַנקעט לכבוד דער דערפּאַלג־רייכער זינגערין עוואַ יעלינאַ, און די זעלבע עוואַ יעלינאַ איז ניט קיין אַנדערע ווי די קאָוונערקע חוה יעלין, מיין קוזינע, די איינציקע, וואָס איז לעבן־געבליבן פון דער גרויסער רבנים־ און שוחטים־משפּחה, די מוזיקאַלישע יעלינס. ווי אַזוי האָט זי זיך געראַטעוועט? וואָס איז געשען מיט איר? איך האָב דאָך געהערט קלאָר, אַז זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע אין די פייערן פון קאָוונער געטאָ...

אָט־וואָס זי אַליין האָט מיר דערציילט נאָך דער איבערראַשונג פון טרעפן זיך מיט מיר אויפן באַנקעט (דאָס האָט מען געמאַכט פאַר איר אַ סורפּריז און אונדז צוזאַמענגעפירט אויפן באַנקעט, אין דער אַנוועזנהייט פון אַלע געסט, פון אירע פריינט און פאַרערער):

— ...איך זינג... איך טרעט־אויף אויף דער סצענע, איך לאַך, איך רייד מיט מענטשן, מען מאַכט זיך משוגע ציימנוויז, אָבער דאָס שרעקלעכע לעצטע בילד פון געטאָ־פייער און געטאָ־טויט שטייט מיר, ווי אַ שווידערלעכער פייער־געשפּענסט, שטענדיק און אומעטום פאַר די אויגן, און ברענט מיין מוח און שטעכט מיין האַרץ מיט גליענדיקע פייער־צונגען... ניט אויסצוהאַלטן אַזאַ פּיין, אַזאַ ווייטיק...

„...זיי האָבן אונטערגעצונדן קאָוונער געטאָ, עטלעכע טעג פאַר זייער אוועקגיין. געצונדן און אויפגעריסן הויז נאָך הויז, קעלער נאָך קעלער, און אין רויך און פלאַמען פאַרניכטעט דעם רעשט פון די לעבן־געבליבענע. מ'ווערט דערשטיקט, מ'ווערט פאַרברענט, מ'לויפט אין אַלע זייטן, מ'זוכט אַ שפּעלטעלע זיך צום ראַטעווען. נאָר... ניין! אַרום שטייען די מערדער, מ'שיסט, מ'הרגעט, מ'וואַרפט אין פייער... און דאָ זיינען אומגעקומען דודל, מיין יינגעלע, דריי יאָר איז ער דאַן געווען, און יוסף, מיין ברודער. ביז דאַן האָבן מיר זיך נאָך געהאַלטן אַלע דריי צוזאַמען.

„...ווי קאָן מען דאָס פאַרגעסן!... מיט איין האַנט האַלט איך מיין יינגעלע פאַר אַ הענטעלע, און ווי איצט פיל איך נאָך די וואַרעמקייט און צאַרטקייט פון זיין הענטל, און אויף מיין אַנדער האַנט איז אָנגעלענט יוסף. ער איז דורכגעשאָסן אין זיין רעכטער פוס, קוים וואָס ער האַלט זיך... זיין בלוט רינט, ער ווערט אַלץ בלאַסער און בלאַסער, ער פאַלט, נאָר האַלט נאָך אַלץ פאַרפרעסט אין האַנט זיין פידל. ער וויל זיך ניט שיידן מיטן זיין פידל, אַפילו איצט ניט... מיר זוכן אַן אָרט, אַ ווינקעלע, וואו זיך צו באַהאַלטן, ווי זיך צו ראַטעווען... מיר לויפן, מיר באַהאַלטן זיך צווישן די ברענענדיקע חורבות, מיר שטיקן זיך פון רויך, מיר ווילן לעבן, לעבן... איך וויל ראַטעווען דאָס קינד, דעם ברודער, נאָר...

אין פלאַמען און רויך זיינען אומגעקומען די לעצטע יידן פון קאָוונער געטאָ.

„... מיטאַמאָל באַמערקט מען אונדז... אַ ריס־געטאָן דודלען פון מיינע הענט, אַ שלעפּ געטאָן יוספן און... אין פייער, אין די פלאַמען זיי אריינגעוואָרפן. איך לויף נאָך, איך בעט זיך, איך שריי: דודל, דודל, יוסף! וואו זייט איר?... און איך הער נאָענט אַ שאָס, איך פיל א שטארקן קלאַפּ, און — איך ליג שוין אויף דר'ערד און פיל שוין מער קיין זאַך ניט... אלץ האָט זיך פאר מיר אויסגעלאָשן.

„...דו פרעגסט, וואָס איז מיט מיר ווייטער געשען, ווי אזוי בין איך לעבן־געבליבן? אָ, ס'איז נאָך פיל צו דערציילן... דודל און יוסף זיינען אוועק פון מיר די לעצטע. דודלס טאטע אליהו קאַפּלאַן, דער גאָט־געבענטשטער קינסטלער מיט די גאָלדענע מאָלער־הענט, איז אוועק גלייך פון אָנהויב; מ'האָט אים גע־כאַפּט אויפן גאַס אין קאָוונע, אוועקגעפירט און דערשאָסן. מיין טאטע־מאמע זיינען פאַרשאָטן געוואָרן אין די מאַסן־גריבער אין פאָנעוועזש, און מיין שוועסטער פייגעלע מיט איר מאַן און קינד זיינען פאַרטריבן און פאַרברענט געוואָרן אין עסטאָניע. אָט אזא טרויעריקן תכלית האָט מען געמאַכט... און איך, די געשאָ־סענע און ניט־דערשאָסענע, בין צולעצט פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, און דאָרט ,צוזאַמען מיט טויזנטער־טויזנטער נאָך אזוינע, בין איך געטריבן גע־וואָרן פון לאַגער צו לאַגער, פון גיהנום צו גיהנום... וואָס זאָל איך דיר דערציילן וועגן די קאַצעטן, דו ווייסט עס אליין גענוג!.. דו האָסט עס אַליין אַלץ מיטגע־מאַכט און איבערגעלעבט...

„...אזוי האָב איך איבערגעלעבט דעם ווינטער — באָרוועס, האַלב־נאַקעט, הונגעריק... די רוסישע ארמייען האָבן זיך שוין דערנענטערט, און אויף אונדז

האָט שוין געוואָרט דער טויט אין אַ „קאַלך־אויוון” ערגעץ־וואו... מ'האָט גע־רעדט, אַז די רוסן זיינען שוין גאַנץ נאָענט פון אונדזער לאַגער. דאַן, דעם צענטן מערץ 1945 איז עס געווען, האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן, אומקומען בעסער אין וואַלד, פון אַ קויל, איידער דאָ, אין טויטן־לאַגער... כמעט באָרוועס, אָן אַ מאַנטל, אין אַ צעריסענעם קליידל האָב איך זיך געשאַרט אויף דער פראָס־טיקער און שנייאיקער סוף־ווינטערדיקער ערד, אויסגעמיטן די ערשטע וואַך־פּאָסטנס, ביז פאַרנאַכט, שוין נאָענט צום וואַלד, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף נייע פיר פּאָסטנס, „עס. עס.”־לייט... נו, דאָ איז שוין ניט געווען מער אויף וואָס צו האָפן.. אין זייערע רוצחעשע געשרייען און אין די אויסגעשטעלטע ביקסן האָב איך דערזען דעם טויט פאַר די אויגן...

„...פאַרפאַלן... דער טויט... די רוסן, די באַפרייער, זיינען אַזוי נאָענט, מעגלעך אָט דאָ גלייך, אין וואַלד, און — דאָ איז דער סוף, דער טויט... איך ווייס ניט פאַרוואָס און ווי אַזוי, נאָר איך האָב אַליין זיך דערהערט, אַז איך זינג „אלי, אלי, למה עזבתני?”, ווייסט דאָך, דאָס גוט־באַקאַנטע ליד פון יידישע פּיין און טרויער. איך האָב געזונגען־געוויינט, דאָס לעצטע מאָל געזונגען, ווי איך וואָלט זיך גע־זעגנט מיט דער וועלט. די זון האָט זיך געזעצט אין רויטע פלאַמען, — און איך האָב ווידער אַזוי נאָענט און שאַרף דערשפּירט די פייער־פלאַמען פון געטאָ, אין וועלכע זיי, מיינע לעצטע טייערסטע און נאָענטסטע, זיינען אַזוי אָן רחמנות, אכזריותדיק אומגעקומען... מעכטיקע, וויטיקדיקע „אלי־אלי”־טענער האָבן זיך געריסן פון מיין האַרצן, זיך צעטראָגן איבער וויסטן פאַרנאַכטיקן פעלד און אָפּ־געקלונגען אין דעם דערבייאיקן וואַלד. איך בין געזעסן צי געשטאַנען אויף דער קאַלטער, שנייאיקער ערד און געזונגען.

„...אַ, זי זינגט, די פאַרפלוכטע יודין, זי בעט צו איר גאָט, — הער איך, ווי איינער פון די דייטשן זאָגט, — „אַווע־מאַריאַ” זאָלסטו זינגען, דו פאַרפלוכטע! „אַווע־מאַריאַ” זינג, אויב דו ווילסט נאָך לעבן אַ ווײַלע! נו, הויב אָן! גענוג שוין מיט דיין יודען־ליד, הויב אָן „אַווע־מאַריאַ”! איינס, צוויי... ווילסטו ניט זינגען, אָדער קאָנסטו ניט? איך זאָג דריי, און — קאַפּוט, איך שיס דיך! זינג, וואָס איך הייס דיר! הערסטו ניט? וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?...

„...מיטן לעצטן אָטעם האָב איך געענדיקט „שמע ישראל” און אויטאָמאַטיש, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט, בין איך איבערגעגאַנגען צו „אַווע־מאַריאַ”. הילכיק און זילבערדיק האָבן זיך צעקלונגען די טענער אין דער פראָסטיקער לופט, און די מערדער זיינען געשטאַנען ארום מיר, ווי פאַרכישופטע, ניט באַוועגט קיין האַנט און קיין פוס. איך האָב געענדיקט זינגען און אָנגעהויבן דאָס זעלבע פונדאָסניי, געענדיקט און ווידער אָנגעהויבן... די דייטשן זיינען אַלץ געשטאַנען ארום מיר מיט האַלב־אָפענע מיילער, פאַרגליווערטע פון איבעררעאַשונג און שטוינונג. די

באַצויבערנדיקע טענער און די אויסטערלישע סביבה האָבן, ווייזט אויס, עפּעס־וואָס אויפגעוועקט אין זייערע חיהשע הערצער, נאָר ווער ווייס, ווי לאַנג דאָס וואָלט אָנגעהאַלטן און מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיקט, ווען ניט...

„...ווען ניט, פּלוצלונג, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, האָט זיך מאַשין־געווער צעקנאַלט און צעשטעפּט פון וואַלד: טראַ־טאַ.טאַ..טאַ... טראַ־טאַ־טאַ־טאַ.. און ס'האָט גענומען האָגלען מיט קוילן, דאַכט זיך, ווי פון אַלע זייטן. איך האָב נאָר באַוויזן צו זען, ווי די דייטשן האָבן באַקומען צעשראָקענע פּנים'ער, האָבן גענומען לויפן און שפּרינגען אין פּאַניק, ווי אויסער זיך, און — איך בין געבליבן ליגן אויף דער ערד אַ געחלש'טע...

„...צוערשט האָב איך, ווי אין שלאָף, דערהערט ריידנדיק רוסיש אַרום מיר, דערנאָך האָב איך דערפילט, אַז מען רייבט מיר דאָס געזיכט מיט שניי, און דאַן האָב איך דערזען רוסישע סאָלדאַטן. מיט גוטמוטיק שמייכלדיקע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף מיר, געריידט ווי צו אַ קראַנקער שוועסטער און אַריינגעגאָסן מיר אַ שלוק בראַנפן אין מויל. איך האָב זיך אָפּגעטשוכעט און גענומען באַגרייפן, וואָס אַרום מיר טוט זיך. איך לעב, איך בין געראַטעוועט, איך בין באַפרייט פון די מערדער... אַ רוסישע אויסשפּיר־גרופּע אין וואַלד האָט דערהערט דעם הילכיקן אָפּקלאַנג פון געזאַנג, האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער זינגענדיקער שטים און האָט זיך אָנגעשטויסן גראָד אויף מיר און די דייטשן... אזוי דערציילן מיר די סאָלדאַטן. אָט ליגן זיי טויט, דריי פון די מערדער, דעם פירטן איז געלונגען צו אַנטלויפן.

„...נו, וואָס זאָגסטו אויף אזא מין געראַטעוועט ווערן פון זיכערן טויט, אין לעצטן מאָמענט, דורך זינגען, דורך זינגען „אַווע מאַריאַ" פאַר די מערדער?! נו, ליגט ניט אין דעם אַ נס, אָדער מער ווי א נס, אָדער... איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, ווי עס אָנצורופן!... און ווי איז מיר בכלל איינגעפאַלן צו זינגען אָט דאָס „אלי־אלי"־ליד אין אַ מאָמענט, ווען דער רעאַלער און ממשותדיקער, ניט דער סצענישער טויט האָט בוכשטעבלעך שוין אָנגערירט מיט זיינע פליגלען מיין קאָפּ? הייסט עס, ניט „אַווע־מאַריאַ", נאָר „אלי, אלי, למה עזבתני?" מיט דעם לעצטן „שמע ישראל" האָבן מיך געראַטעוועט פון זיכערן טויט?.. האַ? וואָס זאָגסטו אויף דעם? פאַרשטייסטו עפּעס אין די זאַכן? „אלי, אלי", „אַווע־מאַריאַ", איך ליג אויפן שניי, אין קעלט, האַלב־נאַקעט, די מערדער ארום, איך זינג, ס'צעגיסן זיך קלאַנגען אין דער פראָסטיקער לופט, אין וואַלד, און — די רעטונג קומט...

„...וואָס זאָל איך דיר פיל דערציילן!... קורץ גערעדט, די רוסן האָבן מיך אַוועקגעפירט אין אַ מיליטערישן האָספּיטאַל, דאָרט בין איך אָפּגעלעגן זעקס

חדשים און זיך געהיילט פון די קראנקייטן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן פאר די פיר בלוטיקע יאָרן. זיי האָבן מיך פשוט געטראָגן אויף די הענט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פונגוטסקייט און מיטלייד... ווען איך האָב זיך שוין געפילט שטאַרקער, פלעג איך דאָרט, אין האספיטאל, ווען־ניט־ווען אויפטרעטן, זינגען פאַר די פארוואונדעטע און קראַנקע, מיט וואָס פאַר א באַגייסטערונג און דאנקבארקייט זיי פלעגן מיך אויפנעמען און באַציען זיך צו מיין געזאנג!... זיי האָבן מיך געוואָלט שיקן שטודירן, אויפטרעטן אויף דער סצענע, נאָר איך האָב ניט געוואָלט... ניט געוואָלט בלייבן דאָרטן, וואו דער בלוטיקער חורבן איז אזוי נאָענט פאַר די אויגן.

„...יאָ, איך האָב זיך אויסגעהיילט אין האָספיטאל פון אלע קראנקייטן, חוץ פון די ווייטיקדיקע וואונדן, וואָס זיינען געבליבן אין הארצן אויף אייביק. פון דעם ווייטיק און פיין אין הארצן וועט מען זיך שוין קיינמאָל ניט אויסהיילן, קיינמאָל ניט... און איך טראכט גאָרניט זיך אומצוקערן אין ליטע, אין מיין אַמאָליקער אַלטער היים. איך ווייס דאָך קלאָר און זיכער, אז ניט טאטע־מאמע לעבן, ניט אליהו, ניט דודל, ניט יוסף, ניט פייגעלע מיט אלע איריקע, און קיינער ניט פון אונדזער משפחה... וואָס זאָל איך פאָרן אַהין? זען דעם יידישן בית־עולם ליטע? איך האָב זיך „איינגעאָרדנט" דערווייל אין לאָדזש... געגעבן דאָ אַ פּאָר קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג, איך האָב דאָ מערערע פריינט און אויך מוזיקאַלישע פאַרערער... איצט בין איך דאָ אין דער יידישער שול אַ מוזיק־לערערין, און... ווייטער וועל איך זען. מסתמא וועט מען זיך דאַרפן לאָזן אויף נייע וואַנדערונגען, אַט אזוי ווי עס טוען אַנדערע פון די לעבן־געבליבענע יידן פון די בלוטיקע לענדער, צי דאָס איז פוילן, צי ליטע... נייך, ס'איז ניט קיין לעבן פאַר מיר, ניט אין פוילן און ניט אין ליטע!... ווייסטו וואָס, כ'וועל גאָר מיטפאָרן מיט דיר..."

אזוי האָט דערציילט די אמאָליקע קאָוונער זינגערין חוה יעלין, מיין קוזינע, וועלכע כ'האָב שוין ניט געהאָפט צו טרעפן צווישן די לעבעדיקע. איר רעטונג איז אַ ווירקלעכער נס, אַ וואונדער, נאָר... ס'איז ניטאָ וואָס צו וואונדערן זיך... אייגנטלעך, איז דאָך יעדערער פון אונדזער שארית הפליטה אַ רעאַלער, ממשותדיקער נס, אַ לעבעדיקער וואונדער, וואָס איז געשען אויף אזא, אָדער אַנדער אופן, ניט ערגעץ־וואו אין אַ וואונדער־מעשהלע, נאָר אין אונדזער אמתער, ביטערער ווירקלעכקייט.

פון דעם טאָג אָן האָבן מיר זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען, אויפן זעלבן וואַנדער־וועג. פון לאָדזש קיין שטעטין, פון שטעטין קיין בערלין, דאָרט אין פאַרשיידענע פליטים־לאַגערן, דערנאָך קיין ברעמען, ביז איר אָפּפאָרן קיין אמעריקע.

די דערציילונג וועגן דער וואונדערלעכער רעטונג פון חוה יעלין וויל איך פאַרענדיקן מיט דעם ערשטן פון די פיל קאַמישע עפּיזאָדן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט איר אויף אונדזער ווייטערדיקן, שוין געמיינזאַמען וואַנדער־וועג, — ווי אויפן וועג פון לאָדזש קיין שטעטין, אין קאַלטן, ווינטיקן וואַגאָן מיט די אויס־געהאַקטע שויבן, איז זי געוואָרן אַ „באַרימטהייט". און באַרימט געוואָרן איז זי דערמיט, וואָס איר גאַנץ אָפּגעשפּאָרט פארמעגן פון אירע קאָנצערטן, אַ פּאָר טויזנט פּוילישע זלאָטעס, האָט מען איר אין וואַגאָן אַרויסגעגנבעט טאַקע „פון אונטער דער נאָז", כמעט פון די הענט, און זי האָט עס ניט געפילט און ניט געמערקט. און זי האָט זיך דאָרט געריכט אויף גנבים, — האָט זי באַצייטנס פאַרשטעקט איר פאַרמעגן אין אַ האַנט־בייטל, דאָס האַנט־בייטל אין א לעדערנעם פּאָרטפעל און דעם פּאָרטפעל געהאַלטן די גאַנצע צייט אויפן שויס און צוגע־דריקט מיטביידע הענט. דאַכט זיך, זיכער, זיכערער קאָן שוין גאָרניט זיין...

אָבער אויף מאָרגן ווייזט זי מיר, אז איר לעדערנער פּאָרטפעל איז צעריסן געוואָרן. דאַכט זיך, אַ נייער שטאַרקער לעדער און — צעריסן אזוי גיך. איך גיב אַ קוק, און כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען... מיר קוקן אריין אינעווייניק — ניט קיין האַנט־בייטל, ניט קיין געלט, און ניט נאָך וואָס דערצו!.. סטייטש, ווי אזוי איז עס פאַרשוואונדן געוואָרן?! היינט גיי פרעג די גנבים!.. זיי קאָנען זייער מלאכה... פּשוט און איידל אויפגעשניטן דעם פּאָרטפעל פון אַ זייט, מיט אַ פּאָר צאַרטע פינגער אַרויסגעצויגן פון אינעווייניק וואָס נויטיק און... די זינגערין עוואַ יעלינאַ האַלט איר גאַנץ פאַרמעגן אויפן שויס צוגעדריקט מיט ביידע הענט, און איז גליקלעך, אז אונטערוועגס האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט, אַז מ'האָט פון איר גאָרנישט ניט צוגעגנבעט...

נאָר וואָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן? זי האָט זיך צום סוף מודה געווען, די זינגערין, אז חוץ איר געלט־פאַרמעגן האָט זי געהיט נאָך־וואָס, — איר שטים. אין מיטן דער נאַכט, ווען אין וואַגאָן איז געוואָרן שרעקלעך קאַלט און ווינטיק, ס'האָט געבלאָזן און געצויגן פון אלע פענצטער, האָט זי זיך אַריבער־געדעקט מיט אַ דעקע איבערן קאָפּ, כדי צו פאַרהיטן איר שטים, כדי ניט הייזעריק צו ווערן. חס וחלילה, געשלאָפן איז זי ניט, אפילו קיין דרעמל ניט געכאַפּט!... זי האָט נאָר געהיט איר שטים, איינגעוויקעלט אין דער דעקע... אָבער פאַר דעם גנב, ווייזט אויס, איז עס גענוג געווען. מער ווי אויף דעם האָט ער ניט געוואַרט...

און געלאַכט האָבן מיר פון איר, זיך געוויצלט און לוסטיק געמאַכט פון איר „אומגליק" און פון „היטן די שטים"... אַ גוטמוטיקע, לעבנסלוסטיקע און אַ ביסל אַ צעפלויגענע איז זי, און זי האָט טאַקע וואָס צו היטן, — איר צווייבער־פולע, ווי גלעקאַלעך קלינגענדיקע שטים, — האָט זי אַליין מיטגעלאַכט און גע־

ווינצלט זיך מיט אונדז. מיט איר צוזאַמען איז אונדז אַלעמען פריילעכער געווען אויפן וויסטן וואַנדערוועג, — מ׳האָט צייטנווייז האַרציק געלאַכט און אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן פון פיל צרות און קלעמעניש.

פון פוילן קיין דייטשלאַנד

מיר האָבן קוים באַוויזן אַרויפגיין מיט אונדזערע פעקלעך און רוקנזעק אויף שטעטינער וואָקזאַל, ווי ס׳האָט אונדז באַגעגנט אַ גרופּע פּוילישע פּאָליציי, אַרײַנגעפירט אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער און גענומען זוכן־נישטערן אין אונדזערע זאַכן. צו וואָס זיך צו טשעפּענען האָבן זיי ניט געהאַט, נאָר ס׳האָט זיך זיי שטאַרק געגלוסט צו נעמען אַלץ, אַלץ וואָס עס מאַכט זיך אונטער דער האַנט. נאָר אַ דאַנק אונדזער ענערגישער ווידערשטאַנד און דראָאונג, אַז מיר וועלן זיך ווענדן צו די „סאַמע העכסטע קאָמיסאַרן" און וועלן ניט פאַרשווײַגן אַזאַ באַהאַנדלען אונדז, די ניי־צוגעקומענע פּוילישע בירגער, — נאָר דאָס און דערצו נאָך אַ פּאָר פלעשער שנאַפּס האָבן געהאָלפן, און מיר האָבן דאָס מאָל אָפּגעראַטעוועט אונדזער באַגאַזש.

די וואָך צייט, וואָס מיר האָבן געמוזט זיין אין שטעטין, כדי זיך צו אָריענטירן און קומען אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע „מאַכערס" און גרענעץ־פירער, האָבן מיר געמוזט לעבן אין אַ האָטעל מיט אַ צווייפלהאַפטער רעפּוטאַציע און זיין שטענדיק אויסגעשטעלט דער געפאַר פון „ראַצציעס" (אָבלאַוועס), זוכענישן און ווידער „לעגאַלע" רויבערייען פון דער פּאָליציי מיט זייערע פאַרשיידענע אויסוואָורפן־געהילפן, און אפילו זייערע יידישע פאַרשטעלטע שותפים און מוסרים. ניט איינעם האָט מען אַזוי פיין באַאַרבעט אין שטאָט גופא אָדער ביים אַרויספאָרן, אַז זיי, די באַאַרבעטע, זיינען געבליבן הויל־נאַקעט. אָבער אונדזער גרופּע, וואָס איז איצט באַשטאַנען פון צוועלף מענער און פרויען, האָט אויך דאָ אָפּגעגליקט.

איך קוק זיך צו צו דער שטאָט שטעטין און דעם גאַנצן גרויסן געביט, וואָס פוילן האָט איצט צוגענומען פון דייטשלאַנד, און זע, אַז דאָ איז אין גאַנג אַ גרויסער היסטאָרישער פּראָצעס: די דייטשע באַפעלקערונג ווערט אַרויסגעזעצט פון די אַלטע וואוין־ערטער און ווערט „אַריבערגעוואָרפן" איבער דער גרענעץ קיין דייטשלאַנד. ווי גוט באַקאַנט עס זיינען מיר די סצענעס, וואָס איך זע אין שטאָט און, דער עיקר, אויף די גרענעץ־פּונקטן! עס דערמאָנט מיר די „גוטע" נאַצישע צייטן, נאָר איצט אומגעקערט, אין אַ פאַרקערטער אָרדנונג: גרופּעס פון הונדערטער און טויזנטער דייטשן מיט קינדער און פרויען, מיט זעק און פּעק און בעבעכעס זיינען צוזאַמענגעטריבן אויף די דורכגאַנג־פּונקטן, און די פּאָליאַקן רעווידירן זיי און באַלעבאַטעווען זיך מיט זייער ביסל האָב־און־

גוטס, וואָס איז דערלויבט מיטצונעמען. און איך מוז זאָגן, אז די פּאָליאַקן מאַכן ניט קיין צו גרויסע צערעמאָניעס מיט פרעמדן פאַרמעגן, און אויב עס געפעלט וואָס, נעמט מען עס צו, — צי דאָס איז געלט, צי אַ זייגער, צי אַ פּאָר שיך, צי אַן אַנצוג, צי א העמד, צי וואָס אנדערש, און בפרט, אז דאָס געהערט צו אַ דייטשן, אָדער... צו א יידן, אפילו צו א ריין־פּוילישן יידן. אויב דייטשן אין די „גוטע" צייטן האָבן דורכגעפירט אַזוינע ארבעט דיסציפּלינירט, לויט באַפעל אָדער דערלויבעניש פון אויבן, פון דער אויבער־קאָמאַנדע, האָבן איצט די פּאָליאַקן געמאַכט דאָס זעלבע, אָבער „אומדיסציפּלינירט" און כאַאָטיש, יעדערער לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו און גלוסטעניש, אַט אזוי ווי עס פּאַסט פּאַר פּאָליאַקן.

די געבליבענע דייטשן זיינען נידערגעשלאָגן און איינגעשראָקן פאַר דער געפאַר צו ווערן ארויסגעשיקט. מ'נעמט זיי אויף פאַרשיידענע צוואַנגס־אַרבעט, מ'כאַפּט זיי אָפטמאָל פון די גאַסן, פון די הייזער, אַט אזוי ווי די יידן נאָך גאָר ניט לאנג צוריק. אָבער אויך די יידן, האָב איך געזען, לעבן אין אומזיכערקייט און שרעק פאַרן פּוילישן ווילדן אנטיסעמיטיזם, פאַר די מערדערייען און רויבע־רייען, וואָס קומען דאָ אזוי אָפט פאָר. צענדליקער יידישע פאַמיליעס האָב איך געטראָפן דאָן אין שטעטין און אין אנדערע ערטער, זיי ריידן נאָר פּויליש און לעבן פאַרשטעלט, „פאַרמאסקירט" ווי פּאָליאַקן, און האָבן ריין־פּוילישע נעמען און פאַמיליע־נעמען.

— ווען מ'וואָלט געוואוסט, אז מיר זיינען יידן, — האָבן מיר מערערע דערקלערט, — וואָלטן מיר דאָ קיין איין טאָג ניט געקאָנט לעבן. מ'וואָלט אונדז דערהרגעט, צעראַבירט די געשעפטן, אָדער אין בעסטן פאַל באַיקאָטירט און אָנ־געטאָן אלע צרות. אַט האָט איר דאָך געהערט, וואָס האָט פּאַסירט מיט די לעבן־געבליבענע יידן אין קעלץ און אַנדערע ערטער... אויך דאָ קומט פאָר דאָס זעלבע. וואָס זאָל מען טאָן? וואָס קאָנען מיר טאָן?... מ'מוז ליידן דערווייליע, ס'וועט אפשר בעסער ווערן... מ'וועט אפשר אין גיכן אַוועקפאָרן...

צום סוף זיינען מיר דורכגעקומען מיט אַן „ערלעכן מאַכער" (אַך און ווי צו זיין זשוליקשן אויסזען און ערלעכקייט!), איינגעצאָלט אים אַ היפּש ביסל געלט פאַרן „דורכמאַכן" און פאַר די רעזערווירטע פּלעצער אויף אַ טראַנספּאָרט פון רוסיש־מיליטערישע לאַסט־אויטאָס, און אין אַ מזלדיקער שעה, — די לאַסט־אויטאָס זיינען צוגעפאָרן צום האָטעל. פאַרנאַכטלעך, אין געדראַנג און געפילדער פון צענדליקער און הונדערטער פאַרנדיקע און לויפנדיקע אויטאָס, און נאָך ווייטערע לאַנגע דינגענישן צווישן „מאַכער" און די רוסישע אויטאָ־טרייבערס, רירן מיר זיך, צום סוף, פון אָרט. מיר פאָרן „דירעקט" קיין בערלין, נאָר דאָ שטייט אונדז פאַר דאָס געפערלעכסטע, — ווידער אַ פאַרמאַכטע גרענעץ, און דאָס מאָל צווישן פּוילן און דער רוסישער זאָנע אין דייטשלאַנד.

מיר קוקן זיך ארום, און ווענענס העגט מיר זיינען איצט אריינגעפאַלן, און ווייזט זיך ארויס, אז אונדזער רייזע קיין בערלין איז אַ העכסט־פריילעכע און אַ „לחיימדיקע": מיר געפינען זיך אין רשות פון אַ קאָמפּאַניע יידישע און רוסישע בראַנפן־שמוגלער, און די צענדליקער קאַנען אויף די אויטאָס זיינען אָנגעפילט ניט מיט בענזין (גאַזאָלין), נאָר מיט אמתער משקה. דורך זייטיקע וועגעלעך גנבענען מיר זיך דורך די גרענעץ, און דאָ, צוזאַמען מיט עטלעכע רוסישע גרענעץ־וועכטער, ווערט געמאַכט דער ערשטער ריכטיקער „לחיים".

נו, זאָל זיין אַזוי, זאָל מען „לחיים" מאַכן, וואָס שאַדט אונדז... אַבי עס גייט גלאַט — מ'האָט אפילו ניט אריינגעקוקט אין אונדזער באַגאַזש און אונדזערע פּאַפּירן, וואו עס שטייט איצט קלאָר געשריבן אויף צוויי שפּראַכן, אז מיר פאָרן קיין בערלין אויפצוזוכן אונדזערע קרובים, וואָס זיינען, מסתמא, אַהין פאַר־שלעפּט געוואָרן. איצט, ווייטער, אויף דער ערד פון דער רוסישער זאָנע אין דייטשלאַנד, ווערן שוין געמאַכט „לחיימס" יעדע האַלבע שעה; מיר שטייען מערער ווי מיר פאָרן, מיר שלאָפן צוויי נעכט אונטערוועגס ערגעץ־וואו ביי דייטשן אין שטאַלן און שייערן, די אויטאָס ווערן פונדאָסניי איבערגעפּאַקט און פאַרמאַסקירט, און אויף דער דריטער נאַכט קומען מיר אָן, צום סוף, בשלום אין בערלין, אויף דעם דורכגאַנגס־פּונקט אין דער געבייַדע פון דער אַמאָליקער בערלינער יידישער געמיינדע, אויף אָראַניענבורגער גאַס.

— נו, פּראַשע פּאַנאַ, האָט איר געדאַרפט זיין אומרואיק? — זאָגט צו אונדז גוט־ברודעריש איינער, ווייזט אויס דער עלטסטער פון די בראַנפן־שמוגלער. איך האָב אייך דאָך גלייך געזאָגט, אז דער שטעטינער „מאַכער", ווי איר רופט אים, איז אַ גוטער ייד און דערצו מיינער אַ גוטער פריינט, און ווי איר זעט, האָב איך אייך אריבערגעפירט די גרענעץ און געבראַכט אויף אַן אָרט גאַנץ און גוט, אָט אַזוי ווי ער האָט מיר אָנגעזאָגט. אפילו קיין פאַדעם האָט מען פון אייך ניט אָנגערירט. נו, איז נאָך שלעכט? זיינען מיר שלעכטע יידן? וואָס ער נעמט דערפאַר אַ ביסל געלט, אפשר אַ ביסל צו־פיל, ווי איר זאָגט, נו, דאָס איז דאָך זיין געשעפט, פּראַשע פּאַנאַ, ער דאַרף דאָך אויך לעבן... אָבער אַ מזלדיקע האַנט האָט ער... ער האָט שוין הונדערטער יידן אריבערגעשיקט די גרענעץ, דורך אונדז און דורך אַנדערע, און מ'האָט קיינעם פון זיינע פּאַסאַזשירן ניט פאַר־טשעפּעט. און וואָס טוט זיך מיט אַנדערע? האָט איר דאָך געהערט נעכטן, ווי מ'האָט אַ גרופּע יידן געלאָזן אין וואַלד נאַקעט, נאָר אין זייערע גאַטקעס און העמדער, און מ'האָט צוגענומען פון זיי אַלץ, ביז אַ פאַדעם, אפילו די שיך פון די פיס... און ווער ווייס, צי די אַנדערע „מאַכערס" אַליין האָבן ניט אַ האַנט אין דעם, פּראַשע פּאַנאַ?!... הערט זיך איין, אויב איר דאַרפט אויסבייטן אָדער איינבייטן „ווייכע", צי „האַרטע", צי „רונדע", צי „אַליאירטע" צי אַנדערע

געלט, אָדער אַ פּאָר „שטיינדלעך" אויפן וועג, קאָן איך אייך אלץ באַזאָרגן. איך וועל דאָ מאָרגן באַנאַכט ווידער זיין, איר וועט אלץ ביי מיר קריגן, און ביליקער ווי ביי אַנדערע...

— וואָס קלייבט איר זיך איצט צו טאָן? איר בלייבט דען ניט דאָ, מיט אונדז? — פרעגן מיר אים.

— אָ ,ניין, פּראָשע פּאַנאַ, אין א פּאָר טעג ארום גיי איך ווידער אויף יענער זייט. איך מוז נאָך גיין עטלעכע מאָל הין און צריק, און דאַן, ווען מיר'ן דאָרט פאַרענדיקן אלע געשעפטן, וועלן מיר אריבערקומען אלע צו אייך, אַהער.. זייט זיכער, מיר'ן דאָרטן ניט פאַרבלייבן, ניט פּאַר א יידן איז דאָרט צום לעבן. נאָר דער־ווײַלע דרייט זיך, עס רודערט זיך. מ'קאָן נאָך פאָרן הין און צוריק, פאָרט מען. נו, מיר מוזן טאַקע פאָרן, זייט מיר אלע געזונט!...

און אויף אַן אמתן, אין עטלעכע וואָכן ארום האָב איך געטראָפן דעם שטעטינער „מאַכער" און די גאַנצע כאַלאַסטרע אין איינעם פון מיינע ערשטע פּליטים־לאַגערן, אין שלאַכטענזעע, בערלין. ווייזט אויס, אויף „יענער זייט" האָבן זיי שוין פאַרענדיקט אלע געשעפטן און זיינען געוואָרן „די. פּי'ס", ווי מיר אַלע — אויסגעוואָרצלטע פערזאָנען.

אויף די גאַסן פון קאָוונע, אַמאָל, ווען יידן האָבן דאָרט געלעבט
(לייסוועס־אַלעיע, די הויפּט־גאַס).

אין לאַגערן פון „די. פּי." — פון פּליטים

איך האָב זיי דורכגעמאַכט, די נייע יידישע פּליטים־לאַגערן, איך האָב געזען און באַטראַכטן מערערע פון די „די. פּי. קעמפּס"*) אין דער אַמעריקאַנער, ענגלישער און פראַנצויזישער זאָנעס סיי פון בערלין און סיי פון גאַנץ דייטשלאַנד. צוערשט אין דעם „דורכגאַנגס־פּונקט" פון דעם אַמאָליקן יידישן געמיינדע־הויז אין דער רוסישער זאָנע פון בערלין, וואו אייניקע הונדערט אויסגעוואָרצלטע יידן האָבן געוואַרט געשיקט צו ווערן ווייטער, אין דער אמעריקאַנער אָדער ענגלישער זאָנע. צוערשט, נאָך אין מיין צייט, איז מען טאַקע פון דאָרטן געשיקט געוואָרן לויט אַ געוויסער אָרדנונג און מיט געהעריקע צעטלען צו דעם בערלינער „אונראַ"־לאַגער אין צעלענדאָרף, נאָר מיטאַמאָל איז אין „דורכגאַנגס־פּונקט" געוואָרן אַ בהלה צוליב די רוסישע „אַבלאַוועס" (זוכענישן). אין שרעק און איילעניש זיינען מיר אַנטלאָפן פון געמיינדע־הויז און אָנגעשפּאַרט אין פּליטים־לאַגער אין דעם פראַנצויזישן סעקטאָר פון בערלין און דערנאָך אין גרויסן „אונראַ"־לאַגער אין שלאַכטענזעע, אין דעם אַמעריקאַנישן בערלינער סעקטאָר. טויזנט, אַנדערהאַלבן טויזנט, ביז אַ פּאָר טויזנט אויסגעוואָרצלטע, לויפנדיקע יידן פון פאַרשיידענע לענדער זיינען מיר דאָרט געווען דאָן.

דאָן דער גאָר גרויסער פּליטים־לאַגער אין בערגן־בעלזן, אין דער ענגלישער זאָנע. אַכט, צען ביז צוועלף טויזנט יידן האָבן מיר זיך דאָרטן אַרומגעדרייט אין מיין צייט, — יידן פּוילישע, אונגאַרישע, רומענישע, טשעכאָסלאָוואַקישע, עסטרייכישע, באַלקאַנישע, און אַ קליין הייפל ליטווישע און לאַטווישע, — יידן, וואָס האָבן מער קיין היים ניט, וואָס זוכן און וואַרטן אויף אַ נייער היים אין ארץ־ישראל, אָדער... אָדער, אויב ניט ארץ־ישראל, איז כאָטש אַנדערש־וואו.

דאָן דער יידישער פּליטים־לאַגער לאַנדסבערג, ניט ווייט פון מינכען, אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע פון דייטשלנד, און דאַן א באזוך און אַ בליק אין אַ צענדליק אנדערע גרעסערע און קלענערע פּליטים־לאַגערן — צעלסהיים, סאַנקט־אָטילין, פערנוואַלד, אילצען, פעלדאַפינג, דאַכאַו, לייפּהיים און נאָך אזוינע ערטער אויף דער פאַרשאָלטענער ערד פון דייטשלאַנד, וואו א פערטל מיליאָן אויסגעוואָרצלטע, היימלאָזע יידן פון דער שארית הפליטה זיצן „ווי אויף הייסע קוילן" שוין אַ יאָר, צוויי יאָר, דאָס דריטע יאָר נאָך דער באַפרייאונג און האָבן נאָך אַלץ ניט דערוואַרט קיין נייע היים ניט אין ארץ־ישראל און ניט אַנדערש־וואו.

מען שיסט ניט יידן אין די פּליטים־לאַגערן, מען פאַרברענט זיי ניט, מ'לאָזט זיי ניט אויסגיין פון הונגער און קראַנקייטן (ווי אין די „גאָר גוטע צייטן" פון די

---

*) די ענגלישע ווערטער D. P. Camps פאַרקירצט פון Displaced Persons' Camps מיינט לאַגערן פאַר אויסגעוואָרצלטע (אָדער באַדנלאָזע) פערזאָנען, ווי די פּליטים ווערן גערופן.

דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן), נאָר — איז עס אַ לעבן פאַר די אויסגעפּייניקטע נשמות, וואָס לעכצן נאָך אַ היים, נאָך אַ פריינטלעכער סביבה, נאָך אַן אייגענעם אָרט, נאָך אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן?!

אַ פאַרקערפּערט, קאָנצענטרירט און לעבעדיק בילד פון „גלות", „תפוצות ישראל" און „שארית הפליטה" אין זייער ערגסטער אויסטייטשונג שטייט פאַר מיינע אויגן און דאָס זיינען: — באַדנלאָזיקייט, היימלאָזיקייט, לופטיקע פּרנסות, אונטערדריקונג, בזיונות, גרינגשאַצונג פון די שכנים און ועל כולם — די שאַנס פון בלוטיקן עבר.

און גלייכצייטיק — אַ פאַרקערפּערט מעכטיק און לעבעדיק בילד פון „תפוצות ישראל" אין דער בעסטער אויסטייטשונג זע איך פאַר מיינע אויגן און דאָס איז: — ברודערלעכע הילף פון יידן, נאָך פון פריער, מיט דער מאַכט פון גורל צעזייטע און צעשפּרייטע איבערע דער וועלט, כדי צו קאָנען העלפן אין אַן עת צרה, — צי איז דאָס די הילף פון אַ „דזשאָינט", אַ „אָרט", אַן „האַיאָס", אַן אוניפאָרמירטער ארץ־ישראלדיקער סאָלדאַט, אַ פאַרשטעלטער „הגנה"־מענטש, אַ יידישער קאָמיטעט, אַן אָנגעזעענע פּערזאָן, אַן אויפמונטערונג און טרייסט־וואָרט פון אַן אמעריקאַניש־יידישן סאָלדאַט, צי פון אַ רב, צי פון א „ראַביי". דער גורל האָט ווי פאַרויסגעזען, וואָס דער שארית הפליטה און דעם גאַנצן יידישן פאָלק דערוואַרט אויף זייער לאַנגן וואַנדערוועג און האָט דערפאַר פונאַנדערגעוואָרפן אויפן וועג די יידישע „ליכט־טורעמס" און צוגעגרייט די יידישע „סטאַנציעס פון ערשטער הילף". ווי קאָן עס אַנדערש זיין?...

און איך דערמאָן זיך מיט פרייד און יראת הכבוד אַן דעם „יידישן קאָנסול", ווי מיר האָבן אים גערופן אין די בערלינער פליטים־לאַגערן, — דעם באַסטאָנער ראַביי יוסף שובאָוו. אַ „טשאַפּלין" (אַ רב פאַר יידישע סאָלדאטן) אין דער אמעריקאַנער אַרמיי אין בערלין איז ער דאַן געווען. ער האָט ניט געהאַט קיין אָפיציעלן אָדער דירעקטן שייכות צו אונדז, פליטים, אָדער צו פליטים־לאַגערן, נאָר וואו אַ צרה, וואו אַן עוולה, וואו ס'איז נויטיק „ערשטע הילף", — דאָרט איז שוין דאָ דער ראַביי שובאָוו און ברענגט זי, די ערשטע הילף, — צי דאָס איז אַ וואַרעמער ברודערלעכער טרייסט־וואָרט, אַן אויפמונטערונגס־וואָרט, צי אַ פּעקל עסנוואַרג, קליידונג, אָפּשיקן בריוו און פאַרבינדן מיט קרובים אין אַמעריקע, צי פייערדיקער קאַמף פאַר אונדזערע רעכט און אינטערעסן אין די לאַגערן, צי לויפן צו די לאַגערן־עלטסטע מיט פאָדערונגען אויסצובעסערן אונדזער לאַגע, צי בכלל פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד, וואו נאָר ס'האָט זיך געפאָדערט...

אַ מענטש מיט אַ פלאַם־פייערדיקן טעמפּעראַמענט און ניט־אויסשעפּלעכער ענערגיע, אַ הייסער ייד, ציוניסט און אויסגעצייכנטער רעדנער, פלעגט אונדזער

„יידישער קאָנסול" טאָן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט, כדי צו הויבן אין אונדז די מוט, זעלבסטווירדע און האָפנונג. זיינע האַרציקע רייד און די שבת־צו־נאַכט געפירטע תפילות און זיינע ממשותדיקע מעשים צו העלפן אַלעמען צוזאַמען און יעדערן באַזונדער האָבן איבערגעלאָזן דעם טיפסטן איינדרוק און איינגעקריצט דעם געשטאַלט פון ראַביי שובאָוו ביי יעדערן אין האַרצן.

וואו דו זאָלסט ניט זיין איצט, ראַביי שובאָוו, צי געדענקסטו אונדז, די עלנטע וואַנדערנדיקע פליטים מיט אַלע אונדזערע קליינע און גרויסע בקשות, מיט וואָס מיר האָבן דיך אַזוי אָפט געמאַטערט, און וואָס דו האָסט זיך שטענדיק געמיט צו דערפילן? צי געדענקסטו אונדז אַזוי גוט, ווי גוט און בולט מיר געדענקען דיך, אַמעריקאַנער ראַביי שובאָוו, — אונדזער דאַמאָלסטיקער ניט־געקרוינטער „יידישער קאָנסול"?

אַ „מלוכה" פאַר זיך איז יעדער פליטים־לאַגער, — אַ יידישער פאַרוואַל־טונגס־קאָמיטעט, פּאָליציי און אָרדנער, חברים־געריכט, אַפּעלאַציע־געריכט, אַ כשרע, אַלגעמיינע און קינדער־קיכן, קראַנקן־הויז, וועשעריי, באָד, שניידעריי־און שוסטעריי־וואַרשטאַטן און נאָך און נאָך ווירטשאַפט־אַמטן מכל המינים. און דאָס קולטורעלע לעבן, — אָן דעם קאָן אַ ייד בכלל ניט לעבן, — דאָס איז שטאַרק אַנטוויקלט אין יעדן פליטים־לאַגער: אַ שול אָדער שולן פאַר קינדער, קינדער־גערטנער, ביבליאָטעקן, ספּאָרט־קלובן, ראַדיאָ־צענטער, און אין גרע־סערע לאַגערן אויך אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַן אייגענע צייטונג, אַ קינאָ, אַ טעאַטער; מייסטנס אַ ציוניסטישע דערציאונג פון דער יוגנט, קיבוצים און אָרגאַניזאַציעס מכל המינים, אַ צוגרייטונג פאַר ארץ־ישראל; עס פעלן אָבער אויך ניט קיין ישיבות, חדרים, שולן צום דאַוונען און רעליגיעזע קיבוצים.

„אָן אַ פאַך איז קיין עמיגראַציע" — שרייט אַ לאָזונג צו דער יוגענטלעכער שארית הפליטה — און עס זיינען געגרינדעט דעריבער פאַך־שולן און קורסן פאַר מעכאַניקערס, שאָפערס, עלעקטראָטעכניקער, סטאָליערס, מויערערס, מולערס, שמידן, ראַדיאָ און טעלעגראַף, שניידעריי, לאַנדווירטשאַפטלעכע קיבוצים, פישער־קיבוצים און פיל־פיל אַנדערע פאַכמענישע אויסבילדונגען. מען גייט דאָך בויען אַ צוקונפטיק לעבן אין ארץ־ישראל, דאַרף מען זיך צוגרייטן צו דעם, איצט, אונטערוועגס, באַצייטנס.

עס פירט זיך אַ „מלוכה", אַ וועלט פאַר זיך, אונטערוועגס, אָפּגעזונדערט פון דעם אַרום, אָן אַ באָדן אונטער די פיס, נאָר מיט אַ ברענענדיקן, זוכנדיקן קוק פאָרויס. און די מענטשן פון דער דאָזיקער „אונטערוועגס־מלוכה", — ווער זיינען זיי, וואָס זיינען זיי, ווי פילן זיי זיך אינעווייניק, אין האַרצן, בשמהדיק?

לעבן!

איך האָב אָפט דיסקוסירט מיט מיינע חברים און באַקאַנטע אין די לאַגערן וועגן דער גייסטיקער אויפטרייסלונג און נשמה־ענדערונגען פון די לעבן־געבליבענע, און אָט־וואָס אַן עלטערער, אמאָליקער לערער האָט געזאָגט איין מאָל אויף אונדזערן אַ לערער־צוזאַמענקום:

— ...איך האָב מורא צו ריידן וועגן דעם... ס'איז פיל און לאַנג צו ריידן, נאָר אויב ריידן קורץ, וואָלט איך געזאָגט, אַז אין אונדזער איצטיקן זיין דאָ, צי אין דער לאַגער־קאָנצענטראַציע, צי אין דער שטאָט־צעשפּרייטונג, אַז אין אונדזער געצוואונגענער לײדיק־גייעריי, אין אונדזער געצוואונגענער „שנאָרעריי" און אָנגעוויזנקייט אויף הילף און שטיצע, — אין דעם ליגט איצט די גרעסטע געפאַר פאַר אונדז; פון דעם שפּראָצט ארויס אונדזער אזוי גערופענע דעמאָראַליזאַציע, מיטן שווארץ־האַנדל, מיט דער צעשרויפטער יאָגעניש און כאַפּעניש און מיט דער גאַנצער „לאַגער־פּסיכאָלאָגיע" און נאָך־מלחמה־לעבן אין די פאַרשאָלטענע בלוטיקע לענדער... פיל, זייער פיל געצוימטע, פאַרשפּאַרטע קראַפט און ענערגיע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אונדזערע נשמות, און איצט, דאָ, אין אונדזער אויסגעוואָרצלטקייט און אומנאָרמאַלקייט, ווערט אויך די ברויזנדיקע ענערגיע צעגאָסן און פאַרשווענדעט אויף אומנאָרמאַלע וועגן, אין נעגאַטיווע מעשים. אָט דאָס איז דער וועג צו דעמאָראַליזאַציע, אויב איר האָט אזוי גערן דאָס דאָזיקע וואָרט... גאַנץ אַנדערש וואָלט זיין מיט אונדז און מיט אונדזער אָנגעזאַמלטער ענערגיע אין נאָרמאַלע באַדינגונגען... דאַן וואָלט זיך עס אויסגיסן אין אַרבעטן, בויען, שאַפן, אויפשטעלן!... דאַן וועט זיין א נאָרמאַל, אויפגעריכט לעבן... אָבער דאָ? וואָס קאָנט איר טאָן דאָ?

„...מיר זיינען ניט קיין קדושים, קיין הייליקע. אמת, מיר זיינען געליטענע, געפּייניקטע, געבלוטיקטע, אָבער מיר זיינען ניט געוואָרן כולו צדיקים, דערהויבענע, אויסגעלייטערטע און אויסגעבעסערטע... מיר דאַרפן ניט און טאָרן ניט זיך פאַרשטעלן פאַר אזוינע ניט פאַר זיך אליין און ניט פאַר דער וועלט... מיר זיינען עס ניט, ווייל אין תוך גענומען, איז דער מענטש געבליבן דער זעלבער, ווי ער איז געווען. איך רייד ניט וועגן איינצלנע מענטשן, וועגן געוויסע גרופּעס, וואָס זייער נשמה־אויפרודערונג האָט זיי געבראַכט צו אַ הויכן מאָראַלישן אויפשטייג, צו אַ גוואַלטיקן התרוממות הנפש, נאָר, אין תוך גענומען, האָט זיך דער מענטש ניט געענדערט אָדער ווייניק זיך געענדערט סיי אין זיין גייסטיקן באַנעם, סיי אין זיין אויפפירונג... אין גאַנצן גרויסן גענומען, דאכט זיך מיר, אַז דער, וואָס איז פריער, פאַר די געטאָס, קאַצעטן, גאַז־קאַמערס, קרעמאַטאָריעס און גאַנצן יסורים־וועג געווען שלעכט, פאַרדאָרבן, — איז אזא פאַרבליבן אויך

נאָך דעם, און דער, וואָס איז פריער אין זיין יסוד געווען גוט, ערלעך, דיסציפּלי־נירט, — דער איז אזא פאַרבליבן אויך איצט.

„...אין עצם, דער מענטש בלייבט אַלע מאָל ווי ער איז, און די מאַסע בלייבט אַלע מאָל מאַסע מיט אַלע אירע ניואַנסן און שאַטירונגען פון שלעכטס און גוטס, פון צעשרויפטקייט, געפאַלנקייט, נייגונג צו דעמאָראַליזאַציע און נידעריקן עגאָאיזם, ביז — ביז דער העכסטער מדרגה פון אידעאַלים, אמונה, דערהויבנקייט, קעמפערישקייט, מסירת־נפש און פיל־פיל אַנדערע הויכע אידעאַלן פון יידיש־קייט און מענטשלעכקייט. און אָט אזוי זיינען מיר אויך, די איצטיקע לאַגער־ניקעס, יעדערער ווי אַ מענטש, און אלע ווי אַ מאַסע... נאָר, וואָס איז די פּעולה פון ריידן, צי מיר זיינען גוט, צי שלעכט?! מיר קאָנען ווערן ערגער, פיל ערגער, אויב מיר וועלן ניט וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען... מיר מוזן אַוועקגיין פון דאַנען, און וואָס גיכער, וואָס שנעלער!...

דאָ האָט זיך זיין שטים געענדערט, ער האָט זיך אויפגערעגט און צוגעגעבן מיט שטאַרקן נאָכדרוק:

— ...מיר מוזן אוועק פון דאַנען!... אין פאַרציען אונדזער זיין דאָ, אין די לאַגערן צי אין דער צעשפּרייטונג פון די שטעט, צווישן די נעכטיקע מערדער, אויף דער פאַרשאָלטענער ערד, — אין דעם שטייט פאַר אונדז אונדזער איצ־טיקער נסיון. אויב, חס וחלילה, מיר האַלטן ניט אויס דעם נסיון, אויב מיר גליטשן זיך אויס, — דאַן קאָן אונדז פאַרשטיין דאָס גרעסטע אומגליק, די גרעסטע געפאַר פון דעמאָראַליזאַציע, געפאַלנקייט... אָט געפינען זיך שוין אין אַזוינע, אמת איינצלנע, וואָס ווילן חתונה האָבן מיט דייטשקעס... מיט דייטשע פאַס־קודסטוועס, — מיט שוועסטער און טעכטער פון די מערדער פון אונדזערע קינדער, פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, מענער, פרויען, ברידער, פון גאַנצן פאָלק!... און פירן מסחרים מיט די דייטשן?!... און חברן זיך מיט זיי, באַזעצן זיך צווישן זיי!?... דאָס איז גוט? ליגט ניט אין דעם די גרעסטע געפאַר פאַר אונדז און די טיפסטע באַליידיקונג פאַר אונדזערע קדושים, די אומגעקומענע?!...

„...איין מיטל איז פאַראַן, — וואָס גיכער אוועק פון דאַנען, פון דעם קללה־לאַנד. און איין־איינציק לאַנד איז דאָ פאַר אונדז, — ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון אונדזער אויפקום, פון גייסטיקן און פיזישן אויפשטייג, דאָס איינציקע לאַנד, וואָס וואַרט אויף אונדז. דאָרט, נאָר דאָרט, קאָנען מיר ווידער ווערן נאָרמאַל און געזונט און זיך באַפרייען פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון לאַגערניקעס, שארית־הפליטה, מאַרטירערס, געצוואונגענע ליידיק־גייערס, „אונרא”־שנאָרעריי, „דזשאָינט”־שטיצע, יאָ דעמאָראַליזאַציע, ניט דעמאָראַליזאַציע, און די גאַנצע פילאָסאָפיע פון אונדזער טראַגיזם... מיר מוזן אַוועק פון דאַנען, קיין ארץ־ישראל, און וואָס גיכער, וואָס גיכער! ווען ניט, — איז אונדזער ענדגילטיקער אומקום,

צוערשט גייסטיק־מאָראַלישער, און דאַן פיזישער... מיט אלע וועגן, מיט אלע מיטלען מוזן מיר גיין קיין ארץ־ישראל. מיר מוזן שרייען צו דער וועלט, ניט לאָזן איר צורו:

„— נעמט אונדז אַוועק פון דאַנען! לאָזט אונדז ארויס פון דאַנען! דאָ, אין דער צעפוילטקייט, אין אייראָפּע, וואו עס שטינקט נאָך מיט היטלערן און נאַצי־גייסט, וואַרט אויף אונדז ווידער געפאַלנקייט, אויסזיכטלאָזיקייט, אומקום און אין בעסטן פאַל — זעלבסטפאַרניכטונג... לאָזט אונדז גיין פון דאַנען, קיין ארץ־ישראל, צום לעבן, צו אונדזער לאַנד און פאָלק, צו אונדזער צוקונפט!...

טיף אין האַרצן זײַנען מיר אַרײַנגעפאַלן אָט די רייד זײַנע, דורכגעטראַכטע, דורכגעפילטע און דורכגעווייטיקטע ניט נאָר פון אים אליין, נאָר פון אלעמען, פון דעם רוב לעבן־געבליבענע. איך געדענק זיי קלאָר, די רייד זײַנע. און אויך געדענק איך, ווי אַן אַנדערער, אַן ארץ־ישראלדיקער מדריך, האָט רואיק צו־געגעבן:

— „צוערשט דאַרף מען לעבן, דערנאָך פילאָסאָפירן... מ'מוז לעבן! און לעבן דאָ, אין די צייטווייליקע לאַגערן, הייסט גרייטן זיך צו אַ באַנייטן לעבן אין ארץ־ישראל. ניטאָ קיין אנדער וועג. לעבן דאָ, הייסט — איבערדערציִען די קינדער און יוגנטלעכע, וואָס האָבן באַוויזן געננג פאַרנאכלעסיקט און פאַר־ווילדעוועט צו ווערן אין משך פון די בלוטיקע יאָרן, געבן זיי בילדונג, אַ פאַך אין האַנט, הכשרה, צוגעוואוינען פונדאַסניי צו אַ קולטורעלער שעפערישער טעטיקייט. לעבן דאָ, הייסט — אויפבויען נייע געזונטע משפחות, חתונה האָבן, דערווייטערן זיך פון עבר מיט אלע כוחות, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. לעבן — הייסט געבוירן קינדער, דערציִען קינדער, שאַפן אַן אָנהאַלט, אַן אָפּ־שפּאַר, אַ נייעם געזונטן דור. און לעבן דאָ — דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקייט, אַן איבערגאַנג, מ'מוז קוקן פאָרויס, צו דער אייביקייט, צו ארץ־ישראל. און לעבן דאָרט, אין ארץ־ישראל, הייסט — באַהעפטן זיך מיטן פאָלק, לאַנד און די יסודות פון אונדזער אייביקייט, און בויען, טאָן, שאַפן, ארבעטן פאַר זיך און פאַרן קיום פון גאַנצן פאָלק. ס'איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר אונדזער ארויפגעצוואונ־גענער לאַגערשער ליידיקגייעריי און צעשרויפטקייט, דאָס איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס אין ארץ־ישראל ווערט עס גיך פאַרשוואונדן. מיר, ארץ־ישראלדיקע, ווייסן עס זייער גוט, און איר וועט עס אויך זען. קיינער איז דאָרט ניט איבעריק, קיינער ניט. אָבער אויך דאָ, אונטערוועגס, דערווײַלע, מוז מען לעבן מיט אַ סדר, מיט אינערלעכער דיסציפּלין, מיט אויסגעהאַלטנקייט. דאָס מוז יעדערער פאַרשטיין און וויסן. צוערשט לעבן, לעבן ווי מענטשן, און דאַן, דאָס איבעריקע וועט שוין קומען.

ער איז גערעכט, האָב איך זיך געטראַכט, צוערשט לעבן און דערנאָך פילאָ־סאָפירן... און איך זע און פיל, ווי די מענטשן פון דער „אונטערוועגס־מלוכה"

ווילן לעבן, ווילן זיין ווידער ווי אלע מענטשן און רייסן זיך צום לעבן מיט אלע זייערע כוחות און חושים, מיט אַלע פיבערן פון זייערע נשמות. דער אינסטינקט, דער אינערלעכער דראַנג צום לעבן, וואָס איז אויסערגעוויינלעך שטאַרק אין זיי, לאָזט זיי ניט אָפּ אויף קיין רגע, נאָר פאַרקערט, וועקט אין זיי האָפנונג, בטחון און נייע כוחות. ס׳איז אפשר ניט גענוג קלאָר און פאַרשטענדלעך געזאָגט, אפשר איז שוין אין מיין אייגענער נשמה אָפּגעטעמפּט די שאַרפקייט פון די דאַמאָלסטיקע געדאַנקען און געפילן, נאָר דאָן, ווען איך האָב נאָך אליין געלעבט אין דער „אונטערוועגס־מלוכה", האָב איך עס אָט־ווי געפילט און פאַרצייכנט אין די געמאָסטענע שורות פון „האָפנונג" (זע זייט 307).

אויף „אומלעגאַלע" וועגן קיין ארץ־ישראל . . .

לעבן־געבליבענע יידישע קינדערלעך־יתומים וואַנדערן איבער אייראָפּע און ימים, כדי צו קומען צום סוף אַהיים, צום אייגענעם לאַנד (פאָטאָ: ג. קאַדיש, מארסעל, 1947).

באַשערטקייט

— ...די געשיכטע פון מיין ארויסרייסן זיך פון זייערע בלוטיקע הענט, פון מיין ראַטעווען זיך, — אזוי האָט דערציילט מיין פריינט גאָלדע חיטאָוויטש (און לויט איר מאַנס נאָמען, גאָלדע לאַכבערג), — דאָס איז איינער פון די טויזנטער־טויזנטער אמתע ניסים, וואָס האָבן פּאַסירט מיט יעדערן פון אונדז, פון די לעבן־געבליבענע. און איך ווייס דאָך, אז ניט חכמה און ניט גבורה און ניט קיין ברייט־פאַרטראַכטע פּלענער האָבן אונדז געקאָנט ראַטעווען פון די חיהשע ציין און נעגל. ס׳האָט געקאָנט העלפן אַמאָל געוואַגטקייט, דרייסטקייט, געשיקטקייט אין מאַנעווורירן אין דער געשאַפענער סיטואַציע, אַ ביסל מזל, אָט דאָס אַלץ צו־זאמען, וואָס מיר רופן באַשערטקייט אָדער גורלדיקייט. ס׳האָט געקאָנט אמאָל העלפן און, פאַרקערט, ס׳האָט געקאָנט אמאָל נאָך שנעלער און פיינלעכער פירן צום סוף, צום טויט... אָט אזוי איז עס טאַקע מיט מיר געווען.

...„אָנגעהויבן האָט זיך מיטן זעלבן וועג, ווי מיט אַלע קאָוונער יידן אונטער דער דייטשער הערשאַפט. פון גאַס איז געכאַפּט געוואָרן מיין מאַן, דוד לאַכבערג, פאַרשלעפּט געוואָרן אין געפענגעניש און צום סוף אומגעקומען אויפן זיבעטן פאָרט. איך מיטן קינד, אַ מיידעלע, זיינען געבליבן אַליין. מיר זיינען דערלאָפן ביז יאַנאָווע, געוואַלגערט זיך און געמאַטערט זיך אונטערוועגנס ביז מיר זיינען אויך אריינגעפאַלן אין די הענט פון די ליטווישע „שאַאוליסן" און געבראַכט געוואָרן אויפן זיבעטן פאָרט. אונדז, עטלעכע פרויען, האָט מען צום סוף אַרויס־געלאָזן פון דאָרטן. איך האָב זיך געקאָנט אומקערן צו מיין צעראַבירטער, שוין חרוב־געוואָרענער וואוינונג, נאָר דאָס פּיצל קינד האָט שוין פאַרשפּאָרט ווייטערע פּיין און מאַטערניש: עס האָט אויסגעהויכט זיין קינדישע ריינע נשמה... ווי אַ ליכטל, איז דאָס קינד אויסגעגאַנגען אויף מיינע הענט, אויסגעמאַטערט פון אונ־טערדערנערונג און בויך־טיפוס. אזוי האָב איך פאַרלאָרן מיין מיידעלע, מאַריאַשע האָט זי געהייסן.

...„איצט בין איך שוין געבליבן אין גאַנצן איינזאַם־אַליין. איך האָב זיך געטוליעט צו מיין ברודער ישראל חיטאָוויטש און זיין משפחה, זיין פרוי און צוויי דערוואַקסענע קינדער. צוזאַמען האָט מען אונדז פאַרטריבן אין קאָוונער געטאָ אריין, צוזאמען האָבן מיר געלעבט, צוזאמען געגעסן און... געהונגערט. מיין ברודער איז געווען אַ שטילער, באַשיידענער מענטש, ער איז ניט געווען פון די „כאַפּערס", „לויפערס" און „האָוועניקעס" אין געטאָ, און דעריבער איז אויף מיר (די גרויסע העלדינע וואָס איך בין!) געפאַלן די גאַנצע לאַסט פון בייטן פאַרשיידענע שטוב־זאַכן אויף עסנווארג, שלעפּן פּודיקע פּעק אויף די פּלייצעס נאָך אַ שווערן אויסמאַטערנדיקן ארבעטס־טאָג, אריינשמוגלען אין געטאָ עסנ־וואַרג און האַלטן שטענדיק שטעלן דאָס לעבן אין ריזיקע, אין טויט־געפאַר.

נאָר ס'איז מיר קיין זאַך ניט שווער געווען... כ'האָב נאָך געהאַט דעם ברודער, זיין פאַמיליע, כ'בין ניט געווען אַזוי איינזאַם־עלנט... אין יענער צייט האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז אַלע יידן אין די שטעטלעך זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, און איך האָב שוין כמעט קיין האָפנונג ניט געהאַט, אַז מיין טאַטע־מאַמע און דריי שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער אין אַבעל זאָלן נאָך לעבן.

...„ווי פינצטער און טרויעריק עס איז ניט געווען דאָס געטאָ־לעבן בכלל, איז דאָס לעבן פון אַן איינזאַמער, אַליין־שטייענדיקער פרוי געווען הונדערטער מאָל נאָך שווערער און פינצטערער. אַזאַ פרוי אָן אַ פאַמיליע איז געווען אויס־געזעצט געשיקט צו ווערן אויף שווערסטע אַרבעט אין די ערגסטע באַדינגונגען און בכלל ארויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ אין נאָך ערגערע לאַגערן. ס'איז ניט געווען, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר אַזאַ פרוי, איר פאַרטיידיקן. אַזוי איז טאַקע געווען אויך מיט מיר. נאָך דעם ווי איך בין אַ פּאָר יאָר אויסגעריסן געוואָרן ביי עבודת־פרך אויפן קאָוונער אַעראָדראָם (לופט־פּאַרט) און אַנדערשוואו, האָט מען מיך מיט אַ גרופּע פרויען אַרויסגעפירט פון קאָוונער געטאָ און פאַרשיקט אין אַרבעטס־לאַגערן, צוערשט אין קיידאַן און דערנאָך אין פּאַנעוועזש. קאָוונער געטאָ איז שוין געווען אַ גן־עדן לגבי די לאַגערן... נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? אַזוי האָט זיך חדשים־לאַנג געצויגן אונדזער ביטערער שקלאַפן־לעבן אין ליטע, ביז דעם אַכצנטן יולי 1944 זיינען מיר פון פּאַנעוועזשער לאַגער פאַר־שלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, אין דעם באַוואוסטן טויט־לאַגער שטוטהאָף, ביי דאַנציק. אין דער זעלבער צייט, ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָרן זייערע פּאָ־זיציעס איינע נאָך אַנדערע און די רוסן האָבן זיך אַלץ דערנעענטערט, איז ליק־ווידירט געוואָרן אויך קאָוונער געטאָ. מיין ברודער ישראל חייטאָוויטש מיט זיין משפחה, זיין פרוי ציליע און קינדער, זיינען געבליבן פאַרשטעקט אין אַן אונ־טערערדישער „מאַלינע" (בונקער) אין געטאָ, און זיי איז, אַזוי ווי נאָך אייניקע טויזנט פאַרשטעקטע יידן, באַשערט געווען אומצוקומען אין פייער און רויך, ווען די דייטשע, ליטווישע, לאַטווישע און אוקראַיינישע רוצחים האָבן אויפגעריסן און פאַרברענט די הייזער אין געטאָ צוזאַמען מיט די מענטשן.

...„אין שטוטהאָף האָט מען אונדז פונדאַסניי סאָרטירט און פאַרטיילט, — ווועמען צו די גאַז־קאַמערס און קרעמאַטאָריעס, וועמען צום הונגער־טויט, וועמען פאַרפייניקט צו ווערן אין די אַרבעטס־לאַגערן. איך בין נאָך געווען גענוג קרעפטיק, מיין אויסזען האָט געוויזן, אַז מ'קאָן נאָך, ווייזט אויס, אַרויסציען פון מיר אַ ביסל אַרבעטס־קראַפט, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ גרופּע פרויען צום גראָבן טראַנשייען און אונטערערדישע בונקערס. דאָס איז געווען אין געגנט פון דאַנציק. פינף הונדערט פרויען זיינען מיר דאָרט געווען. האַלב־נאַקעט זיינען מיר געווען ווינטער־צייט, אָן אונטערוועש, אָן מאַנטלען אָדער אין דינע צעריסענע

מאַנטעלעך, אין לייוונט־הילצערנע שיך, און די שניידיקע קעלטן און פראָסטיקע ווינטן ביים ברעג פון באַלטישן ים זיינען געוועזן שרעקלעך, ניט אויסצוהאַלטן... דורכגעפראָרענע, דורכגענעצטע און דורכגעווייקטע סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט אין די קאַלטע שייערן און דינע צעלטן, און דערצו נאָך הונגעריקע (אוי, ווי הונגריקע!) און געהרגעט־געשלאָגענע פון די דייטשע וואַך־פּאָסטנס און אַרבעטס־אויפזועער, זיינען מיר אַ גאַנצן ווינטער געטריבן געוואָרן צו אזא שווערער און אויסמאַטערנדיקער ארבעט. יעדע גרופּע פון זעקס פרויען האָט געמוזט דורכן טאָג אויסגראָבן אַ גראָבן פון באַשטימטן לענג, ברייט און טיף, אויסגלייכן די ווענט, פונאַנדערשיטן די ערד, און אַך־און־ווי איז געוועזן צו די יעניקע, וואָס האָבן עס ניט געקאָנט אָדער ניט באַוויזן צו טאָן!... ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען דאָן געמוזט בלייבן און ארבעטן מיט די לעצטע כוחות, און מערדערלעכע קלעפּ און שמיץ פלעגן זיך שיטן פון אלע זייטן, ביז מען פלעגט פאַלן געחלשט, האַלב־טויט... מיט די לעצטע כוחות, ביז צוזאַמענבּרעכן, פלעג איך זיך אָנשטרענגען צו ארבעטן, כדי ניט אָפּצושטיין און ניט כאַפּן קיין איבעריקע קלעפּ, און... כ'ווייס אליין ניט, כ'קאָן גאָר איצט ניט באַגרייפן, פון וואַנען עס האָבן זיך דאַן גענומען ביי מיר כוחות דאָס אַלץ אריבערצוטראָגן. און אַ סך פרויען האָבן טאַקע ניט אויסגעהאַלטן, — דאָרט זיינען זיי אויף אייביק געבליבן, אויסגעגאַנגענע פון הונגער, קעלט, שוואַכקייט אָדער געפאַלענע פון א קויל צי פון מכות־רצח.

„...מיר האָבן טאָג־טעגלעך געהערט אָפטע שיסערייען פון די פראָנט־ליניעס, די רוסן דערנענטערן זיך, און אונדז נעמט מען טרייבן אַלץ ווייטער און ווייטער, אַלץ טיפער אין דייטשלאַנד. ס'איז ניטאָ קיין ווערטער צו באַשרייבן די האַרצ־לאָזיקייט, די אכזריות פון די דייטשע אָנטרייבער. מ'יאָגט אונדז צו 25־30 קילאָ־מעטער אַ טאָג. אונדזערע כוחות שעפּן זיך אויס. אונטערוועגס שטייען־אָפּ צענד־ליקער־צענדליקער פון די פרויען. זיי ווערן גלייך אויפן אָרט דערשאָסן אָדער צוזאַמענגענומען ווי מיסט און אוועקגעפירט אין די אזוי־גערופענע „טויט־סאַ־נאַטאָריעס" (טויט־לאַגערן), וואו עס ווערט זיי געמאַכט סם־איינשפריצונגען. פון אונדזער גרופּע פון פינף הונדערט זיינען געבליבן ניט מער ווי 100־120 פרויען. אונדזערע ברויט־שטיקלעך ענדיקן זיך. קיין עסן קריגן מיר ניט. מיר קלייבן אויף וואָס נאָר עס מאַכט זיך אויפן וועג און גערטנער, — פאַרפראָרענע און פאַרפוילטע בורעקעס, קרויט, קאַרטאָפל, — און מיר עסן. פיל פון אונדז פאַלן פון שוואַכקייט און קראַנקייט. איך פיל, אז איך וועל אויך ניט לאַנג אויסהאַלטן... איך זע שוין דעם סוף, ווי איך בלייב ליגן אָן כוחות אויפן וועג, ווי איך ווער דערשאָסן פון די מערדער אָדער אוועקגעפירט אין אַ טויט־לאַגער... און אזא שאַרפער געפיל, אזא שטאַרקער געדראַנג צום לעבן צאַפּלט אויף אין האַרצן! עס ווילט זיך נאָך לעבן, עס ווילט זיך נאָך זען די פרייהייט, כאָטש אויף אַ ווײַלע אָנקוקן דעם צוזאַמענבראָך, די ענדגילטיקע מפּלה, וואָס רוקט זיך אויף

אונדזערע הארצלאָזע שונאים און וואָס איז שוין אזוי נאָענט, אזוי נאָענט... אַן אומבאַגרייפלעכע דרייסטקייט און געוואַגטקייט וועקט זיך פּלוצלונג אויף אין מיר. איך ריידאָפּ מיט מיין חברטע העניע אַלספּין, און מיר באַשליסן ביידע צו אַנטלויפן. אַנטלויפן, ארויסרייסן זיך פון די מערדערשע הענט, פּרובירן זיך ראַטעווען, ניט וואַרטן ביז ס'וועט שוין קיין כוחות ניט זיין!...

..."ווי מיר הערן, טרייבט מען אונדז צו אַ געוויסן אָרט, וואָס הייסט פּראַאוסט. דאָרט, זאָגט מען, איז אַ גרויסער פאַרניכטונגס־לאַגער, און אַהין טרייבט מען איצט צוזאמען אלע געבליבענע יידן פון דער געגנט. מיר, איך מיט מיין חברטע, באַשליסן מער ניט צו וואַרטן. מען טרייבט אונדז אריין באַנאַכט אין אַ שייער צום נעכטיקן, און דאַן, ווען עס ווערט שוין שטיל און די וועכטער קערן זיך אָפּ אַ ביסל, שלייכן מיר זיך ארויס, ווי צוויי שאָטנס, פון שייער און פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש. מיר לויפן און בלאָנדזשענען אַ גאַנצע נאַכט; אויף יעדן טריט דאַכט זיך, אז מ'יאָגט זיך נאָך אונדז, מ'כאַפּט אונדז, מ'שיסט אונדז, ביז מיר געפינען אַן אָפענעם שייער און באהאלטן זיך דאָרטן. אין שרעק און הארץ־קלאַפּעניש בלייבן מיר ליגן אין שייער צוויי טעג ביז... דער הונגער, אָ, דער שרעקלעכער גרויזאַמער הונגער, טרייבט אונדז ארויס צו זוכן אַ שטיקל ברויט. מיר נעמען זיך אַן מיט מוט, רייבן אָפּ אויף וויפיל עס לאָזט זיך די "יידישע" צייכנס פון אונדזערע קליידער, פאַרדעקן די סימנים מיט אונדזערע טיכלעך און לאָזן זיך גיין צו דייטשע פּויערים־הייזער. קורץ גערעדט, אַזוי שלעפּן מיר זיך ארום אַ פּאָר וואָכן, ארבעטן ביי די פּויערים די שווערסטע ארבעט און קריגן דערפאַר עטוואָס אָפּצועסן, נאָר מ'לאָזט אונדז ערגעץ ניט איבערנעכטיקן, — מיר האָבן ניט צו וויזן קיינע דאָקומענטן, און אונדזערע קליידער און אויסזען זיינען עפּעס צו פאַרדעכטיק... אין שניי, קעלט און ווינט בלייבן מיר נעכטיקן אינדרויסן, ווי הינט... ערגער פון הינט... צום סוף שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ גרופּע דייטשע סאָלדאַטן, זיי נעמען אונדז אויספרעגן ווער און וואָס מיר זיינען, און עס פעלט ניט פיל, אז זיי זאָלן אונדז איבערגעבן צו דער געסטאַפּאָ. צום גליק, שיכור'ן זיי זיך אָן, און דאַן, מיט ניסים, געלינגט אונדז אַרויסצודרייען זיך פון זייערע הענט און אַנטלויפן.

..."אונדזער פאַרצווייפלונג האָט איצט דערגרייכט ביז צום העכסטן פּונקט. מיר האָבן זיך ניט וואו אַהינצוטאָן. מיר ווערן געזוכט, פאַרפאָלגט. אַרום און ארום זיינען שונאים און האַרצלאָזיקייט. ניטאָ קיין ברעקל הילף, קיין מיטלייד. וואוהין גייט מען? וואו טוט מען זיך אַהין? אין אזא מאָמענט פון אויסגאַנגלאָזיקייט האָבן מיר זיך באַשלאָסן אויף אַ געוואַגטן טריט, — אַ טריט, פאַר וואָס מיר קאָנען באצאָלן מיט די לעבנס מאָמענטאַל, אָדער... אפשר זיך ראַטעווען. מיר האָבן אלץ, דאָס לעצטע, געשטעלט אין קאָן.

...„מיר האָבן זיך דערשלעפּט ביז דער נאָענטסטער שטאָט, שענעק הייסט עס, אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער פון דאַנציק, אויפגעזוכט דעם בירגערמייסטער (שטאָט־מעיאָר) און זיין וואוינונג, און אין אַ געמאַכט־צעבראָכענער דייטשער שפּראַך האָב איך אים דערציילט, אַז איך און אָט מיין חברטע זיינען ליטווישע פרויען, ארויסגעפירט פון ליטע אין דייטשלאַנד אויף ארבעט... מיר האָבן ביז ניט לאַנג געאַרבעט אויף אַ דייטשן פּויערים־הויף, אָט דאָרט וואו עס קומען איצט פּאָר די גרויסע שלאַכטן... אין דער צייט פון באָמבאַרדירונג איז אונדזער בעל־הבית דערהרגעט געוואָרן, דאָס הויז מיט אַלץ צוזאַמען און מיט אונדזערע דאָקומענטן איז פאַרברענט געוואָרן, מיר זיינען קוים לעבעדיקע אַנט־לאָפן פון יענע ערטער און פון די רוסן, און איצט האָבן מיר זיך ניט וואו אַהינ־צוטאָן... מיר ווילן בלייבן דאָ, אין שענעק, מיר האָבן קיין כוח ניט וויטער צו לויפן, און מיר ווילן קריגן פון דעם הער בירגערמייסטער צייטווייליקע דאָקו־מענטן, ברויט־קאַרטעס, אַ פּלאַץ צום שלאָפן און אויך אַרבעט... יאָ, מיר הייסן... איך הייס יאַדוויגאַ סטאַנקעוויטש, און מיין חברטע... זי הייסט העלענאַ מאַיעווסקי... יאָ, מיר זיינען ליטווינקעס, פון קאָוונער געגנט... שוין איבער אַ יאָר אין דייטשלאַנד...

...„איך ווייס ניט, צי איז אונדז דאַן בייגעשטאַנען זכות אבות צי האָט אונדז גאָטס אַ מלאך געפירט אויף דעם וועג, אָדער צוליב דער נאַטירלעכקייט, וואָס טויזנטער־טויזנטער דייטשן און זייערע ארבעטער, אָפּשטאַמיקע פון פאַרשיידענע לענדער, זיינען דאַן געלאָפן פון די רוסן אַלץ טיפער אין דייטשלאַנד און האָבן זיך געווענדעט מיט אזוינע ענינים צום בירגערמייסטער, — דער נס איז געווען, וואָס אָן לאַנגע שאלות ומענות האָט מען אונדז אויסגעשריבן „טייערע" פּאַפּירלעך מיט אזוינע כשרע, ניט־יידישע נעמען און אונדז געגעבן ארבעט און עסן אין אַ כשרן דייטשן האָספּיטאַל. איך האָב צוערשט ניט געגלויבט מיינע אויגן און אויערן, נאָר ווייזט אויס ס'איז דאָך ניט קיין חלום: אָט קריג איך גענוג ברויט און נאָך וואָס דערצו צום עסן, אָט ארבעט איך אין האָספּיטאַל אַלע שוואַרץ־ארבעט צוזאַמען מיט א פּאָר צענדליק פאַרשלעפּטע רוסישע פרויען, און אָט האָב איך אַ ווינקעלע אין לאַגער פון א טויזנט אויסלענדישע ארבעטער־שקלאַפן (ניט יידן, חס־וחלילה!), וועמען מ'שיסט ניט אויס, — דאָס זיינען רוסן, פּאָליאַקן, ליטווינער. אזא גליק! נאָר אָט דערציילט מיר צופעליק מיין רוסישע פריינדין, אז דאָ, ניט לאַנג האָט מען דערקענט אַ פאַרשטעלטע יידישע פרוי אין לאַגער און די דייטשן האָבן איר גלייך ארויסגעפירט און דערשאָסן... אַ שוידער גייט מיר דורך איבערן לייב, עס ווינט און קלאַגט אין מיר דאָס האַרץ, נאָר איך בלייב אויסערלעך קאַלט און רואיק און שפּיל ווייטער די ראָלע פון אַ ליטווינקע יאַדוויגאַ, וואָס קאָן קוים עטלעכע צעבראָכענע דייטשע ווערטער... אזוי צייט

זיך עטלעכע חדשים, און יעדער טאָג האָט מיר אויסגעקוקט ווי אַן אייביקייט אין מיין שווערער, צוויפלהאַפטער ראָלע.

— „נאָר אויסהאַלטן, אויסהאַלטן! — פלעג איך זעלטן־ווען, בגניבה, זיך דורכוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט מיין חברטע העניע, — נאָר בלייבן רואיק, מיט שטאַרקע נערוון און מיט אַ געזונטן קאָפּ!... נאָר ניט אויסגליטשן זיך, ניט אַריינפאַלן צופעליק מיט אַ וואָרט, מיט אַ זשעסט!...

...„מיטאָמאָל, אין מיטן דער נאַכט, ווערט אונדזער לאַגער אויפגעוועקט, און מיר קריגן אַ באַפעל זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. דער איוואַן (דאָס הייסט, די רוסן), זאָגט מען אונדז, איז זייער נאָענט, און מען מוז פון דאַנען וואָס גיכער אַפּציען. מען טרייבט אונדז איבער פערציק קילאָמעטער, און אונטערוועגס אַנט־לויפן מיר ווידער, — דאָס מאָל איך און העניע מיט דריי רוסישע, אונדזערע באַפריינדעטע פרויען. איך, „יאַדוויגאַ, די דייטש־קענערקע", ווער די פאַקטישע פירערקע פון דער גרופּע, און איך ווייס אליין ניט פון וואַנען און מיר האָבן זיך דאַן גענומען אויסערגעוויינלעכע כוחות, מוט און „פירערישע" פעאיקייטן. מיר אַנטלויפן ניט פון די רוסן, נאָר פאַרקערט, מיר ווילן אַנטלויפן פון די דייטשן, און איך פיר מיין גרופּע אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, צו די רוסן. צום סוף קומען מיר צו א דאָרף און אַ רייכן פּריצישן הויף, וואָס הייסט פידלין, אַ פופצן קילאָמעטער פון דאַנציק. ווייטער גיין קאָן מען ניט, — די גאַנצע גרויסע אומגעגנט איז אַרומגערינגלט און איינגעקעסלט פון דער רוסישער אַרמיי, און דאָ גייט אָן אַן אומאויפהערלעכע בלוטיקע שלאַכט צווישן די רוסן און די דייטשן. אָן אויפהער פליען קוילן איבער אונדזערע קעפּ, גראַנאַטעס און באָמבעס רייסן־אויף אויף יעדן טריט, און מיר קומען שיעור ניט אום אין דער שרעקלעכער פייער־אַטאַקע. צום גליק געפינען מיר אַן אָפענעם קעלער אין דעם פאַרלאָזענעם, האַלב חרובן פּריצישן הויף, און מיר קריכן דאָרט אריין. דאָס דאָרף און הייפל זיינען פול מיט ביטער קעמפנדיקע דייטשע סאָלדאַטן; מיטאָמאָל, נאָך אַ גוואַלטיקן פייער־שטורעם, רייסן זיך אריין די רוסן; זיי ווערן צוריק ארויסגע־שטויסן, און אזוי דריי מאָל גייט איבער דער אָרט פון האַנט צו האַנט.

...„מיר ליגן פאַרשטעקט אונטערן הויז אין קעלער צוזאַמען מיט פיל דאָר־טיקע איינוואוינער. מיטאָמאָל דערפילן מיר, אז דאָס הויז און קעלער זיינען אין פלאַמען. שטיקער ברענענדיקע האָלץ פאַלן פון אויבן, עס ברענט די טיר, ס'ווערט פול מיט רויך, ס'איז דערשטיקט צו ווערן... מיר וואַרפן זיך צו דעם איינציקן ארויסגאַנג, צו די קליינעקע קעלער־פענצטערלעך. מיר געלינגט ארויסצוקריכן. אין טומל און פּאַניק פאַרליר איך מיין חברטע העניע. איך זוך זי, איך רוף, — זי איז ניטאָ. און דאָ, דער קוילן־האָגל און קאַנאָנען־פייער, — עס הערט ניט אויף קיין סעקונדע... ניטאָ מער העניע, טראַכט איך, דערהרגעט

געוואָרן, פאַרברענט געוואָרן, דערשטיקט געוואָרן אין קעלער אזוי ווי אנדערע, ניט באַוויזן ארויסצוקריכן... איך בלייב מיט צוויי פון מיינע רוסישע פריינדינס. מיר באַהאַלטן זיך אין אַן ערד־לאָך, אַ מין בונקער. און ארום אונדז ברענט און קנאַלט, עס האָגלט מיט קוילן און שפּליטערס פון באָמבעס, און איך, אַן איינ־זאַמע יידישקע, בין נאָך אַלץ אין די נעגל פון די חיות, פון די דייטשע סאָלדאַטן און „עס. עס.״־לייט.

...„וואָס איז דאָ פיל צו ריידן! איך קאָן ניט איבערגעבן מיט ווערטער, און אַ זייטיקער, וואָס האָט עס ניט דורכגעמאכט, קאָן גאָרניט פילן און ניט באַגרייפן דאָס, וואָס איך האָב דאַן איבערגעלעבט אין די עטלעכע לעצטע און שרעקלעכסטע טעג, ווי לאנג די דייטשן האָבן נאָך באַהערשט דעם אָרט. אונדז, אויסלענדער, טרייבט מען ווידער אויף אַרבעט, — ראַמען און קאָכן פאַר די דייטשע סאָלדאַטן. נאָר איך פיל, אז זייערע שעה'ן זיינען געציילטע, ניט לאַנג וועלן זיי נאָך דאָ באַלעבאַטעווען. און אזוי איז טאַקע געווען. פון אָונט, ווען מיר האָבן צוגעגרייט אָונטבעריט און געבאַקן לאַטקעס פאַר די אָפיצערן, האָבן די רוסן באַנייט זייער אָפענסיווע, זיי האָבן דורכגעפירט אַ געוואַגטע שטורמישע אַטאַקע, און אין א ווײַלע ארום זיינען שוין די דייטשן געלאָפן אָן קעפּ, צעטומלטע און צעשראָקענע, און האָבן שוין פארשפּאָרט צו עסן זייערע לאַטקעס... אָבער אויך אונדז האָבן זיי געצוואונגען צו לויפן, זיך ראַטעווען פון דעם איוואַן (פון די רוסן), נאָר מיר, איך און מיינע רוסישע פריינדינס, גנבענען זיך אָפּ פון זיי אין לעצטן מאָמענט און פאַרשווינדן. מיר הערן פון ווייטן, זיי רופן אונדז, שרייען, דראָען אונדז צו כאַפּן און דערשיסן, נאָר מיר ליגן שוין באַהאַלטן אין אַ שטאַל, אונטער שטרוי און מיסט, און ציטערן, אַז זיי זאָלן אונדז טאַקע ניט געפינען אין לעצטן מאָמענט און דערשיסן.

...„אזוי זיינען מיר אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאכט אין שרעק און צווייפל, אונטערן דירעקטן פייער סיי פון די רוסישע און סיי פון דייטשע קאַנאָנען און ניט וויסנדיק, ווער ס'באַהערשט איצט דעם אָרט, צי די רוסן אָדער נאָך אַלץ די דייטשן. איינ־דערפרי, נאָך אזא לאַנגער און רוישיקער קאַנאָנאַדע, ווערט טויט־שטיל, און די שטילקייט וואַרפט אָן אויף אונדז אַ נייע מורא. מיר ווייסן ניט, וואָס דאָס באַדייט, מיר שרעקן זיך אויסצושטעקן די נעזער און אַ קוק צו געבן, — טאָמער פאַלן מיר ווידער אַריין אין די הענט פון די מערדער, די דייטשן. נאָר מיטאָמאָל דערגייט צו אונדזערע אויערן אַ ווייטער אויסגעשריי אין רוסיש: — וויכאָדיטע, וויכאָדיטע! ניע באָיטעס! (גייט אַרויס, גייט ארויס! שרעקט זיך ניט!). — מיר און נאָך צענדליקער צו אונדז שפּרינגען ארויס פון די באַהעלטענישן, מיר ווערן אַרומגערינגלט פון רוסישע סאָלדאַטן, און... מיר זיינען שוין באַפרייטע, נאָך פיר יאָר שקלאַפעריי, פּייניקונג און שחיטות, מיר זיינען שוין מער ניט אין

די מערדער־הענט. בין איך איינע פון די גליקלעכע, הייסט עס, — דערלעבט די פרייהייט, דערלעבט צו זען די מפלה פון דעם דייטשן מערדער־פאָלק, פון אונדזערע פאַרניכטער... דעם 18־טן מערץ 1945 איז דאָס געווען.

...„נו, וואָס איז מערער צו דערציילן? איך האָב זיך געריסן מיט אַלע כוחות און וואָס גיכער אַהיים, אין ליטע, איך האָב נאָך געהאָפט, אפשר דאָך... אפשר האָט דאָך פּאַסירט אַ נס, אפשר איז ווער לעבן־געבליבן פון מיין משפחה, פון די אייגענע. און אָט בין איך ווידער אין מיין היימלאַנד, אין מיין געבורט־שטעטל אַבעל, אין דערבייאיקער שטאָט ראָקישאָק, איך פרעג זיך נאָך, איך זוך, נאָר — אומזיסטע האָפנונגען... ניטאָ קיינער, ניטאָ, ניטאָ!... ניטאָ דאָרט קיין ייִדן, אַלע זיינען טויט, פאַרניכטעט... און דאָרט, ערגעץ־וואו אין די מאַסן־קברים ביי ראָקישאָק, צעוואָרפן, אָן מענטשלעכער קבורה, רוען אויך מיין טאַטע און מאַמע, יהשע און איטע־לאה חייטאָוויטש, מיינע שוועסטער חיה, חנה און העניע מיט זייערע מענער און קינדערלעך, און נאָך און נאָך אייגענע, קרובים און פריינט. נו, און וואָס זאָל איך, די איינציקע לעבן־געבליבענע פון דער משפחה, דאָרטן טאָן, אויף די קברים, אויפן ייִדישן בית־עולם? קאָן איך דאָרטן לעבן, ווייטער בלייבן? האָב איך זיך גוט אויסגעוויינט אויף דעם גרויסן קבר־אבות און בין ווייטער געלאָפן. און אָט — איך לויף, איך האַלט נאָך אַלץ אין לויפן...״

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי האָט דערציילט גאָלדע חייטאָוויטש, אַן אָפּשטאַמיקע פון אַבעל, ליטע. זי, ווי אירע אומגעקומענע משפּחה־מיטגלידער, זיינען געווען מיינע גוטע באַקאַנטע פון אַמאָל. זי איז געבליבן איינע אַליין פון איר גרויסער פאַרצווייגטער משפחה, אזוי ווי איך... אויף אַ באַגעגעניש פון קאָוונער שארית הפליטה האָבן מיר זיך געטראָפן, — אזוי איז באַשערט געווען. מיר האָבן חתונה געהאַט. זי איז איצט מיין פרוי. זי איז די מוטער פון אונדזער ניי־געבאָרענעם קינד.

יהושע הייסט דאָס קינד. יהושע, — אזוי האָט געהייסן זיין זיידע, דער תלמיד־חכם און משכיל, דער אומגעקומענער אויף קידוש־השם, דאָרט, אויפן וועג, צווישן אַבעל און ראָקישאָק, אין ליטע, — און אזוי הייסט זיין אייניקל, דער געבאָרענער נאָכן אומקום פון די פאַרניכטעטע דורות, דער טרעגער און פאַרזעצער פון נייע אויפקומענדיקע ייִדישע דורות. יהושע, — גאָטס הילף באַטייט עס... זאָל אויפוואַקסן דאָס קינד, זאָל עס זיין אַ געזונטער, ערלעכער מענטש, אַ פיינער מענטש און גוטער ייִד, ניט ערגער ווי זיין זיידע, דער קדוש נאָך וועמען ער הייסט, — איינער פון די פיל־צאָליקע ייִדישע קדושים וטהורים.

האָפנונג

אַ מאַן אין די וועלדער אַנטלאָפן,
אַ פרוי אויך דערלעבט ביז דער פרייהייט, —
זיי האָבן זיך ביידע געטראָפען
צום בויען אַ לעבן אַ נייעם.

צוויי איינצלנע, איינזאַמע רעשטלעך
פון דורות, אין בלוטן פאַרשוואומען,
פון גרויסע משפחות געטויטע
זיי איינצלנע זיינען אַנטרונען.

קיין היים מער, קיין דאַך און קיין באָדן...
זיי לעבן אין לאַגער פון פליטים,
וואו טויזנטער רעשטלעך נאָך שמאַכטן
פון פאָלק דעם צעזייטן, צעשפּרייטן.

פון הינטן — נאָר קברים און חורבן,
פאָרויס — ניט קיין זיכערער מאָרגן, —
אַ לעבן אין גאַנג, אונטערוועגנס,
אין צופאַל און צווייפל פאַרבאָרגן.

דאָס איינציקס, וואָס זיי נאָך פאַרמעגן, —
(אַ קראַפט, וואָס איז אויך אונדזער נחת)
איז האָפנונג און ברויזונג מיט לעבן,
יאָ, לעבן, די פיינט צו להכעיס!

צום לעבן דער דראַנג און בטחון, —
די כוחות פון גייסטיקן גיבור,
די כוחות פון פאָלק, וואָס לעבט אייביק,
פון פאָלק, וואָס לעבט אַלצדינג אַריבער.

קיין אייגענער ווינקל, קיין טישל...
אין פרעמדשאַפט, אויף האָפנונג־יסודות
דאָס לעבן צעשטערטע באַנייט ווערט
דורך זיי, פון דעם אומקום די עדות.

זיי האָבן אַ קינד דאָרט געבאָרן
אין לאַגער פון שארית הפליטה, —
אַ גרונטשטיין פאַר דורות, וואָס קומען,
און אָנדענק נאָך דורות געטויטע.

עס וואַקסט און טראָגט האָפנונג דאָס קינד דאָרט, —
אַ גליד אין דער קייט פון צוויי וועלטן:
אַ וועלט, וואָס איז נאָר־וואָס פאַרשוואונדן,
און צווייטע, וואָס גייט אויפגעשטעלט זיין.



יהושע

ס׳באַגלייטן זיי שאָטנס פון עבר,
נאָך וויטיקט דער זכר פון אומקום, —
נאָר ס׳רופט שוין דאָס לעבן דאָס נייע,
עס מאָנט שוין דער קיום, די צוקונפט.

נאָך פריש זיינען וואונדן די טיפע,
די קולות פון חורבן נאָך קלינגען, —
נאָר ס׳וואַקסט שוין אַ נייע משפחה,
אין קייט פון ירושות אַ רינגל.

דאָס זיינען מיר אַלע, — די רעשטלעך, —
„די. פּי." — אויסגעוואָרצלט, פאַרטריבן, —
מיר בויען אַ צוקונפט אויף האָפנונג,
דאָס איינציקס, וואָס אונדז איז געבליבן.

(געשריבן אין פּליטים־לאַגער בערגען־בעלזען, דייטשלאַנד,
זומער 1946).

קינדער

ווער איז ער — „אַ מאַן אין די וועלדער אַנטלאָפן?"
ווער איז זי — „אַ פרוי אויך דערלעבט ביז דער פרייהייט?"

ווער זיינען זיי די — „איינצלנע איינזאַמע רעשטלעך... פון גרויסע משפחות געטויטע?"

ווער זיינען זיי, אָט די אלע, וועגן וועמען עס רעדט זיך אין די געמאָסטענע שורות פון דער לאַגער־פּאָעמע?

דאָס איז ער, דאָס איז זי, דאָס בין איך, דאָס איז מיין פריינט — מיין פרוי, — דאָס זיינען די אַלע לעבן־געבליבענע, ווי פאַרוואַלגערטע, אָפּגעשפּליטערטע שטיקלעך און שפּענדלעך, ווי פאַרשמאַכטע און פאַרדאַרטע דערנער און צווייגלעך פון דעם אונטערגעהאַקטן יידישן בוים. דאָס זיינען די איינצלנע, איינזאַמע רעשטלעך, וואָס האָבן זיך צופעליק געראַטעוועט פון די געטאָס, טויט־לאַגערן, שחיטות, „אַקציעס, גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס און סתם „ברען־אויוונס", פון אונטערגעצונדענע הייזער, פון אויפגעריסענע בונקערס, פון הונגער־טויט, פון קעלט, פון טיפוס, קרעץ און אנדערע קראַנקייטן, פון „מעדיצינישע עקספּערי־מענטן" פון שנעלן טויט, פון לאַנגזאַמע פּארפּייניקונגען, פון א קויל צי אַ גראַנאַטע אין וואַלד, פון ארומרינגלונגען אין די וועלדער, פון די הענט פון מערדער־באַטאַליאָנען דייטשע, אוקראַאינישע, ווייסרוסישע, פוילישע, ליטווישע, לאַטווישע, עסטאַנישע, רומענישע, „וולאַסאָווצעס", „שמאַלצאַווניקעס" און — פון וועמען און פון וואָס ניט?!...

די איינצלנע איינזאַמע רעשטלעך — וואו א מאַן, וועמענס פרוי וועט זיך שוין ניט אומקערן פון די בלוטיקע מאַסן־גריבער, וואו אַ פרוי, וועמענס מאַן איז אוועקגעריסן געוואָרן אויף אייביק, וואו אַ פאַראיינזאַמטער טאַטע, וואו אַ פאַרעלנטע מאַמע, וועמענס קינדער זיינען אַוועק מיט די וועגן פון די זעקס מיליאָן איבעריקע קדושים, וואו אַ פאַרוואָגלט קינד, אַ יינגל, אַ מיידל, א יתום, צופעליק געבליבענע אויף הפקר, אָן טאַטע, אָן מאַמע, אָן קרוב, אָן פריינט; וואו אַ צוריקגעקומענער פון די וועלדער, וואו א צוריקגעקערטער פון רוסלאַנד, וואו אַ לעבן־געבליבענער פון אַ טויט־לאַגער, וואָס האָט נאָך געהאָפט, געמיינט עפּעס־וועמען צו געפינען פון דער אייגענער משפחה, און — דער נס האָט ניט פּאַסירט: קיינער לעבט ניט מער... אָט דאָס זיינען זיי, — די איינצלנע, איינזאַמע רעשטלעך.

זיכער ווילן זיי לעבן און בויען, די איינזאַמע, איינצלנע רעשטלעך, זיי גייען אויפשטעלן נייע משפחות, זיי האָבן חתונה. האָבן חתונה מיטל־יאָריקע איינזאַם־געבליבענע מענטשן, וואָס ווילן זיך באַפרייען פון איינזאַמקייט און פוסטקייט, פון די שרעקלעכע טויט־געשפּענסטן, ווילן ווידער בויען אַ היים, א משפחה,

און ווידער פול־מאַכן דאָס אויסגעליידיקטע לעבן. האָבן חתונה יונגע מענטשן, וואָס ווילן פאַרענדיקן זייער ביז־איצטיקן צעשרויפטן, צערודערטן הפקר־לעבן און ווילן געפינען אַ ביסל פריידן און צערטלעכקייט אין דעם געשאַפענעם קרייז פון מאַן־ווייב־קינד־היים. דער טיפסטער און שטאַרקסטער אינסטינקט אין מענטשן, דער לעבנס־אינסטינקט, טרייבט זיי חתונה האָבן, די איינזאַמע איינצלנע רעשטלעך אין די פּליטים־לאַגערן, טרייבט זיי אַנהויבן אַ לעבן פונדאָסניי, בויען אַ נייע משפּחה, און — פאַרשטעלן, פאַרטרייבן די שאָטנס פון בלוטיקן נעכטן.

...זיי שאַפן אַ נייע משפּחה, — אין קייט פון ירושות אַ רינגל...

אָ, די עלנטע שטילע חתונה־צערעמאָניעס אין אַ לאַגער־זאַל, אין אַ „דזשאָינט"־געביידע צי אין אַ רב'ס צימער, וואו דער גאַנצער לאַגער איז צו־גלייך מחותן און אונטערפירער, וואו דער רב איז מסדר קידושין און טאַטע, און וואו דער חורבן פון עבר שפּילט די חתונה־מוזיק, — וויפיל מענטשלעכער טראַגיזם עס ליגט אין דעם און גלייכצייטיק וויפיל טרייסט, זין און כוח! באַ־גרייפט איר עס? זייט איר געווען אויף אַזעלכע חתונות?

און קינדער ווערן געבאָרן, נייע יידישע קינדער... צענדליקער, הונדערטער און אפשר טויזנטער פרישע און געזונטע יידישע קינדער אין די פּליטים־לאַגערן, אין „פּריוואַטע" וואוינונגען פון די וואַנדערנדיקע רעשטלעך, אויף די שיפן מיט די „אומלעגאַלע" ארץ־ישראלדיקע עולים, אין די פאַרשפּאַרונג־לאַגערן פון ציפּרוס און אויף דעם גאַנצן לאַנגן און ברייטן „אונטערוועגס" און נע־ונד. און ווען עס ווערן קינדער געבאָרן, און וואו עס ווערן קינדער געהאָדעוועט, דאַן און דאָרט איז ווידער דאָ פריידע, און האָפנונג, און יסודות פאַר אַ ווייטערדיקן קיום.

וואָס מער קאָן דערוואַרעמען און דערמונטערן די אויסגעפייניקטע נשמות פון די רעשטלעך, — אויב ניט אַ קינד?

און וואָס נאָך קאָן פונדאָסניי באַהויכן מיט ליכט און פרייד זייערע הערצער, — אויב ניט דאָס לאַכן פון אַ קינד?

און וואָס נאָך קאָן זיי צובינדן ווידער צום אונטערגעהאַקטן לעבן, אַריינבלאָזן אַ נייעם רוח־חיים אין זיי — אויב ניט דאָס האָדעווען אַ ניי־געבאָרן קינד?

איך האָב געזען אין די לאַגערן, מיט וואָס פאַר אַ ווייטעקדיק־אויסגע־בענקטער ליבשאַפט אַלט־יונגע מאַמעס ניאַנטשן זייערע ניי־געבאָרענע עופעלעך... און האָב געזען אין די לאַגערשע קינדער־היימען און אין משפּחה־קרייזן, ווי צאַרט און איבערגעבן עלנטע קינדערלעך־יתומים ווערן געהאָדעוועט פון עלנטע מאַמעס, וועמענס אייגענע קינדער זיינען אוועק אין דער אייביקייט... מ'דאַרף עס זען און פילן, כדי צו באַגרייפן.

אומגעבראַכט זיינען געוואָרן זעקס מיליאָן יידן, אַ גוטער דריטל פון פאָלק, און אונטערגעהאַקט זיינען געוואָרן דער שטאַם און וואָרצלען פון מיליאָנען

יידישע משפחות, נאָר... „עס רופט שוין דאָס לעבן דאָס נייע, עס מאָנט שוין דער קיום, די צוקונפט...״

און טויזנטער נייע משפחות, און אויך איך און פרוי און אונדזער קינד, — אונדזער נייע משפּחה, — און יעדע אַנדערע, אַרויסגעשפּראָצטע פון בלוטיקן חורבן, זיינען עס דאָס „גליד אין דער קייט פון צוויי וועלטן...״ און „אין קייט פון ירושות אַ רינגל...״

און זיין קינד, און איר קינד, און אונדזער קינד, און טויזנטער קינדער פון דער שארית הפליטה זיינען עס דער „...גרונטשטיין פון דורות, וואָס קומען״ און דער „אָנדענק נאָך דורות געטויטע...״

און בלומען בליען ווידער . . .
געראַטעוועטע יידישע קינדערלעך אין די פּליטים־לאַגערן.

גבורה

און אָט זע איך פאַר מיינע אויגן, ממשות׳דיק, דעם יידישן בטחון, די יידישע אומאויסשעפּלעכע כוחות, די עקשנות פון דער יידישער אייביקייט...

איך גיי אַזוי אַ זומער - פאַרנאַכט איבער די גאַסן פון גרויסן בערגען־בעלזענער פּליטים־לאַגער. ארום — דאָס געוויינלעך, טאָג־טעגלעך בילד: שטיינערנע, צוויי־שטאָקיקע, פאַר מיליטער געבויטע בלאָקן־הייזער, וואו אין די צימערן און צימערלעך לעבן איצט אין ענגשאַפט די אויסגעוואָרצלטע וואַנדערנדיקע יידן,—איינזאַמע מענטשן, פאַמיליע־מענטשן, קיבוץ־מענטשן און אַלערליי מענטשן פון דער שארית הפלטה.

אויף די גאַסן און אין די אַריינגעגנג שטייען מענטשן הייפלעכווייז, און מ'רעדט, מ'דערציילט, מ'הערט נייעס, מ'האַנדלט. מענטשן דרייען זיך אַרום אויף די גאַסן פאַרשמייעט און פאַרהאַוועט, טראָגן טעפּלעך מיט עסנוואַרג, שלעפּן פּעקלעך, קלייבן זיך צום פאָרן, פאַרטאָן קלומערשט אין געשעפטן, און אַנדערע שפּאַצירן זיך רואיק און זאָרגלאָז, אַנדערע אַרבעטן ביי אָפענע פענסטער אין זייער אַלטן פאַך צי אין נייע מלאכות, און אַנדערע ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן — זיי רוען און „קלייבן געזונט".

קינדער יאָגן זיך אַרום מיט הינטלעך, ספּאָרט־לייט קערן זיך אום פון אַ פוסבאָל־מאַטש, ס'קלינגען הילכיקע פרויען־שטימען, און יוגנט לאַכט, וואַרפט זיך מיט ווערטלעך, שפּילט מיט די הענט און אויגן. פון אַ פענסטער דערטראָגט זיך אַ געזאַנג, אַ ריידעניש, אַ געלעכטער, — אַ יוגנטלעכער קיבוץ (צוזאַמענלעבונג) האָט דאָרט אַ פאַרזאַמלונג.

און אָט לויפן אָן אַ פּאָר לאַסט־אויטאָס, שטעלן זיך אָפּ ביי יעדן בלאָק און וואַרפן אַרויס אויפן זייט־וועגל ברויט, בלעך־פּושקעס, פּאַפּירענע קעסטלעך, — דאָס זיינען די פּאַרציעס עסנוואַרג, וואָס יעדער בלאָק־עלטסטער דאַרף צעטיילן פאַר זיינע בלאָק־איינוואוינער.

איך דערנענטער זיך צו אַ גרויסן בלאָק־הויז און וויל אַריינגיין אין אַ קיבוץ צו מיינעם אַ גוטן פריינט, נאָר... מ'לאָזט מיך ניט. ניין, איצט קאָן מען ניט, איך קאָן קומען מאָרגן, אויב איך וויל. דאָך געלינגט מיר אַרויסצורופן מיין פריינט אינדרויסן, און ער נעמט מיך אריין אינעווייניק, פאַרזיכערנדיק די שמירה־לייט, אַז איך בין אַן אייגענער, אַז מ'דאַרף זיך פאַר מיר ניט היטן...

נאָר וואָס קומט דאָ פאָר ?

גאָרנישט... יידן פאָרן קיין ארץ־ישראל. פון פליטים־לאַגער בערגען־בעלזען אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד — קיין ארץ־ישראל. אָט די נאַכט טאָקע לאָזן זיי זיך אין וועג אריין, „אומלעגאַל", אָן פּעסער און וויזעס, דורך געהיימע וועגן און שטעגן. אָט פון דאַנען, פון דעם הויז, וועלן זיי די נאַכט שטילערהייט, איינציקווייז און אין קלענערע גרופּקעס אַרויסגיין און אַרויספאָרן. ביז אַ האַלב־טויט גרענעצן און זאַנעס האָבן זיי זיך דורכצוגליטשן, ביז זיי וועלן קומען צום ים, צו אַ האַפן. און אַנדערע הונדערטער פון אַנדערש־וואו, אַזוינע ווי זיי דאָ, ציען זיך צום זעלבן אָרט. און דאָרט וואַרט ערגעץ־וואו אַ שיף, אַ געהיימע, פאַרבאָרגענע אַלטע שיף, וואָס וועט זיי אַלעמען באַנאַכט און בסוד אויפנעמען און פירן קיין ארץ־ישראל. יאָ, מען מוז זיך „אַריינגנבענען" אין ארץ־ישראל, אין דעם איינציקן אייגענעם לאַנד !...

ביז הונדערט מיט פופציק מענטשן גייען היינט אוועק פון דאַנען. מייסטנס זיינען עס יוגנטלעכע, בחורים און מיידלעך, נאָר אויך ניט ווייניק חתונה געהאַטע

פאַרלעך, אויך קינדער, און אויך מיטליאַריקע יידן, שוין אין די פערציקער יאָרן און העכער. איין געדאַנק, איין ווילן, איין שטרעבונג באַהערשט זיי אַלעמען, — מיט אַלע מעגלעכקייטן דערגרייכן וואָס גיכער ארץ־ישראל, באַזעצן זיך דאָרט און לעבן, אַרבעטן, בויען... דאָ איז פאַר זיי גאָרנישט ניט געבליבן, דאָ דאַרפן זיי קיין זאַך ניט, און קיין זאַך שרעקט זיי ניט און שטעלט זיי ניט אָפּ פון גיין צו זייער ציל. זייער גאַנצער פאַרמעגן, זייער באַגאַזש, איר פאַרקלענערט און איינגעשרומפּט ביז אַ קליין זעקל, וואָס מ׳קאָן לייכט טראָגן אויפן רוקן, אויף די פּלייצעס. זיי, די וואַנדערער, מוזן זיין לייכט, פלינק און באַוועגלעך, — באַאַרבעטן זיי איצט ענדגילטיק זייערע פעקלעך און מאַכן זיי נאָך קלענער און לייכטער.

איך האָב געהערט וועגן זיי, פיל געהערט וועגן די עקשנותדיקע „אומלעגאַלע" ארץ־ישראל־פאָרער, איך האָב זיי געזען איינציקווייז, צוואָרפענע, און דאַן האָבן זיי מיר אויסגעזען אזוי ווי אַלע איינפאַכע מענטשן. נאָר דאָ, אין דער מאַסע איז עס אַ גאַנץ אנדער מענטשן־מאַטעריאַל, אַ גאַנץ אנדער פאָלק. עפּעס אַזאַ, דאַכט זיך, מיט אַ שטאָלענעם ווילן און פעלזן־שטאַרקער גבורה, וואָס זיינען בכוח צו צעברעכן אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען, ווי גרויס זיי זאָלן ניט זיין און ווי לאַנג זיי זאָלן ניט אָנהאַלטן.

איך קוק אויף זייערע פּנימער און באַוועגונגען, איך קוק אריין אין זייערע אויגן און נשמות. מענטשן לאָזן זיך אויף הפקר, אויף נייע נסיונות, מענטשן „פּאַקן זיך" און גרייטן זיך צו זייער לאַנגן וועג (און וואָס נאָך פאַר אַ וועג!), אינעווייניק פיבערן זיי, אינעווייניק ברענט אַ פלאַם־פייער, נאָר... וואָס פאַר אַן אויסערלעכע רואיקייט, איינגעהאַלטנקייט און פעסטקייט! וואָס פאַר אַ גבורה עס שטראָמט פון זיי, — איז דאָס גבורה פון עקשנות און אַנטשלאָסנקייט, גבורה פון מאַרטירערשאַפט און אויסזיכטלאָזיקייט, גבורה פון באַדנלאָזיקייט און בענקשאַפט, גבורה פון אידעאַליזם, פון מסירת־נפש, פון בטחון, — אָט די קאָמפּליצירטע ריזיקע גבורה, וואָס איז משך פון צענדליקער דורות און טויזנטער יאָרן האָט אויפגעהאַלטן און געפירט דורך פייער און וואַסער און בלוט־וועגן דאָס לעבן פון אַ באַדנלאָזן, אויסגעוואָרצלטן און צעוואָרפענעם פאָלק, — אָט דאָס, וואָס מיר אַלע זיינען?!..

— דו זעסט, — זאָגט צו מיר מיין פריינט, — אָט די גרופּע מיט די קינדער גייט אַרויס די ערשטע. באַלד דאַרף קומען אַן אויטאָ און אָפּפירן זיי אין אַ געוויסן אָרט, צום באַן. זיי זיינען אַלע באַזאָרגט מיט בעסטע פּאַפּירן. אייגנטלעך האָב איך אויך געדאַרפט פאָרן מיט דער דאָזיקער גרופּע, נאָר מ׳לאָזט מיך ניט. ווייסט דאָך, די פרוי איז נאָך צו־שוואַך, און דאָס קינד צו־קליין, נאָך קיין יאָר ניטאָ. מיר מוזן נאָך וואַרטן אַ ביסל, וואָס קאָן מען טאָן. אָבער איך האָף צו

פאַרן גאָר אין גיכן, מיט אַ צווייטער גרופּע... נו, לאָמיר זיך גיין געזעגענען מיט די אַפּפאָרנדיקע! ס׳דאַרף שוין באַלד קומען נאָך זיי דער אויטאָ.

שוואַך און קליין פיל איך זיך לגבי זיי, זעענדיק ווי זיי פּאַקן זייערע רוקן־זעק, ווי זיי ווערן „אומלעגאַלע״ ארץ־ישראל־פאָרער, ווי זיי לאָזן זיך אַוועק אויף נייע געברענטע וועגן. מיין וועג האַלט דערווייל ביי פאַרקערעווען אין אַן אַנדער ריכטונג און ס׳בלייבט מיר נאָר צו באַוואונדערן זייער גבורה און באַדויערן מיין שוואַכקייט... איך זע דאָך, ס׳איז אַן אויסערגעוויינלעך שווערער, לאַנגער און ריזיקאַלישער וועג, אויף וועלכן זיי לאָזן זיך מיט אזא ברען און אַנטשלאָסנקייט, נאָר איך זע אויך, אז אַלץ איז גוט אָרגאַניזירט, ס׳הערשט אַ



„דו טראָג מיך ,שיף, דורך ברייטע ימים
צום אויסגעבענקטן היימאַט־ברעג . . . ״
(אַ שיף מיט „אומלעגאַלע״ עולים אויפן וועג קיין ארץ־ישראל).

פעסטע געהיימע אָנפירונג, אַן אויסגעצייכנטע דיסציפּלין און ועל כולם — מוט, קוראזש, גלויבן און האָפנונג, האָפנונג, האָפנונג...

אַ הצלחהדיקער וועג און גליקלעכע צוקונפט איך, מיינע טייערע!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טיף און ברייט איז דער בראָך אין פאָלקס־קערפּער... נאָר דער וואַנדערנ־דיקער שבט פון דער שארית הפליטה, פאַר וועמען די אַמאָליקע אַלטע היים איז פאַרשוואונדן אויף אייביק, טראָגט אין זיך האָפנונג און מונטערע כוחות אויפן וועג צו זיין נייער היים, צום לאַנד פון זיין שטרעבונג, אויפלעבונג און אויפבוי.

זיי זיינען נאָך אונטערוועגס צום צוקונפט־לאַנד, ס'איז נאָך ניטאָ קיין יסוד, קיין באָדן אונטער די פיס, אָבער... מיט אַזאַ גוואַלטיקן לעבנס־דראַנג, בטחון און עקשנות ברויזט אין זיי — מ י ט אַ ז אַ ג ב ו ר ה!...

וואַנדער־וועג

כ'פאַרלאָז, אייראָפּע, דיך אויף אייביק
מיט האַס און אַן אַ „זיי־געזונט"!
דאָרט בלייבט דער בלוטיקער בית־עולם,
דער וויי אין הארץ קומט־מיט מיט אונדז.
און ווידער וואַנדער איך דורך לענדער...
ס'איז שיין און רחבתדיק גאָטס וועלט!
נאָר איך בין אומעטום אַ פרעמדער, —
וואו זאָל איך שטעלן מיין געצעלט?

דו טראָג מיך, שיף, דורך ברייטע ימים
צום אויסגעבענקטן היימאַט־ברעג,
פון וואַנען מיינע אבות שטאַמען, —
איך האָב גענוג שוין וואַנדער־וועג!

ס'באַגלייטן ביטערע זכרונות
פון פרישן עבר, פון ניט-לאַנג.
עס מאָנען ברעניקע רעיונות:
וואו איז מיין וועג צום צוקונפט-לאַנד?
וואו זאָל איך ווידער בויען, לעבן
און שלאָגן וואָרצלען פונדאַסניי?
ווען וועל איך פון די וואַנדער-וועגן
און וואַנדערשטאַק שוין ווערן פריי?

דו טראָג מיך, שיף, דורך בּרייטע ימים אאז"וו.

עס רוישן כוואַליעס, שטורעמס יאָגן,
מיין שיף איז וואַקלדיק און שוואַך.
עס בענקט דאָס האַרץ נאָך פעסטן באָדן,
נאָך ווינקל אונטער אייג'נעם דאַך.
עס בענקט דאָס האַרץ נאָך רו און פרידן,
נאָך לעבן פריי, מיט זיך אליין...
איך בין שוין מיד פון זיין געטריבן,
פון זיין אין פרעמדשאַפט, אָן א היים!

דו טראָג מיך, שיף, דורך ברייטע ימים
צום אויסגעבענקטן היימאַט-ברעג,
פון וואַנען מיינע אבות שטאַמען, —
איך האָב גענוג שוין וואַנדער-וועג!

(אונטערוועגס, ברעמען-האַפן, זומער 1946).

די פריינט, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך:

אברהם שאַפּיראָ (באָסטאָן)

און (נאָכן א"ב) שמעון און יעקב בלאָק, ראָבערט באַנד, ראַבײַ א. גאָלדין, מעקס וואָלק, יאַפּע, ראָבערט לאַפּס, מ. לעווין, פרענק סאַנדלער, דר. און פרוי סודאַרסקי, בערל סיגאַל, צבי און חנה פּליטש, הערי קאָקין, אברהם קריגער, שמואל שערעשעווסקי און אַנדערע, —

אַ האַרציקער דאַנק, אַ יישר-כּוח זיי אַלעמען.

"I will rather stay here in Bergen-Belsen or in Landsberg, where I am safe at least, and where I get my daily meals. I shall therefore not risk my life on a journey into the unknown."

No, no one says that, because the will to live and to start a new normal life in the Land of Israel is greater than all the possible dangers of the underground journey.

The Will to Live! This can be chosen as the main motif of the book.

As long as the remnants of Israel cling to that will to live, there is no reason to despair.

The wounds will heal under a new sun, and new roots will thrive in a fertile soil not drenched with the blood of martyrs, but filled with faith and hope for regeneration, peace and freedom.

Providence, R. I.,
September, 1948

BERYL SEGAL



A typical small town in the old country where Jewish life was once at its height

refugees and in print. The author is a mature man, and his judgement is mature. He knows well the catastrophic nature of the events in Europe, which the Jews of America could hardly have prevented or checked. They were as unexpected and as unbelievable as the havoc wrought by an earthquake or a flood.

Moreover, Mr. Rassen has some kind words for the efforts of the agencies set up by the Jews of America, such as the Joint Distribution Committee, the Hias, the Ort, and the efforts of individual American Jews. In particular does the author appreciate the work of Rabbi Joseph Shubow, of Boston, who was a chaplain in the American zone of Germany.

The other element, despair, is entirely rejected by the author. In the most crucial days of his wanderings, hidings, and coming to grips with the enemy, he never allowed himself to succumb to despair. Hope is the watchword of this man who remained alone out of a large family and a wide circle of friends. There is a very touching chapter in which we are told the story of a man alone in this world, and of a woman alone in a strange hostile land. They were both alone with memories of loved ones, memories one must try to submerge in order to continue living. And continue living they must, or the miracle of their survival is meaningless. And so the man and the woman join their spiritual and their physical resources and they establish a new household, a family on the ruins of those that perished. A son is born unto them, and they call him Yehoshua (Joshua), which means God will help. And this son who bears the name of a grandfather who lived the life of a scholar and a just man, and died the death of a martyr, this boy, Joshua, will continue the golden thread of Jewish life and hope.

You have here the elements out of which great epic poems are created.

And the book ends on a hopeful note.

The final chapter brings us to a house in the D.P. camp where some very urgent activity is taking place in great secrecy. A group of about a hundred and fifty young men and women are about to start on an indefinite journey that will take them "Home". In the darkness of the night this group will leave by way of the underground toward the land of their dreams, and the land of their only salvation. There are guards to elude, boundaries to cross, obstacles to overcome, risky crossings to make, and there is also the danger of being deported to Cyprus. Yes, all this, and even greater dangers are to be expected. The group knows it, is prepared for it, but is not held back by it. No one says:

And the author tells of his and his friends' escapes, some unsuccessful and resulting in undescribable sufferings. There was finally one successful escape that brought the long desired chance for revenge.

The chapters telling of the guerilla period in the experiences of the author are the most heartening ones. Living in the forests, hunting the enemy, and being hunted in return, is no bed of roses. But dangerous living as it is, there is in it none of the hopelessness, none of the pity, and the despair, and the helplessness of the Ghetto or concentration camps.

These chapters of life with the anti-Nazi guerrillas, written by a Jewish guerrilla fighter himself, are the high points in the book. One wishes there were more of these chapters, more of the adventures, and more of the tales of revenge.

The war ended, it is true, with the defeat of the enemy. But the Jews returned not as victors, but as mourners.They returned to their native homes and found none. Gone were the familiar and beloved faces. Strangers inhabited the homes of their fathers, and these strangers did not look with favor upon those who came back. Many of those now reaping the fruits of victory were former collaborators with the Nazis, but this does not prevent them from inheriting Jewish homes and from enjoying Jewish wealth. The worst of it is that it is done openly, while the administration pretends not to know the truth.

How disappointing, and how tragic!

So the author who miraculously escaped death a hundred times, who fought for the liberation of his homeland, and who longed for the day of returning home, cannot pick up the interrupted web of life in his native country. He turns his back on the land drenched with the blood of his beloved ones, and from his neighbors whose hands are soiled with plunder , and he faces a new life in a new land with a renewed hope.

* * *

Two elements are entirely absent in this autobiographical novel. There is little bitterness, and no despair, though we could expect both in a work of that nature.

Mr. Rassen does not accuse the American Jews of indifference and of criminal neglect, as so many others have done in their bitterness. I have always questioned the wisdom and the justice of such accusations whenever I came across them in talks with

alone for weeks in a hole of a hay stack, like a rodent, crawling out at night to steal food. You read, and you will never forget, of the 17 year old girl who plucks the petals of a daisy, and ask herself:

—Wil they kill us? Will they not?

An echo of the good old days when girls of her age would pluck the petals of the flower, asking:

—He loves me? He loves not?

The author calls by name men and women who died heroic deaths, refusing to mar the image of their Creator from their faces. And he also calls by name others who sold themselves to the enemy for a pot of thicker soup and an extra loaf of bread.

You read a pathetic chapter in which the author, a well-trained agronomist and a specialist in farm husbandry, goes back to the open fields for two short heavenly weeks. He is released as a slave laborer to a farmer during the busy season in the field, but he would be a happy man to remain a slave laborer forever, because well does he know what awaits him at the end of the harvest season. Life in the Ghetto would be a thousand-fold harder to bear after this short return to decent living.

You read of the two yearnings that fill the hearts of the degraded wearers of the "Zebra suits" and the badges of shame. These two yearnings are :Freedom and Revenge.

In fact the two go hand in hand. There is no sense in gaining freedom unless this freedom is used for revenge on the enemy. Revenge is not merely a word; it is the essence of life and the motive for the will to live.

And in this lies the key to the greatest puzzle in the tale of horror that reaches us from this book and from other accounts. One is always puzzled by the fact that so many found the strength to carry on with a semblance of living in the face of such a hopeless reality. The answer is found on the pages of this book.

—The promise of Revenge! To remain alive means a chance for revenge, hence we will not give up.

Revenge for murdered parent, wife and child, friends and relatives. With this promise one could suffer degradation, one could face hunger, beatings, and all manner of indecent torture. With the promise of a chance at avenging the enemy one was ready to attempt escapes, risk capture, and take as well as lose lives.

Caught unprepared physically and mentally, people were confused and panicky. The purpose of the enemy was fully realized. A confused enemy is half conquered. Panic is a powerful weapon. The Russian garrison abondoned the city and left the population unprotected and undefended. All who feared the Nazi moved in the wake of the Russian military divisions. People took to the highways on foot, on cars, and in all manner of vehicles, leaving behind home and life-long savings. Most of these people were Jews.

What took place in Kovno also took place in other cities and towns, and the stream of refugees grew into a mighty river along the roads of Lithuania Latvia and Bielo-Russia,—a mighty, but a helpless river of scared humanity.

Bombs falling overhead, and hatred raising its ugly head on all sides. With the retreat of the Soviet armies, all kinds of fascist groups crawled out of their holes and showed their hideous faces in the open. These home-grown fascists proved to surpass their German masters in cruelty and in monstrosity. They sniped at the refugees and incited the populace.

The river of fleeing humanity did not go too far. Soon it was realized that the enemy had formed a steel ring all around the retreating Russians and the refugees following them. All avenues of escape were sealed. The Jews knew too well what to expect now.

From then on the author unfolds an unbelievable tale of deception, insults, cruelty, decimation, slave work, systematic slaughter, all too well known, but forever as unreal as a nightmare. The mind simply cannot fathom these inhuman cruelties. Nor can the mind grasp the depths to which man can fall in degradation. Even now, with all the facts known, all this still seems unreal.

How can a man betray another human being for the prize of a pound of tobacco? How can human beings pursue a fleeing man with blood hounds and make a game of it? And what is even more difficult to understand is the strength of the frail human body to survive all this.

Mr. Jacob Rassen tells of the day-by-day life in the Ghetoes of Dvinsk, Riga, Kovno, and other Lithuanian and Latvian cities. He tells of the periodic sortings of those who can still be allowed to live and those who cannot be fed any longer. He tells of the tricks by which men and women were led to their death without a chance to resist. The victims were always told of a new plan and a new opportunity before they were carried off, and when they realized the truth it was too late. You read of a man who lived all

FOREWORD

by

B. SEGAL

Out of the millions of Jews who came under the Nazi yoke, only a few hundred thousand remained alive. Of these only a few thousand found refuge in new lands and returned to a normal life again. Out of these only a few score have told the world of the martyrdom of the six million Jews caught in the heart of "Western Culture."

The author of this autobiographical story, Mr. Jacob Rassen, is one of those few.

He refuses to forget all that was done to him and to his, and he refuses to let us forget. All during the book one has the feeling that the author is not merely telling a story, but that he is fulfilling a mission — a mission and a promise which he made to those who perished that he will keep their memory before the world as long as his tongue will serve him to talk and his hands to write.

As if he was aware of his mission in some mysterious way, the author kept a diary in which he recorded events, scenes, and impressions from the first day when bombs fell over Lithuania and Latvia, in 1941, to the last day of his wanderings, in 1946.

I said that the author kept a diary, but the word hardly fits this collection of episodes, descriptions, and poems. It is more than a diary; it is a record of a soul in anguish. And no ordinary diary has ever been written under such circumstances. One sees the author bury the strips of paper under the roots of an ancient tree. He smuggles them through the searchers of the Nazi guards. To be discovered meant loss of life, but to lose these notes meant loss of purpose to the author.

Who else but a person convinced of his mission to preserve the memory of martyrs could keep such a diary at such a risk?

The story begins on the day when out of a clear sky bombs began to drop over the busy city of Kovno, the capital of Lithuania. The undeclared war against the erstwhile ally began. The Nazi blitz against the Soviets was in full force.

WE WILL LIVE!

by

JACOB RASSEN

NEW YORK
1949